STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01348

DER UMKM FUN BIALISTOKER YIDNTUM, 1939-1945

Refa'el Rayzner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

רפאל רייזנער

דער אומקום
פון
ביאַליסטאָקער יידנטום

(1945 — 1939)

אַרויסגעגעבן דורכן „ביאַליסטאָקער צענטר"
אין אויסטראַליע

מעלבורן, 1948

THE ANNIHILATION
OF
BIALYSTOK JEWRY

By

RAPHAEL RAIZNER

Published by the "Bialystoker Centre" in Australia,
19 Robe Street, St. Kilda, Melbourne, Australia.

Copyright by Raphael Raizner.

*Printed by A. Maller, Excelsior Printing Works,
634-36 Burwood Road, Hawthorn East, Melbourne.*

אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

ס'איז מערקווירדיק, וואָס דער „ביאַליסטאָקער צענטער" אין אויסטראַליע — דווקא איינע פון די יינגסטע ביאַליסטאָקער לאַנדס־מאַנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס — האָט גענומען אויף זיך די וויכ־טיקע אויפגאַבע אַרויסצוגעבן רפאל רייזנערס בוך וועגן פאַרניכטונג ביאַליסטאָק.

וואָס אַן אמת, ווען מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט פון רייזנערן זיין כתב־יד, האָט אַ קאָפּיע דערפון זיך שוין גע־פונען אין „ביאַליסטאָקער צענטער" אין ניו־יאָרק, ווייל דער מחבר האָט געהאַלטן, — און מיט רעכט, — אַז זיי, אַלס די גרעסטע אָרגאַניזאַציע פון ביאַליסטאָקער אין דער וועלט, זענען די איינציקע, וואָס זענען באַרופן אַזאַ אויס־גאַבע אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט.



רפאל רייזנער

און טאַקע מיט גרויס ענ־טוזיאַזם איז אויפגענומען גע־וואָרן רייזנערס מאַנוסקריפּט דורכן ניו־יאָרקער „צענטער". זיי האָבן זוי געהעריק אָפּגעשאַצט די נויטווענדיקייט פון אַרויסגעבן אַזאַ בוך, אפילו צוגעזאָגט דורך אַן אַרטיקל אין דער פרעסע צו שטיצן מיט אַלע כוחות יעדן פּרואוו צו פאַרעפנטלעכן דאָס ווערק, אָבער באַ־דויערנדיק גלייכצייטיק זייער שטאַרק, וואָס זיי קענען עס אַליין נישט באַווייזן צוליב דעם, וואָס זיי זענען אַנגאַזשירט אין אַ ריזיקער, פאַרצווייגטער הילפס־אַרבעט, ווי אויך צוליב דער גרויסער אחריות, וואָס ליגט אויף זיי אין שייכות מיטן אויסהאַלטן פון אַ 300־קעפּיקן „מושב זקנים".

מיר אָבער האָבן גלייך נאָכן באַקענען זיך מיט רייזנערס מאַטע־ריאַל דערשפּירט, אַז ס׳וועט באַגאַנגען ווערן אַ גרויסע עוולה, ווען אָט דער ווערטפולער דאָקומענט, וועלכער וועט זיכער שפּעטער קענען דינען אַלס אומגעהויער נוצלעכער מאַטעריאַל פאַרן קומענדיקן היס־טאָריקער, זאָל בלייבן ליגן נישט אויסגענוצט — ביים מחבר אין כתב־יד — און נישט אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער שיין פון דער ליכטיקער וועלט.

רפאל רייזנער איז דער געוועזענער פאַרוואַלטער פון דרוקעריי און פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַרלאַג „אונזער לעבן", פון וועלכן דער באַוואוסטער פסח קאַפּלאַן איז געווען יאָרן־לאַנגער הויפּט־רע־דאַקטאָר. אין דער מלחמה פאַרלוירן זיין פרוי און ביידע קינדער, געוואַלגערט זיך אין געטאָ, אין תפיסה און דורכגעגאַנגען גאַנצע פינף קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אין תפיסה, אין די קאַצעטן האָט מען דאָך קיין איין איינציק אות נישט געקענט פאַרצייכענען. ס׳איז דאָך געווען ממש אוממעג־לעך, צו ריזיקאַליש צו האַלטן ביי זיך דאָס מינדעסטע נאָטיצל און דאָס האָט, נאַטירלעך, רייזנערס פּלאַן צו באַשרייבן זיינע איינדרוקן נישט ווייניק באַשווערט.

מ׳האָט באַדאַרפט באַזיצן אַן אומגעהויער שאַרף, אָבסערוואַ־טאָריש אויג און, דער עיקר, אַ געוואַלטיק שטאַרקן זכרון אָט די אַלע טרויעריקע עפּיזאָדן מיט זייערע קלענסטע פּרטים צו פאַרגעדענקען און איינזאַפּן זיי אין זיך, כדי צו קענען אין יאָרן שפּעטער אַרויס־ברענגען דאָס אַלץ אויפן פּאַפּיר.

און דאָס האָט זיך רייזנערן באמת גלענצנדיק איינגעגעבן. נאָר וואו האָט זיך עס גענומען צו אים אַזוי פיל מוט און גדולד — אין אַ צייט פון שרעקלעכסטער פאַרשקלאַפונג, פאַרפאָלגונג און פאַרניכטונג — אַזוי גרינטלעך צו שטודירן דעם פינצטערן אַרום?

עפּעס אַ קלייניקייט — זיין מיט טויזנטער פּעדים און מיט ליב און לעבן פאַרבונדן מיט אַ רומרייכן יידישן ישוב, קענען און געדענקען אָט די יידן אין זייער גלאַנץ־עפּאָכע און שפּעטער הערן זייער קרעכצן אונטער אַ געקאָוועטן שטיוול פון אַ מוראַדיקן גזלן און אָבסערווירן זייער לעצטן גאַנג צו די קאַלך־אויוונס.

רייזנערס נערוון וואָלטן עס אפשר נישט אויסגעהאַלטן, זיין האַרץ וואָלט אפשר געפּלאַצט אונטער דעם דרוק פון די צו גרויסע

אויפטרייסלונגען, ווען נישט די געוואַלטיקע ווילנס־קראַפט און, דער עיקר, דער געדאַנק פון דערלעבן נאָך דער באַפרייאונג צוטראָגן דער געשיכטע טרויעריקע קאַפּיטלען וועגן דער גרויזאַמער פאַרניכ־טונג פון אַ טראַגיש פאָלק. אפשר האָט אָט דער געדאַנק אים אויפ־געהאַלטן, געווען דער קוואַל, פון וועלכן ער האָט געשעפּט כוחות און אויסדויער אין די שרעקלעכסטע מינוטן פון זיינע שוידערלעכע איבערלעבונגען.

און רייזנער האָט זיך טאַקע גלייך נאָך דער באַפרייאונג אַ נעם געטאָן צו דער פען.

פון דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט צוזאַמען מיט די ידיעות, וועלכע ער האָט שפּעטער געשעפּט פון די לעבן געבליבענע, האָט זיך ביי אים צונויפגעשטעלט אַ ווערטפולער היסטאָרישער מאַ־טעריאַל.

מיט אַלע איינצלהייטן באַשרייבט ער די זעקס־יאָריקע, דייטש־באַרבאַרישע בלוט־אָרגיע, די לאַנגע קייט פון רדיפות און נגישות, גיט איבער מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי מ'האָט געלעסטערט, געשענ־דעט און באַשפּיגן דעם פּינטעלע ייד, דאָס קאָנוואולסיווע צאַפּלען זיך פון צענטליקער טויזנטער קרבנות אויף דער ריזיקער עקדה, שיל־דערנדיק אָבער אויך גלייכצייטיק, ווי העלדישע יידן האָבן דעם מעכ־טיקן שונא געוויזן אַ פויסט, לאָזנדיק אַזוי אַרום טריאומפירן דעם אַקטיוון ווילן.

ער פאַרפּיקסירט אַלע וויכטיקע מאָמענטן פון קאַמף און אומקום פון יידישן ביאַליסטאָק, פאַרצייכענענדיק דערביי אַ גרויסע צאָל פּראָמינענטע נעמען פון געזעלשאַפטלעכע עסקנים, אינדוסטריעלער, סוחרים א. ד. ג.

אַ געוואַלטיקער געיאָמער, אַ שרעקלעך געוויין פון טויזנטער פאַרצווייפלטע, אומגליקלעכע נפשות טראָגן זיך איבער די זייטלעך פון רייזנערס ווערק.

אויף אַלץ ליגט אויסגעגאָסן באַהאַרצטע ליבשאַפט, איבערגעבנ־קייט און אומבאַגרענעצטע בענקשאַפט נאָך די אַזוי אומשולדיק אומגעקומענע יידן.

און אַלץ איז ביי אים אַזוי אמתדיק, אַזוי רעאַליסטיש, אָן שום ספּעציעלער באַאַרבונג.

די וויכטיקייט און שיינקייט פון רייזנערס ווערק באַשטייט

טאקע דווקא אין דעם, וואָס ער גיט נישט צו קיין אייגנס, ער קאָ־
מענטירט נישט; בלויז מיט פשוטע ווערטער, — דורכגעדרונגען מיט
צער און ווייטיק, — וואַרפט ער אָן אויפן פּאַפּיר אַלץ, וואָס ער
האָט געזען און געהערט ביים דורכמאַכן דעם שוידערלעכן גיהנום.

און ווען איר לייענט די זייטלעך פון רייזנערן, שפּירט איר, אַז
דער מחבר האָט אויך אַ געוואַלטיקן חוש פאַר דער יידישער שפּראַך
און נישט ווייניק זאָרגט ער פאַר איר ריינקייט און שיינקייט.

און ס'איז ממש צו באַוואונדערן, ווי קומט עס צו רייזנערן,
וועלכער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן די מידה פון באַשיידנקייט
און פּאַסיוויקייט און במילא קיינמאָל נישט „געזינדיקט" מיט דער
פּען — עס זאָל זיך פּלוצלונג ביי אים אַנטפּלעקן אַ שפּאָר ביסל לי־
טעראַרישער טאַלאַנט.

אפשר איז עס די סיבה, וואָס רייזנער איז פון פאַך אַ זעצער.
אפשר אָט דער באַזונדערער פאַך פון זיין פּראָפעסיע, דער שטענדי־
קער שלייפן פון מוח און דרעסור פון געהירן, די אָנגעשפּיצטקייט
און פאַרשאַרפטקייט פון כסדרדיקער באַאָבאַכטונג ביים אייביקן
ווייקן און גריבלען זיך אין אומענדלעכע, פאַרשידנאַרטיקע, פּיל־
טאָניקע מאַנוסקריפּטן פון כלערליי שרייבער — האָבן אַרויפגעלייגט
אַ באַזונדערן שטעמפּל אויפן זעצער־אינטעליגענט און באַשאַפן ביי
אים אַ היפּערטראָפיע פון גייסטיקייט, אַ דאַנק וועלכער ס'איז אים
געלונגען צו שאַפן אַן ערנסטע, אויפריכטיקע און פונדאַמענטאַלע
אַרבעט.

און מיר זענען ביז גאָר צופרידן, וואָס אויף אונז איז אויסגע־
פאַלן די זכיה צו פאַרעפנטלעכן זיין ווערק אין בוך־פאָרם, ווייל
אומאָפּהענגיק פון דער גרויסער און שווערער הילפס־אַרבעט, מיט
וועלכער אונזער „צענטער" פירט אָן, האָבן מיר שוין לאַנג געשטרעבט
וועגן דעם גרויסן און גענוג וויכטיקן ענין — דאָס פאַראייביקן
אויף אַ ווירדיקן אופן דעם נאָמען פון אונדזער היים־שטאָט.

ביאַליסטאָק, וועלכע האָט באַוויזן פון די ענגע מויערן פון
איר שטאָט אַרויסצוטראָגן אין דער וועלט שפּאָרע סנאָפּעס טאַלאַנט
און געדאַנק אויף פאַרשידענע געביטן; ביאַליסטאָק מיט אירע אומ־
צייליקע יידישע נעמען, וועלכע האָבן געגלאַנצט ווי שטערנס אויפן
האָריזאָנט פון דער געשיכטע און צולעצט די שטאָט פון עקשנותדיקן

און אונטערערדישן קאַמף מיטן אָקופּאַנט, — איז כמעט ווי אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון דער ערד.

זאָלן די דערהויבענע געפילן, וואָס בינדן אונז מיטן עבר פון דער שטאָט, מיט אירע שיינע זין, קולטורעלער יוגנט, מיטן קעמפּנדיקן פּראָלעטאַריאַט און דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, מיט אירע גרויסע געלערנטע און אונטערנעמערישע גייסטער, זאָל די ברידערלעכע צוגעבונדנקייט צו אונזער יידיש פאָלק און צו אונזערע לאַנדסלייט געפינען זייער אויסדרוק אין אָט דער אַזוי וויכטיקער, היסטאָרישער אויסגאַבע.

פאַרוואַלטונג פון „ביאַליסטאָקער צענטר״
אין אויסטראַליע

א גבית־עדות פון גיהנום ארוים

איך בין נאָך קיינמאָל אַזוי אַפּהענטיק נישט געווען ביים נעמען א פעדער אין דער האַנט, ווי איצט, ביים צוטרעטן צו שרייבן דעם פאָרוואָרט צו רפאל רייזנערס בוך וועגן דער פארניכטונג פון ביאַליסטאָקער יידנטום.

שרייבן א פאָרוואָרט צו אַזאַ בוך ווי רפאל רייזנערס, הייסט אַרויפטרעטן אויף הייליקן באָדן... אמאָל, ווען אַלץ איז ביי אונז רעגולירט געווען דורך געזעצן און דינים, האָט א סופר געוואוסט, אַז איידער ער טרעט צו שרייבן א ספר־תורה, דאַרף ער גיין אין מקווה, פאַסטן און ערשט דאַן האָט ער געקאָנט צוטרעטן בדחילו ורחימו צו זיין ארבעט. אָבער היינט, ווען מיר זענען פריי פון דינים, ווען אונזער גאַנץ לעבן איז בלויז צעפלאָסענע אגדה, לויט ביאַליקס גענ׳אַלער דעפיניציע אין זיין עסיי „הלכה און אגדה״, — אין וואָס פאַר א פאָרם זאָל איך היינט אויסדריקן מיין געפיל פון דחילו ורחימו ביים אַרויפטרעטן אויפן הייליקסטן באָדן פון אומדערהערטן יידיש־מענטשלעכן ליידן, פון וועלכן רייזנער איז געווען אַן עדות און פון וועלכן זיין בוך איז א גבית־עדות?

איך ווייס פשוט נישט ווי אויסצודריקן מיין געפיל, ווי אַזוי צוצוגעבן אים מוט צוצוטרעטן צו זיין הייליקער אויפגאַבע.

איך בין נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי אַפּהענטיק ביים נעמען די פעדער אין דער האַנט אריין.

און אָט דאָס געפיל איז אפשר די איינציקע פאַרענטפערונג און די איינציקע באַרעכטיקונג פאַר מיין שרייבן א פאָרוואָרט צו אַזאַ בוך.

* * *

רפאל רייזנער, א דרוקער־אַרבעטער, דער פאַרוואַלטער פון דער דרוקעריי פונם קאָאָפּעראַטיוו פון דער ביאַליסטאָקער טאָג־צייטונג „אונזער לעבן״, איז נישט קיין ליטעראַט. און די גרעסטע מעלה זיינע איז די, וואָס ער וויל דאָס גאָר נישט זיין. זיין בוך איז נישט קיין ליטעראַריש ווערק, נאָר א גבית־עדות, א כראָניק, מאַטעריאַלן

פאַר דער געשיכטע פון ביאַליסטאָקער געטאָ, פון ביאַליסטאָקער חורבן.

ווען רפאל רייזנער, אָט דער פאָלקס־מענטש, איז על פי נס (על פי טויזנט נסים, ווי כמעט יעדער געראַטעוועטער) ניצול געוואָרן פון טויט, האָט ער זיך געפילט, ווי אַן איינציקער עדות, אויף וועמען עס ליגט אַ חוב עדות צו זאָגן פאַר דער געשיכטע פון זיין פאָלק, פאַר דער געשיכטע פון דער וועלט, וואָס ער האָט געזען און איבערגעלעבט, וואָס עס איז געשען מיט זיין היים־שטאָט און מיט זיין פאָלק.

און דער היסטאָריקער וועט דאַנקבאַר זיין אָט דעם פליכט־באַוואוסטזיין פון רייזנערן: זיין בוך איז אַ גרויסער צושטייער צו דער געשיכטע נישט נאָר פון חורבן ביאַליסטאָק, נאָר אויך פון חורבן יידיש־פוילן, פון חורבן יידיש־אייראָפּע, ווייל אין ביאַליסטאָק איז דאָך נישט געווען קיין איזאָלירטער אויסברוך פון טאָטאַלער פאַרברעכערישקייט, דאָס איז דאָך געווען איין רינג אין אַ לאַנגער קייט דייטשע פאַרברעכנס און יידישן ליידן.

* * *

מען לייענט און מען לייענט רפאל רייזנערס בוך; מען שווידערט און מען ווייטיקט, מען לעבט איבער שטאַרק — אין זייערע העכסטע שטופעס — די גאַנצע גאַמע פון אַלע מעגלעכע געפילן, פון גרענעצלאָזן רחמנות און ברענענדיקער ליבע ביז אומענדלעכן עקל, קאָכנדיקן צאָרן און פאַרסמנדיקן, פאַרשאַרפנדיקן נקמה־דורשט, און מיטאַמאָל הערט מען אויף צו גלויבן: מען רייסט אָפּ די אויגן פון די שוואַרצע שורות אויף ווייס פּאַפּיר און מען מורמלט צו זיך אַליין מיט פאַרביסענער עקשנות: „ס'איז דאָך אוממעגלעך, ס'איז דאָך אוממעגלעך מענטשן זאָלן קאָנען זיין אַזוי גרויזאַם, אַזוי ווילד, אַזוי געמיין, אַזוי טעמפּ, אַזוי אוממענטשלעך, — ס'איז דאָך אוממעגלעך דאָס זאָל זיין אמת, דאָס איז נאָר אַ קאָשמאַר פון אַ קראַנקן מוח, דאָס איז אַ ווילדע, פּערווערזע פאַנטאַזיע"...

און ווען דער אויסגעפייניקטער מוח, וואָס איז אַנטלאָפן פלוצלונג אויף אַ מינוט פון אונטער דעם יאָך פון דער ווירקלעכקייט, קערט זיך אום צו דער ווירקלעכקייט און מוז זיך מודה זיין, אַז נישט נאָר אַלץ איז אמת, נאָר אַז דאָס איז בלויז אַ טייל פונם גרויזאַמסטן אמת, ווערט נאָך אַלץ נישט קלאָר, דאַכט זיך נאָך אַליין, אַז עפּעס

איז נישט ווירקלעך: אויב דאָס איז נישט קיין פּערווערזע פאַנטאַזיע, טאָ ווי קומט עס, וואָס מען רעדט נאָך וועגן דייטשלאַנד? דייטשלאַנד וואָלט דאָך שוין פון לאַנג געדאַרפט זיין אַראָפּגעשווענקט פון דער ערד! איז אפשר דייטשלאַנדס עקזיסטענץ אַ פּערווערזע פאַנטאַזיע, אַ חלום פון אַ קראַנקן מוח?

וואָס טוט זיך דאָ? קאָנען דען זיין ביידע זאַכן אמת? שליסן זיך דאָך אויס די דאָזיקע צוויי אמתן: דאָס, וואָס רפאל רייזנער דערציילט און דייטשלאַנדס עקזיסטענץ!

און דער קאָפּ זינקט אויף די בלעטלעך פון רפאל רייזנערס בוך, און מיט אים צוזאַמען זינקט דאָס האַרץ, דער פאַרשטאַנד, דער גלויבן, אַלץ זינקט און פאַרזינקט אין אַ קאָשמאַרנעם תהום.

* * *

די פּשטות, וואָס רייזנער באַנוצט זיך מיט איר, האָט נישט נאָר צוגעגעבן רייזנערס בוך דעם ווערט פון אַ מאָנומענטאַלער כראָניק, נאָר זי האָט אים גאַנץ אָפט אויך צוגעגעבן אַ ליטעראַרישן ווערט.

פאַראַן זאַכן און דערשיינונגען, פאַר וועלכע די ליטעראַרישע קונסט שטייט הילפלאָז, זי קאָן נישט געפינען פאַר זיי קיין שלימות־דיקן אויסדרוק, ווייל זיי זענען גרעסער פאַר אירע מעגלעכקייטן. און דאַן באַשטייט די ליטעראַרישע קונסט אין דעם נישט וועלן אַרויפצווינגען אויף זיי אירע קונסט־קליידער, נאָר — לאָזן זיי נאַקעט אין זייער גראַנדיעזער, איינציקאַרטיקער פּשטות.

איך וואָלט געוועזן אַ בעלן צו זען אַ וואָרט־קינסטלער, וועלכער זאָל קאָנען איבערגעבן אין ליטעראַרישע פאָרמען דעם שוידער פון דעם, ווי מענטשן, פאַרשפּאַרטע אין אַ קאַמער (זי קאָן ווערן אַ טויטן־קאַמער), זעען דורך שפּאַרונעס, ווי מען פירט טויזנטער מענטשן — צווישן זיי זייערע נאָענטסטע — נאַקעטערהייט צו די גאַז־קאַמערן און אויף די נאַקעטע מענטשן פאַלט אַ שניי. נישטאָ אַזאַ פּעדער! נישטאָ אַזאַ קונסט! אָט דער צער איז אַזוי גרויס, ווי דער הימל איבער אַ וויסטע, ווי דער ים פאַר אַ מענטשן, וואָס טרינקט זיך אין אים אין אַבסאָלוטער איינזאַמקייט. אָבער דער כראָניקער רפאל רייזנער קאָן אָפּהיטן פאַר דורות די דאָזיקע סצענע, ווייל ער מאַכט די ווירקלעכקייט נישט קלענער דורך אָנמעכטיקע ליטעראַרישע פּרוואוון. אָט ווי פּשוט, ווי מענטשלעך פּשוט ער דערציילט, ער פאַר־צייכנט אין זיין כראָניק:

„דורך די שפּאַרונעס פון דער פאַרמאַכטער טיר און דורך די לעכער פון די ווענט האָבן מיר דערזען אַ שרעקלעך בילד. אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּראָפּטע ווי הערינג אין אַ פעסל, זענען געפירט געוואָרן מוטער־נאַקעט צו די ביר־קענאַווער גאַז־קאַמערן יידישע פרויען, מענער און קינדער, אויף וועלכע סיהאָט זיך געשאָטן אַ געדיכטער שניי.

„אַט דעם שרעקלעכן בילד, וואָס מיר האָבן געזען מיט אונזערע אויגן, האָט אַלעמען צעמישט, איינער האָט נישט גע־קענט קוקן דעם צווייטן אין פּנים אַריין..."

מען קאָן באַשרייבן מיט אַלע קונסט־ניואַנסן געפילן פון מענטשן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען (אַלע אומנאָרמאַלסטע באַדינגונגען פון דער ליטעראַטור זענען לגבי רייזנערס כראָניק — נאָרמאַל שבנאָרמאַל), אָבער באַשרייבן די איבערלעבונגען פון מענטשן, וואָס געפינען זיך אין דער אַבסאָלוטסטער אומבאַהאָלפנקייט, פּנים אל פּנים מיט אומ־מענטשלעכסטע איינגעשאַפּטן פון אַבסאָלוט דעגענערירטע מענטשן־חיות? דאָס איז אוממעגלעך.

אָבער רייזנערס שורות וועלן נישט פוילן, ווייל ס'איז אין זיי נישטאָ קיין ליטעראַרישער פויל־שטאָף. זיי בלייבן לדורות, ווייל זיי האָבן איינגעשלאָסן דעם פאַקט גופא אין זיין דרייפאַכן אַספּעקט: אי די הימלשרייענדע עוולה, אי די שאַנדע, וואָס נאָר די קרבנות האָבן געפילט פאַרן דאָזיקן בילד, אי דעם נקמה־פייער, וואָס וועט פלאַקערן אייביק.

אַזאַ בוך ווי רפאל רייזנערס לאָזט נישט פאַרגעסן, וואָס טאָר נישט פאַרגעסן ווערן, און אין דעם איז זיין גרויסער ווערט.

* * *

ליטעראַטור קאָן פאַרגעסן ווערן. אַזעלכע כראָניקעס ווי רייזנערס — נישט. דאָס איז אַ רעפּאָרטאַזש־פילם, — דאָס בילד פון יאָרן־לאַנגן אומקום איז פיקסירט מיט אַלע זיינע פרישע בלוט־שפּורן.

קאָן מען דען איבערגעבן ליטעראַריש די טראַגעדיע פון מענטשן, פון אַ זעכציק־טויזנט־קעפּיקן ציבור, פון אַ פיל־מיליאָניקן ציבור, ווען מען טרייבט זיי אין אַ געטאָ? און דער וועג צום געטאָ איז ווי דער וועג „קאַסטראָי" — דורך שפּאַליערן פון אויבער־הינט און אונטער־הינט — דייטשן, פּאָליאַקן, אוקראַאינער, לעטן, ליטווינער און ווייס־רוסן. אָבער רפאל רייזנער באַמיט זיך גאָרנישט צו געבן

אַ סינטעטיש בילד, ער כאַפּט בלויז אויף ווי אַ כראָניקער דאָס בילד, ווי פּרויען (וואָס זייערע מענער זענען פאַרברענט געוואָרן אין שול, דערשאָסן געוואָרן צווישן די „שבתדיקע") שלעפּן פּעק, פאַלן אונטער זיי, און פּאָליאַקן באַפאַלן זיי, ווי שאַקאַלן, און רויבן, כאַפּן צו, שלאָגן. ער פאַרצייכנט, ווי קליינע קינדער שלעפּן פּעק זאַכן און מחנות פּוילישע שקצים, ווי טשאַטעס הינטלעך, באַרויבן זיי און די קינדער קומען אין געטאָ אַריין בלויז מיט טרערן און קלעפּ. און די לאַגע איז פיקסירט לדורות.

דער נאַצי־דיקטער הויפּטמאַן האָט אַמאָל, ווען די דייטשן האָבן נאָך אויסגעזען ווי מענטשן, געשריבן אַ סענטימענטאַלע דראַמע „דער פאַרזונקענער גלאָק", קומען דאָרט פאָר צוויי קליינע קינדער, וועלכע טראָגן צום פאָטער קריגעלעך מיט דער מאַמעס טרערן, — איז איבער די דאָזיקע קריגעלעך אויסגעטראַכטע טרערן האָבן געוויינט מיליאָנען סענטימענטאַלע אייראָפּייער.

נאָך די קינדער־טרערן, וואָס רייזנער האָט פיקסירט לדורות אין זיין כראָניק, קאָן מען שוין די דאָזיקע הויפּטמאַנישע קריגעלעך טרערן אויסגיסן, צעברעכן — קיינער, וואָס האָט אַ מענטשלעכן פונק אין הארצן, וועט איבער זיי מער נישט וויינען.

און צו וואָס זענען נויטיק און וואָס וועלן קאָנען העלפן הונ־דערטער אַרטיקלען און בראָשורן וועגן דער גוטסקייט און פיינקייט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אויסבאַהאַלטן יידן, ווען רפאל רייז־נערס כראָניק דערציילט פּשוט און קלאָר לדור דורות, אַז פּאָליאַקן האָבן אין דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ גענומען אויסשעכטן די יידן, נאָך איידער די נאַציס האָבן פאַרשמעקט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ. די יידן, דערציילט רייזנער, האָבן געמוזט שיקן שתדלנים צו די נאַציס, אין די גרעסערע צענטערס, זיי זאָלן קומען זיי באַשיצן פון די פּאָליאַקן.

דאָס איז דער אָנהויב פון דער טראַגעדיע. און אָט איז דער סוף: ווען די נאַציס האָבן שוין געהאַלטן ביים אַנטלויפן פון ביאַ־ליסטאָק, האָבן נאָך די פּאָליאַקן געזען אַריינכאַפּן אביסל מצוות פון מסרן אויסבאַהאַלטענע יידן איידער די סאָוויעטן קומען אַריין. און ווען עס האָבן זיך באַוויזן אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן, נאָכן אַריינ־מאַרש פון די סאָוויעטן, געציילטע יידן, האָבן די הייליקע פּוילישע נאָענטס אפילו שיעור נישט געהלשט פון אויפרעגונג.

אָט־אָ דער פאַקט איז גענוג אויף צו שטעלן אין געהעריקן ליכט דאָס קאַטויִלישע פּוילישע פֿאָלק. (ער ווערט אגב באַשטעטיקט דורך אַנדערע עדות. אַ פרוי, וועלכע האָט געלעבט מיט איר קינד אין אַ קלויסטער אַלס קריסטין, האָט נישט איינמאָל געהערט פֿון די נאָנעס: „ס׳איז גוט, וואָס היטלער טוט מיט די ייִדן!”)

ווי ווייט עס דערגרייכט די קראַפט פון כראָניק אין אַזעלכע פֿאַלן, ווי ווייט אַזאַ כראָניק קאָן פאַרבייטן קונסט דורך דערהויבן דעם פאַקט צו סימבאָל אומבאַוואוסטזיניק, דורך דעם בלויזן איבערגעבן דעם פאַקט אין זיין גאַנצער אַנונגסלאָזער נאַקעטקייט, באַווייזט פֿאָלגנדיקס:

אַ דייטש פירט אַ גרופּע ייִדן, וועלכע ריכטן זיך אַ ליאַדע מינוט אויפן טויט. וויסנדיק, אַז די אַמעריקאַנער זענען נאָענט, האָבן די ייִדן געזאָגט אָפן דעם הויפּטשאַרפירער, אַז „ער זעט דאָך, דאָס די מלחמה איז שוין פאַרשפּילט, צו וואָס דאַרף ער נאָך נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אומברענגען עטלעכע און דרייסיק ייִדן, זאָל ער בעסער זיי פריי לאָזן און פאַרן דאָזיקן טאַט וועלן זיי זיך באַמיען נאָך דער באַפרייאונג לייכטער מאַכן זיין גורל”.

אָט דער נאַאיווער גלויבן פון די ייִדן, אַז נאָך דער באַפרייאונג וועלן זיי זיין אויבן־אָן און דער דייטש וועט ליגן ארצה, גיט אַ באַלויכט די היינטיקע סיטואַציע ווי אַ פאַרבלענדנדיקער בליץ, מער ווי טויזנט אַרטיקלען און ביכער וועגן דער לאַגע פון די ייִדן און פון די נאַציס נאָך דער באַפרייאונג און נאָך דער מפּלה.

די פּשוט פאַרצייכנטע פאַקטן, די שטיקלעך כראָניק ווערן אויף טריט און שריט מער ווי כראָניק, זיי באַלויכטן גרויסע שטיקער האָריזאָנט פון אונזער חורבן, פון אונזער לאַגע אויף דער וועלט בעת דער שחיטה און נאָך איר.

און אָט אַזוי פּשוט דערגרייכט אָפטמאָל רייזנער די העכסטע קראַפט פון אויסדרוק. וואָס קאָן זיין שטאַרקער פון דעם בילד פון דער פעברואַר־שחיטה? (ז״ז 136-137).

* * *

און נאָך אויף איין מאָמענט וויל איך אויפמערקזאַם מאַכן דעם לייענער פון דאָזיקן בוך.

רייזנער פאַרצייכנט מיט אַ פאַרשטענדלעכן פאַרגעניגן יעדן פאַקט פון העלדישקייט, וואָס די געמאָרדעטע האָבן אַרויסגעוויזן, אָבער עס

פאַלט אים אפילו נישט איין צו פאַרדעקן די נאַקעטע מענטשלעכקייט פון די קרבנות. איר האָט די מענטשן אַזוי ווי זיי זענען. מען באַקומט נישט נאָר אַ געטריי בילד פון דאָס, וואָס אַנדערע האָבן געטאָן מיט אונדז, נאָר אויך אַ געטריי בילד פון דעם, ווי אַזוי די געשטעלטע אין אַזעלכע אומגעהייערע באַדינגונגען האָבן עס אויפגענומען.

ווי מענטשלעך עס איז, ווען ער שילדערט, ווי אַ טייל באַקומען בעת אַ שחיטה אַ זיכערן אָרט פון טויט אין די פאַבריקן:

„די עלטערן האָט מען באַלד איינגעאָרדנט אויף די בוידעמער פון די פאַבריק־לאָקאַלן, פון וואַנען מ'האָט געקאָנט געווי אָבסערווירן ווי מ'פירט די צום טויט פאַרמשפּטע יידן. אַנדערע דערקענען צווישן די געפירטע זייערע נאָענטע פריינט, ברעכט אויס אַ שרעקלעך געוויין". אָבער מער גאָרנישט.

און ווער קאָן זיי טאַדלען? ווער וועט קאָנען זאָגן אַ וואָרט קעגן זייער מענטשלעכער שוואַכקייט? איבערמענטשלעכן מוט און איבערמענטשלעכע פילבאַרקייט האָבן נאָר יחידים, און די לאַגע פון די יידן, אין וועלכע די בעסטיאַלישסטע, סיסטעמאַטישסטע און פאַרווערזעסטע מענטשן־אויסראָטונג אין דער געשיכטע האָט זיי געשטעלט, האָט געפאָדערט פון יעדן יידן איבערמענטשלעכן מוט און איבערמענטשלעכע פילבאַרקייט, כדי צו באַפרידיקן די עסטעטן פון דער געשיכטע, — איז ווער קאָן דאָס פאָדערן פון אַ גאַנצן פאָלק?

און וויפיל מאָל רעדט רפאל רייזנער וועגן גליק, וואָס עס פלעגן פילן די געפּלאָגטע און געשענדעטע ביי דער קלענסטער מינוטיקער פאַרלייכטערונג! ווי אויפריכטיק דאָס איז, ווי נאַקעט־מענטשלעך. ווער קאָן פאַרדענקען די דאָזיקע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט איבערצוטראָגן יאָרן־לאַנג אַזוינס, וואָס אַ מענטש, דאַכט זיך, קאָן דאָס קיין איין טאָג נישט איבערטראָגן. אָט אַזוי איז דער מענטש און די שאַנדע איז נישט זייערע, נאָר פון די, וועלכע האָבן דערפירט און דערלאָזט דערצו.

ווען רייזנער פאַרצייכנט עטלעכע מאָל, אַז יידן האָבן זיך געשעמט צו קוקן איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין, האָב איך דאָס געפילט אַלס אויסדרוק פון דער ספּעציפישער יידישער עמפינדלעכקייט צוליב וועלכער זיי שעמען זיך דאַן, ווען אַנדערע דאַרפן זיך גאָר שעמען: „לא בך החרפה, אחותי רוחמה, כי אם למעניך" (נישט דיי־

נע איז די חרפה, שווערסטער רוחמה, נאָר דיינע פיניקערס״), ווי יהודה לייב גאָרדאָן האָט דאָס אויסגעדריקט.

* * *

נאָך עפּעס דעקט רייזנער אָפּ פאַר אונז, וועלכע הערן וועגן יענעם גיהנום ווי בלינדע הערן וועגן פאַרבן: ער דעקט אָפּ פאַר אונז דאָס, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט אַזוי פיל יידן אויסצוהאַלטן אַזוי פיל יאָרן דאָס אומגעהייערסטע און אַרויסגיין פון דאָזיקן גיהנום אַלס מאָראַליש נישט געבראָכענע שארית הפליטה.

דער, וואָס קוקט נישט אויבערפלעכלעך אויף דער שארית הפליטה; אַזעלכע פּאַרטיפּטע באַאָבאַכטער, ווי דער ייד ה. לייוויק און דער קריסט באַרטלי קראַם, באַמערקן אין דער שארית הפליטה נישט נאָר אַ געזונטן מאָראַלישן קערן, נאָר אַפילו אַן אויסגעלייטערטן מאָראַלישן קערן.

וואָס־זשע האָט זיי געגעבן קראַפט איינצוהיטן אין זיך די מענטשלעכקייט, וואָס די נאַצי־סיסטעם האָט מיט אַלע מיטלען געוואָלט דעגראַדירן און פאַרניכטן?

דאָס איז די קראַפט פון יידישן אָפּטימיזם.

און רייזנער דעקט אָפּ פאַר אונדז די דאָזיקע קראַפט.

קיין שום פאָלק וואָלט נישט אויסגעהאַלטן פסיכיש און מאָראַליש אַזאַ לאַנגע אַפילו אַ דריטל צייט, ווי די יידן, און דאָך חזרט זיך כסדר איבער ביים פאָלקס־מענטש רייזנער איין און דער זעלבער מאָטיוו: ביזן סוף האָבן די יידן כסדר זיך געשראָקן פאַר דאָס שרעקלעכסטע — פאַרן סוף, פאַרן טויט. איז דען ביזן טויט נישט געווען דאָס שרעקלעכסטע? אַ סך שרעקלעכערס פאַרן סוף, פאַרן טויט?

און דאָך איז אין דער דאָזיקער באַמערקונג דאָ עפּעס טיף־יידישעס, עפּעס פון דער עכט־יידישער חכמה, אַז אַפילו ווען אַ שאַרפע שווערד ליגט שוין אויפן האַלדז, זאָל מען נישט אויפהערן צו האָפן. דאָס שרעקלעכסטע איז נישט שרעקלעך, כל זמן מען קאָן נאָך האָפן אויף גאולה. דאָס שרעקלעכסטע פאַר אונדזער נאַציאָנאַל געפיל איז דער סוף, ווען מען קאָן שוין נישט האָפן. און פאַר דעם האָט זיך יעדער ייד געשראָקן. און דאָס איז נישט נאָר אַן אויסדרוק פונם אינדיווידועלן לעבנס־באַגער, נאָר פונם נאַציאָנאַלן לעבנס־אינסטינקט.

און אין דעם ליגט די טרייסט פון דאָזיקן בוך (אויף וויפיל מיר קאָנען זיך נאָך טרייסטן): יעדער קרבן האָט ביזן סוף זיך געשראָקן פאַר דאָס שרעקלעכסטע, פאַרן ענדגילטיקן אומקום. און היות ווי די שארית הפליטה האָט אויסגעמיטן דעם סוף, דעם ענדגילטיקן סוף, איז זי דעריבער מאָראַליש נישט געבראָכן.

און מיר דאַרפן נאַציאָנאַל לערנען פון די, וועלכע זענען אַרויס פון קאַלך־אויוון, פּונקט ווי אונדזער רעליגיע האָט געלערנט פון איר גרינדער, אברהם, ווייל ער איז אַרויס לעבעדיק פון אַ קאַלך־אויוון.

מיר געפינען זיך פּסיכיש איצט, נאָך דער מלחמה, אין אַזאַ קלעם, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פיזיש און פּסיכיש די אייראָפּעאישע יידן בעת דער מלחמה.

און דאָך, גראַד ביים לייענען רייזנערס בוך, וואָס באַלויכט סיי די מאָראַלישע געזונטקייט פון דער וועלט, סיי די שרעקלעכע לאַגע אונדזערע, פילן מיר, אַז מיר טאָרן זיך נישט לאָזן ברעכן, ווייל די זעקס מיליאָן טויטע, וועמענס גרויזאַמען טויט און גרויזאַמע יאָרן־לאַנגע נסיסה רפאל רייזנער פאַרצייכנט פאַר אונדז און לדורות, האָבן אונדז געלאָזן אַ צוואה אויסצומיידן דאָס שרעקלעכסטע, דעם סוף, ווען ס׳איז שוין נישטאָ אויף וואָס צו האָפן. מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז אונדזער מוט צום לעבן זאָל געבראָכן ווערן אפילו דורך דער באַרעכטיקטסטער פּסיכישער נידערגעשלאָגנקייט, — כל זמן מיר קאָנען נאָך האָפן איז נאָך דאָס שרעקלעכסטע נישט געשען און קאָן נישט געשען.

אונדזער אַלטער יידישער אָפּטימיזם, אונדזער אור־אַלטער יידישער בטחון, וואָס אויב מיר ווערן געוואָרפן מ י ט א י ם אין קאַלך־אויוון, גייען מיר אַרויס פון אים לעבעדיק, דאַרף פאַר אונדז אויך היינט זיין אי אַ אַנקער, אי אַ וואָרצל: אַ אַנקער, מיט וועלכן מיר קלאַמערן זיך אין שטורעם אין דער קעגנוואַרט, כדי דער וואָרצל זאָל זיך קאָנען איינוואָרצלען אין דער צוקונפט.

י. ראַפּאָפּאָרט

מעלבורן, 20 נאָוועמבער 1947.

ערשטער קאפיטל

דער אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויף פוילן

די שטימונג אין ביאַליסטאָק אַ חודש פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

דעם גאַנצן חודש אויגוסט פון 1939 האָט שוין געהערשט אַן ערב־מלחמה שטימונג. אַלעמענס אויערן און הערצער זענען געווען געווענדעט צו די מאָסקווער אונטערהאַנדלונגען, וועלכע זענען דעמאָלט פאָרגעקומען. ס׳האָט נאָך געטליעט אַ פונק פון האָפנונג, אפשר וועט פאָרט, דורך אַן אָפּמאַך צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך, פוילן, ראַטן־פאַרבאַנד, אויסגעמיטן ווערן די גרויסע וועלט־שחיטה, וואָס איז שוין געשטאַנען האַרט פאַר דער טיר. מ׳האָט געפיבערט צווישן האָפנונג און יאוש. פּלוצים איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער דייטשער אויסערן־מיניסטער יאָאַכים פאָן ריבענטראָפּ איז אָפּגעפלויגן קיין מאָסקווע. דאָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ גרויסע איבערראַשונג. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געקומען דער סענסאַציאָנעלער פריינטשאַפט־אָפּמאַך צווישן ראַטן־פאַרבאַנד און דייטשלאַנד, וואָס האָט שוין פאַר אַלעמען קלאָר געמאַכט, אַז היינט־מאָרגן וועט די וועלט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ בלוטיקער אַרענע.

באַלד נאָכן דאָזיקן אָפּמאַך, איז אין פוילן דערקלערט געוואָרן אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, וואָס האָט נאָך מער באַשטעטיקט, אַז די מלחמה איז אומפאַרמיידלעך, און די יידישע באַפעלקערונג האָט נאָך מער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער זיך געשראָקן פאַרן אָנקומענדיקן שטורעם, ווייל יידן האָבן גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס הייסט פאַר זיי היטלער־דייטשלאַנד, דערצו נאָך אין אַ מלחמה־צייט.

די יידישע יונגעלייט, וועלכע זענען גערופן געוואָרן אין די רייען פון פוילישן מיליטער, האָבן זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע. פוילן איז אין יענער צייט געווען באַהערשט פון שטאַרקע אַנטיסע־

מיטישע שטימונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין ווילדע מעשים, און אין אַט־אָ־דער פיינטלעכער אַטמאָספער האָט דער יידישער פאָל־ קעס געדאַרפט גיין קעמפן און זיך שלאָגן נאָך הערואישער און איבערגעגעבענער פאַר די פאָליאַקן, ווען ס׳האָט דאָך נישט גע־ דראָט אַזאַ סכנה אין פאַל פון היטלער־דייטשלאַנדס נצחון. און דאָס, פאַרוואָס די גאַנצע מענטשהייט האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז געשען: די מלחמה קעגן פוילן איז אויסגעבראָכן. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן זיך די יידן אין דער פוילישער אַרמיי, אין דער צאָל פון העכער צוויי הונדערט טויזנט מאַן, געשלאָגן מיט גרויס הערואיזם. ביי צוויי און דרייסיק טויזנט יידישע יונגעלייט זענען געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער אין קאַמף מיטן איבערמעכטיקן שונא.

דער פּלוצלינגער אָנפאַל פון היטלער־דייטשלאַנד אויף פוילן

פרייטיק, דעם 1 סעפּטעמבער 1939, פינף פאַרטאָג, האָט דער פוי־ לישער ראַדיאָ אָנגעהויבן אָנגעבן מאָדנע, פאַר דער באַפעלקערונג אומפאַרשטענדלעכע, סיגנאַליזאַציעס: „אַכטונג! אַכטונג! ס׳קומט אָן! ס׳איז אָפּגעפלויגן!״ קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון די וואָרנונגען, נאָר אַלעמענס הערצער האָבן שוין געפילט, אַז די דאָזיקע וואָרנונגען זענען אַן אָנזאָג נישט פון גוטס. אָבער לאַנג וואַרטן, די סיטואַציע זאָל קלאָר ווערן, האָט מען נישט געדאַרפט. ס׳איז באַלד באַקאַנט געוואָרן, אַז דאָס זענען אָנזאָגן פון אָנפליען פון היטלעריסטישע אַעראָפּלאַנען אויף פוילישע שטעט. אין אַ קור־ צער ווייַלע אַרום האָט דער דאַנציגער ראַדיאָ געמאָלדן, אַז דאַנציג איז באַהערשט דורך די דייטשן.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן די גרויסע מענטשן־מאַסן, וועלכע זענען אין יענע היסטאָרישע פרימאָרגן־שעהן געווען פאַרזאַמלט ביי די ראַדיאָס, געהאַט די געלעגנהייט צו זיין פון די ערשטע, וועלכע האָבן קלאָר און דייטלעך געהערט, אַז די גרויסע וועלט־שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן.

די מלחמה קעגן פוילן האָט היטלער־דייטשלאַנד אָנגעהויבן מיט אַ הויפּט־שטויס קעגן די מערב־געביטן, דאַקעגן אינם ראַיאָן פון מזרח־פּריסן, וואָס גרענעצט זיך מיט ביאַליסטאָק, זענען קיין גרע־ סערע קאַמף־האַנדלונגען נישט פאָרגעקומען.

אין פארלויף פון גענויע צוויי וואכן האט די דייטשע ארמיי זיך דורכגעריסן ביז צו די טויערן פון ווארשע. ביאליסטאק האט אין משך פון אט די צוויי וואכן דורכגעלעבט טאג־טעגלעכע אנפליען פון היטלעריסטישע באמבארדירערס און פון טיף־פלי יעגער־אעראפלאנען, וואס האבן פון זייערע קוילנווארפערס געזייט טויט צווישן דער ציוויל־באפעלקערונג. דער עיקר זענען באמבארדירט געווארן דער ראיאן פון דער באן־ליניע, די קאזארמעס און מיליטערישע פראוויאנט־מאגאזינען.

קיין ביאליסטאק האבן אנגעהויבן אנקומען אנטלאפענע פון פארשידענע שטעט און שטעטלעך פון גאנץ פוילן. זיי האבן געבראכט די שוידערלעכסטע גרוסן פון די היטלעריסטישע אכזריותן. די שטאט איז געווארן אנגעפראפט מיט פליטים און די שטימונג איז געווארן זייער א נערוועזע. די מורא, אז היינט־מארגן קומען אריין די נאצי־רוצחים, האט דעם ביאליסטאקער יידישן קיבוץ צעבראכן נאך איידער מ׳האט זיי דערזען.

פרייטיק, דעם 15 סעפטעמבער 1939, דעם צווייטן טאג ראש־השנה, אזייגער צען פרי, איז בליץ־שנעל פארשפרייט געווארן די ידיעה, אז די נאצי־רוצחים געפינען זיך שוין ביי די ראנדן פון שטאט. צווישן די יידן, וועלכע האבן זיך אין דער דערמאנטער שעה געפונען אין די בתי־מדרשים ביים דאווענען, איז תיכף אויסגעבראכן א גרויסע מהומה און כהרף־עין זענען די בתי־מדרשים ליידיק געווארן. אין גרוים שרעק איז מען געלאפן זיך אויסבאהאלטן פון די אנקומענדיקע נאצי־גזלנים.

12 בייטאג האבן זיך אנגעהויבן באווייזן די פאדערשטע טיילן פון דער דייטשער ארמיי. זיי זענען אנגעקומען פון די גאסן מאזאוועצער און דאמבראווסקעגא און אין א פאר שעה שפעטער האט זיך שוין איבער די אויסגעשטארבענע ביאליסטאקער גאסן באוועגט די ריזיקע דייטשע מיליטער־מאשין. היות ווי אויף די גאסן איז נישט געווען קיין לעבעדיקער נפש, האבן די דייטשן באשאסן מיט קוילנווארפערס די פענצטער. דער רעזולטאט דערפון איז געווען א היפשע צאל טויטע און פארוואונדעטע, דער עיקר יידן.

אין זעלביקן טאג איז אין שטאט דערקלערט געווארן אויסנאם־צושטאנד. די באוועגונג אויף די גאסן האט געמעגט פארקומען נאר פון פינף פרי ביז 8 אוונט, גלייכצייטיק האבן די נאצי־סאל־

דאַטן אָנגעהויבן ראַבירן יידישע הייזער און אין עטלעכע פאַלן אויך דערשאָסן יידישע פרויען פאַרן נישט לאָזן אַראָפּנעמען פון זייערע הענט די פינגערלעך. זיי האָבן בכלל געשאָסן פאַרן מינדסטן פּרואוו נישט צו לאָזן זיך באַראַבעווען.

די מורא פאַר די היטלער־גזלנים איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז אפילו אין די דערלויבטע שעהן האָט מען קיין יידן אויף די גאַסן נישט געזען. ס'זענען געגאַנגען נאָר יענע, וועלכע זענען געצוואונגען געווען צו זוכן ברויט און קאַרטאָפל פאַר זייערע פאַמי־ליעס און גאַנץ אָפט האָט מען טאַקע באַצאָלט מיטן לעבן פאַרן נישט וועלן שטאַרבן פון אַ הונגער־טויט.

מאָנטיק, אויפן דריטן טאָג פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן ווערמאַכט־סאָלדאַטן אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אַ קלאַנג, אַז זיי פאַר־לאָזן די שטאָט און ביאַליסטאָק וועט נאָך די טעג באַזעצט ווערן פון סאָוויעטישן מיליטער. דער קלאַנג איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שטאַרקער און אפילו העכערע ווערמאַכט־אָפיצירן האָבן אים גע־נומען באַשטעטיקן. מ'האָט זיך אויך דערוואוסט, אַז דעם 17 סעפּ־טעמבער האָט דער מאָסקווער ראַדיאָ איבערגעגעבן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד גייט באַפרייען די אויף „הפקר איבערגעלאָזענע" געוועזענע פּוילישע געביטן פון מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד.

די דערמאָנטע ידיעות האָבן ביי די ביאַליסטאָקער יידן אויפ־געוועקט גרויסע האָפענונגען, אַז היינט־מאָרגן וועט מען פּטור ווערן פון די נאַצי־רוצחים.

דאָנערשטיק, דעם 21 סעפּטעמבער, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, האָבן זיך באַוויזן איבער ביאַליסטאָק דריי סאָוויעטישע עראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרפן פלוג־בלעטלעך אין דער ווייסרוסישער שפּראַך. צווישן אַנדערן, האָט זיך דאָרט געזאָגט, אַז „די טעג קומען מיר אייך באַפרייען". דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרק די האָפנונג, אַז מיר וועלן אין די נאָענטסטע טעג באַפרייט ווערן.

פרייטיק פאַרטאָג, דעם 22 סעפּטעמבער, ערב יום־כפור, האָט אַיין דייטשע מיליטער־אָפּטיילונג נאָך דער צווייטער זיך פאַרפּאַקט און אָפּגעפאָרן אין דער ריכטונג, וואָס פירט צו וואַרשע און צו דער מזרח־פּרייסישער גרענעץ.

אין דער זעלבער צייט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריק־מאַרש פון דער דייטשער אַרמיי פון ביאַליסטאָק, האָט זיך געבילדעט

אַן אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון יידן און נישט־יידן, וועלכער האָט אין אַן איילִיקן טעמפּ אָנגעהויבן צו גרייטן אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַר דער דערוואַרטעטער סאָוויעטן־אַרמיי. דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די סאָוויעטישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן מאַרשירט אויף ביאַליסטאָק, און באַקומענדיק פון זיי די נויטיקע אינפאָרמאַציעס, האָט ער מודיע געווען דער באַפעלקערונג, אַז היינט אין די נאָכמיטאָג־שעהן וועט די סאָוויעטן־אַרמיי אַריין אין שטאָט.

אין אַלע דעמאָקראַטישע און פּראָלעטאַרישע קרייזן האָט מען אָנגעהויבן פיבערהאַפט צוגרייטן פענער און בלומען. אויף די גאַסן, אויף וועלכע מ׳האָט נאָך נעכטן כמעט קיין יידן נישט געזען, שטראָמען שוין איצט טויזנטער, דער עיקר יוגנט. שוואַרץ פון מענטשן זענען די גאַסן, פון וואַנען ס׳דאַרף אָנקומען דאָס סאָוויעטישע מיליטער.

די יידישע יוגנט, פאַרביטערט פון דאָס דורכגעלעבטע בעת דער קורצער דייטשער ממשלה, האָט אין די איצטיקע פריידיקע מינוטן זיך נישט געקענט באַהערשן. די לעצטע דייטשע מיליטער־טיילן זענען דורך זיי באַוואָרפן געוואָרן מיט אַ שטיינער־האָגל. די דייטשן האָבן אויף דער יידישער „חוצפה" דאָס מאָל נישט רעאַגירט.

די וואָך נאַצי־הערשאַפט אין אונדזער ראַיאָן האָט געקאָסט די ביאַליסטאָקער יידן עטלעכע הונדערט לעבנס און מערערע הונדערטער יידישע געשעפטן און הייזער זענען צעראַבירט געוואָרן.

צווייטער קאַפּיטל

דער אַריינמאַרש פון דער סאָוועטן־אַרמיי קיין ביאַליסטאָק

דער אַריינמאַרש פון גרעסערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי
האָט זיך אָנגעהויבן ערב יום־כפור פאַרנאַכט. די מענטשן־מאַסן,
וואָס האָבן באַלאַגערט די גאַסן, האָבן זיי אויפגענומען מיט גרויס
ענטוזיאַזם. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פּאָליטישע אָרגאַניזאַ־
ציעס זענען אַרויס אַנטקעגן מיט רויטע פענער און בלומען. די באַ־
געגעניש איז געווען זייער אַ האַרציקע און פריינטלעכע. די יידישע
יוגנט, וואָס איז שוין צו כל־נדרי אין די בתי־מדרשים נישט געגאַנגען,
האָט זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די רויט־אַרמייער, וועלכע זענען
געווען באמת פריינטלעך. זיי האָבן דערציילט וועגן דעם לעבנס־
שטייגער פון זייער פאָטערלאַנד און אונטערגעשטראָכן, אַז נאָר אין
ראַטן־פאַרבאַנד קענען אַלע אויסלעבן זיך ווי פרייע בירגער.

אויף מאָרגן איז, לויט אַ פאַראָרדנונג פון אָרטיקן סאָוויעטישן
קאָמענדאַנט, אָפּגעשאַפט געוואָרן דער אויסנאַם־צושטאַנד. ביאַליס־
טאָק, וואָס איז שוין העכער דריי וואָכן געווען איינגעהילט אין
פינצטערניש, איז צוריק באַלויכטן געוואָרן. די באַוועגונג אין שטאָט
האָט ווידער באַקומען איר נאָרמאַלן כאַראַקטער און די ביאַליסטאָקער
יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

מיטן אַריינגיין פון דער סאָוועטן־אַרמיי אין ביאַליסטאָק, האָט
זיך גענומען פאָרמירן אַ נייער ווירטשאַפטלעכער און סאָציאַלער
לעבנס־שטייגער, וואָס האָט אין זיין איבערבוי־פּראָצעס שווער גע־
מאַכט דאָס לעבן פון ס'רוב איינוואוינער. אַלע פּראָדוקטן פון דער
ערשטער נויטווענדיקייט איז אין די ערשטע איבערגאַנגס־חדשים
זייער שווער געווען צו באַקומען. אין שווערן ווינטער, ביי אַריבער
דרייסיק־גראַדיקע פרעסט, פלעגט מען מוזן אויפשטיין צוויי פאַרטאָג
און זיך שטעלן אין דער ריי, כדי צו קריגן אַ קילאָ ברויט אָדער אַנ־
דערע לעבנס־מיטל. גאַנץ אָפט איז אויסגעקומען צו שטיין כמעט אַ
גאַנצן מעת־לעת און פרירן. ווען מען פלעגט שוין לסוף דערגיין צו

דער קראַם־טיר, איז אַלץ געווען אויספּאַרקויפט און מ'פלעגט אַוועק־גיין אַ דערפרווירענער, אַן אויסגעהונגערטער און אַן אויפגערעגטער, פאַרוואָס דאָס לעבן איז געוואָרן אַזוי שווער.

אין שייכות מיטן איבערגאַנג פון עקאָנאָמישן לעבן אויף נייע ווירטשאַפטלעכע יסודות, האָט זיך אין די ערשטע חדשים פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט געשאַפן אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, אָבער אַרום סוף פונם ווינטער 1939־1940 זענען אין די פאַרגרעסערטע פאַבריקן און אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן אַריינגעצויגן געוואָרן זייער פיל מענטשן. אָנהויב פרילינג 1940 זענען קיין אַרבעטלאָזע שוין כמעט נישט געווען.

ביאַליסטאָקער און פּליטים ווערן אַרויסגעשיקט אין די טיפענישן פון רוסלאַנד

לאַנגזאַם האָט זיך דאָס לעבן גענומען נאָרמאַליזירן. צום סוף פונם דערמאָנטן ווינטער איז שוין אויך מיט דער דערנערונגס־פראַגע געוואָרן פיל לייכטער. צו ביסלעך הויבט מען זיך אָן צוגעוואוינען צום נייעם לעבנס־שטייגער, וועלכער איז וואָס אַ טאָג ווייטער געוואָרן אַלץ דערטרעגלעכער.

אינם זעלבן ווינטער איז אויך געווען אַ שווערער לייענען מיט וואוינונגען צוליב פאַלגנדיקע סיבות: די פאַבריקן האָבן זיך פאַר־גרעסערט אויפן חשבון פון די דירות; חוץ דעם האָבן טויזנטער סאָוויעטישע באַאַמטע, געקומענע פון דעם גרויסן רוסלאַנד, אויך פאַרנומען אַ היפשע צאָל וואוינונגען. גלייכצייטיק האָבן אין ביאַ־ליסטאָק אַריינגעשטראָמט צענדליקער טויזנטער יידישע פּליטים פון גאַנץ פוילן, דער עיקר פון וואַרשע און לאָדזש. ביי די שווערע באַ־דינגונגען פון יענעם גרויזאַמען ווינטער האָבן די פּליטים, מענער, פרויען און קינדער, דורכגעמאַכט הונדערטער קילאָמעטערס צו פוס, אַבי אַרויסצורייסן זיך פון היטלעריסטישן גיהנום און זיך אַריבערכאַפּן אויף די סאָוויעטישע געביטן. ביאַליסטאָק, וואָס האָט ביז דער מלחמה געציילט העכער הונדערט טויזנט איינוואוינער, איז פּלוצים, צוליב די דערמאָנטע סיבות, געוואָרן אַ שטאָט מיט קנאַפּע צוויי הונדערט טויזנט. די ענגשאַפט אין די וואוינונגען איז געוואָרן זייער אַ גרויסע. נישט קיין קליינע צאָל פּליטים זענען געצוואונגען געווען צו וואַלגערן

זיך אין בתי־מדרשים און אין געזעלשאַפטלעכע לאָקאַלן אין ממש אוממענטשלעכע און אומהיגיענישע באַדינגונגען.

די ביאַליסטאָקער יידן האָבן פאַר די פּליטים געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען ביי יענע אומשטענדן. זיי האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי אַריינצונעמען אין זייערע וואוינונגען וואָס מער פאַרוואָגלטע שוועסטער און ברידער. מ׳דאַרף אָבער נישט פאַרגעסן, אַז קיינער איז צו יענער צייט נישט געווען דער באַלעבאָס אפילו פון זיין אייגענער דירה. היות ווי יעדער איינער האָט באַקומען אַ גאַנץ קליינעם וואוין־שטח, האָט מען נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אַריינצונעמען מערערע פּליטים אין די אייגענע וואוינונגען.

צוליב די אָנגעוויזענע סיבות האָבן טויזנטער פון די פּליטים, געוועזענע רייכע און באַמיטלטע יידן, נישט געהאַט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן און זיך געוואַלגערט אין אוממענטשלעכע באַדינגונגען. זיי זענען דערפירט געוואָרן צו אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז אַ גאַנץ גרויסער טייל פון זיי האָט באַשלאָסן, נישט געקוקט אויף דער דראָענדיקער טויט־סכנה אונטער דער נאַצי־אָקופּאַציע, אומקערן זיך צוריק אין זייערע פריערדיקע וואוין־ערטער.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַרויסגעבן פּעסער אין די ניי־באַזעצטע געביטן, האָבן די אָרטיקע זיכערקייט־אָרגאַנען אָנגעהויבן אַרויסגעבן די פּליטים אַזעלכע פּעסער, אויף וועלכע מ׳קען נישט וואוינען נאָענט פון דער גרענעץ. די פּליטים, שוין אַלס סאָוויעטישע בירגער, וואָלטן אַזוי אַרום געמוזט פאַרלאָזן ביאַליסטאָק און זיך באַזעצן נענטער צו דער אַלטער פּויליש־רוסישער גרענעץ. די מערהייט פּליטים האָבן אַזעלכע פּעסער נישט געוואָלט אַרויסנעמען. די זיכערקייט־אָרגאַנען האָבן דערפון געוואוסט און אַ געווויסע צייט דאָס טאָלערירט. אין אַ געוויסער נאַכט, האַרט פאַרן סוף פון חודש אַפּריל 1940, האָט נ. ק. וו. ד. פּאָליציי אַרומגערינגלט די אויפהאַלט־ערטער פון די פּליטים, זיי פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט צום וואָקזאַל און אין פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנעס אַרויסגעפירט אין די ווייטסטע געגנטן פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

אין דער זעלביקער נאַכט זענען אויך פאַרהאַלטן און אַרויסגעפירט געוואָרן ביי אַ פּאָר טויזנט ביאַליסטאָקער יידן און נישט־יידן, וועלכע האָבן, לויטן איינזען פון די אָרטיקע זיכערקייט־אָרגאַנען, נישט געטאָרט וואוינען צו נאָענט פון דער גרענעץ.

צווישן די ארויסגעשיקטע האָבן זיך געפונען: פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים, פירער פון פּאָליטישע פּאַרטייען, גייסטלעכע פון אַלע אמונות און א גאַנץ היפּשע צאָל בירגער, וועלכע זענען משמעות על־פּי־טעות אַריינגעפאַלן אין דעם צעטל פון „נישט גאַנץ כשרע עלע־מענטן". צו יענער צייט איז דאָס געווען א גרויסע טראַגעדיע, אין רעזולטאַט איז אָבער א גרויסע טייל פון זיי געבליבן ביים לעבן.

די פאַרשיקונג פון די ביאַליסטאָקער און פון די פּליטים האָט אויף ס'רוב איינוואוינער געמאַכט זייער א שווערן רושם. גאַנץ לאַנג איז מען אַרומגעגאַנגען מיט זאָרג וועגן זיי און נישט איינער האָט געטראַכט, צי וועט ער נישט היינט־מאָרגן אַליין זיין א קאַנדידאַט פאַר אַזא טראַנספּאָרטאַציע צו די „ווייסע בערן", ווי דאָס פאָלק האָט עס בשעתו אָנגערופן.

אין א פּאָר חדשים אַרום זענען פון א סך אָנגעקומען בריוו, אַז זיי גייען אויס פון הונגער און בעטן תיכפדיקע הילף אין לעבנס־מיטל. מ'האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו העלפן זיי און א דאַנק די אַרויסגעשיקטע שפּייז־פּעקלעך האָט זיך דאָרטן זייער לאַגע באַדייטנ־דיק פאַרבעסערט.

דאָס לעבן האָט זיך נאָרמאַליזירט

דאָס לעבן אין ביאַליסטאָק ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער נאָר־מאַליזירט. אַלע פאַבריקן אַרבעטן אין צוויי און דריי שיכטן, ס'ווערן אויך געבויט נייע אונטערנעמונגען. די צאָל מלוכהשע קראָמען וואַקסט פון טאָג צו טאָג און מ'קען שוין אַלץ קריגן צום קויפן.

אויך די סאָציאַלע אינסטיטוציעס זענען דורך דער סאָוויעטן־מאַכט זייער גוט אָוועקגעשטעלט געוואָרן. פאַר די אַלטיטשקע פון הקדש און מושב־זקנים, וועמען ס'האָט זיך ביז דער סאָוויעטן־מאַכט נישט אַזוי גוט געלעבט, איז געזאָרגט געוואָרן מיט דער ברייטער האַנט. א שטיק צייט האָבן זיי נאָך געגעסן פון א כשרער קיך, שפּע־טער זענען די דערמאָנטע אַנשטאַלטן איינגעאָרדנט געוואָרן אין א שיי־נעם ריינעם לאָקאַל אין סופּראַסל און פאַראייניקט געוואָרן מיט די קריסטלעכע. ס'רוב יידישע זקנים זענען אָבער פון דעם נישט געווען צופרידן. ס'האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן א כשרער קיך און בכלל האָבן זיי זיך נישט געפילט היימיש אין דער סביבה

פון נישט־יידן. די שטאַרק רעליגיעזע האָבן געמוזט דעם אַנשטאַלט פאַרלאָזן.

איבער די דריי יתומים־הייזער, וואָס האָבן זיך געפונען אויף יוראָווצער 7, טשענסטאָכאָווער 7 און פּאָלנע 13, האָבן די אָרטיקע מאַכט־אָרגאַנען באַשטימט אַלס דירעקטאָר דעם פריערדיקן סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט פאַר יתומים־פאַרזאָרגונג, שמעון ברוידע. די אויבנדערמאָנטע יתומים־הייזער, וואָס זענען דורך דער ענערגישער ביאַליסטאָקער כלל־טוערין ראשל ראַבינאָוויטש אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ הויכער געזעלשאַפטלעך־דערציערישער מדרגה, זענען פאַראייניקט געוואָרן אין איין יתומים־אַנשטאַלט און איבערגעפירט געוואָרן אין אַ גרויסן שיינעם בנין אויף וועסאָלע גאַס (געוו. פּלאַ־קערס). אונטער דער ענערגישער אָנפירונג פון שמעון ברוידע, איז פאַר די קינדער געזאָרגט געוואָרן מיט דער פולער האַנט. זיי זענען געוואָרן גוט באַקליידט, האָבן געגעסן פון דאָס בעסטע און זיך געפילט באמת גליקלעך אונטער דער סאָוויעטן־מאַכט.

אויפן געביט פון בילדונג האָט די סאָוויעטן־מאַכט פיל אויפגע־טאָן. אין די פונקציאָנירנדיקע שולן האָט מען, צוליב דער גרויסער צאָל שילער, געמוזט לערנען אין צוויי און אין אַנדערע אויך אין דריי שיכטן. ס'זענען אויך געעפנט געוואָרן נייע שולן. מ'האָט זיך גענומען מיט פליים צום לערנען און דער רעכטלאָזער יידישער יוגנט איז פאַרגעשטאַנען אַ גוטע צוקונפט.

אויך דאָס קולטור־ און טעאַטער־וועזן אין ביאַליסטאָק איז גע־שטאַנען אויף זייער אַ הויכער מדרגה. ס'איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישער מלוכהשער דראַמאַטישער טעאַטער מיט אברהם מאָרעווסקין בראש. אין טעאַטער האָבן מיטגעאַרבעט די בעסטע יידישע אַרטיסטן פון פוילן, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין ביאַליסטאָק. ס'איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַ יידישער מיניאַטור־טעאַטער, בראש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען דאָס באַוואוסטע אַרטיסטן־פּאָרל דזשי־גאַן־שומאַכער, אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון משה בראָ־דערזאָן. ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ כאָר מיט וועלכן ס'האָט אָנ־געפירט דער באַוואוסטער וואַרשעווער כאָר־דיריגענט מ. שניאור. דער באַרימטער גראָדנער פוילישער טעאַטער־אַנסאַמבל פלעגט זייער אָפט באַזוכן ביאַליסטאָק. נישט זעלטן פלעגן אָראָפּקומען פון דעם גרויסן רוסלאַנד יידישע און רוסישע קינסטלערישע טעאַטער־אַנסאַמבלען.

דער שטענדיקער זיץ־אָרט פון עדי ראָזנערס וואַרשעווער דזשאַז־אָר־קעסטער איז אויך געווען אין ביאַליסטאָק. ס׳איז אויך געעפנט גע־וואָרן אַ הויז פאַר „פאָלקס־שאַפונג“, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז גע־ווען צו אַנטוויקלען ביי די פאָלקס־מאַסן די קינסטלערישע פעאיקייטן אויף די געביטן פון: טעאַטער, מוזיק, געזאַנג, קונסט־מאָלעריי א. א. וו. ביי די גרעסערע פאַבריקן זענען אויך געווען טעטיק מוזיקאַלישע קרייזן, אָנגעפירט פון פּראָפעסיאָנעלע קינסטלער. די קינאָס זענען פאַרגרעסערט געוואָרן און אין אַלע פאַרוויילונגס־ערטער איז שטענדיק געווען פול געפאַקט. די פרייזן זענען געווען זייער צוטריטלעכע.

מיר דערמאָנען דאָ די צוויי אויסטערלישע טויט־פאַלן פון די צוויי באַרימטע יידישע אַרטיסטן, לאַנדוי און זישע קאַץ.

דער „פאַלאַס־טעאַטער“ איז געפאַקט איבער די ברעגעס. ס׳גייט שעקספּירס „שטורעם“, וואו עס שפּילט דער גרויסער יידישער אַר־טיסט לאַנדוי. אין מיטן זיין אויפטריט ווערט אים נישט גוט, ער קריגט אַ האַרץ־אַטאַק, פאַלט אַנידער און קומט שוין נישט מער צום באַוואוסטזיין. דער רושם אין טעאַטער־זאַל איז אַ געוואַלטיקער. די פאָרשטעלונג ווערט איבערגעריסן. לאַנדוים טויטער קערפּער בלייבט אויף דער בינע. אויף מאָרגן האָבן טרויער־מעלדונגען פון אַרטיסטן־פאַראיין אָנגעזאָגט דעם טראַגישן פאַל און צו וויסן געגעבן, אַז דער נפטר וועט אַ גאַנצן טאָג ליגן אויף דער בינע, אַז ביי זיין אָרון וועט שטיין אַן ערן־וואַך פון אַרטיסטן, און אַז די ליבהאָבער פון יידישן טעאַטער און פאַרערער פון גרויסן יידישן אַרטיסט ווערן געבעטן צו קומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. אין זיין לוויה האָט זיך באַ־טייליקט אַ גרויסער עולם. די טעאַטער־פאָרשטעלונגען זענען צוליבן טרויער איבערגעריסן געוואָרן אויף עטלעכע טעג.

דער צווייטער באַוואוסטער יידישער אַרטיסט, זישע קאַץ, האָט זיך שוין פון אַ צייט אַרומגעטראָגן מיט שלעכטע רעיונות. טיף נידער־געשלאָגן פון דעם, וואָס אַ סך פון זיינע נאָענטע און באַקאַנטע זע־נען אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די ווייטע געגנטן פון רוסלאַנד, האָט ער אין אַ מאָמענט פון שטאַרקער דערשיטערונג זיך אויפגעהאָנגען ביי זיך אין צימער אויף זיינע שלעקעס. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פאַר־מאַכטן בריוו.

זיין טויט האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אין די אַרטיסטישע

קרייזן און אויף די, וועלכע האָבן אים נענטער געקענט. ער איז, ווי זיין חבר לאַנדוי, געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן באַגנואַווקער בית־עולם.

ווי האָט זיך די סאָוויעטן־מאַכט באַצויגן צו די יידישע רעליגיעזע הצטרכותן אין די ניי־באַזעצטע געביטן?

אויפן רעליגיעזן געביט האָט די ראַטן־מאַכט קיין באַזונדערע שוועריקייטן נישט געמאַכט. צוליב דעם, וואָס כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געווען באַשעפטיקט אין די פאַבריקן אָדער אין פאַרשידענע רעגירונגס־אַנשטאַלטן, וואו מ'האָט געמוזט אַרבעטן שבת און דער אַרבעטס־טאָג פלעגט זיך אָנהויבן ווען ס'איז נאָך געווען גוט פינצטער, האָבן די פרומע יידן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו גיין אין די בתי־מדרשים אין די פרימאָרגן־שעהן, זענען זיי דעריבער ס'רוב געבליבן אָן מתפללים. היות דער מאַנגל אין דירות איז געווען זייער גרויס, האָט די אָרטיקע מאַכט אויסגענוצט די בתי־מדרשים אויף פאַרשידענע צוועקן. אין געמויערטן פיאַסקאָוון בית־מדרש איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ ספּאָרט־קלוב, אין פּולקאָוואָיעם און אין בית־שמואל בתי־מדרשים זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן מיליטער־שטאַבן. אַנדערע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין תבואה־שפּייכלערס.

די מתפללים פון דער גרויסער שול האָבן געדאַרפט צאָלן דער מלוכה דעם העכסטן דירה־געלט־פּרייז: 5 רובל פאַר אַ קוואַדראַט־מעטער, וואָס דאָס האָט אויסגעמאַכט העכער פיר טויזנט רובל אַ חודש. די רעליגיעזע אַנשטאַלטן האָבן אויך געדאַרפט צאָלן דעם העכסטן פּרייז פאַר עלעקטרי: 5 רובל אַ קילאָוואַט (דער נאָרמאַלער פּרייז — 35 קאָפּיקעס). די טעלעכע פונקציאָנירנדיקע בתי־מדרשים זענען דעריבער געווען געצוואונגען צו זיין זייער שפּאָרזאַם מיטן עלעקטרישן ליכט און ס'איז טאַקע דאָרטן געווען פינצטער. בלויז אין די יום־טוב־טעג זענען זיי באַלויכטן געוואָרן אַביסל בעסער. אין אַלגעמיין האָט זייער אויסזען געמאַכט זייער אַ נעבעכדיקן איינדרוק.

ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער יידישער סטאָליער־קאָאָפּעראַטיוו, וואו מ'האָט נישט געאַרבעט שבת און אין די יידישע ימים־טובים. אַרום דעם דערמאָנטן קאָאָפּעראַטיוו האָבן זיך גרופּירט די שטאַרק־רעליגיעזע יידן, וועלכע האָבן געגעסן כשר פליש פון

זייער אייגענער שחיטה. אַט די יידן זענען געוואָרן די הויפּט־פאַר־זאָרגערס פון אַלע רעליגיעזע הצטרכותן פון די ביאַליסטאָקער יידן, וואָס האָבן אויך אונטערן סאָוויעטן־רעזשים געוואָלט אָפּהיטן אַלע דינים, מנהגים און טראַדיציעס.

צוליב דעם, וואָס די שטאָטישע באָד, וואו ס'האָט זיך געפונען די מקווה, איז אַריבער צו דער מלוכה, איז שוין נישט געווען פאַר די שטאַרק־רעליגיעזע ביאַליסטאָקער יידן און פרומע פרויען קיין אָרט וואו צו טובלען זיך, האָבן דעמאָלט די מיטגלידער פון סטאָליער־קאָ־אָפּעראַטיוו צוזאַמענגעקליבן צווישן זיך אַ גרעסערע געלט־סומע און אין דער וואוינונג פון זייערס אַ חבר אויסגעבויט אַ מקווה, וואָס איז שפּעטער שטאַרק באַזוכט געוואָרן אפילו פון דער ווייטער פּראָווינץ.

די שטאַרק־רעליגיעזע יידן פלעגן אויך נישט אָננעמען קיין פּאָסטנס אויף וועלכע מ'האָט געמוזט אַרבעטן שבת. נישט געקוקט דער־רויף, וואָס ביי זייער פאַך וואָלטן זיין געקענט פאַרדינען 500—600 רובל אַ חודש, האָבן זיי בעסער אָנגענומען שטעלעס אַלס וועכטערס אין קראָמען, וואו זיי האָבן פאַרדינט בלויז 130 רובל אַ חודש. ווען מ'פלעגט אין די פרימאָרגן־שעהן פאַרבייגיין נעבן די פאַרשלאָסענע קראָמען, האָט מען געזען, ווי די וועכטער שטייען אין טלית און תפילין און דאַווענען מיט אַזויפיל הארציקייט, אַז ס'פלעגט ממש רירן ביים האַרצן.

די מורא פאַר אַן איבערפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויפן ראַטן־פאַרבאַנד

אין ווינטער 1940־1941 האָט זיך דאָס לעבן פולשטענדיק נאָר־מאַליזירט. די מלחמה־קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין שטאַרקן, האָבן זייער באַאומרואיקט. אָנהויב זומער 1941 זענען די מלחמה־אַלאַרמען געוואָרן נאָך שטאַרקער. גרויסע מיליטער־טראַנס־פּאָרטן זענען פאַרבייגעפאָרן ביאַליסטאָק צו די גרענעצן פון דייטש־לאַנד.

צוליב דער מורא, אַז די מלחמה קען אַ ליאַדע טאָג אויסברעכן, האָבן די זיכערקייט־אָרגאַנען, וועלנדיק זיך פאַרהיטן פון „איגערלעכע שונאים", דורכגעפירט דאָנערשטיק דעם 19 יוני 1941 פאַרטאָג אַ גרויסע אַבלאַווע אויף יידן און נישט־יידן. ס'רוב פון די פאַרהאַל־

טענע זענען געווען די נאָך געבליבענע פּערזענלעכקייטן פון פאַרשי־דענע אָרגאַניזאַציעס, ווי: ציוניסטן, בונדיסטן, פּועלי־ציון, רעוויזיאָניסטן, פּ. פּ. ס., גייסטלעכע פון אַלע אמונות, געוועזענע גרעסערע פּאַבריקאַנטן, גרעסערע הויז־אייגנטימער, רייכע פּויערים, פּריצים און סתם בירגער, אויף וועלכע די זיכערקייט־מאַכט האָט געהאַט עפּעס אַ שטיקל פאַרדאַכט. די מענער, וואָס זענען געווען פּאָליטיש טעטיק פאַר די צייטן פון דער פּוילישער הערשאַפט, זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה, זייערע פרויען און די קינדער האָט מען אויף לאַסט־אויטאָס טראַנספּאָרטירט צום וואָקזאַל, פון וואַנען זיי זענען אין פאַרלויף פון פרייטיקדיקן טאָג אין פאַרשלאָסענע פראַכט־וואַגאָנעס אוועקגעפירט געוואָרן קיין טיף רוסלאַנד. אַ דאַנק דעם צופאַל זענען אַ גרויסער טייל פון די אַוועקגעשיקטע טאַקע געבליבן ביים לעבן. די מענער, וועלכע זענען פאַרבליבן אין תפיסה, זענען שפּעטער, ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, פון דאָרט באַפרייט געוואָרן און דערנאָך, צוגלייך מיט אַלע ביאַליסטאָקער יידן, פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

דער אופן, ווי אַזוי ס׳זענען דורכגעפירט געוואָרן די אָבלאַוועס אויף די אַלט־איינגעזעסענע ביאַליסטאָקער תושבים און דאָס ארויסשיקן זיי אין די ווייטסטע געגנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָט אויפן רוב פון דער באַפעלקערונג געמאַכט זייער אַ שווערן רושם און מ׳איז פון דעם ארומגעגאַנגען נידערגעשלאָגן. דער פּלוצלינגער מלחמה־אויסברוך, וואָס איז געקומען מיט צוויי טעג שפּעטער, האָט מיט זיינע גרוילטאַטן פאַרווישט אַלע ביז־איצטיקע קלענערע און גרעסערע געשעענישן.

דריטער קאַפּיטל

דער ברוטאַלער אָנפאַל פון נאַצי־דײַטשלאַנד אויפן סאָוויעטן־פאַרבאַנד

זונטיק, דעם 22 יוני 1941, 4 אַזייגער פאַרטאָג (2 אַזייגער לויט מערב־אייראָפּעאישער צייט) איז די ביאַליסטאָקער באַפעלקערונג אויפ־געוועקט געוואָרן פון פּלוצלינגע אויפרייסן. מענטשן, פאַרשלאָפענע און שטאַרק צעשראָקענע, זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער און האָבן דערזען פאַר זיך דאָס בילד פון א לופט־שלאַכט. לכתחילה האָבן עס אַלע אָנגענומען פאַר איבונגען פון סאָוויעטישן לופט־פלאָט. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז שוין טאַקע די אמתע מלחמה. אין דער לופטן האָבן געקעמפט צווישן זיך דײַטשע און סאָוויעטישע עראָפּלאַנען. דערשראָקענע יידן האָבן דערציילט, אַז פון די עראָפּלאַנען זענען אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אַ היפּשע צאָל באָמבעס, דער עיקר אויף די יידישע גאַסן, און אַז ס'זע־נען שוין דאָ טויטע און פאַרוואונדעטע.

מיר זענען באַלד געלאָפן צום ראַדיאָ און אָנשטעלנדיק אים אויף בערלין, האָבן מיר געהערט היטלערס באַפעל וועגן אָנהויבן די מלחמה מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. אויף די, וועלכע האָבן אין יענע היסטאָרישע מינוטן געהערט דעם ראַדיאָ, האָט די שרעקלעכע ידיעה געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן רושם.

אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט מען שוין געוואוסט גענוי וואו עס זענען געפאַלן די באָמבעס און ווער ס'זענען געווען די קרבנות. עט־לעכע באָמבעס זענען געפאַלן אויף פיעטרקאָווער גאַס אַנטקעגן דעם הויז פון י. י. אינדיצקי (געוועזענער בוכהענדלער און צייטונגס־אַגענט), וועלכער איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און שפּעטער פון די וואונדן געשטאָרבן. זיין פרוי איז באַלד אויפן אָרט דערהרגעט געוואָרן. חוץ זיי זענען אין די שכנותדיקע הייזער נאָך געווען צענד־ליקער טויטע און פאַרוואונדעטע.

פון די באָמבעס, וואָס זענען געוואָרפן געוואָרן אויף וואָיסקאָווע

גאַס (נעבן וואַלד), איז צווישן אַנדערע אומגעקומען דער אַלעמען באַקאַנטער לאַנגיאָריקער יידישער הויפּט־קאַסיר פון מאַגיסטראַט ווייַנראַך מיט זייַן פרוי און טאָכטער.

י. י. אינדיצקי

אַ היפּשע צאָל פון די סאָוויעטישע אָפיצירן האָבן גע־האַלטן, אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי שלאַכט־איבונגען פונם סאָוויעטישן לופט־פלאָט. ווען פאַר אַלעמען איז שוין געווען קלאָר, אַז די גרויזאַמע מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן סאָוויע־טישע אָפיצירן נאָך נישט גע־וואוסט ווי צו האַנדלען. דאָס האָט געשאַפן דעם אָנהויב פונם גרויסן [illegible]

וואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזיקער קאַטאַסטראָפע פאַר די סאָוויעטי־שע מיליטערישע כוחות פון גאַנצן ראַיאָן.

די, וואָס האָבן נאָך געספּקט, צי די מלחמה איז טאַקע אויס־געבראָכן, זענען אינפאָרמירט געוואָרן דורך די מיליטער־טיילן, וואָס זענען אָנגעקומען פון די נאָענטע גרענעץ־שטעטלעך, אַז פונקט פיר פאַרטאָג איז דער ראַטן־פאַרבאַנד באַפאַלן געוואָרן אויף דער גאַנצער לענג פון דער גרענעץ, אויף דער יבשה און אין דער לופטן, און אַז דער גאַנצער סאָוויעטישער לופט־פלאָט, וואָס האָט זיך געפונען ביי די גרענעצן, איז צעשמעטערט געוואָרן.

ווען פאַר דער סאָוויעטישער מיליטער־פירונג איז קלאָר געוואָרן די סיטואַציע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ כאַאָטישער לויפן. די העכערע און נידעריקערע אָפיצירן האָבן אויף מיליטער־אויטאָס אַרויפגעזעצט זייערע פרויען און קינדער און אָנגעפּאַקט מיט זייער ביסל ווירט־שאַפט, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף די שאָסייען און פאַרפּראָפּט אַלע וועגן. וואָס אַ שעה טיפער אין טאָג אַריין, איז דער כאַאָס גע־וואָרן אַלץ גרעסער.

12 אזייגער בייטאָג איז באַקאַנט געוואָרן מאָלאָטאָווס רעדע, וואו ער האָט צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז נאַצי־דייטשלאַנד איז ברוטאַל באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, אַז היטלער האָט אָנגעהויבן די מלחמה אינם זעלביקן חודש ווי בשעתו נאַפּאָלעאָן און ס'דערוואַרט אים, מיט זיין פאָטערלאַנד, נאָך אַן ערגערער סוף ווי נאַפּאָלעאָנען.

ביי יידן איז געוואָרן אַ בהלה־שטימונג. איינער איז געלאָפן צום צווייטן זיך מישב זיין וואָס צו טאָן. יידישע יונגעלייט און מיידלעך האָבן גענומען לויפן אין דער ריכטונג צום באַראַנאָוויטשער שאָסיי. אמת, קיין סך זענען אין יענעם זונטיקדיקן טאָג נישט אַוועק, ווייל ס'רוב יידן האָבן געהאָפט, אַז ס'וועט אפשר געלינגען אָפּצושטויסן דעם ברוטאַלן אָנפאַלער און מ'האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

די נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק איז כמעט קיינער נישט געשלאָפן, מ'האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו דער ריזיקער טאַנקען־באַוועגונג אויף די שאָסייען אַרום ביאַליסטאָק. כמעט אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס לויפן סאָוויעטישע טאַנקען צו הילף די באַפאַלענע אַרמייען. ווי ס'האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן האָבן די צעשרויפטע, נישט אויסגעשלאָפענע מענטשן־מאַסן זיך אַ לאָז געטון צו די נאָענטע שאָסייען, כדי צו זען אין וואָס פאַר אַ ריכטונג די טאַנקען באַוועגן זיך, אָבער צו אַלעמענס איבערראַשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ריזיקע טאַנקען־באַוועגונג גייט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ד. ה. אויף די וועגן, וואָס פירן טיפער קיין רוסלאַנד. די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן אונדזער געגנט.

די אַרעסטירטע האָבן אונטערגעצונדן די תפיסה

מאָנטיק, דעם 23 יוני, צען פרי, האָט די וואַך פאַרלאָזן די תפיסה. די העכער צוויי טויזנט אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די קאַמערן און אין געציילטע מינוטן איז די תפיסה געשטאַנען אין פלאַמען. באַפרייטע, האָבן זיך די אַרעסטאַנטן אין גרעסערע גרופּעס אוועקגעלאָזט איבער דער שטאָט און אָנגעהויבן ראַבירן די פול־געפאַקטע סאָוויעטישע סחורות־ און שפּייז־מאַגאַזינען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען זיי געזען אויף די גאַסן שלעפנדיק שטיקער סחורה, זעק מיט צוקער און פולע קעסטלעך מיט שנאַפּס. די סאָוויע־

טישע וואָך־פּאָסטנס האָבן נישט געלאָזט ראַבעווען און זענען געווען געצוואונגען צו באַנוצן היים געווער. עטלעכע פון די אַרעסטאַנטן האָבן אויף דעם אופן פאַרלוירן זייער לעבן.

צווישן די, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן, האָבן זיך געפונען: דער ציוניסטישער טוער יעקב גאָלדבערג, דער פירער פון דער ביאַליסטאָקער אגודה בונים פאַרבשטיין, דער לינקער פּועלי־ציוניסט מיכאל קאַנצעפּאָלסקי, דער רעכטער פּועלי־ציוניסט הערש שוועץ, די מיטאַרבעטער און מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו „אונזער לעבן" אהרן ברעזינסקי און יוסף רובינליכט, וועלכע זענען דאַנערשטיק, דעם 19 יוני 1941, אַרעסטירט און אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה אַלס פּאָליטיש נישט־כשרע עלעמענטן.

דער רעכטער פּועלי־ציוניסט מרדכי כמעלניק איז אין עטלעכע וואָכן אַרום געקומען פון בריסק, וואו, נאָכן אָפּזיצן העכער אַ יאָר אין דער דאָרטיקער תפיסה, האָט ער זיך באַפרייט פּונקט אויפן זעלביקן אופן ווי די ביאַליסטאָקער אַרעסטירטע.

אויך פון דער מינסקער תפיסה זענען אין אַ חודש אַרום געקומען ביי אַ פּאָר צענדליק ביאַליסטאָקער, צווישן אַנדערע דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט שמואל פינקעל מיט אַ זון און ציבולקין (געוועזענער לאַנגיאָריקער פּאָרזיצער פון דער פּייען־באַנק), וועלכער איז אין אַ קורצער צייט אַרום געשטאָרבן.

דער יינגסטער זון פון באַוואוסטן ביאַליסטאָקער טעקסטיל־פאַבריקאַנט, אָסוואַלד טרילינג, איז געשטאָרבן אין דער מינסקער תפיסה.

יידן אַנטלויפן פון ביאַליסטאָק

נאָך דער טרויעריקער פעסטשטעלונג, אַז די סאָוויעטישע אַרמייען פאַרלאָזן אונדזער געגנט, האָט זיך ביי דער יידישער באַפעלקערונג אָנגעהויבן אַ גרויסע צערודערונג. קיינער האָט נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען אין דעם טראַגישן מאָמענט.

אַ גאַנץ גרויסע צאָל פון דער יוגנט האָבן פול געמאַכט די גאַסן אויפן וועג צו די שאָסייען, וואָס פירן טיפער אין רוסלאַנד. די גרויסע צאָל אויטאָס, טאַנקען, פוסגייער־מיליטער, וואָס זענען געגאַנגען אין געדיכטע רייען, האָבן די שאָסייען פאַרפּראָפּט, אַז ס'איז צייטנווייז אוממעגלעך געווען צו גיין אויף זיי.

אויף אַלע וועגן זענען כמעט יעדע 15 מינוט אָנגעפלויגן נאַציסטישע יעגער־עסקאַדרעס, וועלכע פלעגן זיך אַראָפּלאָזן זייער נידעריק און מיט זייערע קוילנוואַרפערס געזייט טויט צווישן די געדיכטע מענטשן־מאַסן.

איינצלנע צוריקגעקומענע האָבן געשילדערט דאָס שרעקלעכע בילד, ווי עס זענען אויס די שאָסייען, וואו עס ליגן איבערגעקערט אויטאָס און טאַנקען, ווי מענטשן און פערד וואַלגערן זיך צעשאָסענע אין איין קנויל, ווי יעדער טראָט איז פּשוט אַ לעבנס־סכנה. זייערע דערציילונגען האָבן געמאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז אַ טייל ייִדן, וואָס זענען גרייט געווען צו לאָזן זיך אין וועג אַריין, האָבן רעזיגנירט פון דעם.

אַ גרעסערע צאָל דרייסטע יונגעלייט און מיידלעך האָבן זיך געלאָזן אויפן ריזיקאַלישן וועג און אַנדערע זענען אפילו דערגאַנגען ביז מינסק. די דייטשע אַרמיי איז אָבער אומעטום געקומען פריער פון זיי. אַפּוואַלגערנדיק זיך אין וועג העכער אַ חודש צייט, אויסגעמאַטערטע, צעהרגעטע און נידערגעשלאָגענע, האָט אַ טייל פון זיי זיך קוים דערשלעפּט צוריק קיין ביאַליסטאָק. אַ סך זענען אומגעקומען פון די לופט־פּלי־אָנפאַלן און אַ היפּשע צאָל זענען דערמאָרדעט געוואָרן אויף די וועגן, דורך די מאַרשירנדיקע נאַצי־בעסטיעס. נאָר געציילטע איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער אַרומרינגלונג און אָנקומען קיין טיף רוסלאַנד. אַ היפּשע טייל פון זיי געפינען זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

דאָס פּוילישע ביאַליסטאָק „באַאַרבעט" די שטאָט

דאָס פּוילישע ביאַליסטאָק איז אין אָט די „הייסע" טעג אויך נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. אַלט און יונג, מענער און פרויען, האָבן זיך אַ לאָז געטון איבער די פול־געפּאַקטע סאָוויעטישע קראָמען און סקלאַדעס און האָבן אַלץ צעראַבירט, נישט איבערלאָזנדיק אפילו קיין זכר. זיי האָבן אפילו נישט געשאָנעוועט די אַנשטאַלטן, וואו ס'האָבן זיך געפונען יתומים.

דאָס „באַארבעטן" די געשעפטן און סקלאַדעס האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך און נישט איינער פון זיי איז ביים ראַבירן דערשאָסן געוואָרן דורך רויט־אַרמייער. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן אַנ־

דערע ווייטער פאַרצוזעצן דאָס ראַבירן. זיי האָבן שוין אפילו אויך פּרובירט מאַכן אַן אָנהויב פון באַראַבעווען יידישע הייזער.

אין ראַבירן די געשעפטן האָבן אויך אָנטיילגענומען אַ גאַנץ קליינע צאָל יידן, פון דער אונטערוועלט, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען די באַקאַנטע ביאַליסטאָקער אונטערוועלטניצע חנה יאַלטשיכע (שוועסטער פון די פורמאַנעס יאַלקעס). ביים ראַבירן אַ טאַבאַק־קראָם אויף ליפּאָווע גאַס האָט זי געפונען איר טויט.

די יידישע ביאַליסטאָק אין דריטן מלחמה־טאָג

דינסטיק, דעם 24 יוני 1941, אין דריטן מלחמה־טאָג, ווייס שוין די יידישע ביאַליסטאָק גאַנץ קלאָר, וואָס עס טוט זיך אויף די שאָסייען און אַז ס'איז שוין איבערהויפּט נישטאָ וואָס צו טראַכטן וועגן וועלכע ס'איז פּרוואוון פון לאָזן זיך אין וועג אַריין. צוליב דער האָפנונגסלאָזער לאַגע, אין וועלכער מ'איז אַזוי פּלוצלינג אַריינ־געוואָרפן געוואָרן, זענען ס'רוב יידן אַרומגעגאַנגען ווי האַלב־צע־מישטע.

דער מאַרש פון דער דייטשער אַרמיי

די דייטשע אַרמיי איז נישט געגאַנגען אויף ביאַליסטאָק, ווי מ'האָט גערעכנט. זי האָט זיך דורכגעריסן דורך בריסק אויף קאָברין און צוקומענדיק נענטער צו סלאָנים, אַראָפּגעוואָרפן אַ לופט־דעסאַנט, וואָס האָט באַזעצט די בריקן איבערן טייך שטשאַראַ און אויף אַזאַ אופן אָפּגעשניטן דעם צוריקטריט פון אַלע סאָוויעטישע מיליטער־טיילן, וואָס האָבן זיך נאָך געפונען אין אונדזער ראַיאָן. גרויסע טיילן פונם אָפּטרעטנדיקן סאָוויעטישן מיליטער זענען צוליב דעם מאַנעוור צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק.

דאָס באַוויזן זיך פון פרישן סאָוויעטישן מיליטער איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן האָט אַרויסגערופן אַ בעסערע שטימונג ביי דער יידישער באַפעלקערונג. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און פאַר אַלעמען איז קלאָר געוואָרן די שווערע סיטואַציע, אין וועלכער עס געפינט זיך דאָס פולשטענדיק אַרומגערינגלטע סאָוויעטישע מיליטער.

די יידישע ביאַליסטאָק האָט אָנגעהויבן ריכטיק אָפּצושאַצן די קריטישע לאַגע פון די סאָוויעטישע אַרמייען אויפן גאַנצן ווייסרוסישן פראָנט. מ'איז געקומען צום אויספיר, אַז אין די נאָענטסטע וואָכן

קאָן מען נישט דערוואַרטן קיין שום פאַרבעסערונג פון דער לאַגע אויף די שלאַכט־פעלדער, און אַז די טעג פון דער סאָוויעטישער הערשאַפט אין ביאַליסטאָק זענען געציילטע. נאָך דער דאָזיקער פעסט־שטעלונג איז די שטימונג ביי די ביאַליסטאָקער יידן געוואָרן אַ נאָך מער געדריקטע.

די לעצטע צוויי טעג סאָוויעטישע הערשאַפט אין ביאַליסטאָק

אין די טעג פון מיטוואָך דעם 25־טן און דאָנערשטיק דעם 26־טן יוני 1941, האָט מען געקאָנט באַמערקן, אַז די צאָל מיליטער־לייט אין שטאָט האָט זיך באַדייטנדיק פאַרקלענערט. דאָס ביסל, וואָס איז נאָך פאַרבליבן, לויפט פון איין עק שטאָט צו דער צווייטער, נישט ווייסנדיק אַליין, ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פונם פאַרשלאָסענעם קאַסטן.

דאָנערשטיק אין אָוונט האָט מען אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן שוין נישט געזען קיין סאָוויעטישע סאָלדאַטן. קיינער האָט נישט גע־וואוסט וואו זיי זענען אַהינגעקומען. די איינצלנע רויט־אַרמייער, וועל־כע האָבן נאָך אַרומגעבלאָנדזשעט אין דער נאַכט־פינצטערניש, האָבן געהאַלטן אין איין שיסן, מורא האָבנדיק פאַרן אייגענעם שאָטן. פאַר־טאָג איז געוואָרן איינגאַנצן שטיל. מ'האָט זיך געריכט, אַז אַ ליאַדע שעה וועלן זיך אויף די ביאַליסטאָקער גאַסן באַווייזן די נאַצי־רוצחים.

פערטער קאַפּיטל

די נאַצי־אכזריותן איבער די ביאַליסטאָקער יידן ביזן אַריינטרייבן זיי אין געטאָ

די נאַצי־רוצחים רייסן זיך אַריין קיין ביאַליסטאָק

פרייטיק, דעם 27־טן יוני 1941, 9 אזייגער פרי, נאָך עטלעכע שעה טויטער שטילקייט, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שטאַרקע שיסעריי, נאָכדעם איז אויף אַ קורצער ווײַלע ווידער געוואָרן שטיל. אין אָט די שטילע מינוטן האָבן דורך מאַזאָוועצער גאַס זיך אַריינ־געריסן די פאָדערשטע טיילן פון די היטלער־בעסטיעס. דערנענטערנדיק זיך צו די געדיכט־באַוואוינטע יידישע גאַסן, ווי: ברייטע און שמאָלע פּיאַסקעס, סענדערס, סוראַזער, סוכע, פיש־מאַרק און ביילינגדיקע גאַסן און געסלעך, האָבן אַ טייל פון די באַנדיטן אַריינגעוואָרפן אין די יידישע הייזער אויפרייס־ און צינד־באָמבעס, פון וואָס ס'איז גלייך אויסגעבראָכן אַ ריזיקע שׂרפה. אַ צווייטע גרופּע האָט אָנגע־הויבן אַרויסשלעפּן פון די נאָך נישט ברענענדיקע הייזער די מאַנס־בילן, וועלכע זיי האָבן מיט אויפגעהויבענע הענט און אונטער אַ האַגל פון שרעקלעכע קלעפּ אַריינגעטריבן אין דער גרויסער שול.

ערשטע קדושים אין די פלאַמען פון דער גרויסער שול

ווען די שול איז געווען פול געפּאַקט, איז זי אַרומגערינגלט גע־וואָרן מיט אַ געדיכטן קאָרדאָן נאַצי־גזלנים, באַוואָפנט מיט אַלע מינים געווער. אין געציילטע סעקונדן איז פון די אַריינגעוואָרפענע גאַז־ און צינד־באָמבעס די שול געשטאַנען אין פלאַמען.

בעת דער גיהנום־שׂרפה אין דער גרויסער שול האָבן זיך דאָרט אָפּגעשפּילט האַרצרייסנדיקע טראַגעדיעס. נישט קענענדיק לענגער אַריבערטראָגן דעם שטיקנדיקן גאַז־רויך, האָט אַ זון, אויפן פאַרלאַנג פון זיין פאָטער, אים אויפגעהאָנגען מיט זיין הויזן־פּאַס אויף אַ מנורה. עס זענען געווען פיל פאַלן, ווען מ'האָט איינער דעם אַנדערן

דאָס איז געבליבן פון דער גרויסער שול

איבערגעשניטן די אָדערן און אויף אַזאַ אופן דערבראַכט צו אַ גיכערן סוף פון די אומדערטרעגלעכע ליידן. אַ דרייסטער יונגערמאַן, וועלכער איז נאָך נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַרגאַזט, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ פענצטער, אויסגעהאַקט אַ פּאָר שויבן און געהאַלטן אַ שאַרפע רעדע קעגן די נאַצי־רוצחים. די גזלנים האָבן אָבער אויף אים באַלד געעפנט אַ פייער און געטראָפן דורך אַ קויל אין האַנט, אַ באַגאָסענער מיט בלוט, איז ער תיכּף אַרונטערגעפאַלן.

צוליבן שטאַרקן פייער און רויך, וואָס האָט געזעצט פון דער ברענענדיקער שול, האָבן די נאַצי־רוצחים געמוזט זיך אַביסל אָפּרוקן. אין דעם מאָמענט איז אונטערגעשפּרונגען דער פּוילישער שול־וועכ־טער באַרטאַשקאַ, וועלכער האָט, איינשטעלנדיק זיין לעבן, אָן עפן געטאָן אַ הינטערשטע שול־טירל, דורך וועלכער ס'זענען אַרויסגעלאָפן צען יידן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפונען דער יונגערמאַן, וואָס האָט געהאַלטן די רעדע.

אין דער צייט, ווען די שול איז געשטאַנען אין פלאַמען, זענען גרופּעס נאַצי־רוצחים אַרומגעגאַנגען איבער די הויפן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די מענער און זיי דערשאָסן אין קעגנוואַרט פון זייערע פרויען און קינדער.

צווישן די שול־קדושים זענען געווען: דאָקטאָר קראַצאָווסקי, נטע יאַקובסאָן (בוכהאַלטער), קאַפּלאַן (מאַנופאַקטור־סוחר פון קאָר־פּיעצקע גאַס), דער באַוואוסטער ביאַליסטאָקער שאַכמאַטיסט אהרן זאַבלודאָווסקי (זון פון חיים־צבי), פּאָליאַק (באַלעבאָס פון דער אַפּ־טייק אויף עק רבינס גאַס), דער באַליבטער ביאַליסטאָקער בדחן אַלטער שטיינבערג (אַלטער כאַלעלע), יצחק ברענער, ראַדזינאָווער (אייגנטי־מער פון רעסטאָראַן „אַקוואַריום"), קאָרקעס־פאַבריקאַנט יאַמניק, דער פּאָפּולערער מיכל גראָדזענסקי מיטן איידעם און זון, קאַפּלאַן (רעס־טאָראַן־אייגנטימער), ביסקופּיצקי (סוחר), פוקסמאַן (זון פון געווע־זענעם גרויסן מעבל־פאַבריקאַנט), דער באַוואוסטער פוטבאַליסט יצחק ליאַך, אברהם ספּעקטאָר מיט זיינע צוויי זין און דוד וויסאָצקי.

צווישן די דערשאָסענע אויף די גאַסן האָט מען געפונען אַרומ־געקומען די אַלמנה און טאָכטער פון פועלי־ציון־טוער בערל יאַשי־נאָווסקי. אויף ליפּאָווע גאַס האָבן זיך געוואַלגערט אין אַ מיסט־קאַסטן אַדוואָקאַט טעספּאַיע (שוואָגער פונם באַוואוסטן ביאַליס־

טאָקער הויז־באַזיצער ברוך גווין) און אדוואָקאַט גאָטליב (איידעם פון אַפּטייק־אינהאַבער קוריצקי).

מסירת־נפשדיקע איבערגעגעבנקייט פון פרוי גיטל בייקאָווסקי־פּלאַץ

אין יתומים־אַנשטאַלט אויף ווערסאַלע גאַס (געוו. פּלאַקערס) האָבן זיך דעמאָלט געפונען זעכציק יידישע קינדערלעך. נישט געקוקט אויף דער גרויסער סכנה, וואָס איז שוין אין יענע טעג געווען פאַר אַ יידן זיך צו באַווייזן אויף די קריסטלעכע גאַסן, האָט די לאַנג־יעריקע יתומים־דערציערין פרוי גיטל בייקאָווסקי־פּלאַץ מיט מסירת־נפש זיך דורכגעריסן צום אַנשטאַלט.

ווען די נאַצי־רוצחים האָבן געצונדן די שכנותדיקע יידישע הייזער, פאַרברענט לעבעדיקערהייט און געמאָרדעט טויזנטער יידן, איז פרוי בייקאָווסקי נישט אָפּגעטראָטן פון די קינדער און געווען צוזאַמען מיט זיי אין די שעהן פון טויט־שרעק. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז דער וועכטער פונם אַנשטאַלט, אַ פּאָליאַק, איז אַוועקגעלאָפן מסרן די נאַצי־רוצחים, אַז אין יתומים־אַנשטאַלט געפינען זיך קינדער פון קאָמוניסטן, האָט די איבערגעגעבענע מוטער פון די זעכציק יידישע קינדערלעך זיי באַהאַלטן אין אַ קעלער ביזן האַלדז אין וואַסער און געראַטעוועט זיי פון אַ זיכערן טויט.

פרוי גיטל בייקאָווסקי־פּלאַץ איז געווען די איינציקע, וואָס איז אין די סכנותדיקע טעג נישט אָפּגעטראָטן פון די יתומים. איר מסירת־נפשדיקע איבערגעגעבנקייט דאַרף פאַרהייליקט ווערן צווישן די שענסטע טאַטן פון מענטשלעכער אחריות.

דער טרויעריקער סך־הכל פון די ערשטע צוויי טעג נאַצי־הערשאַפט

די גיהנום־שריפה אינם יידישן שטאָט־טייל האָט געדויערט ביז אויף מאָרגן שבת בייטאָג. אין דער שריפה זענען אומגעקומען ביי צוויי טויזנט יידן און אריבער דרייסיק גאַסן, — וואָס האָבן אויסגעמאַכט אומגעפער אַ דריטל פון די יידישע וואוינונגען אין ביאַליסטאָק, — זענען אויסגעגליכן געוואָרן מיט דער ערד.

פאָלגנדיקע גאַסן זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון די בעסטיאַלישע אונטערצינדונגען: סוראַזער, רינעק קאָשטשושקי ביז נאָך ברוך גווינס מויער, סענדערס ביז כמעט פאַרן קאָשטשאָל, דער גאַנצער שול־

הויף מיט זיינע אַרומיקע גאַסן און בייגעסלעך און דער פיש־מאַרק־ראַיאָן ביז כמעט האַרט פאַרן וואַלד, — אַזוי אַז שטייענדיק נאָך דער שריפה אויפן פּלאַץ פונם אַמאָליקן שטאָט־זייגער, האָט מען געקאָנט זען דעם וואַלד.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די ברענענדיקע הייזער זענען געווען אַרומגערינגלט מיט געדיכטע קאָרדאָנען שטאַרק באַוואָפנטע נאַצי־גזלנים, איז אַ סך יידן געלונגען אַדורכצורייסן זיך און זיך ראַטעווען.

צוליבן ווידערשטאַנד, וואָס אַ גרופּע רויט־אַרמייער האָט גע־שטעלט אויף נאַדזשעטשנע גאַס, האָבן די נאַצי־רוצחים באַוואָרפן אַלע הייזער אין דער גאַס מיט צינד־באָמבעס. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז פון דעם געסל צוזאַמען מיטן פּאָלקאָוואָיעם בית־מדרש און דער געוועזענער מאַנישעוויטשעס באָד געווען אַ באַרג אַש. פון דער ריזי־קער שריפה זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן די פּאָסט און די געוועזענע רעאַל־גימנאַזיע.

אַזוי האָט אויסגעזען דער טרויעריקער סך־הכל פון די ערשטע צוויי טעג נאַצי־הערשאַפט אין ביאַליסטאָק. דאָס איז געווען דער אָנהויב פון שווערע אומגליקן, וועלכע האָבן זיך כסדר געשאָטן איבער די יידישע קעפּ אין פאַרלויף פון די ווייטערדיקע שרעקלעכע אינקווי־זיציע־יאָרן.

נאַצי־קאָמענדאַנט באַפעלט צו שאַפן אַ יידן־ראַט

זונטיק, דעם 29־טן יוני 1941, האָט דער שטאָט־קאָמענדאַנט גערופן דעם ראַבינער הרב ד״ר ראָזענמאַן און דעם געוועזענעם קהילה־דירעקטאָר אינזש. באַראַש און האָט זיי באַפוילן צו שאַפן אַ יידן־ראַט, צו וועלכן די דייטשע מאַכט זאָל זיך ווענדן וועגן אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן.

נאָך זייער באַזוך ביים קאָמענדאַנט, האָבן הרב ד״ר ראָזענמאַן און אינזש. באַראַש וועגן דעם איבערגעגעבן די איבערגעבליבענע יידי־שע כלל־טוער. ס׳איז תיכף צונויפגערופן געוואָרן אַ גרעסערע באַראַ־טונג, וועלכע האָט אויסגעקליבן אַ יידן־ראַט פון פאָלגנדיקע פּער־זאָנען: ראַבינער ד״ר ראָזענמאַן, אינזש. באַראַש, דוב סובאָטניק, מינדל קאַפּלאַן, ד״ר קאַצענעלסאָן, אַ געוויסער לימאַן פון סלאָנים, דעם ציוניסטישן טוער יעקב גאָלדבערג, דעם געוועזענעם דירעקטאָר פון סוחרים־פאַראיין גליקסאָן, געוו. רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן״

מיטגלידער פון יידן־ראַט

הרב ברוך אליהו האַלפּערן

שמואל פּוניאַנסקי

פּסח מעלניצקי

פסח קאַפּלאַן, מרדכי כמעלניק (פירער פון די רעכטע פּועלי־ציון אין ביאַליסטאָק), מאָטל רובינשטיין (ליטער פון דער מענדעלע־שולע, שוואָגער פון בונדישן טוער יעקב פּאַט), שמואל פּוניאַנסקי (מזרחי), הרב ברוך־אליהו האַלפּערן (מזרחי), הרב פּיניע אייזענשטאַט, יעקב ליפּשיץ (געוו. פאָרזיצער פון סוחרים־פאַראיין), אַבע פּורמאַן, משה שוויף, איסאַק מאַרקוס (געוו. קאָמענדאַנט פון די פרייוויליקע פייער־לעשערס), טיקטין (געוועזענער אייגנטימער פון אַן עקספּעדיציע־געשעפט), צבי ווידער (געוועזענער פירער פון די האַנטווערקער), פּסח מעלניצקי (געוועזענער פירער פון די לווינקעטניקעס) און דער לאַנג־יאָריקער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער גרויסער שול שמואל פּאָלאַנסקי. אַלס סעקרעטאַר פון ראַט איז אויסגעקליבן געוואָרן פּסח קאַפּלאַן.

דער ראַט האָט אויסגעקליבן אַן אָנפיר־אָרגאַן פון פּאַלגנדיקע פינף פּערזאָנען: הרב ד"ר ראָזענמאַן, אינזש. באַראַש, דוב סובאָטניק, לימאָן און יעקב גאָלדבערג. אַלס סעקרעטאַר — רפאל גוטמאַן (באַוואוסטער מחבר פון העברעאישע לערן־ביכער, וועלכער איז מיטן פּליטים־שטראָם אין 1939, צוזאַמען מיט זיין פרוי, געקומען און פאַרבליבן אין ביאַליסטאָק.

ראַבינער ד"ר ראָזענמאַן איז אָפיציעל געווען פאָרזיצער פון יידן־ראַט, דער פּאַקטישער פירער איז אָבער געווען אינזש. באַראַש, וועלכער האָט נישט זעלטן געהאַנדלט דיקטאַטאָריש אפילו קעגן דעם ווילן פון די איבעריקע פיר. מען מוז אָבער אָנערקענען, אַז ער איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך ענערגישער און, דער עיקר, אַן אָרנטלעכער מענטש, וועלכער האָט אין רוב פאַלן געהאַנדלט, לויט זיין באַגריף, לטובת הכלל.

בעת אַ זיצונג פון יידן־ראַט, אין די ערשטע וואָכן פון דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט מענדל קאַפּלאַן געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַק און איז באַלד געשטאָרבן. זיין פּלוצלינגער טויט האָט געמאַכט אַ שווערן רושם אויף דער יידישער ביאַליסטאָק.

די נאַצי־רוצחים שטעלן שווערע פאָדערונגען דעם יידן־ראַט

איידער דער יידן־ראַט האָט נאָך אָנגעהויבן באַוויזן סימנים פון לעבן, האָבן די נאַצי־הערשער שוין אָנגעהויבן פאָדערן, אַז דער יידן־ראַט זאָל צושטעלן טויזנטער יידישע מענער און פרויען צו

צוואַנגס־אַרבעט, ביי וועלכער זיי זענען געשלאָגן און געפּייניקט גע־וואָרן. אַרבעטן האָט מען געמוזט אונטער די שווערסטע באַדינגונגען. גלייכצייטיק האָט מען אויך געמוזט צושטעלן גרויסע מענגעס זיידענע קאָלדרעס, גוטע פּוכענע קישנס, קאַראַקולענע פרויען־מאַנטלען און מע־רערע טויזנטער קילאָס פּאָדעשווע־לעדער. יעדע פּאָדערונג האָט גע־מוזט באַפרידיקט ווערן אין משך פון 48 שעה אונטער דער דראָאונג פון שווערע סאַנקציעס. פון די אַלע פּאָדערונגען פלעגט זייער זעלטן געלינגען עפּעס אָפּצודינגען.

חוץ די פּאָדערונגען צום יידן־ראַט, פלעגט נאָך די געשטאַפּאָ יעדן טאָג כאַפּן יידן כלומרשט אויף אַרבעט, אין דער אמתן האָט זי די געכאַפּטע פּאַרפּייניקט. זיי האָבן זיך אויך געלאָזט וואוילגיין אין יידישע הייזער און ראַבירט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ ווערט. זיי פלעגן אָפּשליסן גאַנצע גאַסן און אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס אַרויס־פירן פון די באַפאַלענע הייזער דאָס ביסל אָרעמקייט און נישט זעלטן אפילו מעבל, אויב זיי האָבן געהאַט אַ שטיקל ווערט.

צוליבן הונגער גייען אַוועק אַרבעטן צו די נאַציס העכער צוויי טויזנט יידן

ביי גרויסע טיילן פון דער יידישער באַפעלקערונג, איבערהויפּט צווישן די, וואָס זענען אָפּגעברענט געוואָרן בעת די נאַצישע אונטער־צינדונגען, האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק פילן דער הונגער. נישט גע־קוקט דערויף, וואָס מ'האָט שוין געוואוסט וועגן די אויסערגעוויינלעך שווערע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון דער אַרבעט, זענען העכער צוויי טויזנט יידישע מענער און פרויען אַוועק אַרבעטן צו די נאַצים. אויף אַזאַ אופן האָבן די אומגליקלעכע געהאַט די מעגלעכקייט דורכ־צולעבן דעם טאָג, באַקומענדיק פאַר דער אַרבעט עפּעס אָפּצועסן. אַמאָל פלעגן זיי אויך באַקומען אויף מיטצונעמען אַהיים אַביסל שפּייז, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די איבערגעלאָזענע סאָוויעטישע שפּייז־סקלאַדעס.

אין שטיינס סקלאַדעס, וואו ס'האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט יידן, וועלכע האָבן פאַר זייער אַרבעט באַקומען באַצאָלט מיט לעבנס־מיטל, האָט מען אויפן פּאָרשלאָג פון די יידישע פּאַראַרבעטער יודל גורוויטש און אַלטער גינזבורג (אײדעם פונם באַוואוסטן ביאַליסטאָ־קער דרוקעריי־אייגנטימער מאיר פּרוזשאַנסקי), באַשלאָסן, אַז אַלע

אַרבעטער זאָלן אָפּגעבן פון יעדער וואָך אַרבעט אַ טאָג שפּייז פאַר די הונדערטער הונגעריקע יתומים. אויף אַזאַ אופן זענען די עלנטע קינדער אויסגעהאַלטן געוואָרן אַ לענגערע צייט. פאַר יענער טראַגישער צייט איז עס געווען אַ קרבנותפולע טאַט און דאָס דאַרף פאַרצייכנט ווערן.

די נאַצי־בעסטיעס דערמאָרדן 300 יידישע אינטעליגענטן

דאָנערשטיק, דעם 3־טן יולי 1941, זענען דורך די נאַצי־רוצחים אַרומגערינגלט געוואָרן עטלעכע גאַסן. מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין די יידישע הייזער, אַרויסגעשלעפּט העכער טויזנט מענער און זיי אַרויפגעטריבן אויפן מאַגיסטראַט־הויף. מ׳האָט זיי דאָרט מערדערלעך געשלאָגן, געצוואונגען צו שפּרינגען און טאַנצן מיט אויפגעהויבענע הענט און זינגען מה־יפית־לידער. שפּעט אין דער נאַכט זענען אָנגעקומען אַ פּאָר טויט־שיכורע העכערע געשטאַפּאָ־אָפיצירן און האָבן פאַראָרדנט, אַז אַלע יידן זאָלן זיך גלייך איינשטעלן אין רייען. נאָכן אויספרעגן יעדן איינעם מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט פאַר דער מלחמה, זענען די אינטעליגענץ און מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס אין אַ צאָל פון איבער 300 מאַן אָפּגעטיילט געוואָרן באַזונדער. די איבעריקע 700 זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן אין דער שפּעטער נאַכט אויפן גאַס, וואו זיי זענען געווען באַדראָט דערשאָסן צו ווערן פון די פּאָליציי־פּאַטרולן. ווען ס׳איז שוין געווען גוט טאָג זענען זיי, צעבראָכענע און נידערגעשלאָגענע, קוים דערקראָכן צו זייערע היימען.

ווי מ׳האָט זיך שפּעטער דערוואוסט, האָבן די נאַצי־רוצחים די פאַרבליבענע אויפן מאַגיסטראַט־הויף נאָך מערדערלעך געפּייניקט אַ גאַנצן מעת־לעת. שוין האַלב־טויטע האָט מען זיי אַרויסגעפירט קיין פּעטראַשע, הינטער ביאַליסטאָק, און דורך מאַשין־געווער־פייער געמאַכט אַ סוף צו זייערע לעבנס.

צווישן די 300 פאַרפּייניקטע און דערשאָסענע געדענקט זיך די נעמען פון אַדוואָקאַט גוטמאַן פון פּיאַסקעס און פון דעם מיטגליד פון קאָאָפּעראַטיוו „אונזער לעבן", ראובן סקליוט.

פרישער בעסטיאַלישער מאָרד פון די נאַצי־גזלנים איבער 3000 יידן

שבת, דעם 12־טן יולי 1941, 5 אַזייגער פאַרטאָג, האָט אַ

גרעסערע גרופּע געשטאַפּאָ־באַנדיטן מיט עטלעכע צענדליק לאַסט־אויטאָס אַרומגערינגלט אַ גרויסן טייל פון יידישן ראַיאָן. די יידן, וועלכע זענען שוין צוגעוואוינט געוואָרן צו די אָפטע הויז־זוכונגען און רויבערייען, האָבן אויך דאָס מאָל גערעכנט, אַז די אויטאָס זענען געקומען אַרויספירן יידיש האָב און גוטס. אָבער דאָס מאָל האָבן די באַנדיטן דורכגעפירט עפּעס ערגערס — זיי האָבן צונויפגעיאָגט פון די אָפּגעשלאָסענע גאַסן אַלע מענער, אַרויפגעפּאַקט זיי אויף די לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג. די אויטאָס זענען אַרומגעפאָרן אין געאייל הין און צוריק ביז 12 בייטאָג און אויף אַזאַ אופן אַרויסגעשלעפּט איבער 3000 יידן, וועלכע זענען אויפן וועג מערדערלעך געפּייניקט געוואָרן. קיינער פון זיי איז נישט צוריקגעקומען. ס׳איז אויך נישט געלונגען צו קריגן קיין שום ידיעה, וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

אַ צייט שפּעטער האָבן פּויערים פון דער ביאַליסטאָקער אומגעגנט דערציילט, אַז אַ גרויסע מאַסע יידן זענען דערשאָסן און באַגראָבן געוואָרן אויף פּעטראַשער פעלד און אַז די אַרויפגעשאָטענע ערד האָט זיך אַ לאַנגע ווײַלע געוואַקלט, ווײַל צווישן די פאַרשאָטענע האָבן זיך געפונען אַ סך יידן, וואָס האָבן נאָך געלעבט.

צווישן די „שבתדיקע", ווי מ׳האָט זיי שפּעטער גערופן, האָבן זיך געפונען: אויגן־דאָקטאָר באָרים פּינעס (זון פונם באַרימטן אויגן־דאָקטאָר פּינעס), דער באַוואוסטער קינדער־דאָקטאָר דוד קאַגאַן (פון זאַמענהאָף־גאַס), אַדוואָקאַט גדאַנסקי, אַדוואָקאַט טילעמאַן, דאָקטאָר טאָפּיצער (זון פון פאַרמאַצעווט טאָפּיצער), חזן־שוחט און מוהל ר׳ אליהו וואָלאָצקי, דער באַוואוסטער לערער פון דער העברעאישער גימנאַזיע משה זאַבלודאָווסקי, פיליפּ און שמעון קוריאַנסקי (זין פון באַוואוסטן געזעלשאַפטלעכן עסקן משה קוריאַנסקי), ווי אויך דער איידעם פון

ד״ר דוד קאַגאַן

משה קוריאַנסקי (אַ גרויסער שיך־סוחר), דער דרוקעריי־אייגנטימער יוסף זעליגזאָן און זון און זייער פּלימעניק מוניע זעליגזאָן, די מיט־

מיטאַרבעטער פון „אונזער לעבן"

אהרן ברעזינסקי

יעקב שאַפּיראָ

יוסף רובינליכט

וו. סולקעס

ארבעטער און מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו „אונזער לעבן" אהרן ברעזינסקי און יוסף רובינליכט, געוו. רעדאַקציע־מיטאַרבעטער פון „אונזער לעבן" וו. סולקעס (זון פון ר' חיים־לייב) און יעקב שאַפּיראָ (געוו. פּאָרזיצער פון דער עספּעראַנטאָ־געזעלשאַפט אין ביאַליסטאָק און קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער פּוילישער קראָקעווער ציַיטונג „אילוסטראָוואַני קוריער צאָדזשעננע"). ס'זענען אויך אומגעקומען די זקנים ווילענטשיק (אַ שניידער), כעסין (שמש פון כאָר־שול) און דער אַלעמען באַקאַנטער לאַנג־יאָריקער בילעטער פון „פּאַלאַס־טעאַטער" אשר מעסער.

די נאַצי־רוצחים פאָדערן אַ גרויסע קאָנטריבוציע — אַ צולאָג צו די דריי טויזנט קרבנות

נאָכן דורכפירן דעם אויבן געשילדערטן קאַניבאַלישן פאַרברעכן איבער העכער דריי טויזנט יידן, האָט דער נאַצי־קאָמענדאַנט געמאָלדן די פאָרשטייער פון יידן־ראַט, אַז די פאַרהאַלטענע קאָנען באַפרייט ווערן נאָכן איינצאָלן פאָלגנדיקע קאָנטריבוציע: 5 קילאָ גאָלד, 100 קילאָ זילבער און צוויי מיליאָן סאָוויעטישע רובל.

דערהאַלטנדיק די טרויעריקע מעלדונג, איז צונויפגערופן געווארן אַ זיצונג פון ראַט, אויף וועלכער ס'איז ביי אַ געדריקטער שטימונג באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן דער ארויפגעלייגטער קאָנטריבוציע. קיין גרויסע דעבאַטן זענען איבער דעם דאָזיקן פיינלעכן ענין נישט געפירט געוואָרן. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן תיכף צוצוטרעטן צונויפזאַמלען די נויטיקע סומע.

אין דער זאַמל־אַקציע האָבן דעם שטאַרקסטן אָנטייל גענומען די פרויען און מוטערס פון די געכאַפּטע מענער און קינדער. זיי האָבן אָפּגעגעבן זייער גאַנצע צירונג און גרעסערע געלט־סומעס, כדי ווי צום גיכסטן דערפירן צו דער באַפרייאונג פון זייערע נאָענטסטע. אין פאַרלויף פון דריי טעג זענען אַלע ביאַליסטאָקער יידן באַזוכט געוואָרן דורך די זאַמל־פאָרלעך. יעדער איינער האָט געגעבן וויפיל ער איז נאָך געווען ביכולת.

ווען די געפאָדערטע קאָנטריבוציע איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן, האָבן פאָרשטייער פון יידן־ראַט, מיט אינזש. באַראַש בראש, זיך געמאָלדן צום קאָמענדאַנט. אַ לענגערע צייט האָט מען זיי געלאָזט וואַרטן אין קאָרידאָר און נאָך אַ זייער קאַלטער אויפנאַמע האָט דער

קאָמענדאַנט זיי צוריק דערקלערט, אַז די קאָנטריבוציע איז פאַר דעם, אַז מ׳זאָל מער קיין פרישע מענער נישט נעמען. די ביז איצט פאַרהאַלטענע קאָנען פאָרלויפיק נישט באַפרייט ווערן, ווייל זיי זענען שוין אָפגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט.

נאָכן אויסהערן די נידערטרעכטיקע דערקלערונג פונם קאָמענדאַנט, זענען די יידן־ראַט־פאָרשטייער געבליבן שטיין ווי צעמישטע. נאָך אַ פאָר מינוט שטילשווייגן האָבן זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפ פאַרלאָזט די קאָמענדאַנטור.

באַלד ווי זיי זענען געקומען אין יידן־ראַט, וואָס האָט זיך געפונען אין געוועזענעם לאָקאַל פון מושב־זקנים אויף קופּיעצקע 32, איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּלענום פון ראַט, פאַר וועלכן ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן די טרויעריקע תשובה פון קאָמענדאַנט. דאָס האָט געמאַכט אויף אַלע ראַט־מיטגלידער אַ שרעקלעכן רושם. נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מ׳זאָל דעם אמת וועגן דער תשובה פון קאָמענדאַנט נישט פאַרשפּרייטן פאַר דער עפנטלעכקייט, נאָר אונטערהאַלטן די שטימונג, אַז די פאַרהאַלטענע וועלן אין גיכן באַפרייט ווערן.

משה קוריאַנסקי

די פרויען און מאַמעס פון די אוועקגעפירטע האָבן, ווייזט אויס, דערפילט, אַז מ׳זאָגט זיי נישט דעם אמת און האָבן כמעט יעדן טאָג געמאַכט שטורמישע דעמאָנסטראַציעס פאַרן בנין פון יידן־ראַט. עס זענען אויך געווען פאַלן, אַז פון גרויס אויפרעגונג און פאַרביטערונג האָבן זיי זיך געוואָרפן שלאָגן די מיטגלידער פון יידן־ראַט. די פרויען האָבן געטענהט, אַז דער יידן־ראַט האָט זיי אָפּגענאַרט, אַז אַלס צוגאָב צו זייערע פאַרשלעפּטע מענער און קינדער האָט מען נאָך ביי זיי צוגענומען זייער גאַנץ ביסל פאַרמעגן.

אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען די פרויען און מאַמעס פון די „שבתדיקע" האָבן זיך איבערצייגט, אַז די קאַלטע תשובות פון יידן־ראַט גיבן זיי נישט קיין באַפרידיקונג, האָבן זיי געגרינדעט אַ קאָמי־

טעם אונטערן פּאַרזיץ פון געזעלשאַפטלעכן עסקן משה קוריאַנסקי. צונויפזאַמלענדיק אַ גרעסערע געלט־סומע האָט דער קאָמיטעט גע־פּרואווט מיט אַלערליי מיטלען דערבערענגען צו דער באַפרייאונג פון די אַוועקגעשלעפּטע. אַלע אָנשטרענגונגען פונם דערמאָנטן קאָמיטעט האָבן, נאַטירלעך, צו קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט געקאָנט פירן. אַפּאַרבעטנדיק עטלעכע חדשים, האָט דער קאָמיטעט זיך געמוזט פאַנאַנדערלאָזן, אומקערנדיק דאָס צונויפגעזאַמלטע געלט צו די נעבערם.

מען צווינגט יידן אָנצוטאָן די געלע לאַטע

די פאָדערונגען פון דער געשטאַפּאָ צום יידן־ראַט זענען פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. יעדער טאָג פלעגט ברענגען מיט זיך פרישע גזירות. די ערשטע שווערע דערנידערונגס־גזירה איז געווען די געלע לאַטע. אָנהויבנדיק פון צען־יאָריקן עלטער האָבן אַלע, סיי מענער, סיי פרויען געמוזט אָנטאָן מגן־דוד־שטערנס (די אַזוי גערופענע „געלע לאַטע") אויף דער פּלייצע און אויפן האַרצן.

נאָך נישט אַלע האָבן באַוויזן צו באַצירן זיך מיט דער געלער לאַטע און ס'האָבן שוין גענומען קורסירן קלאַנגען, אַז די ביאַליס־טאָקער יידן וועלן אין גיכן זיך מוזן אַריבערטראָגן אין אַ געטאָ, וואָס וועט פאַר זיי אין די נאָענטסטע טעג געשאַפן ווערן.

פינפטער קאפיטל

דאָס לעבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ ביז דער שחיטה פון 5־טן פעברואַר 1943

געטאָ!

די באַשטעטיקונג פון די קלאַנגען האָבן אויף זיך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. דער יידן־ראַט האָט באַקומען אַ מעלדונג, אַז פאַר די ביאַליסטאָקער יידן איז באַשטימט געוואָרן אַ געטאָ אין נישט־יידישן ראַיאָן און אַז פאַר יעדן געטאָ־איינוואוינער איז באַשטימט געוואָרן אַ וואוין־שטח פון דריי קוואַדראַט־מעטער. דער לעצטער טערמין, ווען די געטאָ וועט ווערן אָפּגעשלאָסן, איז דער 1־טער אויגוסט 1941.

דער יידן־ראַט האָט מודיע געווען דער יידישער באַפעלקערונג וועגן דער נייער געטאָ־גזירה און גלייכצייטיק געמאָלדן, אַז ווער עס האָט קרובים אין באַשטימטן געטאָ־ראַיאָן זאָל זיך באַמיען איינצור־אָרדנען ביי זיי. די, וועלכע וועלן זיך אַליין קיין דירות נישט קאָנען איינשאַפן, וועלן פונם ספּעציעל באַשטימטן דירות־אַמט באַקומען די צאָל צוגעטיילטע מעטערס פאַר זייערע פאַמיליעס.

נאָכדעם ווי ס'איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז די געטאָ איז אַ פאַקט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעניש צו קרובים און באַ־קאַנטע צו זוכן אַ שטיקל פּלאַץ פאַר זיך און די פאַמיליעס. נעבעכדיקע גוטע פריינד שלאָגן זיך שוין איצט פאַר אַ צוועלף־מעטערדיקן צימערל, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער וואוין־אָרט פון אַ פיר־קעפּיקער פאַמי־ליע. אַנדערע זענען געלאָפן צו פּאָליאַקן, וועלכע האָבן באַוואוינט יענעם ראַיאָן, און פאַרגעלייגט זיי שיינע פינף־צימערדיקע וואוינונגען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פאַר אַ קליינער באַטקעלע אָן וועלכע ס'איז באַקוועמלעכקייטן (אפילו אָן וואַסער). אויף אַזאַ אופן האָט מען מיט פיל מי און אָנשטרענגונג קוים זיך איינגעשאַפט די געטאָ־וואוינונגען.

קארטע פון ביאליסטאק



די געטאָ



1. יידן־ראַט; 2. יידן־ראַט־גערטנער; 3. געטאָ־מאַרק; 4. געטאָ־טויער אויף יוראָווצער גאַס; 5. געטאָ־טויער אויף גומיענער גאַס; 6. געטאָ־טויער אויף טשיסטע גאַס; 7. העלדישער טויט פון י. מאַלמעד; 8. מאַסן־עקזעקוציע נאָך י. מאַלמעדס טאַט; 9. געטאָ־בית־עולם; 10. קליינע געטאָ.

די געטאָ איז באַשטאַנען פון די גאַסן: ראָזענבערגס געסל, פּאָלנע, ניי־וועלט, ביעלאָסטאָטשאַנער, יוראָווצער, קופּיעצקע, זאַמענהאָף, געל־דאָווע, פאַבריק־גאַס, טשעפּלע, טשיסטע, טשענסטאָכאָווער, שלאַ־בעצקע, „לינת־הצדק"־גאַס, יידן־גאַס, נאָוואָגרודזקע, כמיעלנע און אַלע ביי־ליגנדיקע געסלעך, וועלכע זענען געווען אינם דערמאָנטן ראַיאָן.

פון די ביז איצטיקע, זייט צענדליקער יאָרן איינגעזעסענע, איי־גענע הייזער און גוט־איינגעאָרדנטע וואוינונגען האָט מען שבת, דעם 24־טן יולי 1941, זיך אָנגעהויבן אַריבערטראָגן אין געטאָ. די, וועלכע האָבן נאָך די עטלעכע מעטערס וואוין־שטח נישט געפונען, וואַרפן דערוויל אַרויין זייערע זאַכן צו באַקאַנטע יידן, וואָס וואוינען אינם דערמאָנטן ראַיאָן פון פריער. מ'האָט זיך געשראָקן, אַז די געשטאַפּאָ־גזלנים זאָלן באַשטימען נאָר איין טאָג אויף אַריבערצוקלייבן זיך און אויף אַזאַ אופן צווינגען די יידן איבערצולאָזן זייער ביסל אָרעמ־קייט אויף יענער זייט געטאָ.

זונטיק, דעם 25־טן יולי 1941, האָט די גאַנצע יידישע באַפעל־קערונג, אין גרויס איילעניש, זיך גענומען אַריבערטראָגן אין געטאָ. קיין פורן זענען נישט געווען. דער גליקלעכער, וואָס פלעגט, נאָך פיל אָנשטרענגונגען, קריגן ערגעץ אַ פור, האָט געדאַרפט פאַר איר באַצאָלן מיט אַ העלפט פון די זאַכן, וואָס זענען אויף איר געלעגן.

כמעט אַלע האָבן דעריבער געשלעפּט די שווערע פּעק אויף זייערע שוואַכע אויסגעמאַטערטע פּלייצעס. די הויפּט־טרעגער זענען געווען פרויען מיט קינדער. ס'רוב פון זייערע מענער און טאַטעס זענען פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויסער שול אָדער פאַרפאַלן געוואָרן מיט די „שבתדיקע". די, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן, האָבן זיך נישט געטאָרט באַווייזן אויפן גאַס, ווייל די נאַצי־רוצחים פלעגן זיי גלייך כאַפּן אויף אַרבעט און דאָס האָט באַטייט אַ טאָג שווערע פייניקונגען און נישט זעלטן — דער טויט.

צוליב די אָנגעוויזענע סיבות זענען כמעט אַלע טרעגערס געווען פרויען און קינדער. דער הפקרדיקער מצב, אין וועלכן יידן האָבן זיך דאַן געפונען, איז אויסגענוצט געוואָרן דורך די פּוילישע כוליגאַנעס. זיי פלעגן באַפאַלן די אויסגעמאַטערטע פרויען מיט די שוואַכע קינ־דערלעך, אַוועקרויבנדיק אַלע זאַכן, וואָס זענען דורך זיי געטראָגן געוואָרן. עס פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס: יידישע

קינדערלעך מאַטערן זיך אונטער דער לאַסט פון א שווערן פּאַק און ווען זיי פּרואוון זיך א ביסל אָפּרוען, אַראָפּנעמענדיק אויף א פּאָר סעקונדן דעם פּאַק פון זייערע יונגינקע פּלייצעלעך, ווערן זיי באַפאַלן פון א באַנדע פּוילישע כוליגאַנעס, וואָס רייסן אוועק דעם פּאַק. ווען אַנדערע, דרייסטערע, פּרוואוון זיך אַנטקעגנשטעלן, וואַקסן גלייך אויס א פּאָר נאַצי־גזלנים און נעמען די כוליגאַנעס אונטער זייער שוץ. באַגאָסענע מיט בלוטיקע טרערן, פאַלן די דרייסטע יידישע יינגלעך אריין קוים לעבעדיקע אין געטאָ.

ארום די אריינגענג צו די געטאָ־גאַסן זענען געשטאַנען גרעסערע גרופּעס נאַצי־בעסטיעס און חוזק געמאַכט פון די לאַנגע קאַראַוואַנען פאַרחושכטע יידישע פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך געמאַטערט אונטער דער לאַסט פון די שווערע פּעק, וועלכע זיי האָבן געשלעפּט. די נאַצי־באַנדיטן האָבן פון דעם גלות־מאַרש געמאַכט פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס. א גאַנצע וואָך האָט געדויערט די דאָזיקע טרויעריקע איי־בערוואַנדערונג און יעדן טאָג האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלביקע האַרצרייסנדיקע בילדער.

דער אויסזען פון געטאָ איז געווען א שוידערלעכער. א סך פאַ־מיליעס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער גאַס. דער עיקר די, וועלכע האָבן זיך בעת דער גרויסער שריפה האַלב־נאַקעטע קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון זייערע ברענענדיקע הייזער.

נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אָנשטרענגונגען, איז דעם אויף גיך געשאַפענעם אמט צו באַזאָרגן די ביאַליסטאָקער יידן מיט א וואוין־שטח, נישט געלונגען אין די ערשטע טעג צו באַזאָרגן מיט א דאַך איבערן קאָפּ די העכער פופציק טויזנט יידישע איינוואוינער.

געטאָ־בית־עולם

באַלד פון די ערשטע טעג איז אָפּגעטיילט געוואָרן א פּלאַץ פאַרן געטאָ־בית־עולם, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן, זשאַביער בית־עולם, וואָס האָט זיך געפונען הינטער קאַטאָקס מיל אויף פּאָלנע גאַס.

די „קאָלכאָזן"

נאָכן אָפּוואַלגערן זיך עטלעכע טעג אונטערן פרייען הימל, זע־נען די דאַכלאָזע איינגעאָרדנט געוואָרן אין עטלעכע גרעסערע ליידיקע פאַבריק־לאָקאַלן און שולן, וואו ס׳האָבן זיך צוזאַמענגעשפּאַרט עט־לעכע הונדערט פאַמיליעס. נעבעכדיקע באַמיטלטע און רייכע יידן זענען דערפירט געוואָרן צו זייער א טרויעריקן מצב.

ס׳איז שווער זיך פאָרצושטעלן דעם געצוואונגענעם צוזאַמענלעבן אין די לאָקאַלן. קולות, געשרייען און קריגערייען איז שטענדיק געווען אין דער לופט. צוליב קלייניקייטן זענען אויך אויסגעבראָכן געשלעגן. קיין קאָך־פּליטעס האָבן זיך אין די געמיינזאַמע דירות נישט געפונען, זענען די איינוואוינער געווען געצוואונגען אָפּצוקאָכן די ביסל שיטערע זופּ אויפן גאַס. ווען מ׳פלעגט פאַרבייגיין די „קאָלכאָזן“, ווי די געטאָ האָט זיי שפּעטער גערופן, האָט דאָס בילד מיט די צענדליקער אויפגעלייגטע פייערן, דער שמוץ, וואָס איז אַרום געלעגן, און די געשרייען, וואָס האָבן זיך פון דאָרטן געטראָגן, איבערגעלאָזט זייער אַ שווערן און פּיינלעכן רושם.

אין ערשטן האַלבן יאָר זענען די „קאָלכאָזן“ געווען די ערשטע אַריבערצוטראָגן די שווערע גזירות, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויפן געטאָ.

צום סוף פון ערשטן געטאָ־יאָר איז אין די „קאָלכאָזן“ שוין כמעט קיינער נישט געווען. זייערע איינוואוינער זענען געווען פון די ערשטע אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין פּרוזשאַנע. אַ טייל זענען נעלם געוואָרן און מ׳האָט נישט געוואוסט וואו זיי זענען אַהינגעקומען. אַ קליינע צאָל איז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין מער מענטשלעכע וואוינונגען.

דער געטאָ־פּאַרקאַן

פרייטיק, דעם 31־טן יולי 1941, זענען אַלע ביאַליסטאָקער יידן שוין געווען אין געטאָ. אין פאַרלויף פון דאָזיקן טאָג האָבן זיי נאָך געדאַרפט אויסבויען אַרום גאַנצן געטאָ־שטח אַ הילצערנעם פּאַרקאַן פון דריי מעטער די הויך. אַלט און יונג האָבן אָנטיילגענומען אין דער אַרבעט. ס׳איז געווען פּונקט ווי ביי פּרעה אין מצרים: מ׳האָט געמוזט אַליין שאַפן ברעטער, קלעצער, טשוועקעס און אַלע נויטיקע געצייג. יעדע גאַס האָט געטראָגן די אחריות פאַרן שטיקל פּאַרקאַן, וואָס זי האָט געדאַרפט אויסבויען. די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט. איין גאַס האָט זיך געשלאָגן מיט דער צווייטער פאַר אַ שטיקל ברעט אָדער אַביסל טשוועקעס. און דאָך איז דער פּאַרקאַן פרייטיק אין אָוונט נישט פאַרטיק געוואָרן. די געשטאַפּאָ האָט באַוויליקט צו פאַרלענגערן די בויאונג אויפן שבתדיקן טאָג. די אַרבעט איז געטריבן געוואָרן אויף דער העכסטער פּאַרע. ערשט שפּעט ביי נאַכט איז קוים געלונגען דעם געטאָ־פּאַרקאַן צו פאַרענדיקן.

די טויערן פון דער געטאָ

זונטיק, דעם 2־טן אויגוסט 1941, איז געווען דער ערשטער טאָג פון דער אָפּגעשלאָסענער ביאַליסטאָקער געטאָ. דער אַריין און אַרויס איז געווען דורך צוויי טויערן: איינער אויף עק יוראָווצער־שענקעוויטשאַ און דער צווייטער — אויף עק קופּיעצקע־פּילסודסקעגאָ (געוו. ליפּאָווע). אַ היפּשע צייט שפּעטער איז דער טויער אויף קופּיעצקע גאַס פאַרמאַכט געוואָרן און ס'איז געעפנט געוואָרן אַ טויער אויף טשיסטע גאַס, נישט ווייט פון די באַן־ליניעס. ביי יעדן טויער זענען געשטאַנען צוויי געשטאַפּאָ־וועכטער און צוויי פון דער יידישער אָרדנונגס־דינסט, וועלכע האָבן נישט זעלטן צוגעלייגט אַ האַנט אין העלפן באַרויבן זייערע פאַרחושכטע ברידער.

מען גרייט אָן שפּייז — אַנדערע הונגערן שוין

אין פאַרלויף פון דער וואָך, וואָס מ'האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין געטאָ, האָט מען געזוכט אָנצוגרייטן זיך אַביסל שפּייז. אַ גוטן אָנזאָג אָדער אַנדערע ווערטפולע זאַכן פלעגט מען אָפּגעבן פאַר עטלעכע קילאָ ברויט אָדער אַביסל קאַרטאָפל. ס'זענען אָבער אויך געווען אַ סך פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרקויפן, איבערהויפּט די, וועלכע האָבן זיך קוים מיטן לעבן געראַטעוועט פון זייערע ברענענדיקע הייזער. די דאָזיקע פאַמיליעס האָבן געליטן הונגער אין פולן זינען פונם דאָזיקן וואָרט.

די אַריבער פופציק־טויזנט־קעפּיקע יידישע ביאַליסטאָק איז אַריינגעטריבן געוואָרן אין געטאָ און אָפּגעשלאָסן געוואָרן פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, במילא אויך פון דער מעגלעכקייט צו באַקומען שפּייז, מעדיצינישע מיטלען און בכלל אַלע נויטיקע זאַכן, וואָס אַ לעבעדיקער מענטש דאַרף האָבן. ווען מען נעמט נאָך אין אַכט, אַז פאַר די 22 חדשים פון די סאָוויעטן, זענען אין ביאַליסטאָק ליקווידירט געוואָרן אַלע פּילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און אַז אין געטאָ איז נישט געווען נישט קיין שפּיטאָל, נישט קיין אַפּטייק און זייער אַ קליינע צאָל פאַבריקן, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ שווערע פּראָבלעמען עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן פאַרן יידנראַט. אָבער נויט ברעכט אייזן. מיט זיינע זייער שוואַכע מיטלען האָט ער אָנגעהויבן בויען אַלץ פון דאָס ניי.

דער יידן־ראַט ביי דער אַרבעט

א. אַפּראָוויזאַציע־אַמט

ס'איז געשאַפן געוואָרן אַן אַפּראָוויזאַציע־אַמט אונטערן אָנפיר פון יעקב גאָלדבערג, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו באַזאָרגן די געטאָ מיט קאַרטן־ברויט, וואָס איז באַשטאַנען פון 17 מיט א האַלבן דעקאַ פּראָ קאָפּ טעגלעך (די אַריער האָבן באַקומען 35 דעקאַ) און אַנדערע קליינִיקייטן, וואָס די נאַציס האָבן צוגעוואָרפן די געטאָ־יידן. אָבער אויף אַרויסצוקריגן אַט די דערמאָנטע הונגער־פּאַרציע איז אָנגעווענדט געוואָרן זייער פיל מי און ענערגיע. מען מוז אָנערקענען, אַז גאָלדבערג איז געווען דער פּאַסיקער מענטש פאַרן דאָזיקן אַמט.

ב. וואוינונגס־אַמט

אין שייכות מיט דעם, וואָס די סאָוועטישע נאַציאָנאַליזאַציע פון די הייזער אין ביאַליסטאָק איז פאַרבליבן גילטיק אויך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט דער יידן־ראַט געשאַפן א וואוינונגס־אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו פאַרוואַלטן מיט די הייזער פון געטאָ און איינקאַסירן דאָס דירה־געלט. אַלס אָנפירער פון דעם דאָזיקן אַמט איז באַשטימט געוואָרן משה שוויף. צוליב דעם, וואָס א געוויסע צאָל יידן האָבן פאַרנומען גרעסערע וואוינונגען, ווי ס'איז זיי געקומען, און אַנדערע זענען ממש דערשטיקט געוואָרן פון ענגשאַפט, איז די געטאָ מיט דער טעטיקייט פון אָנפירער פונם וואוינונגס־אַמט געווען זייער נישט צופרידן.

משה שוויף

ביים דערמאָנטן אַמט האָבן ביזן 16־טן אויגוסט 1943 (נאָך דער דאָזיקער ראַטע האָבן זיי געטיילט דעם טראַגישן גורל פון גאַנצן יידנטום) געאַרבעט אַלס הויז־פאַרוואַלטערס די דריי פּאָפּולערע ביאַליס־

טאָקער יידן: משה ווּיסאָצקי, אהרן אַלבעק און אשר טרזשאַנאָוויטש.

משה ווּיסאָצקי (געוו. פירער פון די קליינהענדלער אין פוילן, פאָרזיצער פון ביאַליסטאָקער קליינהענדלער־פאַראיין און רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער „ביאַליסטאָקער שטימע"), נישט געקוקט דער־רויף, וואָס אין די לעצטע חדשים האָט ער פאַרנומען דעם אַמט אַלס אויפזעער אין אַ בעקעריי, האָט דאָך געלעבט אין גרויס דחקות. ער איז געווען זייער פעסימיסטיש געשטימט און געהאַלטן, אַז דאָס ביאַ־ליסטאָקער יידנטום וועט דעם גיהנום נישט אויסהאַלטן. ער האָט גע־שריבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דעם פאַרלויף פון די קריגס־אָפּעַ־ראַציעס, וואָס ער פלעגט פאַר מיר לייענען ביי אונדזערע וועכנטלעכע שבתדיקע צוזאַמענטרעפן. וואו דער כתב־יד איז אַהינגעקומען ווייסט מען נישט.

אהרן אַלבעק

אהרן אַלבעק (געוו. אַרויסגע־בער פון „דאָס נייע לעבן") האָט איבערגעלעבט אַ שווערע טראַגע־דיע: די נאַצי־רוצחים האָבן פון יענער זייט געטאָ אַריינגעשאָסן אין פענצטער פון זיין ברודערס וואוי־נונג און דערהרגעט אויפן אָרט דעם ברודערס איינציקע טאָכטער. דאָס האָט אויף אַלבעקן געמאַכט זייער אַ שווערן רושם און אים אינגאַנצן נידערגעשלאָגן.

אשר טרזשאַנאָוויטש (געוו. רעדאַקטאָר פון „ביאַליסטאָקער יידי־שער קוריער"), האָט זיך אויך זייער געמאַטערט און איז געווען נאָך אַ גרעסערער פעסימיסט פון ווּיסאָצקין. ער האָט געשריבן אַ טאָג־בוך פון די געטאָ־געשעענישן. אויך זיינע מאַטעריאַלן ווייסט מען נישט וואו זיי זענען אַהינגעקומען.

ג. פינאַנס־אַמט

אין שייכות מיטן אָפּגעזונדערטן געטאָ־לעבן, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פינאַנס־אַמט. אַלס אָנפירער איז באַשטימט געוואָרן דוב

סובאָטניק און אַלס זיין פּאַרטרעטער — טיקטין (געוו. אייגנטימער פון אַ עקספּעדיציע־ביוראָ). צום דערמאָנטן אַמט פלעגן אַריינפליסן אַלע געטאָ־הכנסות. אַז עס האָבן אויסגעפעלט מיטלען אויף שכירות פאַר די יידן־ראַט־באַאַמטע און אויף מתנות פאַר די פאַרשידענע נאַצי־גדולים (דאָס פלעגט אַריינטרייבן אין ריזיקע געלט־סומעס), האָט דער פינאַנס־אַמט אַרויפגעלייגט גרעסערע סומעס צוואַנג־שטייער אויף רייכערע יידן. היות ווי די דאָזיקע יידן האָבן מיטן גוטן ווילן נישט געוואָלט געבן, פלעגן זיי, אויפן פאַרשלאַג פון דערמאָנטן אַמט, אַרעסטירט ווערן דורך דער יידישער אָרדנונגס־דינסט. נאָכן אָפּזיצן אַ נאַכט אָדער צוויי אין געטאָ־תפיסה, האָבן זיי די געפאָדערטע סומע אַריינגעטראָגן. עס זענען אויך געווען שווערע בעלי־דברים, וועלכע עס פלעגט געלינגען עפּעס אָפּצודינגען.

אשר טרושאַנאָוויטש

פאַרשטייט זיך, אַז די אָנפירער פון דאָזיקן אַמט האָבן זיך געשאַפן זייער אַ סך שונאים.

דוב סובאָטניק

ד. אינדוסטרי־אַמט

די נאַצי־הערשער האָבן געפאָדערט פון די יידן, אַז מענער פון 15 ביז 60 יאָר און פרויען פון 17 ביז 50 יאָר מוזן אַרבעטן פאַר מלחמה־צוועקן. צווישן די דאָזיקע יידן איז געווען אַ גאַנץ היפּשע צאָל, וועלכע האָבן איבערהויפּט נישט געקענט גיין טאָן די שקלאַפן־אַרבעט אויסערן געטאָ. דער יידן־ראַט האָט דעריבער באַשלאָסן צו שאַפן אַן אינדוסטרי־אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס'זאָל זיין צו גרינדן פאַבריקן אין געטאָ, וואו די דאָזיקע יידן וועלן קאָנען אַרבעטן. דער

אינדוסטרי־אַמט האָט אויך געדאַרפט באַזאָרגן פאַר די אויפגעבויטע פאַבריקן די נויטיקע מאַשינעס. אין די געגעבענע באַדינגונגען איז דאָס געווען זייער א שווערע פּראָבלעם. די מאַשינעס האָט מען געדאַרפט צונויפזאַמלען ביי דער שוין אַזוי אויך געגנוג רואינירטער יידישער באַפעלקערונג.

נאָכן איבערקומען גרויסע שוועריקייטן און גובר זיין א סך שטערונגען, איז דעם יידן־ראַט געלונגען אין א גאַנץ גיכן טעמפּ אויפצובויען די פאַבריקן. דער געדאַנק איז געווען צו באַשעפטיקן וואָס מער יידן אין געטאָ און אויף אַזא אופן אפשר אָפּראַטעווען זיי פון דער דראָענדיקער טויט־סכנה. דער דערמאָנטער אַמט איז אָנגעפירט געוואָרן דורכן ה׳ לימאַן, וועלכער האָט ביי דער אָרגאַניזירונג פון די פאַבריקן אַרויסגעוויזן זייער פיל ענערגיע. צווישן די, ביי וועמען מ׳האָט צוגענומען די מאַשינען, האָט ער געקראָגן א היפשע צאָל שונאים.

ה. בוי־אַמט

אין שייכות מיטן אָנגענומענעם בוי־פּלאַן, איז באַשטימט געוואָרן א בוי־אַמט בראש מיט אינזש. מיכל זאַבלודאָווסקי. אין זיין רשות זענען געשטאַנען די יידישע בוי־אַרבעטער פון געטאָ, וועלכע האָבן דורכגעפירט אַלע נויטיקע רעמאָנטן. אויף קופּיעצקע גאַס, האַרט ביי דער ביאַלקע, איז דורך דעם דערמאָנטן אַמט אויפגעבויט געוואָרן א באָד, וואָס איז געווען די איינציקע אין געטאָ און אין וועלכער די ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט.

ו.ווירטשאַפט־אַמט

אונטער דער אָנפירונג פון אבע פורמאַן האָט דער יידן־ראַט געשאַפן א ווירטשאַפט־אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען צו באַזאָרגן די געטאָ־יידן מיט ביליקע מלבושים. די גאָר אָרעמע פלעגן די מלבושים באַקומען אינגאַנצן אומזיסט.

ז. צוויי אַרבעטס־אַמטן

אויף דער פאָדערונג פון די נאַצי־הערשער האָט געמוזט געשאַפן ווערן א יידישער אַרבעטס־אַמט, וועמענס אויפגאַבע ס׳איז געווען דורכצופירן א רעגיסטראַציע פון אַלע געטאָ־יידן לויט די פאַכן און זיין שטענדיק גרייט צו דערפילן די פאָדערונגען פון דייטשן אַרבעטס־אַמט.

דער דערמאָנטער אמט, מוז מען מודה זיין, איז געווען איינער פון די שווערסטע. די פאָדערונגען פון די נאַצי־הערשער אויף שקלאַפן־אַרבעטער זענען שטענדיק געווען גרעסערע, ווי די געטאָ האָט גע־קענט דערפילן. אָבער היות דאָס נישט באַפרידיקן זייערע פאָדערונגען האָט גלייך געבראַכט שווערע גזירות, פלעגן דעריבער זייער אָפט געגומען ווערן אויף אַרבעט אַזעלכע יידן, וואָס האָבן שוין פשוט קיין טריט נישט געקענט שטעלן, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין געטאָ. אַרום דעם אָנגעווייטיקטן ענין זענען פאַר־געקומען די גרעסטע אינצידענטן און מחלוקתן. ס'רוב פון דער אַר־בעטערשאַפט זענען געוואָרן די בלוטיקסטע שונאים פונם אַרבעטס־אַמט מיט זיינע אָנפירערס.

ס'דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז דער אַרבעטס־אַמט איז שפּעטער צעטיילט געוואָרן אויף צוויי באַזונדערע אַמטן. איינער האָט געדינט די אינטערעסן פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אין געטאָ, דער צווייטער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן דייטשן אַרבעטס־אַמט און געדינט די אינטערעסן פון די, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ.

שמואל פּאָלאָנסקי

מיטן ערשטן אַרבעטס־אַמט האָט אין פאַרלויף פון די צוויי פינצטערע געטאָ־יאָרן אָנגעפירט שמואל פּאָלאָנ־סקי, צו וועלכן די געטאָ־אַרבעטער האָבן קיין גאַנץ גרויסע פּרעטענזיעס נישט געהאַט.

גאַנץ אַנדערש האָט אָבער אויסגעזען די לאַגע אין צווייטן אַרבעטס־אַמט. די אַרבעטער פון אויסערן געטאָ פלעגן זיך זייער אָפט קלאָגן פאַרן אינזש. באַראַש, אַז די אָנפירער פון דעם דאָזיקן אַמט באַהאַנדלען זיי זייער ברוטאַל, זענען טאַקע דורכן אינזש. באַראַש די פירער פונם אויסערן־געטאָ אַרבעטס־אַמט דעריבער דריי מאָל געביטן געוואָרן.

ח. סאָציאַלע הילף

דער יידן־ראַט איז אויך צוגעטראָטן אויפצובויען די סאָציאַלע

און פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. אַלס אָנפירער זענען באַשטימט געוואָרן: מרדכי כמעלניק, מאָטל רובינשטיין און חנן אפרת.

אונטערן אָנפיר פון מרדכי כמעלניק האָט געאַרבעט אַ קאָמיסיע, וואָס פלעגט אַרויסגעבן הילף אין מזומן פאַר היפּשע עטלעכע הונדערט שטאַרק־נויטבאַדערפטיקע יידן.

ט. געזונטהייטס־אָמט

ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ געזונטהייטס־אָמט אונטערן אָנפיר פון ד"ר קאַצענעלסאָן, וועמענס אויפגאַבע ס'איז געווען צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, כדי די געטאָ־יידן זאָלן קריגן מעדיצינישע הילף פאַר צוגענגלעכע פּרייזן. אָרעמע האָבן געקראָגן מעדיצינישע הילף אינגאַנצן אומזיסט.

ד"ר מ. קאַצענעלסאָן

דער דערמאָנטער אָמט האָט אַ דאַנק זיין ענערגישן אָנפירער זייער פיל געהאָלפן די קראַנקע. ס'האָט זיך געפילט, אַז אַ פּראַקטישע און איבערגעגעבענע האַנט פירט אָן מיטן געזונטהייט־וועזן.

אין משך פון אַ קורצער צייט איז אויסגעבויט געוואָרן אין דער געוועזענער געביידע פון „טאָז" אַ שפּיטאָל. עס זענען געעפנט געוואָרן צוויי אַפּטייקן, איינע אויף קופּיעצקע גאַס און די צווייטע אין „לינת־הצדק". אין „לינת־הצדק" איז אויך איינגעאָרדנט געוואָרן אַן אַמבולאַטאָריע, אין וועלכער ס'האָבן אַ גאַנצן טאָג געאַרבעט די מערהייט דאָקטוירים פון געטאָ. די באַהאַנדלונג איז דאָרט געווען אַ בחינמדיקע. אויך די אַפּטייקן האָבן פאַר די רפואות גענומען צוטריטלעכע פּרייזן און די גאָר אָרעמע פלעגן גאַנץ אָפט באַקומען די רפואות אומזיסט.

פאַרן לייטער פון שפּיטאָל איז באַשטימט געוואָרן דער באַוואוסטער וואַרשעווער כירורג, דאָקטאָר גורוויטש; זיין האַרץ האָט אָבער נישט געקענט איבערטראָגן די שרעקלעכע לאַגע, אין וועלכער

די יידן האָבן זיך צו יענער צייט געפונען. אַפּאַרבעטנדיק עטלעכע חדשים אין שפּיטאָל האָט ער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק, פון וואָס ער איז באַלד געשטאָרבן. אויף זיין לוויה, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן חשבון פון יידן־ראַט, איז געווען זייער אַ גרויסער עולם. דער חשובער נפטר רוט אויפן געטאָ־בית־עולם.

אויפן אָרט פון פּלוצלונג פאַרשטאָרבענעם דאָקטאָר גורוויטש איז באַשטימט געוואָרן דאָקטאָר נונבערג, וועלכער האָט געשמט אַלס איינער פון די בעסטע וואַרשעווער כירורגן. דעם דאָזיקן פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן האָט ער געהאַלטן ביז צו דער ליקווידירונג פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ.

דורכן יידן־ראַט איז פון דאָס ניי אויסגעבויט געוואָרן אַ יתומים־אַנשטאַלט אויף טשענסטאָכאָווער 7, וואו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן העכער הונדערט יתומים, פאַר וועלכע ס'איז אין יענע שווערע צייטן פיל געזאָרגט געוואָרן.

דער יידן־ראַט האָט אויך איינגעאָרדנט אַ מושב־זקנים, וואו ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן ביי זעכציק זקנים און זקנות, וועלכע מ'האָט זיך באַמיט צו דערהאַלטן ביים לעבן.

י. אָרדנונגס־דינסט

לויט אַ פאַראָרדנונג פון דער געשטאַפּאָ, איז אויך געשאַפן געוואָרן פאַרן געטאָ אַ יידישע אָרדנונגס־דינסט.

איסאַאַק מאַרקוס איז דורך דעם יידן־ראַט באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־דינסט; אַלס וויצע־קאָמענדאַנט איז באַשטימט געוואָרן וויקטאָר בובריק. אַ יאָר שפּעטער האָט דעם אַמט פאַרנומען משה בערמאַן (זון פון פאַרשטאָרבענעם באַרימטן כאָר־שול־דיריגענט).

די אָרדנונגס־דינסט איז באַשטאַנען פון העכער צוויי הונדערט פערזאָן, מערסטנטיילס פון די באַמיטלטע קלאַסן. ס'רוב פון זיי זענען געווען אָרנטלעכע מענטשן און האָבן נישט זעלטן איינגעשטעלט זייער אייגענעם לעבן לטובת הכלל; ס'זענען אָבער אויך געווען איינצלנע, וואָס זענען נישט ווערט געווען צו טראָגן דעם נאָמען מענטש און מ'האָט פון זיי זייער פיל געהאַט אויסצושטיין.

ס'איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף די דריי אָנפירנדיקע פערזאָנען פון דער אָרדנונגס־דינסט.

איסאַק מאַרקוס, קאָמענדאַנט פון דער אָרדנונגס־דינסט, האָט זיך אויף זיין אַמט אַרויסגעוויזן אַלס ייד מיט אַן אויפריכטיק יידיש האַרץ. ער האָט כמעט שטענדיק געהאַנדלט מענטשלעך און יושרדיק און נישט אויסגענוצט זיין אַמט אַלס מקור רייך צו ווערן. ער האָט געלעבט ווי יעדער דורכשניטלעכער מיטלשטאַנד־ייד פון געטאָ.

איסאַק מאַרקוס

ס׳קענען אים כאַראַקטעריזירן די עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט פאַר אַ גרופּע ביאַליסטאָקער דרוקער־אַרבעטער, וואָס זענען, לויט אַן אויפפאָדערונג פון דער געשטאַפּאָ, אַרויסגענומען געוואָרן פון געטאָ און האָבן געדאַרפט אָפּגעשיקט ווערן קיין דייטשלאַנד אויף פאַך־אַרבעט: „גלויבט מיר, — האָט ער געזאָגט, — מיר איז געווען זייער נישט אָנגענעם אַרויסצורייסן אייך פון אייערע פאַמי־ליעס און איבערגעבן אין די הענט פון די גזלנים. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז איר האָט גרעסערע שאַנסן צו בלייבן לעבן, ווי איך". מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך געזעגנט מיט זיי און מכבד געווען יעדן איינעם אויפן וועג מיט אַ היפּשער צאָל גוטע פּאַפּיראָסן.

פאַרן אָפּפאָרן איז אויפן וואָקזאַל געקומען צו לויפן אַ יידישער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט פאַרטיילט יעדן איינעם צו 200 מאַרק און צו עטלעכע לעבלעך ברויט, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער יידן־ראַט אויפן וואונטש פון מאַרקוסן.

די גרופּע דרוקער־אַרבעטער איז באַשטאַנען פון פאָלגנדיקע זעקס פּערזאָן: ליב זיבערסקי (געוו. אייגנטימער פון גרויסן ראָוווערן־און ראַדיאָ־געשעפט אויף געלדאָווע גאַס), יחיאל פלאָץ און הערשל קאָזאַק (זעצערס און מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו „אונזער לעבן"), משה קאָזאַק (זעצער), נחום זאַקשעווסקי (דרוקער־אַרבעטער, זון פון בוכבינדער יצחק זאַקשעווסקי) און איזאַק סוקעניק (זון פון שפּינ־מייסטער סוקעניק).

אין דער לאָדזשער תפיסה, וואוהין מען האָט די גרופּע פאַר־שלעפּט, האָט מען זיי שטאַרק געפּייניקט. איין פרימאָרגן האָבן די

תפיסה־אויפזעער, — לאָדזשער פאָלקס־דייטשן, — זיי ארויסגע־פירט אויפן תפיסה־הויף און צוגעפירט הארט צו דער תליה. נאָכן אָפּוואַרטן העכער א שעה צייט אין טויט־שרעק ביי דער תליה, רופט אויס איינער פון די וועכטער: „ווער גייט דער ערשטער צו דער תליה?" מיט א הויכן און מוטיקן קול ענטפערט אַפּ יחיאל פּלאַץ: „איך בין דער עלטסטער און בין גרייט צו גיין דער ערשטער צו דער תליה", און ארויסגייענדיק פון דער ריי גייט ער צו מיט פעסטע טריט צו דער תליה. אָפּשפּילנדיק זייער טייוולאָנישע שפּיל, האָבן די פאָלקס־דייטשן זיך סאַדיסטיש פאַנאַנדערגעלאַכט און אונטער א האָגל פון קלעפּ אַריינגעטריבן צוריק זייערע קרבנות אין תפיסה.

כמעט די גאַנצע גרופּע געפינט זיך היינט צווישן די לעבעדיקע. איזאַק סוקעניק איז דערשאָסן געוואָרן דעם 16־טן יאַנואַר 1945, ווען ער איז געווען אין דער לעצטער סטאַדיע פון א שווערער טובערקו־לאָז־קראַנקהייט.

וויצע־קאָמענדאַנט וויקטאָר בובריק (זון פון געוו. לאַנגיאָריקן מאַגיסטראַט־שרייבער) האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן פּאַסיקן מענטשן אויפן פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט. ער האָט זייער פיל מענטשן געהאָלפן אין פאַרשידענע פאַלן און איבערגעלאָזן א גוטן נאָמען ביי די ביאַליסטאָקער יידן.

משה בערמאַן, וועלכער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון וויצע־קאָמענדאַנט נאָך בובריקס פרייוויליקער דעמיסיע, האָט זיך אַרויס־געוויזן אַלס זעלטענער מענטש און הארציקער ייד; ער איז געווען אַן אויפריכטיקער, אָרנטלעכער מענטש מיט ריינע הענט און א ריינעם געוויסן.

י"א. פייערלעשער־קאָמאַנדע

אין געטאָ איז אויך געשאַפן געוואָרן א פייערלעשער־קאָמאַנדע אונטער דער אָנפירונג פון מאַרקוס (ברודער פון אָרדנונגס־דינסט־קאָמענדאַנט). ביי דער קאָמאַנדע זענען געווען באַשעפטיקט עטלעכע צענדליק עלטערע יידישע פרייוויליקע פייערלעשער, וואָס האָבן גע־קענט אויסגעצייכנט זייער פאַך.

י"ב. קולטור־אַמט

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די געשטאַפּאָ האָט שטרענג פאַרבאָטן צו עפענען אין ביאַליסטאָקער געטאָ וועלכע עס איז לערן־

אנשטאַלטן, האָט דער יידן־ראַט אויף דעם פאַרבאָט עובר געווען, באַ־שליסנדיק צו שאַפן אַ קולטור־אַמט. זיין אויפגאַבע איז געווען ביי די געגעבענע באַדינגונגען צו עפענען עטלעכע שולן.

אין דער שפּיץ פון קולטור־אַמט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן, ביי דער נאָענטסטער מיטאַרבעט פון שימשל בראָטמאַכער (באַוואוסטער לערער פון די יידישע פאָלקס־שולן). נאָך פיל מי און אָנשטרענגונגען איז זיי געלונגען צו עפענען צוויי שולן. איינע האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון דער געוועזענער האַנדלס־גימנאַזיע אויף פאַבריטשנע 37, די צווייטע — אויף ניי־וועלט 22. אין די שולן האָט מען געלערנט אין דריי שיכטן, דאָס איז אָבער געווען אַ טראָפּן אין ים לגבי דער צאָל שולן, וואָס האָבן זיך געפאָדערט. ס׳רוב פון די יידישע קינדערלעך האָבן זיך געמוזט אַרומדרייען איבער די געטאָ־געסלעך, פילנדיק אין זייערע יונגינקע הערצעלעך די נירענבערגער געזעצן.

י״ג. יוסטיץ־אַמט

גלייכצייטיק מיט די אַלע געשאַפענע אַמטן, וואָס זענען אין יענער טרויעריקער צייט געווען אַ נויטווענדיקייט, איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ יוסטיץ־אַמט, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו באַ־האַנדלען אַלע עווענטועלע סיכסוכים, וואָס דאָס געטאָ־לעבן האָט מיט זיך געבראַכט. ביים דערמאָנטן אַמט האָבן געפונען באַשעפטי־קונג די עטלעכע נאָך דעמאָלט לעבן־געבליבענע אַדוואָקאַטן.

דער יידן־ראַט עפנט צוויי קיכן אין געטאָ

צוליב דער גרויסער נויט, וואָס עס האָט געהערשט אין געטאָ, זענען דורכן יידן־ראַט געעפנט געוואָרן צוויי קיכן, איינע אַן אַזוי גערופענע פאָלקס־קיך, וואו מ׳האָט געקראָגן פאַר גראָשנס אַ ליטער שיטערע וואַסער, וואָס האָט זיך גערופן „זופּ״, און די צווייטע — אַן אינטעליגענטן־קיך, וואָס האָט מיט איר עסן אפילו אַ דריי־יאָריק קינד נישט געקאָנט זאַט מאַכן. מ׳דאַרף אָבער נעמען אין אַכט די שווערע סיטואַציע, אין וועלכער דער יידן־ראַט האָט זיך דעמאָלט געפונען, און אָנערקענען, אַז ער האָט געטון אַלץ וואָס מעגלעך, כדי צו לינדערן כאָטש טיילווייז די שרעקלעכע נויט.

דער יידן־ראַט באַשעפטיקט שוין העכער 500 באַאַמטע

ביי די אינסטיטוציעס און אין די פֿאַרשידענע אַמטן האָט דער יידן־ראַט באַשעפטיקט העכער 500 באַאַמטע, וועמענס לוינען זענען געווען זייער קליינע. אָבער פון אַט די חוזק־שכירות האָבן זיך אין אַלגעמיינעם סך־הכל צוזאַמענגעשטעלט גאַנץ גרויסע סומעס. אויך דאָס געבן מתנות די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון די נאַצי־בעסטיעס, האָט וואָס ווייטער אַלץ מער אַריינגעטריבן אין גרעסערע געלט־סומעס. אַט די אַלע אויסגאַבן האָט מען געמוזט אַרויספּאָמפּען פון דער אויסגעמאַטערטער, אָרעמער געטאָ־קליאַטשע, וועלכע האָט געקרעכצט און געטראָגן די שווערע לאַסט.

יידישע אַדוואָקאַטן דאַרפֿן זיך מעלדן אין געשטאַפּאָ

די נאַצי־גזלנים האָבן נישט גערוט און יעדער נייער טאָג האָט געבראַכט מיט זיך פרישע גזירות און אומגליקן.

דאָנערשטיק, דעם 25־טן אויגוסט, 1941, האָט דער יידן־ראַט באַקומען אַן אויפֿפאָדערונג פון דער געשטאַפּאָ, אַז אַלע יידישע אַדוואָקאַטן זאָלן מאָרגן, פרייטיק, זיך מעלדן אין געשטאַפּאָ וועגן וויכטיקע אינפֿאָרמאַציעס.

די אויפֿפאָדערונג האָט אַרויסגערופן אַ צערודערונג ביי דער אינטעליגענץ און כמעט אַלע האָבן באַשלאָסן נישט צו מעלדן זיך פרייוויליק. די געשטאַפּאָ־באַנדיטן האָבן זיך, ווי ס׳ווייזט אויס, דער־וואוסט, אַז די אַרויסגערופענע וועלן נישט קומען. פרייטיק אין דער פרי איז שוין אַרומגעפאָרן איבערן געטאָ אַן אויטאָ מיט געשטאַפּאָ־באַנדיטן, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה פאַרשלעפּט 70 יידן, צווישן זיי ביי צען אַדוואָקאַטן. די פאַרשלעפּטע זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין געשטאַפּאָ־קעלער, וואָס האָט זיך געפונען אין אַסטראָוווסקים האָטעל אויף שענקעוויטש גאַס. פון דאָרטן האָט שוין קיינער צו זיין היים זיך נישט צוריקגעקערט.

ווי ס׳איז שפּעטער דורך אַן עד־ראיה איבערגעגעבן געוואָרן, זענען זיי אין געשטאַפּאָ־קעלער געפייניקט געוואָרן אויף די שוידער־לעכסטע אופנים. שוין כמעט האַלב־טויטע האָט מען זיי אַרויסגעפירט קיין נאָוואָשאַלקי, וואו נאַצישע מאַשין־געווער־קוילן האָבן געמאַכט אַ סוף צו זייערע יסורים.

צווישן די פאַרשלעפּטע זענען געווען אדוואָקאַט גלינקאַ און דער עלטערער זון פון אינזש. באַראַש.

די פּאָליאַקן שעכטן אויס די יידן פון דער ביאַליסטאָקער פּראָווינץ

אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איינצלנע אַנטלאָפענע פון די נאָענטע פּראָווינץ־שטעטלעך, ווי: טיקטין, טרעס־טינע און גראַיעווע, וועלכע האָבן איבערגעגעבן שוידערלעכע פאַקטן וועגן דעם, וואָס די פּאָליאַקן האָבן אָפּגעטון מיט די דאָרטיקע יידן. אין טרעסטינע האָבן זיי אַלע יידן אַריינגעטריבן אין גרויסע גריבער, וואו זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן. אין דער זעלבער צייט האָבן די טיקטינער פּאָליאַקן אויך נישט גערוט. זיי האָבן אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון שטעטל אויפן פרייען פעלד און מיטן צוגערויבטן גע־ווער פון די סאָוויעטן פאַרענדיקט זייערע לעבנס.

די גראַיעווער פּאָליאַקן זענען באַפאַלן כמעט אַלע יידישע הייזער פון גראַיעווע און ס׳רוב פון די דאָרטיקע יידן אויסגעמאָרדעט.

די יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך, אין וועלכע ס׳זענען נאָך קיין נאַצי־גזלנים בכלל נישט געווען, האָבן געשיקט דעלעגאַציעס אין די גרעסערע שטעט צו די אָרטיקע קאָמענדאַנטן, אַז מ׳זאָל זיך אויף זיי מרחם זיין און אַריינשיקן אין זייערע שטעטלעך נאַצי־וואַכליים, ווייל זיי ווערן אויסגעמאָרדעט פון די פּאָליאַקן. די „גוט־האַרציקע" נאַצי־קאָמענדאַנטן האָבן די בקשה באַפרידיקט. אויף אַזאַ אופן זענען נאַצי־גזלנים געוואָרן אויף אַ שטיקל צייט שומרים איבער די יידן, וועלכע די בלוטדורשטיקע פּאָליאַקן האָבן געוואָלט אויסשעכטן.

אַזוי האָט אויסגעזען די טרויעריקע לאַגע פון די ביאַליסטאָקער פּראָווינץ־שטעטלעך נאָכן אַריינמאַרש פון די נאַצי־רוצחים.

עס גרייט זיך דער ערשטער גירוש ביאַליסטאָק

ס׳האָבן אָנגעהויבן קורסירן קלאַנגען, אַז די נאַצי־גזלנים קלייבן זיך אַרויספירן פון ביאַליסטאָקער געטאָ אַ געוויסע צאָל יידן אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג. דער אויסרייד זאָל זיין, אַז צוליב דער ענגשאַפט אין געטאָ קאָנען אויסברעכן עפּידעמישע קראַנקהייטן.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די טרויעריקע קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר ריכטיק.

צוויי וואָכן פֿאַר ראש־השנה פֿון יאָר 1941, האָט דער יידן־ראַט באַקומען אַ מעלדונג פֿון דער געשטאַפּאָ, אַז צוועלף טויזנט יידן וועלן מוזן פֿאַרלאָזן די ביאַליסטאָקער געטאָ. זיי וועלן טראַנספּאָר־טירט ווערן מיט אויטאָס און דער יידן־ראַט וועט מוזן באַצאָלן פֿאַר דער איבערטראַנספּאָרטירונג. דערביי איז אויך אונטערגע־שטראָכן געוואָרן, אַז די אַרויסגעפֿירטע קאָנען מיטנעמען זייערע ווייבע זאַכן.

וועגן דער פֿרישער שווערער גזירה איז תיכּף צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַן עקסטרע באַראַטונג פֿון יידן־ראַט. די זיצונג האָט גע־דויערט גאַנץ לאַנג, ווייל מ'האָט געהאַט צו דערליידיקן אַ שווערן און פֿיינלעכן ענין. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם, ווער ס'דאַרף אַריין אין די צוועלף טויזנט יידן, וואָס מוזן פֿאַרלאָזן ביאַליסטאָק. דער יידן־ראַט און זיינע באַאַמטע פֿאַלן נישט אַרונטער דער גזירה. די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ, וועלכע זענען באַשטאַנען ס'רוב פֿון פֿאַלקס־מענטשן, וועלן אויך נישט דאַרפֿן פֿאַרלאָזן ביאַ־ליסטאָק. זענען געבליבן די, וואָס געפֿינען זיך אין געטאָ און אַרבעטן נישט.

נישט קענענדיק געפֿינען קיין באַפֿרידיקנדיקע לייזונג אין דער דאָזיקער שווערער פֿראַגע, זענען די יידן־ראַט־פֿאָרשטייער אַריבער אויף דער ליניע פֿון קלענסטן ווידערשטאַנד און האָבן באַשלאָסן, אַז די ערשטע זאָלן פֿאָרן די אָרעמע, נאָכדעם די, וואָס וואוינען אין אַלגעמיינע וואוינונגען (אַזוי גערופֿענע „קאָלכאָזן"), און פֿאַר די איבעריקע וועט מען אויפֿשטעלן ליסטעס לויטן אלף־בית.

ווי נאָר דער באַשלוס איז דערגאַנגען צו דער עפֿנטלעכקייט, האָבן די אַ. ג. „אַרבעטלאָזע" אָנגעהויבן זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי זיך אַריינצובאַקומען אין די רייען פֿון די „גליקלעכע", וועלכע וועלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן. יידישע פֿאַר־אַרבעטער, וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו באַקומען אַרבעט־שיינען פֿון אויסערן געטאָ פֿאַר גאַנץ קליינע סומעס — און נישט זעלטן אינגאַנצן אומ־זיסט — ביי זייערע דייטשע מייסטערס, האָבן פֿאַר אַזאַ שיין געריסן די הויט ביי זייערע אָרעמע ברידער, נעמענדיק פֿאַר אים פֿון 10 ביז 25 דאָלאַר. אין יענער טרויעריקער צייט איז עס געווען אַ ריזיקע סומע.

איינצלנע נישט־פאַראַנטוואָרטלעכע יידן־ראַט־באַאַמטע האָבן פאַרקויפט יידן־ראַט־שיינען און גענומען פאַר זיי נישט ווייניקער ווי די פאַר־אַרבעטער פון אויסערן געטאָ.

נישט אַלע האָבן אָבער געוואוסט, וואו מ׳דאַרף זיך ווענדן אין אַזעלכע דעליקאַטע ענינים, אָדער זיי האָבן בכלל נישט פאַרמאָגט די נויטיקע סומע. מ׳דאַרף גערעכענען, אַז דרייסיק פּראָצענט פון די ביאַ־ליסטאָקער יידן זענען צוליב דער ריזיקער שריפה ביים אַריינמאַרש פון די נאַצים געבליבן אפילו אָן אַ העמד אויפן לייב, טאָ פון וואַנען האָבן זיי געקענט האָבן אַ מעגלעכקייט צו שאַפן 25 דאָלאַר? זענען טאַקע אָט־אָ־די אומגליקלעכע געווען זייער פאַרביטערט אויף די יידן, וואָס האָבן געוואָלט רייך ווערן אויפן חשבון פון צווייטנס אומגליק. ס׳האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן און ס׳רוב פון זיי זענען טאַקע געווען די קרבנות פון ערשטן גירוש ביאַליסטאָק.

אויך די פרויען און קינדער פון די „שבתדיקע״, וואָס זענען גע־ווען אומבאַהאָלפן און אין גרויס נויט, האָבן פאַרנומען זייער אַ גרויסן אָרט צווישן די אַרויסגעשיקטע.

פון „וויזוואָלעניע״־פּלאַץ קיין פּרוזשאַנע...

פונקט ערב ראש־השנה פון יאָר 1941 האָבן אַ היפּשע צאָל ביאַליסטאָקער יידן באַקומען אויפפאָדערונגען פון יידן־ראַט, גע־בראַכט דורך דער יידישער אָרדנונגס־דינסט, אַז מאָרגן 8 פרי דאַרפן זיי זיך מיטן האַנט־געפּעק געפינען אויפן „וויזוואָלעניע״־פּלאַץ (געווע־זענער אָרט פון דער נייער רוסישער צערקווע), פון וואַנען זיי וועלן אָפּגעשיקט ווערן קיין פּרוזשאַנע.

קיינער האָט אָבער נישט געגלויבט, אַז די נאַצי־גזלנים וועלן זיי דערפירן לעבעדיקע, און אויב זיי וועלן שוין אָנקומען בשלום אויפן באַשטימטן פּלאַץ, זענען זיי אויך פון פאָראויס פאַרמשפּט אויף אַ הונגער־טויט. אין ביאַליסטאָק האָט מען נאָך פאַרט געפונען עפּעס וואָס צו פאַרקויפן פון דער באַלעבאַטישקייט, דאָ האָבן זיי אָבער געהאַט מיט זיך נאָר דאָס נויטיקסטע.

דער טרויער ביי די פאַמיליעס, וואָס האָבן די אויפפאָדערונגען דערהאַלטן, איז דעריבער געווען אַ שרעקלעכער.

מיטן ערשטן טראַנספּאָרט קיין פּרוזשאַנע האָט מען געפירט 500 יידן. פאַרן אַרויספאָרן האָט יעדער איינער באַקומען פון יידן־ראַט צו צוויי קילאָ ברויט. אַ פאָרשטייער פון יידן־ראַט האָט אויך

באגלייט דעם טראנספּאָרט ביז פּרושאַנע. אויף מאָרגן איז דער יידן־ראַט־באַגלייטער צוריקגעקומען און איבערגעגעבן פון די אַרויס־געפירטע זייער אַ טרויעריקן גרוס. די נאַצי־גזלנים האָבן כמעט אַלע ביי זיי צוגערויבט. די, וואָס האָבן זיך פּרובירט אַנטקעגנשטעלן, זע־נען מערדערליך צעשלאָגן געוואָרן און נישט איינעם פון זיי געמאַכט פאַר אייביקע קאַליקעס.

בליץ־שנעל איז די ידיעה פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן געטאָ. דער רושם, וואָס די ידיעה האָט געמאַכט, איז געווען אַ דער־דריקנדיקער. די פאַמיליעס, וועלכע פלעגן דערהאַלטן אַן אויפפאָדע־רונג זיך צוצושטעלן צום טראַנספּאָרט, האָבן עס אויפגענומען ווי אַן אַרויסגעטראָגענעם טויט־אורטייל. נישט איינער איז פון עגמת־נפש גלייך משוגע געוואָרן. ס'זענען אָבער אויך געווען דרייסטע, וועלכע פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן. די אָרדנונגס־דינסט איז געגאַנגען זוכן, אָבער בלויז די פאַרדאָרבענע פון זיי האָבן די געפונענע יידן געשלעפּט אויף כוח צום טראַנספּאָרט־פּונקט. אין אַלגעמיין האָט זיך איינגעגעבן צו באַהאַלטן אַ היפּשע צאָל יידן.

היות ווי צו דער באַשטימטער צאָל יידן, וואָס האָבן טעגלעך געדאַרפט אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן, האָבן אַ סך אויסגעפעלט, איז דער יידן־ראַט, אונטערן דרוק פון די געשטאַפּאָ־גזלנים, געווען גע־צוואונגען מיט דער הילף פון דער אָרדנונגס־דינסט כאַפּן יידן פון די גאַסן. אויך די דאָזיקע קרבנות זענען אין ס'רוב פאַלן געווען אָרעמע און אומבאַהאָלפענע.

העכער אַ וואָך האָט געדויערט דער טראַגישער גייעג אויף די ביאַליסטאָקער יידן און יעדן טאָג האָבן זיך איבערגעחזרט די זעלביקע האַרצרייסנדיקע סצענעס.

דער יידן־ראַט האָט אָנגעווענדעט אַלע מיטלען צו פאַרקלענערן די צאָל פּרושאַנער קרבנות, ביז ער האָט לסוף געפועלט, אַז די גזירה זאָל צייטווייליק אָפּגעשטעלט ווערן.

ערב סוכות האָט באַראַש געמאָלדן פאַר אַ גרויסן פאַרזאַמלטן עולם אויפן יידן־ראַט־הויף, אַז די פּרושאַנער גזירה איז פאַרלויפיק אָפּגעהאַלטן געוואָרן. די שמחה איז געווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט זיך פאַר פרייד געכאַפּט קושן.

לאַנג האָט אָבער די גוטע שטימונג נישט אָנגעהאַלטן. באַלד נאָך די ערשטע טעג סוכות זענען די אַרויסשיקונגען ווידער באַנייט געוואָרן.

נאָך לאַנגע און שווערע אונטערהאַנדלונגען, וואָס דער יידן־ראַט האָט ווידער אָנגעהויבן פירן, באַגלייט דורך ריזיקע געלט־ און זאַכן־מתנות פאַר די געשטאַפּאָ־גדולים, איז די יידן־ראַט־פאַרשטייער געלונגען „ווייכער" צו מאַכן די גזלנישע הערצער און זיי האָבן איינגעשטימט, אַז מיט די אַרויסגעשיקטע זעקס טויזנט יידן זאָל זיך פאַרענדיקן די פּרוזשאַנער „איבערזידלונגס"־אַקציע.

די פריילעכע ידיעה איז בליץ־שנעל פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן געטאָ. ס'רוב יידן האָבן אָבער צו דער ידיעה קיין גרויסן צוטרוי נישט געהאַט און דערוואַרט מיט שפּאַנונג דעם מאָרגנדיקן טאָג. אויף מאָרגן איז אָנגעקומען די אָפיציעלע דערקלערונג פון דער געשטאַפּאָ צום יידן־ראַט, אַז די „איבערזידלונג" וועט זיך מער נישט איבערחזרן און אַז די ביאַליסטאָקער יידן קאָנען רואיק ווייטער אַרבעטן אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס טרויעריקע בלעטל פּרוזשאַנע, וואָס האָט דערפירט זעקס טויזנט יידן צו שרעקלעכער אָרעמקייט.

דער געטאָ־שטח ווערט פאַרקלענערט

ס'זענען נאָך נישט אַרויס פון זכרון די בילדער פון טרויעריקן גירוש קיין פּרוזשאַנע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטערן אויס־רייד, אַז אין געטאָ איז צו ענג, ווי די געשטאַפּאָ איז אַרויס מיט אַ נייער גזירה און געמאָלדן, אַז דער געטאָ־שטח דאַרף פאַרקלענערט ווערן. דאָס האָט פון דאָס ניי געשאַפן אַ געדריקטע שטימונג צווישן די ביאַליסטאָקער יידן. קיינער האָט דאָך נישט געוואוסט, ווער עס וועט דאַרפן פאַרלאָזן זיין דירה און מאַכן אַ תל פון ביסל האָב און גוטס, פון וואָס ס'רוב ביאַליסטאָקער יידן האָבן נאָך געהאַט אויף אַ שטיקל ברויט. ס'האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, ווי די געטאָ איז דורך דער געשטאַפּאָ פאַרקלענערט געוואָרן. הונדערטער משפחות זענען ווידער רואינירט געוואָרן און די ענגשאַפט איז פאַרבליבן די זעלביקע ווי פאַרן גירוש.

יידן אַנטלויפן פון פּרוזשאַנע צוריק קיין ביאַליסטאָק

ס׳רוב פון די פאַרשיקטע קיין פּרוזשאַנע האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייטן ביי עפּעס וואָס זיך איינצואָרדנען און האָבן אין די ווינטער־חדשים זיך אוועקגעלאָזן אויפן שווערן ריזיקאַלישן וועג צוריק קיין ביאַליסטאָק. די רייכערע זענען געפאָרן מיט פורן, ווער ס׳האָט נישט געהאַט קיין געלט איז געגאַנגען צופוס. אין די גרעסטע פרעסט האָבן זיי זיך געשלעפּט איבער די וועגן, וואו זיי זענען באַפאַלן געוואָרן פון פּוילישע באַנדיטן, וועלכע פלעגן זיי איבערלאָזן האַלב־נאַקעטע, אפילו אָן די שיך. ווען זיי האָבן זיך שוין קוים מיטן לעבן דערשלעפּט צו דער ביאַליסטאָקער געטאָ, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה „כאבאר״, ווייל די געשטאַפּאָ־טויער־וואַך האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן. נישט זעלטן פלעגט די אומגליקלעכע אויסקומען צו דרייען זיך אויסערן געטאָ אַ טאָג אָדער צוויי, כדי אָנצוטרעפן אויף אַזאַ וואַך, וואָס זאָל דעם „כאבאר״ וועלן נעמען.

איינצלנע פלעגט געלינגען זיך דורכצושמוגלען מיט די יידישע אַרבעטער־קאָלאָנעס, וואָס פלעגן צוריקגיין פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

נאָכן אַריינקומען אין געטאָ פלעגן זיך ערשט אָנהויבן פאַר זיי פרישע צרות. היות ווי דער יידן־ראַט האָט נישט געטאָרט איינמעלדן אומלעגאַל אַריינגעקומענע יידן, זענען זיי געצוואונגען געווען צו וואוינען נישט איינגעמעלדענערהייט און במילא נישט געקענט באַקומען די שפּייז־קאַרטן און זיך געמוזט מאַטערן אין שרעק און אין הונגער. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן דעם ווייטערדיקן אַנטלויפן פון פּרוזשאַנע. פון 60 ביז 70 פּראָצענט פאַרשיקטע האָבן זיך אויף אַזאַ אופן צוריקגעקערט קיין ביאַליסטאָק.

ווי האָט אויסגעזען דאָס לעבן אין געטאָ אין ווינטער 1941־1942

דאָס לעבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אין ווינטער 1941־1942 געווען זייער שווער. יעדער אָנקומענדיקער טאָג האָט געבראַכט נייע גזירות און פרישע אומגליקן. ס׳איז כמעט נישט אַריבער קיין טאָג אין געטאָ אָן איבערפאַלן פון געשטאַפּאָ־באַנדיטן. איין טאָג האָבן זיי אַנטדעקט אויף יוראָווצער גאַס נומער 40 אַ געהיימען ראַדיאָ. דעם צענדליק אומשולדיקע קרבנות, וואָס זיי האָבן דעמאָלט

פאַרהאַלטן, האָבן זיי געמאַטערט עטלעכע טעג אין דער געשטאַפּאָ און שוין האַלב־טויטע זיי דערשאָסן. אַן אַנדערן טאָג האָבן זיי גע־כאַפּט עטלעכע קצבים ביים שעכטן אַ קו און אַוועקגעשלעפּט אין די אינקוויזיציע־קעלערן פון געשטאַפּאָ. דאָרטן האָט מען זיי אומ־מענטשלעך געפּייניקט און דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין תפיסה; נאָכן אָפּזיצן עטלעכע חדשים האָט מען זיי אַרויסגעפירט קיין נאָוואָ־שאָלקע, וואָס איז געוואָרן דער ברודער־קבר פון טויזנטער יידן.

די, וואָס זענען פאַרהאַלטן געוואָרן מיט אַביסל מעל, וואָס זיי האָבן געוואָלט אַריינפירן אין דער הונגעריקער געטאָ, זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין געשטאַפּאָ־קעלער און דאָרטן פאַרפּיי־ניקט געוואָרן צום טויט. פאַר אַזאַ חטא איז אויך אומגעקומען דער געוועזענער ליכט־פאַבריקאַנט נאָוויק (איידעם פון לעדער־פאַבריקאַנט זוסקע לעווין).

איינעם פון די נאַצי־וועכטערס איבער די יידישע פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דער באַן, האָט זיך פּלוצים פאַרגלוסט שיסן איבער די קעפּ פון די יידישע פרויען און אויף אַזאַ אופן דערשאָסן צוויי יונגע יידישע טעכטער, וועלכע זענען צוליבן הונגער, זואָס האָט געהערשט אין זייערע היימען, געצוואונגען געווען צו גיין אַר־בעטן צו די נאַצי־מערדערס.

אויסערן געטאָ האָבן יידן נישט געטאָרט גיין אויף די טראָטואַרן

אונטער דער דראָאונג פון שווערע שטראָפן, און נישט זעלטן אפילו פון דערשאָסן ווערן, האָבן יידן נישט געטאָרט גיין אויסערן געט־טאָ אויף די טראָטואַרן. זיי זענען דעריבער געגאַנגען צו און פון דער אַרבעט ביי די זייטן פון אַספאַלט אָדער אויף מיטן גאַס. אין די גרעסטע שנייען און גליטשן, מיט פולע שיך וואַסער, פלעגן זיך שלעפּן די פאַרחושכטע אַרבעטער־קאָמאַנדעס, אין וועלכע עס פלעגן נישט זעלטן, אַן שום וואָרנונג־סיגנאַלן, אַריינפאָרן מיט זייערע אויטאָס די נאַצי־שאָפערן, ברענגענדיק יעדעס מאָל צו עטלעכע קרבנות. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי צווישן אַנדערע שווער פאַרוואונדעט מאַקס זבאַרן (זון פון באַוואוסטן דרוקער־אייגנטימער שלמה זבאַר און ברודער פונם וויצע־פאָרזיצער פון „ביאַליסטאָקער צענטער" אין מעלבורן, אברהם זבאַר). אַ לענגערע צייט איז ער געלעגן אין געטאָ־שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז שוין אַרויסגעקומען אַ האַלב־צעבראָ־כענער.

יעדער טאָג פלעגט זיך פאַרענדיקן מיט שווערע אומגליקן, וועלכע האָבן ממש צעשרויפט די נערוון ביים גרעסטן טייל פון די ביאַליסטאָקער יידן. אויך דאָס, וואָס מערערע משפּחות פלעגן וואוינען אין איין וואוינונג, האָט דערפירט צו טאָג־טעגלעכע קריגערייען און נישט זעלטן אפילו צו געשלעגן צווישן נאָענטע.

דער גרויסער הונגער אין געטאָ אין ווינטער 1942־1941

אין ווינטער 1942־1941 האָט אין געטאָ געהערשט אַ גרויסער הונגער און אַ געוואַלטיקער יקרות אויף לעבנס־מיטל. דער אונטערשיד פון די פרייזן אין געטאָ און אויסערן געטאָ איז געווען פון צוויי ביז דריי הונדערט פּראָצענט. אין דער זעלביקער צייט זענען מלבושים אין געטאָ געווען בחצי־חינם. אָט די שווערע סיטואַציע האָט געצוואונגען וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ מערער יידן צו זוכן אַרבעט אויסערן געטאָ, כדי צו קומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט און אויף אַזאַ אופן האָבן די מעגלעכקייט איינצושאַפן פאַר זייערע זאַכן גרעסערע סכומים שפּייז־פּראָדוקטן, דורך וועלכע זיי האָבן געהאָפט לענגער צו דערהאַלטן ביים לעבן זיך מיט זייערע פאַמיליעס.

צוליב די דערמאָנטע סיבות האָבן ביים סוף פון דערמאָנטן ווינטער געאַרבעט אויסערן געטאָ קנאַפּע פינף טויזנט יידישע שקלאַפן.

דער יידן־ראַט בויט פאַבריקן

נישט געקוקט דערויף, וואָס אַ גרעסערע צאָל יידן האָבן שוין געאַרבעט אויסערן געטאָ, האָבן די ביאַליסטאָקער נאַצי־הערשער נישט געקאָנט פאַרטראָגן די היפּשע עטלעכע טויזנט עלטערע מענער און פרויען, וואָס מוזן, לויט זייער באַגריף, אויך ברענגען נוצן דעם היטלער־רעזשים. זיי האָבן דעריבער געוואָרנט די יידן־ראַט־פאַרשטייער, אַז נישט־אַרבעטנדיקע קאָנען אין געטאָ קיין אָרט נישט האָבן. וואָס אַזוינע דיבורים באַדייטן האָבן די יידן־ראַט־פאַרשטייער גאַנץ גוט געוואוסט, האָט דעריבער דער פלענום פון יידן־ראַט, נאָך לאַנגע באַראַטונגען, באַשלאָסן צוצואיילן דעם אויפבוי פון די פאַבריקן און, נישט קוקנדיק אויף די גרויסע שוועריקייטן, צוטרעטן

נאָך מיט מער ענערגיע צו שאַפן פרישע אונטערנעמונגען, וואו אויך די עלטערע זאָלן האָבן אַרבעטס־מעגלעכקייטן.

בויען פאַבריקן אין ענגן געטאָ־שטח איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. מ'האָט געדאַרפט אַרויסוואַרפן יידן פון זייערע וואוינונגען און מאַכן פון די נישט צוגעפּאַסטע לאָקאַלן פאַבריק־זאַלן. די נויט און דער ווילן צו קלאַמערן זיך אָן לעבן האָבן אָבער גובר געווען אַלע שוועריקייטן.

דער יידן־ראַט האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף וועגן העלפן איינשאַפן די נויטיקע מאַשינען. צווישן אַנדערן איז דאָרט געזאָגט געוואָרן: „ס'איז אומבאַדינגט נויטיק און ס'איז אַ לעבנס־פראַגע, אַז אַלע יידן זאָלן אַרבעטן, דעריבער ווענדן מיר זיך צו די באַזיצערס פון אַלערליי האַנטווערקער־מאַשינען און פאַרשידענע האַנט־געצייג, זיי זאָלן וועגן דעם זיך מעלדן צום אינדוסטרי־אַמט". ס'איז גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ביי די יעניקע, וועלכע וועלן נישט אָפּשאַצן די וויכטיקע באַדייטונג פון אויפרוף און אים איגנאָרירן, וועלן די מאַשינען צוגענומען ווערן מיט געוואַלט.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דעם אָרעמען בעל־מלאכה איז געווען זייער שווער צו שיידן זיך מיט דער מאַשין, פון וועלכער ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט, האָט ער דאָך אָפּגעשאַצט די קריטישע לאַגע און זיין מאַשין, דעם לעצטן חיונה־מקור, אָפּגעטראָגן אין אינדוסטרי־אַמט.

אויך די פּריוואַט־באַזיצער פון ניי־מאַשינען האָבן זיי אין אַ גאַנץ היפּשער צאָל געטראָגן אין געהעריקן אַמט.

וואָס פאַר אַ פאַבריקן זענען אויסגעבויט געוואָרן אין געטאָ?

אין ביאַליסטאָקער געטאָ זענען אויסגעבויט געוואָרן פאָלגנדיקע אונטערנעמונגען: אַ גרויסער שניידער־וואַרשטאַט, אַ טריקאָטאַזש־פאַבריק, אַ שיך־פאַבריק, אַ גרויסע סטעלמאַכעריי, אַ בערשטל־פאַבריק, אַ קאַרטאָנאַזש־פאַבריק, אַ פאַבריק אויסצופּאַרטיקן וואָלי־קעס, אַ זאָטלעריי־פאַבריק, מעבל־וואַרשטאַטן, גרויסע שלאָסעריי־און שמידעריי־וואַרשטאַטן, עלעקטראָ־מעכאַנישע וואַרשטאַטן און אַ גרעסערע צאָל קלענערע אונטערנעמונגען.

כדי אין די אויסגעבויטע פאַבריקן זאָל נישט זיין קיין דוחק אין יונגע קוואַליפיצירטע אַרבעטס־הענט, האָט דער יידן־ראַט געעפנט

לערן־ווארשטאטן פאר פאלגנדיקע פאכן: עלעקטריקער, מעכאניקער, שמידן, מויערער, סטאָלארעס, שניידערינס, שניידער און שוסטער.

מיט אומגעדולד ווערט דערוואַרט דער אויפבוי פון די פאַבריקן

צו יענער צייט זענען שוין געווען אין ביאַליסטאָקער געטאָ א היפשע צאָל יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט די פיזישע כוחות צו גיין אַרבעטן אויסערן געטאָ. די יידן האָבן מיט אומגעדולד דערוואַרט דעם טאָג, ווען די געטאָ־אונטערנעמונגען וועלן שוין אָנהויבן פונקציאָנירן. אויך די עלטערע מענער און פרויען, וואָס האָבן געהאַפט דורך אַרבעט צו קענען ראַטעווען זייערע לעבנס, האָבן זיך באַמיט אַריינצובאַקומען אין זיי, און נאָך איידער די אונטערנעמונגען זענען געוואָרן אויסגעבויט, האָבן זיי שוין אָפּגעשלאָגן די שוועלן פונם אַמט, וואָס האָט אָנגענומען די אַרבעטער פאַר די פאַבריקן. אין דער ערשטער ריי האָט מען אָנגענומען די, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע מאַשינען אָדער מאַשין־טיילן, דערנאָך די גוט־קוואַליפיצירטע מייסטערס און צום סוף נישט קיין גאַנץ גרויסע צאָל פון דער מאַסע.

היות די אויסגעבויטע אונטערנעמונגען האָבן נישט געקאָנט אויפנעמען דעם כמעט צווייפאַכן אָנבאַט פון פרייע אַרבעטס־הענט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פּראָטעקציע און די דערמיט פאַרבונדענע אומאָנגענעמלעכקייטן. די יידן, וועלכע האָבן נישט געוואוסט אין וועלכער טיר אָנצוקלאַפּן, זענען געבליבן מחוץ די פאַבריקווענט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ גרויסע טראַגעדיע.

צום סוף ווינטער 1941־1942 זענען שוין כמעט אַלע פאַבריקן געווען טעטיק.

די פאַבריק פון פאַרטיי־מאַן סטעפאַן

אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט אויך געעפנט אַ גרויסע פאַבריק איינער פון די נאַצי־פירער, אַ געוויסער סטעפאַן. די פאַבריק האָט זיך נישט געפונען אין רשות פונם יידן־ראַט. דער פאַבריק־פירער איז געווען דעם פאַבריקאַנט שמואל פינקלס אַ זון.

אין דער דערמאָנטער פאַבריק האָבן סטאָלער־אַרבעטער געמאַכט פּראַכטפולע מעבל; עטלעכע הונדערט שניידער און שניידערינס

האָבן גענייט מיליטער־זאַכן און פאַר די ס״ס־גדולים די שענסטע מלבושים; אויך שוסטער און פוטער־קירזשנערס האָבן דאָרט געאַר־בעט און געמאַכט פאַר די נאַצי־הערשער די בעסטע שטיוול און די טייערסטע פוטערנע מאַנטלען.

אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג האָבן יידישע כעמיקער אויס־געאַרבעט זייף און אַנדערע אַרטיקלען פון דער כעמישער פּראָדוקציע.

ביי דער סטעפּאַן־פאַבריק איז אויך געווען טעטיק אַן אַטעליע פאַר קונסט־מאָלעריי. צווישן אַנדערע איז דאָרט געווען באַשעפטיקט דער באַוואוסטער ביאַליסטאָקער קונסט־מאָלער יהושע ראָזאַנעצקי.

יהושע ראָזאַנעצקי

אין דער דערמאָנטער פאַבריק זע־נען געווען באַשעפטיקט קנאַפּע 500 אַרבעטער. פאַר דער אַרבעט האָט מען געקראָגן אַ גאַנץ קליינעם קוואַנטום שפּייז, אָבער באַדייטנדיק מער ווי דער יידן־ראַט האָט געגעבן „זיינע" פאַב־ריק־אַרבעטער און באַאַמטע. דער פּאַרטיי־מאַן סטעפּאַן האָט געהאַט בע־סערע מעגלעכקייטן צו קריגן שפּייז ווי די יידן־ראַט־פאַרשטייער, במילא האָט ער געקענט מערער געבן און אַזוי אַרום אַרויסקריגן פון זיינע יידישע קנעכט אַ וואָס גרעסערן סכום אַרבעט. ווען מ'זאָל אָבער וועלן פאַרגלייכן דעם סכום אָפּגענו־מענע שפּייז, וואָס אַ יידישער קוואַליפיצירטער שניידער אָדער סטאָ־לער־אַרבעטער פלעגט באַקומען פאַר אַ חודש אַרבעט, האָט עס אין סך־הכל געהאַט די ווערט פון פיר אַרבעטס־טעג פון פאַר דער מלחמה. פון דעם קען מען שוין האָבן אַ באַגריף, וויפיל אַזאַ סטעפּאַן האָט פאַרדינט פון זיינע 500 יידישע שקלאַפן.

מיט וואָס האָט דער יידן־ראַט געצאָלט זיינע אַרבעטער?

פון וואַנען האָט דער יידן־ראַט גענומען מיטלען צו צאָלן די אַרבעטער פון די פאַבריקן? מיט די גראָשנס, וואָס דער יידן־ראַט פלעגט באַקומען פאַר די אויסגעפּאַרטיקטע צענדליקער טויזנטער פאַר הויזנס, מאַרינאַרקעס, שטיוול און פאַרשידענע אַנדערע אויס־

אַרבעטונגען, האָט ער בשום אופן נישט געקענט באַפרידיקן זיינע אַר־בעטער. די אַרבעטער האָבן געפאָדערט אַ מינימום ברויט פאַר זייער אַרבעט, די נאַצי־הערשער האָבן אָבער קיין צוגאָב־ברויט פאַר די געטאָ־פאַבריק־אַרבעטער נישט געוואָלט אַרויסגעבן.

דער יידן־ראַט, וועלנדיק אַנטקעגנקומען זייערע גערעכטע פאָדע־רונגען, באַשליסט דעריבער, אַז פון די אָפיציעלע 17 מיט אַ האַלבן דעקאַ ברויט טעגלעך פּראָ קאָפּ, וואָס איז באַשטימט פאַר די געטאָ־איינוואוינער, זאָל יעדער באַקומען נאָר די העלפט. מיט דער אַנדערער העלפט זאָל מען צאָלן די פאַבריק־אַרבעטער און יידן־ראַט־באַאַמטע און געבן צוגאָב־פּאָרציעס די, וואָס אַרבעטן אויסערן געטאָ ביי שווערע אַרבעט, ווי ביים אויסלאָדן קוילן אָדער ביים טראָגן שווערע משאות.

אַ קוואַליפיצירטער אַרבעטער אין אַ יידן־ראַט־פאַבריק האָט די ערשטע צייט באַקומען אַ קילאָ ברויט טעגלעך, שפּעטער האָט מען פאַרקלענערט ביז נישט קיין פולן האַלבן קילאָ. די נישט־קוואַליפי־צירטע אַרבעטער האָבן באַקומען כמעט דאָס זעלביקע. די יידן־ראַט־באַאַמטע האָבן באַקומען דעם זעלביקן ברויט־סכום ווי די אַרבעטער. חוץ דעם האָט מען נאָך אויך געקראָגן צו עטלעכע צענדליק מאַרק חודשלעך פון די געלטער, וואָס דער יידן־ראַט פלעגט באַקומען פאַר דער אויסגעפּאַרטיקטער אַרבעט.

די אויסערן־געטאָ אַרבעטער שמוגלען אַריין שפּייז

נאָך אַלע פאַרשידענע צוגאָב־ברויט־פּאָרציעס האָט אין געטאָ דאָך געהערשט הונגער. ווען איין מיטגליד פון אַ משפּחה, לאָמיר זאָגן, פון פיר נפשות האָט געקראָגן אַ קילאָ ברויט טעגלעך אָדער עפּעס ווייניקער און די איבעריקע דריי האָבן צוזאַמען באַקומען 26 דעקאַ, איז עס געווען אַ הונגער־לעבן, בפרט ווען ברויט איז געווען דער הויפּט־עסן. ווי אַזוי קאָן מען אָבער צוקויפן ברויט מיט קאַרטאָפל, אפילו פאַר גאַנץ הויכע פרייזן, ווען די געטאָ איז אַ פאַר־שלאָסענע און אירע איינוואוינער האָבן נישט די מעגלעכקייט צו קומען אין באַרירונג מיט דער אויסערלעכער וועלט? אָבער די נויט לערנט און דער הונגער צווינגט צו אַלץ.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן, אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף, אַרויסצוטראָגן פון געטאָ מלבושים

און אריינטראָגן צוריק שפייז, האָבן די העכער פינף טויזנט אַרבעטער, וואָס זענען טאָג־טעגלעך דורכגעגאַנגען די געטאָ־טויערן, אָנגעטון אויף זיך איבעריקע אָנצוגן, מאַנטלען, וועש און אַנדערע זאַכן און דאָס דורכגעשמוגלט אויף יענער זייט געטאָ. אין מיטן דער אַרבעט פלעגן זיי איינציקווייז זיך אַרויסשאַרן פון אַרבעטס־פּלאַץ, און, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די געלע לאַטע, מיט טויט־שרעק זיך באַוועגן איבער די יידן־ריינע ביאַליסטאָקער גאַסן. מען האָט זיך געדאַרפט היטן פון אַלע זייטן: פאַר געשטאַפּאָ־מערדער, פאַר אַנדערע שלעכטע אויגן און אויך פאַר די קליינע, נאָך פון דער ערד נישט אויסגעוואַקסענע יונגע פּוילישע כוליגאַנעס, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען איבערצוגעבן אַ ייד די געשטאַפּאָ־מערדער. מיט טויט־סכנות פלעגט מען זיך דערשלאָגן צו באַקאַנטע קריסטן, מיט וועלכע מ׳האָט געמאַכט דעם טויש־האַנדל. ס׳האָט אָבער אויך נישט זעלטן פּאַסירט, אַז מ׳פלעגט פאַרהאַלטן ווערן אויפן וועג און דעמאָלט האָט מען שוין געדאַרפט האָבן אַ סך הצלחה, כדי אַרויס־צורייסן זיך אַ לעבעדיקער פון די רוצחישע הענט. אַז מ׳האָט זיך שוין דערשלעפּט צוריק צו די געטאָ־מויערן, איז מען ערשט ווידער געשטאַנען פאַר טויט־שרעק. אין בעסטן פאַל פלעגט די טויער־וואַך ביים אונטערזוכן צונעמען אַלץ, וואָס מ׳האָט מיט זיך געטראָגן און אַלס צוגאָב נאָך שלאָגן מכות־רצח. מ׳האָט געדאַרפט זיין פון אייזן, כדי דאָס אַלץ צו קענען איבערטראָגן.

נישט געקוקט אָבער אויף די אַלע שוועריקייטן, איז דאָך דורך די אויסערן־געטאָ אַרבעטער אַריינגעבראַכט געוואָרן אַ היפּשער סכום שפּייז. זיי פלעגן דאָס אפילו פאַרקויפן צו גאַנץ הויכע פּרייזן, אָבער דאָס נויטיקסטע האָט מען געקאָנט קריגן.

די פאָרמאַנעס שמוגלען אַריין שפּייז

אויך די געטאָ־פאָרמאַנעס האָבן אין אַ גאַנץ היפּשער מאָס מיטגעהאָלפן צו פאַרלייכטערן די הונגער־נויט. אין געטאָ זענען געווען ביי אַ הונדערט פאָרמאַנעס, וואָס האָבן געהאַט שיינען אויף אַרויסצופאָרן אויסערן געטאָ. זיי האָבן איינגעאָרדנט אין זייערע וועגענער באַהאַלט־פּלעצער און געשמוגלט שפּייז.

צווישן די פאָרמאַנעס זענען געווען עטלעכע ריזיקאַנטן, וואָס פלעגן שליסן אָפּמאַכן מיט דער געשטאַפּאָ־טויער־וואַך און אַריינ־פירן גאַנצע פורן מיט לעבנס־מיטל. ס׳האָט אָבער נישט זעלטן גע־

טראָפן, אַז פאַר די צו גרויסע אַפּעטיטן האָבן אַנדערע פון זיי באַצאָלט מיטן לעבן.

מיט אַזעלכע מיטלען האָבן די פאַרשפּאַרטע געטאָ־יידן זיך געקליגט וואָס לענגער זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן, און וואָלטן נישט געווען די אויסראָטונג־באַפעלן בנוגע יידן, וואָלטן ס'רוב פון זיי זיך היינט געפונען צווישן די לעבעדיקע.

די לערן־וואַרשטאַטן

האַרט פאַרן סוף פון ווינטער 1941 ווערט שלאָסער (געוו. לייטער פון דער מיידלשער „אָרט"־שול) באַשטימט אַלס דירעקטאָר פון די לערן־וואַרשטאַטן. אין די לעצטע יאַנואַר־טעג פון יאָר 1942 איז דער לאָקאַל שוין רעמאָנטירט און ס'ווערן דאָרט גלייך אויפ־גענומען מערערע הונדערטער שילער. די לערן־וואַרשטאַטן זענען ראַשיק געוואַקסן און אין אַ גאַנץ קורצער צייט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ היפּשער פאַבריק־שול, וואו ס'איז אויסגעאַרבעט גע־וואָרן מענער־קאָנפעקציע.


מרדכי זאַבלודאָווסקי

אין דערמאָנטן לערן־אַנשטאַלט האָט אויך עקזיסטירט אַ שניידער־וואַר־שטאַט אונטער דער פירונג פונם באַ־וואוסטן דאַמען־שניידער פּלאָנסקי און פונם מענער־שניידער גראַנאָוויטש. דאָרטן האָט מען לויטן אויפטראַג פון יידן־ראַט גענייט פּריוואַט־זאַכן פאַר נישט־פאַרמעגלעכע יידן־ראַט־באַאַמטע. די הויפּט־אַרבעט איז אָבער געווען באַ־קליידן די פאַרשידענע געשטאַפּאָ־גרו־לים, וועמען דער יידן־ראַט האָט גע־האַלטן אין איין פאַרשיטן מיט אַלער־ליי מתנות.

אין די לערן־וואַרשטאַטן זענען צווישן אַנדערע געווען באַ־שעפטיקט זעליגמאַן (געוו. דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע זעליגמאַן־לעבענהאַפּט־דערעטשינסקי), מאָטיע זאַבלודאָווסקי (געוו. מאַטעמאַ־טיק־לערער פון דער האַנטווערקער־שולע), עלעקטריקער פּרענסקי (פּליט פון וואַרשע), פרוי סאָניע וויינשטאַט (עלטסטע טאָכטער פון

רעד. פסח קאַפּלאַן), באַצער און פּר"ל קאַנעל (שוועסטער פון ד"ר קאַנעל).

אַ צייט שפּעטער, ווען די לערן־וואַרשטאַטן זענען שוין געווען מער פאַבריק ווי שול ווערט דורכן יידן־ראַט באַשטימט אַלס דירעקטאָר יוסף לין (געוו. הויפּט־בוכהאַלטער פון „צענטאָס" אין וואַרשע), ערשטער וויצע־דירעקטאָר — שלאָסער, צווייטער וויצע־דירעקטאָר — דער באַוואוסטער בוכהאַלטער קינדזשעלעווסקי און סאָניע ווײַנשטאַט — פאַרוואַלטערין.

די דאָזיקע פאַבריק־שול האָט געאַרבעט אין דריי שיכטן. באַשעפטיקט זענען אין איר געווען הויפּטזעכלעך פרויען. זייער פיל פון זיי זענען שוין געווען עלטער פון 60 יאָר. זיי האָבן אַלץ געהאָפט, אַז דורך דער אַרבעט וועלן זיי אפשר פאַרט געראַטעוועט ווערן. זענען זיי געזעסן אויסגעמוטשעטע, פאַרחושכטע, מיט רויטע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן ביי די מאַשינען און גענייט אין די צענדליקער טויזנטער הויזנס פאַר די נאַצי־גזלנים.

די לערן־וואַרשטאַטן אָרדענען איין אַן אויסשטעלונג פון זייערע אַרבעטן

פסח־צייט פון יאָר 1942 האָט די דירעקציע פון די לערן־וואַרשטאַטן איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די אַרבעטן. צו דער עפענונג זענען איינגעלאַדן געוואָרן פאַרשטייער פון יידן־ראַט, געזעלשאַפטלעכע טוער, ווי אויך צוויי געשטאַפּאָ־גדולים, וואָס זענען אָנגעגאַנגען אַלס כלומרשטע יידן־פריינט. די געשטאַפּאָ־לייט האָבן באַוויליקט אָנצונעמען די איינלאַדונג. איינער פון זיי האָט אויף דער עפענונג געזאָגט עטלעכע וואַרעמע ווערטער: „אַז אַ דאַנק דער אַרבעט וועלן די ביאַליסטאָקער יידן איבערלעבן די מלחמה". זייערע רייד זענען דורכן פאַרזאַמלטן עולם אויפגענומען געוואָרן וואַרעם, אָבער טיף אין די הערצער האָט יעדער איינער געפילט, אַז צו דער דאָזיקער דרשה קאָן מען קיין גרויסן צוטרוי נישט האָבן.

נאָכן אָפיציעלן טייל האָט מען ביי געדעקטע טישן אָפּגעכאַפּט די הערצער מיט שניטקעס ברויט מיט וואורשט און טיי מיט צוקער, וואָס דאָס איז ביי יענע פאַרהעלטנישן געווען אַ לוקסוס.

ווען די געשטאַפּאָ־לייט פאַרלאָזן דעם לאָקאַל, הויבן זיך אָן די באַגריסונגען. דער ערשטער באַגריסט דער באַוואוסטער האַנט־

ווערקער־טוער צבי ווידער. אין זיין באגריסונג גיט ער אויך א ברייטן איבערבליק איבער דער שרעקלעכער לאגע, אין וועלכער יידן געפינען זיך. זיין רעדע האט געמאכט אויף אלעמען זייער א שווערן רושם. נאך דער שטארק־רירנדיקער רעדע פון געזעלשאפטלעכן עסקן זלמן וויינראך, האט דער גאנצער פארזאמלטער עולם זיך צעוויינט מיט טייכן טרערן.

די פייערונג איז ביי דער געזעגענונג אנגערופן געווארן „א חתונה אויף א בית־עולם".

עטלעכע ווערטער וועגן זלמן וויינראך

דער אמאליקער גרויסער גביר, כלל־טוער און ברייט־הארציקער נדבן, זלמן וויינראך, האט אין געטא געלעבט אין גרוים דחקות. דאס גרויסע אומגליק, וואס האט געטראפן זיין שטארק געליבטן יידישן פאלק, האט אים שווער דערדריקט און ער האט זיך געפילט שטארק נידערגעשלאגן.



ז. וויינראך

א שטיקל צייט נאך דער פייערונג איז ער שווער קראנק געווארן און שוין מער פון בעט זיך נישט אויפגעהויבן. זיין לעצטן אטעם האט ער אויסגעהויכט מיט א קללה פאר היטלער־דייטשלאנד. זלמן וויינראך איז געשטארבן אין עלטער פון קנאפע אכציק יאר. ער איז געבראכט געווארן צו קבורה אויפן געטא־בית־עולם.

ווער זענען געווען די דירעקטארן פון די פאבריקן?

אין שייכות מיט די אויסגעבויטע פאבריקן, איז זיך דא כדאי אפצושטעלן אויף א טייל פון זייערע אנפירער.

דירעקטאר יוסף לין האט זיך באצויגן צו די ארבעטער שטרענג אבער יושרדיק.

וויצע־דירעקטאר שלאסער איז געווען זייער הארציק און פריינטלעך צום גאנצן פערסאנאל. אלע האבן אים באמת ליב געהאט.

יוסף וואקסמאן (איידעם פון רעדאקטאר פסח קאפלאן), איז געווען דירעקטאר פון דער גרעסטער שניידעריי, וואס האט זיך גע־

פונען אין הענדלערס פאַבריק, עק קופּיעצקע־יוראָוויצער. דאָרטן פלעגט מען אויסאַרבעטן ווײַבנטלעך צענדליקער טויזנטער מיליטער־פּאַלטנס, מאַרינאַרקעס און הויזנס. וואַקסמאַן האָט זיך באַצויגן צו די אַרבעטער מענטשלעך און געהאַט בײַ זיי אַ גוטן נאָמען.

דירעקטאָר פון דער גרויסער שיך־פאַבריק אין גובינסקיס הויז, עק לינת־הצדק און ניי־וועלט גאַסן, איז געווען דער געוו. האַנטווער־קער־טוער ליבערמאַן. ער האָט געשמט אַלס אָרנטלעכער מענטש און פלעגט זיך באַמיען געבן זײַנע אַרבעטער מעגלעכקייטן צום לעבן.

גאָלדבערג (זון פון מעכאַניקער גאָלדבערג), דער דירעקטאָר פון דער קאַרטאָנאַזש־פאַבריק אויף קופּיעצקע גאַס, הארט בײַ דער ביאַלע, איז געווען זייער אַ שווערער בעל־דבר. די אַרבעטער האָבן פון אים געהאַט אַ סך אויסצושטיין.

אינזש. פאַרבער, לייטער פון די עלעקטראָ־מעכאַנישע וואַר־שטאַטן אויף קופּיעצקע גאַס, האָט זיך זייער גוט באַצויגן צום גאַנצן פּערסאָנאַל. אַלע האָבן אין אים געפילט אַן אמתן פרײַנט.

קרינסקי (יינגסטער איידעם פון רעד. פסח קאַפּלאַן), לייטער פון דער זאָטלעריי־פאַבריק, וועלכע האָט זיך געפונען אין פאַבריקאַנט ציטרינס הייזער אויף קופּיעצקע גאַס, איז געווען אַ מענטש אָן אַ גאַל. די אַרבעטער האָבן זייער שטאַרק געהאַלטן פון אים.

אין געטאָ באַווײַזן זיך אומלעגאַלע אויפרופן

פורים־צײַט פון יאָר 1942 האָט מען אין ביאַליסטאָקער געטאָ פאַרשפּרייט אין געהיים אויפרופן פון דער ווילנער פּאַרטיזאַנען־אָר־גאַניזאַציע, אין וועלכע ס'איז צווישן אַנדערן געזאָגט געוואָרן, אַז דורך שקלאַפן־אַרבעט וועט די ביאַליסטאָקער ייִדן נישט געלינגען צו ראַטעווען זייערע לעבנס און אַז פריער אָדער שפּעטער דערוואַרט זיי דער זעלבער טראַגישער סוף, וואָס עס האָט געטראָפן דעם גרעסטן טייל פון אייראָפּעאישן ייִדנטום. דער איינציקער אויסוועג איז דערווײַ־בער זיך נעמען צום געווער, פאַרלאָזן די געטאָ און ווערן פּאַרטיזאַנער, וואו ס'וועט זיין אַ מעגלעכקייט נקמה צו נעמען אָן די נאַצי־גזלנים.

זייער ווייניק ייִדן האָבן אָבער געהאַט דעם ווילן צו פאַרלאָזן די געטאָ און גיין אין וואַלד. סיבות זענען געווען פאַרשידענע.

ערשטנס, די זייער שוואַכע, כמעט ווי נישט פילבאַרע, אַגיטאַציע. פאַר דער גאַנצער געטאָ־עקזיסטענץ זענען געווען עטלעכע שליחים

פון ווילנע און ווארשע, ווי עדעק באַראַק און די ביאַליסטאָקער חייקע גראָסמאַן. צוליב דער שטאַרקער קאָנספּיראַציע, אין וועלכער אזא ארבעט האָט געמוזט געפירט ווערן, זענען זיי געקומען אין באַרירונג בלויז מיט עטלעכע פאַרטרויאונגס־מענטשן און האָבן, צוליב די זעלביקע סיבות, נישט געקאָנט ברייט פאַנאַנדערוויקלען זייער טעטיקייט. זייער ווייניק ביאַליסטאָקער יידן האָבן געוואוסט פון דער עקזיסטענץ פון אזאַ אָרגאַניזאַציע און במילא האָבן זיי זיך אין אירע רייען נישט געקאָנט געפינען.

חיה גראָסמאַן

צווייטנס, האָט דאָ געווירקט דער פּסיכאָלאָגישער מאָמענט פון דער שטאַרקער צוגעבונדנקייט צו די פאַמיליעס, מיט וועלכע ס'איז געווען זייער שווער זיך צו שיידן אין אזעלכע טרויעריקע צייטן.

און דריטנס, דער דורכשניטלעכער ייד, אַלס לאַנגיאָריקער שטאָטישער איינוואוינער, פאַר וועמען דער וואַלד איז כמעט ווי פרעמד געווען, האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט קענען לעבן אין וואַלד חדשים און אפשר יאָרן.

וואָלט די אַגיטאַציע פאַרן גיין אין וואַלד געווען אַן עטוואָס מער פּילבאַרע, וואָלטן, נישט געקוקט אויף די אויסגערעכנטע סיבות, זיך דאָך געפונען אַ גאַנץ היפּשע צאָל יידישע יונגעלייט און מיידלעך, וועלכע וואָלטן אזאַ רוף אויפגעכאַפּט און אַ סך פון זיי וואָלטן היינט זיך געפונען צווישן די לעבעדיקע.

געעפנט אין געטאָ צוויי בתי־מדרשים

דעם ווינטער זענען די רעליגיעזע יידן אויך נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס איז געווען פאַרבאָטן צו עפענען וועלכע עס איז רעליגיעזע אנשטאַלטן, האָבן זיי דאָך ריזיקירט און אָפּרעמאָנטירט שמואל ציטרינס בית־מדרש אויף פּאָלנע גאַס.

זייער פיל מי און ענערגיע האָט אַריינגעלייגט אין דעם דער

פירער פון דער ביאַליסטאָקער אגודה, בונים פאַרבשטיין. אַרבעטנדיק אויסערן געטאָ, פלעגט ער פון די דאָרטיקע חרובע יידישע הייזער שלעפּן אויף זיינע פּלייצעס די נויטיקע בוי־מאַטעריאַלן. גיך און מיט קליינע הוצאות איז דער רעמאָנט פאַרענדיקט געוואָרן. צו יענער צייט איז דער בית־מדרש געוואָרן כמעט דאָס איינציקע אָרט, וואו הונדערטער יידן האָבן דעם גאַנצן טאָג געדאַוונט און געלערנט.

אויך פּוזשעס בית־מדרש אויף פאַבריק־גאַס איז שפּעטער גע־עפנט געוואָרן. דאָרטן זענען אפילו געווען ווייניקער מתפּללים ווי אין ציטרינס בית־מדרש, אָבער אַ סך מער ווי פאַר דער מלחמה.

אין דער זעלביקער צייט זענען אויך געשאַפן געוואָרן אַ גרעסערע צאָל מנינים. נישט געקוקט אויף די זייער שווערע צייטן, וואָס מ׳האָט דעמאָלט דורכגעלעבט, האָט אַ גאַנץ היפּשער טייל פונם ביאַליסטאָקער יידנטום די בתי־מדרשים נישט פאַרלאָזן.

בונים פאַרבשטיין עפנט אַ קיך אין דער ווייבער־שול פון ציטרינס בית־מדרש

דער ענערגישער בונים פאַרבשטיין קען נישט רוען. זעענדיק די גרויסע נויט, וואָס עס האָט געהערשט אין געטאָ, הויבט ער אָן בויען אַ קיך אין דער ווייבער־שול פון ציטרינס בית־מדרש. דער יידן־ראַט אַסיגנירט אויף דעם צוועק אַביסל געלט. דעם לייבן־חלק קומט אים אָבער אויס אַליין צו שאַפן. אין פאַרלויף פון קנאַפּע צוויי חדשים פאַרוואַנדלט ער די ווייבער־שול אין אַ גוט־איינגעאָרדנ־טער קיך, וואו שיינע עטלעכע הונדערט שטאַרק־נויטבאַדערפטיקע יידן באַקומען אַ כשרן, געשמאַקן און נאַרהאַפטן עסן. אין יענע שווערע צייטן איז עס געווען זייער אַ גרויסער און וויכטיקער אויפטו.

די דערמאָנטע קיך האָט זיך גערעכנט פאַר דער בעסטער אין געטאָ. דער טיכטיקער און ענערגישער בונים האָט איר אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט און האָט כסדר געזאָרגט פאַר איר עקזיסטענץ. דער אויפטו איז געווען איינס פון די שענסטע בלעטלעך אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

דער יידן־ראַט באַשליסט צו פאַרזייען די ליידיקע פּלעצער אין געטאָ

צוליבן שטאַרקן דוחק פון גרינסן אין געטאָ, האָט דער אָנפירער פון אָפּראָוויזאַציע־אַמט ביים יידן־ראַט, יעקב גאָלדבערג, נאָך אַ באַ־

ראטונג מיט די יידישע אָרגאַנאַמען, באַשלאָסן אויסצונוצן אין געטאָ אַלע לייידיקער פּלעצער און גערטנער און דעם קאָמענדיקן פרילינג צוטרעטן זיי צו באַארבעטן.

אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער לייטער פון דער גערטנעריי־ווירט־שאַפט איז איינגעלאַדן געוואָרן דער ווילנער אינזשיניער־אַגראָנאָם שאַליט און אַלס זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער — די גוט־באַקאַנטע ביאַליסטאָקער גערטנער, — אָדער ווי מ׳פלעגט זיי רופן „אַגראָד־ניקעס“, — די ברידער דוד און בערל שלומיאל, שלמה סוכאָניצקי, משה יאַנאָוויטש און גאָרפינקל.

אַ דאַנק זייערע גוטע פאַך־קענטענישן און שטאַרקער איבער־געגעבנקייט צו דעם זייער נויטיקן און וויכטיקן אויפטו און נאָך אַ סך מי און שווערער אַרבעט, געלינגט זיי צו פאַרוואַנדלען דעם אומ־פרוכטבאַרן באָדן אין בליענדיקע גערטנער.

צו דער גערטנעריי־אַרבעט האָט דער אַפּראָוויזאַציע־אַמט אָנ־גענומען יונגע בחורים און מיידלעך. די מערהייט פון זיי האָט זיך ווערבירט פון די ציוניסטיש־געשטימטע קרייזן. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל חלוצים, וואָס האָבן מיט פלייס און איבער־געגעבנקייט באַאַרבעט די פּלעצער, וואָס האָבן שוין פון יאָרן נישט געזען קיין אַקער־אייזן איבער זיך. אַ דאַנק דער גוטער פאַכמענישער אָנפירונג פון די פריער דערמאָנטע ביאַליסטאָקער „אַגראָדניקעס“, געלינגט זיי אַרויסצוציען פון באָדן גרעסערע קוואַנטומס פון פאַר־שידענע גרינסן, ווי: רעטעכלעך, אוגערקעס, פּאָמידאָרן און ציבעלעס.

דער אַפּראָוויזאַציע־אַמט פלעגט די דאָזיקע גרינסן פון צייט צו צייט פאַרטיילן צווישן די געטאָ־איינוואוינער צו צוטריטלעכע פּרייזן. צוליב דעם זענען אויך געפאַלן די פּרייזן פון די גרינסן, וואָס מ׳פלעגט אַריינפירן פון אויסערן געטאָ.

די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן אין די זומער־חדשים געהאַט די מעגלעכקייט צו געניסן פון די גרינסן, וואָס זענען אַזוי נויטיק פאַרן מענטשלעכן אָרגאַניזם.

אין פאַרגלייך מיט דעם לעצטן שווערן ווינטער איז אין די ערשטע חדשים פון זומער 1942 דאָס לעבן אין געטאָ געווען אַ קליין ביסל גרינגער.

טרויעריקע גרוסן פון ווילנע, סלאָנים, באַראַנאָוויטש, לידע און טרעבלינקע

אנטלאָפענע פון ווילנע, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו דער ביאַליסטאָקער געטאָ, האָבן איבערגעגעבן די שוידערלעכסטע גרוסן, אַז כמעט אַלע ווילנער יידן זענען אויסגעשאָסן געוואָרן אויף פּאָנאַר. אַזעלכע טרויעריקע בשורות האָבן אויך געבראַכט סלאָנימער, לידער און באַראַנאָוויטשער יידן. עטלעכע געראַטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ האָבן דערציילט, אַז מערערע טויזנטער וואַרשעווער יידן ווערן טעגלעך אַרויסגעפירט אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג. אנטלאָפענע פון טרעבלינקע האָבן איבערגעגעבן, אַז אויפן וועג צווישן ביאַליסטאָק און וואַרשע, נישט ווייט פון דער סטאַציע מאַלקין, איז אויסגעבויט געוואָרן אַ לאַגער, טרעבלינקע, און אין דעם לאַגער ווערן יידן פאַרגאַזט און פאַרברענט.

מען טרעט צו בויען אונטערערדישע באַהעלטענישן

אָט די שוידערלעכע גרוסן האָבן געלאָזן זייער אַ שווערן איינדרוק אויף די ביאַליסטאָקער יידן. כמעט אַלע זענען אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע, טראַכטנדיק, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט אויך קומען זייער ריי. די אַלטע האָפנונג, אַז דורך דער אַרבעט וועט מען אפשר געראַטעוועט ווערן, ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ שוואַכער און שוואַכער און מ'הויבט אָן זוכן אַנדערע מיטלען. ס'רוב פון די ביאַליסטאָקער יידן זענען צוגעטראָטן בויען אונטערערדישע באַהעלטענישן. אין די דאָזיקע באַהעלטענישן איז אַריינגעלייגט געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט און אַ שטיק יידישער דערפינדערישער גייסט. מ'האָט זיך געמוזט קליגן, אַז סיי די באַהעלטעניש, סיי דער אַריינגאַנג זאָלן פון קיינעם נישט באַמערקט ווערן. חוץ דעם האָט מען ביים בויען די באַהעלטעניש זיך געדאַרפט היטן פאַר אַן אייגענער עין־הרע...

דער יידן־ראַט העלפט די פּליטים

דער יידן־ראַט האָט זיך באַמיט צו העלפן די אַנטלאָפענע מיט אַלע מעגלעכקייטן. אַ סך פון זיי האָבן געקראָגן אַ בגד אויפן לייב. דער יידן־ראַט האָט אויך בעזאָרגט, אַז זיי זאָלן גלייך באַקומען אַר־

בעט, כדי צו קאָנען לעגאַליזירן זייער נישט „לעגאַלן" אויפהאַלט אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

צווישן די געראַטעוועטע פון ווילנע איז געווען דער געוועזענער סענאַטאָר טראָקענהיים מיט זיין זון. זיי זענען דורכן יידן־ראַט אויפ־גענומען געוואָרן זייער אָנשטענדיק און מ'האָט זיי פיין באַקליידט. נאָכן אָפּזיין אין ביאַליסטאָק עטלעכע וואָכן האָט מען זיי געהאָלפן זיך אַריבערשמוגלען קיין וואַרשע.

דעם געוו. פירער פון דער לאָדזשער אגודה און סענאַטאָר לייב מינצבערג געלינגט קוים מיטן לעבן זיך אַרויסצורייסן פון ווילנע און אָנקומענדיק קיין ביאַליסטאָק, נעמט אים דער יידן־ראַט בכבודיק אויף. לויט זיין איניציאַטיוו ווערט אים אַ צייט שפּעטער איבערגע־געבן די אויפגאַבע איינצואָרדנען אַ פאַבריק פון מאַרמעלאַדע און קאַרטאָפל־מעל, וואָס האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן פון קאַרטאָפל־שאָלעכץ.

לייב מינצבערג איז געווען דירעקטאָר פון דער דערמאָנטער פאַבריק ביז דער ליקווידירונג פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ, ד. ה. ביזן 16־טן אויגוסט 1943. ווי ס'איז שפּעטער פעסטגעשטעלט גע־וואָרן, האָט ער אין מיידאַנעק געטיילט דעם טראַגישן גורל פון טויזנטער ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע זענען דאָרט דעם 3־טן נאָ־וועמבער 1943 אומגעקומען על קידוש השם.

יידן פאַרלייגן קליינע פאַבריקלעך אין געטאָ

אין די שווערע זומער־חדשים פון 1942 איז די שטימונג אין געטאָ געווען זייער אַ געדריקטע. פון די „פאַרדינסטן" ביי די כמעט אומזיסטע אַרבעט־פּלעצער, האָט מען קוים געצויגן דעם הונגער־לעבן. דער יידישער אונטערנעמונגס־גייסט האָט נישט גערוט און אין די זייער שווערע געטאָ־באַדינגונגען, האָבן עטלעכע הונדערט יידן זיך אויסגעפונען נייע חיונה־מקורים אלס צוגאָב. נישט געקוקט אויף די שטרענגע פאַרבאָטן, האָבן זיי אָנגעהויבן בויען אין געהיים קליינע פאַבריקלעך ווי: האַנט־מילן צום מאָלן ווייץ און קאָרן, קאַשע־מילן, זייף־פאַבריקלעך, לעדער־פאַבריקלעך, טריקאָטאַזש־וואַרשטאַטן, פאַב־ריקלעך פון וויקלען פּאָדים־שפּולן א. א.

די „קליין־אינדוסטרי" איז אויסגעבויט געוואָרן זייער פּרי־מיטיוו; מיט הונדערט יאָר צוריק וואָלט זי אויך געווען שטאַרק

הינטערשטעליק, אָבער פון אַט דער „פאַבריקאַציע" האָבן אַ פּאָר הונדערט יידישע פאַמיליעס געצויגן אויף חיונה.

כאָטש דער יידן־ראַט האָט געטראָגן אַ גרויסע אחריות פאַר דער געשטאַפּאָ, ווען די פאַבריקלעך, וואָס האָבן נישט געטאָרט עקזיסטירן, וואָלטן געוואָרן אויפגעדעקט, האָבן די יידן־ראַט־פאָרשטייער זיך געמאַכט נישט זעענדיק. ווען ס'פלעגט דערגיין אַ מסירהלע צו דער געשטאַפּאָ, פלעגט דער יידן־ראַט תיכּף באַקומען אַן אויפּפאָדערונג מיט אַ דראָאונג וועגן די „פאַרברעכנס", וואָס די געטאָ־יידן באַגייען. דער יידן־ראַט איז דעמאָלט געווען געצוואונגען די „פאַבריקלעך" צו קאָנפיסקירן. צוליב דער פאַרברעכערישער טאַט פון אַ יידישן אויסוואורף, פלעגן די מיט אַזוי פיל מי און אָנשטרענגונגען איינגעאָרדנטע פּרנסה־מקורים פון עטלעכע הונדערט משפּחות אונטערגיין איבער נאַכט.

ליקווידירט די מוסרים אין געטאָ

גלייך ווי די נאַצי־גזלנים האָבן באַזעצט ביאַליסטאָק, איז אַרויסגעשוואומען אויף דער אויבערפלאַך אַ טונקעלער פאַרשוין מיטן נאָמען פעניגשטיין, אַ פּליט פון וואַרשע, וואָס האָט היפּשע עטלעכע חדשים געשפּילט די ראָל פון אַ פאַרמיטלער צווישן דער געשטאַפּאָ און דער געטאָ און גלייכצייטיק טעראָריזירט יידן, אויף וועלכע ער האָט געהאַט אַן אויג, אַז מ'קען אַרויספּרעסן ביי זיי גרעסערע געלט־סומעס. צו עטלעכע שאַנטאַזש־געשעפטן נעמט ער די געשטאַפּאָ פאַר אַ שותּף און מיט סטראַשונקעס איבערצוגעבן די יידן צו די געשטאַפּאָ־מערדערס, פּרעסט ער אַרויס ביי זיי דעם לעצטן גראָשן. נישט איינעם פון די אומגליקלעכע, ביי וועלכע עס פלעגט אים נישט געלינגען אַרויסצופּרעסן די געפאָדערטע סומע (וואָס אין רוב פאַלן האָבן זיי זי גאָרנישט פאַרמאָגט), גיט ער איבער אין די הענט פון די געשטאַפּאָ־מערדערס, וועלכע פאַרפּייניקן זיי אין די אינקוויזיציע־קאַמערן.

די מעשים תעתועים פונם דערמאָנטן מנוול נעמען אַן וואָס אַ טאָג אַלץ ברייטערע פאָרמען. ס'דערגייט אַזוי ווייט, אַז זיינע באַשיצערס, די געשטאַפּאָ־בעסטיעס, זעען זיך אַרום, אַז אויך זיי ווערן פון אים אָפּגענאַרט. בעת אַ קאָנפראָנטאַציע צווישן דעם אויסוואורף און זיינע קרבנות, דערציילן די לעצטע דעם גאַנצן אמת. זיינע

קרבנות ווערן גלייך באפרייט און ער ווערט אריינגעווארפן אין גע־שטאפא־קעלער, וואו מען פארפייניקט אים.

אויף אזא אופן האט פארענדיקט זיין פארברעכערישן לעבן דער ערשטער יידישער מסור פון ביאליסטאקער געטא.

א צווייטער מסור, זעליקאוויטש (זון פונם פארשטייער פון דער נאבל־פירמע), האט פארנומען אן אמט ביי דער ארדנונגס־דינסט. זיין כוח מיט דער הילף פון דער געשטאפא איז געווען זייער גרויס. ער איז געווען פארמיטלער צווישן יידן־ראט און דער געשטאפא און נישט זעלטן דיקטירט דעם יידן־ראט אין פארשידענע זייער וויכטיקע ענינים. אינזש. בעראש פלעגט זיך קלאגן פאר זיינע נאַ־ענטסטע פריינט, אז זעליקאוויטש איז אן אומגליק פארן געטא און ס'איז א גרויסע סכנה פאר די ביאליסטאקער יידן, אויב ער וועט זיך ווייטער אויפפירן ווי ביז איצט.

זעליקאוויטש האט זיין נידערטרעכטיקע מסירה־טעטיקייט אויס־געפירט דארטן, וואו ער האט געפילט, אז מ'קען עפעס ארויסקוועטשן.

נישט געקוקט דערויף, וואס זעליקאוויטש האט ביי דער ארד־נונגס־דינסט פארנומען נישט קיין גאנץ הויכן אמט, האט ער זיך דארטן געפילט שטארקער ווי קאמענדאנט מארקום. אויף זיין פאר־לאנג, פלעגן מיט אים מיטגיין עטלעכע פארברעכער־טיפן פון דער ארדנונגס־דינסט, צוזאמען דורכפירן רעוויזיעס ביי יידן, כלומרשט לויט א פאראָרדנונג פון דער געשטאפא, און צונעמען ביי זיי א גרויסן טייל פון זייער פארמעגן. זיין חוצפה איז געוואקסן פון טאג צו טאג. ס'האבן זיך אפילו געפונען יידן, וואס האבן זיך נישט געלאזט בארויבן, אבער זעליקאוויטש האט זיי איבערגעגעבן דער געשטאפא, פון וואנען כמעט קיינער האט זיך נישט צוריקגעקערט.

אינזש. בעראש פלעגט כסדר אלארמירן דעם דייטשן פאליציי־פרעזידיום און די געשטאפא, אז זעליקאוויטש איז א שאנטאזשיסט און אז אויך זיי נארט ער אפ. לסוף האבן זיינע רייד געהאט א ווירקונג און אין חודש אויגוסט 1942 האט א דייטשע פאליציי־גרו־פע אונטערן אנפיר פון פאליציי־פרעזידענט שימאנסקי דורכגעפירט א שטרענגע רעוויזיע אין זעליקאוויטשעס וואוינונג. מ'האט דארטן געפונען א גרויסע סומע דאלארן, גאלד און בריליאנטן, ביי צוויי צענדליק קאראקולענע דאמען־מאנטלען, אנצוגן און פאלטן־שטאפן, א גרעסערן קוואנטום לעדער און נאך פארשידענע ווערטפולע זאכן.

אַלץ איז אַרויפגעפּאַקט געוואָרן אויף אַ גרויסן לאַסט־אויטאָ און דאָס אָנגערויבטע יידישע האָב און גוטס איז אַרויסגעפירט געוואָרן צו די נאַצי־הערשער. דער מנוול אַליין, בלאַס ווי קרייד, איז אונטער אַ האָגל פון קלעפּ, געפירט געוואָרן איבער די געטאָ־גאַסן מיט אויפגעהויבענע הענט. די יידן, וואָס האָבן די סצענע צוגעזען, האָבן אים געוואונטשן אַ שווערן טויט און זיך געוואונטשן, אַז די איבעריקע מוסרים, וואָס טוען נאָך זייערע שמוציקע אַרבעטן אין געטאָ, זאָלן ווי צום גיכסטן האָבן דעם זעלביקן סוף.

נאָכן אָפּזיצן עטלעכע טעג אין דער געשטאַפּאָ איז דער מסור, אַ האַלב־טויטער, אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין תפיסה. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער דאָרטן געשטאָרבן.

אויך זיין פרוי אוןביידע טעכטער זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה. די טעכטער זענען שפּעטער באַפרייט געוואָרן און געקור־מען צוריק אין געטאָ. די פרוי איז אין אַ קורצער צייט אַרום אַרויס־געפירט געוואָרן קיין נאָוואָשאָלקי, וואו זי איז דערשאָסן געוואָרן.

דאָס איז געוואָרן דער סוף פונם צווייטן ביאַליסטאָקער נידער־טרעכטיקן פאַרברעכער, זעליקאָוויטש.

די ניי־אַרויפגעשוואומענע מוסרים, די צוויי ברידער יודקאָוו־סקי, פון סלאָנים, האָבן פאַרשאַפט די ביאַליסטאָקער יידן זייער פיל צרות. האָבן קצבים געקוילעט אַ קו, וועלכע מ׳האָט מיט טויט־געפאַר אַריינגעבראַכט אין געטאָ און פאַר וועלכן ס׳האָט געדראָט טויט־שטראָף, זענען זיי שוין געגאַנגען אַרויסקוועטשן די נשמה. צוליב זייערע נידערטרעכטיקע מסירות האָבן אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט ביי 15 קצבים געפונען זייער פריצייטיקן טויט.

זייער חוצפה און פאַרברעכערישע מעשים זענען דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן פשוט טעראָריזירט דעם יידן־ראַט און אַרויפ־געוואָרפן אַ פחד אויף די געטאָ־איינוואוינער.

אין אַ געוויסן טאָג כאַפּט זיי די געשטאַפּאָ ביי אַ שווינדל און זיי ווערן צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אַריינגעוואָרפן אין די גע־שטאַפּאָ־אינקוויזיציע־קעלערן. פון דאָרטן פירט מען זיי אין תפיסה און אין אַ קורצער צייט אַרום גייען זיי זייער לעצטן וועג קיין נאָוואָשאָלקי.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס טרויעריקע בלעטל פון די ברידער יודקאָווסקי.

נאָך אַ יידישער מסור, אַ געוויסער יאַנקל פון לאָמזשע, האָט די ביאַליסטאָקער יידן נישט וויניק צרות פאַרשאַפט. אויף אים האָט די שפּעטער געשאַפענע קאַמף־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. אין אַ געוויסן פאַרנאַכט איז ער אויף פאַבריק־גאַס אָפּגעוואַרט געוואָרן פון עטלעכע מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אונטערן אָנפיר פון שעפסל באָראָווסקי. זיי האָבן אויף אים אָפּגעגעבן עטלעכע רעוואָלווער־שאָסן. ער איז גלייך געפאַלן טויט.

צוויי בלוטיקע יאָרן האָט איבער דער געטאָ געשוועבט די גרויסע חרפה און וויטיק פאַר דער פינצטערער ראָל, וואָס די יידישע מוסרים האָבן אָפּגעשפּילט אין צעוויטיקטן יידישן געטאָ־לעבן. נאָר זייער מיאוסער סוף האָט איבערגעהאַקט די גרויסע צאָל פון זייערע פאַרברעכערישע מעשים. נאָכן טויט פון דער מיאוסער כנופיה האָט די געטאָ אַביסל פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער מאַרק אין פּראַגעס גאָרטן

אין זומער 1942, האָט אַ גרויסער טייל פון די ביאַליסטאָקער יידן שוין באַלד נישט געהאַט קיין מלבושים, וועלכע זיי פלעגן ביז אַהער פאַרקויפן אויף ברויט. אַ גאַנץ קליינע צאָל יידן האָבן דעריבער מיט זייערע לעצטע עטלעכע מאַרקן אָנגעהויבן צו פירן אַ שטיקל האַנדל. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס האַנדלען איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, איז די צאָל „סוחרים" פונדעסטוועגן געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. דער ווילן צום לעבן איז געווען שטאַרקער פון אַלע פאַרברעכערישע געזעצן.

דער יידן־ראַט האָט אויך געמוזט אָנערקענען, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק, אַז אַזאַ גרויסער יידישער קיבוץ זאָל האָבן כאָטש איין פּלאַץ, וואו מ'זאָל קאָנען האַנדלען, און נישט אָפיציעל באַשטימט פּראַגעס גאָרטן פאַרן האַנדלס־פּלאַץ. די פאַרשטייער פון יידן־ראַט האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן אַ שטיקל קאָנטראָל איבערן מאַרק. ביי די „סוחרים" האָט מען אויך גענומען אַ קליינעם אָפּצאָל.

ווען אַ נאַצי־קאָמיסיע פלעגט באַזוכן די געטאָ, פלעגן די מאַרק־הענדלער תיכף־ומיד פאַרטריבן ווערן דורך דער אָרדנונגס־דינסט. ס'האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז אין גרויס איילעניש פלעגן די „סוחרים" פאַרלירן זייער „גאַנצע קראָם", וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קלעצלעך פאָדים, אַ פּאָר שטיקלעך זייף און נאָך אַזעלכע

קליינינקייטן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן האָט עס נישט געהאַט די ווערט אפילו פון קיין צען זלאָטעס. אפילו אַזאַ קליינעם היזק האָבן אַ סך פון די „סוחרים" נישט געקאָנט איבערטראָגן. פלעגן דעמאָלט עטלעכע „רייכערע" מארק־הענדלער צונויפקלייבן צווישן זיך די פאַרלוירענע סומע און צוריקשטעלן דעם „געפאַלענעם סוחר".

נישט אָפיציעל פלעגן אין געטאָ נישט זעלטן אריינקומען ווער־מאַכט־אָפיצירן און סאָלדאַטן און פלעגן מאַכן פאָטאָגראַפישע אויפ־נאַמעס פונם פאַרחושכטן יידישן האַנדל.

אַ ביאַליסטאָקער יידישע פרוי פּאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל

אַ גרויסע סענסאַציע האָט ארויסגערופן אינם דערמאָנטן זומער די ידיעה, אַז פאַר אַ ביאַליסטאָקער יידישער פרוי איז אָנגעקומען אַן ארויספאָדערונג פון ארץ־ישראל.

דער יידן־ראַט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן, אַז אין פאַרלויף פון 48 שעה דאַרף ער צושטעלן די פרוי יענטע לייזערזאָן (יחיאל דעם זשאַרניקס טאָכטער) צוזאַמען מיט אירע קינדער און געפּעק אין געשטאַפּאָ, ווייל זיי ווערן אָפּגעשיקט קיין ארץ־ישראל, וואו עס געפינט זיך איר מאַן.

כמעט אַלע האָבן זיך באַצויגן מיט אומצוטרוי צו דער דאָ־זיקער ידיעה. ס'האָט זיך נישט געקענט גלויבן, אַז נאָכדעם ווי די גזלנים האָבן שוין צענדליקער מאָל אַזוי פאַרברעכעריש אָפּגענאַרט, וועלן זיי פּלוצים זיך גיין פאַרנעמען מיטן איבערפירן קיין ארץ־ישראל אַ יידישע פאַמיליע, וועלכע וועט דאָך דערציילן פאַר דער גאַנצער וועלט וואָס פאַר אַ גרוילטאַטן זיי באַגייען איבער יידן.

דאָס מאָל אָבער האָבן די פאַרברעכער געהאַלטן וואָרט. יענטע לייזערזאָן מיט אירע קינדער און מיטן גאַנצן באַגאַזש זענען אין דער געשטאַפּאָ אויפגענומען געוואָרן מענטשלעך און מען האָט זיי אָפּגעשיקט קיין ארץ־ישראל.

ווי מ'איז שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז זי אויסגעביטן געוואָרן אויף אַ וויכטיקער דייטשער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ארץ־ישראלדיקן אינטערנירונגס־לאַגער.

די וואָס האָבן געהאַט פריינט אין ארץ־ישראל זענען געלאָפן צו דער דערמאָנטער פרוי באַזאָרגן גרוסן. מ'האָט געוואָלט גלויבן, אַז אפשר איז דאָס אַן אָנהויב און ס'וועלן אין גיכן געראַטעוועט

ווערן אויף אזא אופן נאך יידן. ס'איז אבער געווען דער ערשטער און לעצטער פאל.

דאקטאר קערשמאן מיט זיין פרוי און קינד ווערן פארשוואונדן פון געטא

אין זעלביקן זומער האט אויך ארויסגערופן נישט קיין קליינע סענסאציע דער פלוצלינגער נעלם ווערן פונם פאפולערן אויגן־דאקטאר קערשמאן מיט זיין פרוי און קינד.

ד״ר י. קערשמאן

אין שטאט האט מען גערעדט, אז א העכערער ווערמאכט־אפיציר האט אים געהאלפן אנטלויפן אין דער שווייץ. לייּדער איז עס נישט אזוי געווען. דאקטאר קערשמאן איז אויף ארישע פאפירן אנטלאפן קיין ווארשע, וואו ס'איז אים געלונגען אויפצוהאלטן זיך אויף דער ארישער זייט. ער זאל זיך האבן באטייליקט אינם אויפשטאנד פון יאר 1944 אין ווארשע. זיין פרוי און קינד געפינען זיך צווישן די לעבעדיקע.

פארסמט א געשטאפאוויעץ אין א געטא־רעסטאראן

אין אויגוסט 1942 האט פאסירט א פאל, וואס האט געקענט ברענגען אויף די ביאליסטאקער יידן שווערע גזירות.

א געשטאפאוויעץ, זייענדיק אין געטא, האט באזוכט דעם נישט־לעגאלן רעסטאראן פון פרוי קאווארסקא און זיך דארטן אנגעטרונקען מיט שנאפס. קומענדיק צוריק אהיים איז ער באלד געשטארבן.

דערוויסנדיק זיך וועגן דעם טראגישן פאל, איז פרוי קאווארסקא גלייך נעלם געווארן פון געטא.

נאך אינם זעלבן טאג איז אראפגעקומען אין געטא א גרעסערע גרופע געשטאפא־באנדיטן, וואס האבן גענומען זוכן די רעסטאראן־אייגנטימערין. נישט געפינענדיק זי, האבן זיי אויפגעפאדערט דעם יידן־ראט, אז די געזוכטע פרוי מוז תיכף ומיד צוגעשטעלט ווערן.

נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, האָבן זיי פאַרהאַלטן צען מיטגלידער פון יידן־ראַט אַלס ערובניקעס, און געמאָלדן, אַז אויב די פרוי וועט ביז מאָרגן נישט געבראַכט ווערן צו דער געשטאַפּאָ, וועלן אַלע ערובניקעס דערשאָסן ווערן.

דער יידן־ראַט האָט אָנגענומען אַלע מיטלען און אויפן צווייטן טאָג אין דער פרי איז די פרוי קאָוואַרסקאַ פאַרהאַלטן געוואָרן אין דעם נאָענטן שטעטל כאָראָשטש, פון וואַנען מ'האָט זי געבראַכט צו דער ביאַליסטאָקער געשטאַפּאָ.

דאָס מאָל האָבן די געשטאַפּאָ־מערדער געהאַלטן וואָרט. האָבנ־דיק אין זייערע הענט די געזוכטע פרוי, האָבן זיי אין עטלעכע שעה אַרום באַפרייט אַלע ערובניקעס.

די באַפרייאונג פון די ערובניקעס האָט אַריינגעבראַכט אין געטאָ אַ געוויסע באַרואיקונג, אָבער מ'האָט מיט גרויס שפּאַנונג דער־וואַרט דעם אויסגאַנג פון דער אָנגעהויבענער אויספאָרשונג.

פרוי קאָוואַרסקאַ, וועלכע האָט פון שרעק און אויפרעגונג זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, ווערט באַלד גענומען אויף אַ שטרענגן פאַרהער. זי האָט געטענהט, אַז צוזאַמען מיטן געשטאָרבענעם האָבן די זעלבע שנאַפּס געטרונקען נאָך עטלעכע מענטשן, און קיינער פון זיי האָט זיך נישט פאַרסמט. נאָך אין זעלביקן טאָג ווערט איבערן טויטן קערפּער פון געשטאַפּאָווי ֹעץ דורכגעפירט אַ סעקציע, וואָס האָט דערוויזן, אַז דער פאַרשטאָרבענער האָט געהאַט אַ פעלער, צו־ליב וואָס דער טויט איז געקומען פּלוצלונג.

נאָך דער דאָזיקער פעסטשטעלונג, ווערט פרוי קאָוואַרסקאַ אין אַ פּאָר טעג אַרום באַפרייט. איר באַווייזן זיך אויף די געטאָ־גאַסן דופט אַרויס ביי אַלעמען גרויס איבערראַשונג.

דער דערמאָנטער צופאַל איז מיט דעם ליקווידירט געוואָרן און די ביאַליסטאָקער יידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז פרוי קאָוואַרסקאַ פאַרשוואונדן געוואָרן.

מען שמוגלט זיך אַריין אין געטאָ

די קנאַפּע הונדערט פורמאַנעס, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע דייטשע פירמעס, האָבן געהאַט שיינען אויף אַרויס־צופאָרן אויסערן געטאָ. עטלעכע צענדליק פלעגן אַריינפירן די צוגע־טיילטע שפּייז־פּראָדוקטן און נאָך אַ צאָל פלעגן אַרויספירן פון געטאָ

דאָס מיסט און מענטשלעכע צואה. אַט די פורמאַנעס פלעגן העלפן אַריינשמוגלען זיך אין געטאָ.

יידן, וואָס פלעגן אַנטלויפן פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך צוליב די גרויזאַמע שחיטות און זיך קוים דערשלעפּן קיין ביאַ־ליסטאָק, פלעגן זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן און זוכן אַ מעג־לעכקייט אַריינצוכאַפּן זיך אין געטאָ. די ביאַליסטאָקער האַרציקע פורמאַנעס פלעגן זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס און אַריינפירן מיט זיי אין געטאָ אַלס זייערע בלומרשטע געהילפן.

אויף אַזאַ אופן זענען דורך די פורמאַנעס אַריינגעפירט געוואָרן הונדערטער אַנטלאָפענע.

אויך די אַרבעטער־קאָלאָנעס, גייענדיק פאַרנאַכט פון זייערע אַרבעט־פּלעצער, פלעגן נישט איינמאָל אַריינשמוגלען אין זייערע רייען פיל פון די אַרומבלאָנקענדיקע יידן.

צוויי גראָדנער בחורים דערשיסן אַ געשטאַפּאָוויעץ

האַרט פאַרן סוף פון זומער 1942 האָט ווידער פּאַסירט אַ טראַגישער צופאַל, וואָס האָט פאַרשאַפט די ביאַליסטאָקער יידן זייער פיל בייז בלוט.

אַ פורמאַן, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון געטאָ מיסט, האָט אויפן פעלד געטראָפן צוויי יידישע בחורים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון גראָדנע און האָבן געזוכט אַ מעגלעכקייט זיך אַריינצובאַקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ. דער פורמאַן נעמט זיי וואַרעם אויף, נעמט אַראָפּ פון זייערע פּלייצעס די רוק־זעק און לייגט זיי אַוועק אויף דער פור. איינעם פון די בחורים הייסט ער זיך זעצן און דעם צווייטן נאָכגיין נאָך דער פור. אַזוי פאָרן זיי צו ביזן געטאָ־מויער, וואו די געשטאַפּאָ טרעט צו צו רעווידירן זייערע רוק־זעק. די גראָד־נער בחורים דרייען זיך אַרוים פון דער טויער־בודקע און ווערן פאַרשוואונדן.

נאָך אַ גרינטלעכן זוכן געפינען די געשטאַפּאָווצעס צוויי פול געלאָדענע רעוואָלווערן. דער פורמאַן ווערט תיכף פאַרהאַלטן. אויפן פאַרהער דערציילט ער די געשיכטע, וואו ער האָט די אַנטלאָפענע געטראָפן, ווי אַזוי ער האָט זיי אַהער געבראַכט און אַז ער ווייסט נישט ווער זיי זענען און וואָס זיי האָבן אין די רוק־זעק געהאַט.

די גאַנצע געשטאַפּאָ ווערט געשטעלט אויף די פיס. ס'איז ערנסט, יידן שמוגלען אַריין געווער אין געטאָ. כדי אָפּצונאַבן די

אַנטלאָפענע טוען זיך צווײ געשטאַפּאָ־מערדער איבער אין ציווילע קליידער מיט געלע לאַטעס, נעמען מיט דעם פורמאַן און גייען אוועק צוזאַמען צום פּלאַץ, וואו דער פורמאַן האָט די בחורים גע־טראָפן. באַמערקנדיק פאַרדעכטיקע פּנימער, וואָס גייען צוזאַמען מיטן פורמאַן, האָבן די גראָדנער בחורים, וואָס זענען געווען באַ־האַלטן אויפן פּלאַץ, עטלעכע מאָל אויף זיי געשאָסן. איין געשטאַפּאָ־מערדער פאַלט גלייך אַ טויטער. דער צווייטער, צוזאַמען מיט עט־לעכע פאַרבייגייענדיקע געשטאַפּאָווצעס, הויבן אָן צו יאָגן די צווײ העלדישע יידישע יונגעלייט. די גראָדנער בחורים האָבן זיך אָפּגע־שאָסן. ווען איינער פון זיי האָט דערזען, אַז ס׳איז אים געבליבן נאָר איין קויל, און נישט וועלנדיק אַריינפאַלן קיין לעבעדיקער צו די נאַצי־בעסטיעס, שיסט ער זיך די לעצטע קויל אַריין אין קאָפּ און פאַלט אַ טויטער.

דעם צווייטן איז געלונגען נעלם צו ווערן. דער גאַנצער ראַיאָן, וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער קאַמף פון די יידישע יונגעלייט מיט די נאַצי־גזלנים, ווערט אַרומגערינגלט און נאָך לאַנגע זוכענישן באַמערקן זיי דעם העלדישן יונגענמאַן אין אַ פויערישער שטאַל. פון דאָרטן פאַרשיט ער זיי נאָך מיט קוילן. אין מיטן שיסן פאַרהאַקט זיך אים אָבער דער רעוואָלווער און די נאַצי־גזלנים געלינגט צו כאַפּן אים אַ לעבעדיקן.

צווײ טעג האָבן זיי אים געפּייניקט אין זייער אינקוויזיציע־קעלער צו דערגיין פון וואַנען ער האָט דאָס געווער און צי געהערט ער נישט אַמאָל צו אַ פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. דער יונגערמאַן איז אָבער געווען שטום ווי די וואַנט. דעם לעבן פון הערָאישן יונגענמאַן האָבן די נאַצי־גזלנים פאַרענדיקט אין דער געשטאַפּאָ־געביידע.

ווען אין געטאָ איז באַקאַנט געוואָרן די טרויעריקע געשעעניש, האָט עס אויף אַלעמען געמאַכט זייער אַ שווערן רושם. אויף מאָרגן האָט די געשטאַפּאָ דערלויבט אַ שטילע קבורה פון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יידישן יונגענמאַן, וואָס האָט זיך דערשאָסן מיט זיין לעצטער קויל אין העלדיש־אומגלייכן קאַמף מיט די נאַצי־בעסטיעס.

אויף זיין מצבה, וואָס דער יידן־ראַט האָט געשטעלט אויפן געטאָ־בית־עולם, איז געווען פאָלגנדיקער זאַץ: „געפאַלן ווי אַ העלד פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק״.

נאָכן טראַגישן פאַל האָט מען אין געטאָ דערציילט, אַז דעם

יידן־ראַט איז געלונגען צו פאַרטרייבן דעם גאַנצן ענין און די ביאַ־ליסטאָקער יידן האָבן ווידער פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער דייטשער אַרבעטס־אַמט פאָדערט פרישע יידישע שקלאַפן

אין געטאָ זענען נישט געווען קיין רואיקע טעג. דער יידישער אַרבעטס־אַמט קריגט פרישע פאָדערונגען צו פאַרגרעסערן די צאָל צוואַנג־אַרבעטער פאַר דער שקלאַפן־אַרבעט ביי דער פירמע „קירכ־האָף" און אין דער קאָלאָניע מאַרקאָוושטשיזנע, וועלכע האָט זיך גע־פונען ביי צען קילאָמעטער פון ביאַליסטאָק. ס'מוז אויך צוגעשטעלט ווערן אין די גאָר נאָענטסטע טעג אַ גרעסערע צאָל פרויען פאַר שווע־רער פיזישער אַרבעט אין וואָלקאָוויסק.

די דערמאָנטע פאָדערונגען האָט שוין דער יידישער אַרבעטס־אַמט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַפרידיקן, ווייל אַלע אַר־בעטס־פעאיקע זענען שוין געווען באַשעפטיקט. וועגן די דערמאָנטע אַרבעטס־פּלעצער האָט מען אין געטאָ געוואוסט, אַז אפילו פיזיש געזונטע מענטשן קענען דאָרטן אויסהאַלטן העכסטנס אַ פּאָר חדשים. אַהין פלעגן געשיקט ווערן אויף אַרבעט די יידן, וואָס האָבן זיך פאַרזינדיקט אין געטאָ גופא.

נישט האָבנדיק קיין פרייע אַרבעטס־הענט, האָט דער יידישער אַרבעטס־אַמט נאָך זייער גרויסע אָנשטרענגונגען (צווישן אַנדערע, דורך צוזאָגן עקסטרע אַנדערטהאַלבן קילאָ ברויט טעגלעך פאַר די, וואָס וועלן גיין אויף די דאָזיקע פּלעצער), קוים צונויפגעקליבן פון פאַרשידענע ערטער נאָר אַ העלפט פון דער געפאָדערטער צאָל אַר־בעטער.

ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און דער יידישער אַרבעטס־אַמט קריגט ווידער אַ פאָדערונג מיט אַ וואָרנונג, אַז ס'מוזן צוגע־שטעלט ווערן די פולע צאָל פרויען פאַר וואָלקאָוויסק און די געפאָ־דערטע צאָל מענער פאַר דער פירמע „קירכהאָף" און אין מאַרקאָוו־טשיזנע.

נישט קענענדיק באַפרידיקן די דערמאָנטע פאָדערונגען, האָט דער יידישער אַרבעטס־אַמט זיך געווענדעט צום יידן־ראַט וועגן גע־פינען מיטלען, ווי אַזוי צו לייזן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע האַרבע פראַגע. נאָך אַ געמיינזאַמער באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז פון אַלע געטאָ־פאַבריקן און אַנדערע אונטערנעמונגען זאָלן על־פּי־

גורל גענומען ווערן צען פּראָצענט פונם ארבעטנדיקן פּערסאָנאַל. אַט די אַרבעטער וועלן יעדע צוויי וואָכן געביטן ווערן. אַזוי אַרום וועלן מיט דער צייט אַלע אַריינגיין אין גורל פון דער דאָזיקער אַרבעט־פליכט. דורך אַזאַ גורל־איינטיילונג וועט אויך געשאַפן ווערן דער רעזערוו פאַר די שווערע אַרבעט־פּלעצער, וואו דער שקלאַפן־פּערסאָנאַל מוז געביטן ווערן זייער אָפט.

דער אויבנדערמאָנטער גורל איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אין דעם איינציקן האַנטווערקער־לערן־אַנשטאַלט אין געטאָ, אין וועלכן ס'האָבן זיך געלערנט עטלעכע הונדערט מיידלעך און יינגלעך.

צווישן די, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין געטאָ, האָט דער גורל־באַשלוס בכלל אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט. זיי האָבן נישט געקאָנט און אפשר אויך נישט געוואָלט גיין אַרבעטן אויף די שווערע אַרבעט־פּלעצער.

די אומצופרידנקייט פון די געטאָ־אַרבעטער איז באַוואוסט געוואָרן דעם אָנפיר־אָרגאַן פון יידן־ראַט. מען איז דאָרטן דעריבער נישט געווען זיכער, צי די, וואָס וועלן אַריינפאַלן אין גורל, וועלן זיך אים אונטערוואַרפן. מען באַשליסט דעריבער, אַז אַלע פאַבריק־בנינים און אַרבעט־פּלעצער, וואָס פאַלן אַרונטער אונטערן גורל, זאָלן פון דער אָרדנונגס־דינסט באַוואַכט ווערן און נאָכן פאַרעפנטלעכן די נעמען פון די אַרבעטער, וועלכע זענען אַריין אין גורל, אָפּפירן זיי אין לאָקאַל פון יידישן אַרבעטס־אַמט.

אַ באַזונדערס שווערן רושם האָט צו יענער צייט געמאַכט דאָס אַרומרינגלען דורך דער אָרדנונגס־דינסט דעם שול־בנין פון די לערן־וואַרשטאַטן. דאָרטן זענען אין גורל אַריינגעפאַלן העכער 50 מיידלעך, וועלכע האָבן גערארפט אָפּגעשיקט ווערן קיין וואָלקאָוויסק. די מערהייט פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער דאָזיקער שול, זענען געווען קינדער פון באַמיטלטע עלטערן. צוליב זייער יונגן עלטער (אַ סך האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פולע 15 יאָר) האָבן זיי נאָך איבערהויפּט נישט געדאַרפט אַרבעטן. דאָס נעמען אויף שווערער אַרבעט איז פאַר זיי דעריבער געווען אַ גרויסע טראַגעדיע.

ווען זייערע מוטערס האָבן זיך וועגן דעם דערוואוסט, זענען זיי געקומען צו לויפן צום שול־בנין און זיך באַמיט העלפן זייערע קינדער. די אָרדנונגס־דינסט האָט זיי אָבער נישט צוגעלאָזן. צווישן

די מאמעס און דער אָרדנונגס־דינסט זענען צוליב דעם אויסגע־בראָכן סקאַנדאַל און געשלעגן. ס'האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן. נאָכן דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן, זענען די איבער פופציק מייד־לעך אָפּגעפירט געוואָרן אויף צוויי טראַנספּאָרט־פורן צום וואָקזאַל, פון וואַנען מ'האָט זיי פאַרשלעפּט קיין וואָלקאָוויסק.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז עטלעכע דרייסטע מיידלעך גע־לונגען אַרויסצורייסן זיך פון דאָרטן. זיי האָבן איבערגעגעבן זייער טרויעריקע גרוסן פון די קינדער און האָבן דערציילט, אַז אַלע שלאָפן אין ערד־היילן, באַקומען גאַנץ ווייניק עסן, אַרבעטן שווער פון פינצטער ביז פינצטער און אַז צוליבן שרעקלעכן שמוץ, וואָס הערשט דאָרטן, ווערט מען אויפגעפרעסן פון לייז; זיי בעטן דעריבער רחמים, אַז מ'זאָל זיי וואָס גיכער אַרויסנעמען פון דאָרטן, ווייל זיי וועלן לאַנג נישט אויסהאַלטן.

דערהערנדיק דעם טרויעריקן גרוס, זענען די מוטערס געלאָפן צום שול־דירעקטאָר, צום יידישן אַרבעטס־אַמט און צום יידן־ראַט, וואו זיי האָבן געטענהט, אַז ס'איז שוין באַלד אַ חודש, ווי די קינ־דער מאַטערן זיך אין וואָלקאָוויסק. זיי פאָדערן דעריבער, אַז דער יידן־ראַט זאָל האַלטן זיין צוזאָג, אַז נאָכן אָפּאַרבעטן אַ חודש צייט וועט מען די קינדער באַפרייען.

ליידער איז אָבער דער יידישער אַרבעטס־אַמט נישט געווען דער באַלעבאָס פון דער לאַגע. דער דייטשער אַרבעטס־אַמט, וואָס האָט צו יענער צייט געגעבן דעם צוזאָג, האָט געענטפערט, אַז די אַרבעט אין וואָלקאָוויסק איז נישט אויף לאַנג און די מיידלעך וועלן אין גיכן אָפּגעפירט ווערן צוריק קיין ביאַליסטאָק. פון דער דאָזיקער תשובה זענען די מוטערס נישט געבליבן צופרידן און האָבן ווידער גענומען אָפּשלאָגן די שוועלן פון די אַמטן און מאַכן די גרעסטע סקאַנדאַלן און אוואַנטורעס.

ליקווידאַציע פון די יידן אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט

סוכות־צייט פון יאָר 1942 האָבן אין געטאָ זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן שטאַרקע קלאַנגען, אַז די נאַצי־גזלנים גרייטן זיך ליק־ווידירן די יידן פון ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט און פון ביאַ־ליסטאָק גופא. קיינער ספק שוין נישט, אַז איינעם פון די יידישע

ישובים אין דעם דערמאָנטן ראַיאָן וועלן זיי גאָר בקרוב צוטרעטן צו פאַרניכטן. די יידן־ראַט־פאַרשטייער האָבן עס באַשטעטיקט, אָבער זיי האַלטן, אַז אַלס ערשטער קרבן וועלן קומען די יידישע שטעטלעך פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט.

די שטימונג איז געוואָרן זייער אַ געדריקטע און אַ גרויסער טייל פון די ביאַליסטאָקער יידן נעמען זיך ווידער צום לעצטן רעטונגס־שטריק — בויען באַהעלטענישן, ביי וועלכע מען אַרבעט טאָג און נאַכט מיט איבערמענטשלעכע כוחות.

אַ נאָך מער געדריקטע שטימונג האָט זיך געשאַפן פון די ידיעות, וואָס די אויסערן־געטאָ אַרבעטער האָבן איבערגעגעבן, אַז אויף די גאַסן זעט מען שוין די ספּעציעלע ליטווישע יידן־פאַרניכטונג־קאָמאַנדעס און אַז די שטאָט איז פול מיט זשאַנדאַרמען און געשטאַפּאָגזלנים.

העכער צוויי וואָכן האָט אָנגעהאַלטן די געשפּאַנטע, צעשראָקענע און דענערווירטע שטימונג. אין יענע טעג פלעגן הונדערטער יידן אָפּוואַרטן אויף יוראַווצער גאַס דעם אָנקום פון באַראַשן, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט די גדולים פון דער געשטאַפּאָ, אין וועמענס הענט עס איז געלעגן דער גורל פון די ביאַליסטאָקער יידן. ווי נאָר דאָס געטאָ־טויער פלעגט זיך עפענען און באַראַש איז אין דער יידן־ראַט־דראָזשקע אַריינגעפאָרן אין געטאָ, פלעגן אַלעמענס אויגן זיין געווענדעט צו אים. פון זיין פּנים האָט מען געוואָלט אַראָפּלייענען ווי ס׳האַלט די לאַגע. איינמאָל האָט באַראַש נישט אויסגעהאַלטן די הונדערטער אָנגעשטרענגטע בליקן. ער שפּרינגט אַראָפּ פון דער דראָזשקע און מיט אַ פרייערער מינע, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן אויף זיין פּנים, גיט ער אַ זאָג אַריין אין דער מענטשןמאַסע: „ביאַליסטאָק בלייבט דערוויילע!״

ווען באַראַש איז צוגעפאָרן צום יידן־ראַט־הויף, האָט אויף אים מיט דער גרעסטער אומגעדולד געוואַרט אַ גרויסער יידישער עולם. באַראַש גיט איבער אַביסל גענויער וועגן דעם, ווי די סכנה פאַר ביאַליסטאָק איז דערווייל אַריבער, ער גיט אָבער צו, אַז צו זיין גרויסן ווייטיק, הויבן אָן די נאַצי־גזלנים אין די נאָענטסטע טעג ליקווידירן די יידן פון דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט.

דריי וואָכן נאָך סוכות פון יאָר 1942, האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון די יידן אין דער גאַנצער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָד־

שאַפט, וואו ס'האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט קנאַפּע 200 טויזנט ייִדן. אין די קלענערע שטעטלעך זענען אָנגעקומען גרעסערע מחנות זשאַנדאַרמען מיט צוזאַמענגעטריבענע קריסטלעכע פורן. מען האָט באַפוילן די ייִדן צו פאַרפּאַקן זייערע ווייכע זאַכן און לייגן אויף די וועגענער. די אַלטע און קראַנקע האָבן זיי געהייסן זיך זעצן אויף די פורן, די קרעפטיקערע זאָלן נאָכגיין.

אין עטלעכע שטעטלעך האָבן די זשאַנדאַרמען דערקלערט די ייִדן, אַז מ'פירט זיי אַריבער אין פרייע אַרבעטס־לאַגערן און זיי קענען דעריבער אויך מיטנעמען זייערע ניי־מאַשינען. אַ סך גלויביקע האָבן טאַקע זייערע ניי־מאַשינען מיטגענומען מיט זיך קיין טרעבלינקע.

אין ס'רוב פון די קליינע שטעטלעך זענען קיין הערמעטיש־פאַרשלאָסענע געטאָס נישט געווען, אַנדערע ישובים זענען געלעגן נאָענט פון וועלדער און דאָס אַנטלויפן פון די נאַצי־נעגל איז דעריבער נישט געווען אַזוי שווער. זיי האָבן אָבער כמעט ווי נישט געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן זיך אָדער אַנטלויפן. די סיבות דערפון דאַרף מען זוכן אין זייער גרויסער אַפּאַטיע צום לעבן און אין דעם נישט גלויבן, אַז די נאַצי־גזלנים וועלן דורכפירן איבער זיי אַזאַ מענטשן־פרעסערישן פאַרברעכן ווי פאַרגאַזן, דעריבער איז פון דער ביאַלים־טאָקער וואָיעוואָדשאַפט געווען זייער ווייניק ייִדן צווישן די פאַרטי־זאַנער און במילא האָבן זיך זייער ווייניק געראַטעוועט.

צוויי שטעטלעך זענען אין דער „אַקציע" נישט אַריינגעפאַלן; איינע איז סאָקאָלע (ביי לאַפּי). דער אָרטיקער קאָמענדאַנט, אַן אויפ־ריכטיקער ייִדן־פריינט, האָט פאַרטרויליך איבערגעגעבן די ייִדן, אַז מאָרגן, זונטיק, וועט אין סאָקאָלע קומען די ייִדן־פאַרניכטונג־קאָ־מאַנדע און אַז די ייִדן זאָלן דעריבער נאָך היינט, שבת, ווי צום גיכסטן פאַרלאָזן דאָס שטעטל. פאַרנאַכט זענען שוין אַלט און יונג געווען אויף די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די נאָענטע וועלדער. זונטיק איז שוין כמעט קיין איין ייִד נישט געבליבן אין סאָקאָלע. ס'האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט עטלעכע אַלטע און קראַנקע, וואָס האָבן זיך שוין נישט געקענט באַוועגן.

אויפהאַלטן זיך לאַנג אין די וועלדער איז אָבער די ייִדן נישט געלונגען. די סאָקאָלער פּוילישע באַפעלקערונג האָט נישט גע־קענט פאַרטראָגן, וואָס זייערע געוועזענע שכנים דרייען זיך אַרום אין די וועלדער און קענען נאָך צוריקקומען און פאָדערן דאָס האָב

און גוטס, וואָס זיי האָבן צוגערויבט אין זייערע הייזער, זענען זיי אוועק צו די אָרטיקע זשאַנדאַרמען און איבערגעגעבן וואו די יידן באַהאַלטן זיך אויס. די נידערטרעכטיקע, פאַרברעכערישע, מענטשן־פרעסערישע מסירה האָט באַלד געהאַט איר ווירקונג. אין די נאָענטע וועלדער זענען איינגעאָרדנט געוואָרן גרויסע אָבלאַוועס און דער גרעסטער טייל יידן זענען געכאַפּט געוואָרן. אַנדערע זענען דערשאָסן געוואָרן גלייך אין וואַלד, די איבעריקע זענען דורך די וואַלד־גזלנים אָפּגעפירט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אויך פון דאָרטן, האָבן די נאַצי־בעסטיעס געוואוסט, וועלן זיי זיך פון זייערע הענט נישט אַרויסדרייען.

דאָס צווייטע שטעטל איז געווען יאַשינאָווקע. דאָרטן האָבן יידן געאַרבעט אין עטלעכע לעדער־פאַבריקן, און דאָס שטעטל איז דעריבער, כלומרשט צוליב איר נויטיקייט פאַר דער וויכטיקער פּראָדוקציע, דערווייל נישט אַריינגענומען געוואָרן אין דער „אויס־זידלונגס־אַקציע", דערביי איז אָבער דער נאַצישער מיין געווען, אַז אין דעם ראַיאָן, וואו יידן קאָנען זיך נאָך געפינען אין די וועלדער און דאָס וואַלד־לעבן וועט זיי נמאס ווערן, זאָל עקזיסטירן אַ צענטער, אין וועלכן די יידן זאָלן זיך אָנהויבן זאַמלען.

אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ קורצער צייט האָבן זיך טאַקע אין יאַשינאָווקע צונויפגעזאַמלט ביי אַ פּאָר הונדערט יידן פון די אַרומיקע וועלדער. אין איין נאַכט האָט מען די „נויטיקע" לעדער־אַרבעטער און די יידן פון די וועלדער פּלוצלונג אַרויסגעפּאַקט אויף צוגעגרייטע לאַסט־אויטאָס און אָפּגעפירט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע קנישין. פון דאָרטן זענען זיי אין פאַרמאַכטע פראַכט־וואַגאָנעס פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

די יידן פון די נאָענטע פּראָווינץ־שטעטלעך, ווי: סופּראַסל, וואַשילקאָווע, זאַבלודאָווע, מיכאַלאָווע, האָראָדאָק, סאָקאָלקע א. אנד. האָט מען געבראַכט אין די קאַזאַרמעס פון צענטן פּולק אין ביאַ־ליסטאָק, וואו זיי האָבן זיך געמאַטערט אַ גאַנצע וואָך. נישט קיין קליינע צאָל איז באַלד געשטאָרבן פון הונגער און שמוץ. די איבעריקע האָט מען שפּעטער אַריינגעטריבן צו 150 מאַן אין אַ וואַגאָן און אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. אַ סך פון זיי זענען צוליב דער שרעק־לעכער ענגשאַפט אין די וואַגאָנעס באַלד דערשטיקט געוואָרן. די לעבעדיקע מיט די טויטע זענען נאָך אינם זעלביקן טאָג פון זייער

אפּפּאָרן פּאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן אין די טרעבלינקער קאַלך־אויוונס.

ווען די שטעטלשע יידן האָבן זיך נאָך געפונען אין די ביאַליסטאָקער קאַזאַרמעס, האָבן זיי אַלאַרמירט זייערע ביאַליסטאָקער פריינט, אַז מ׳זאָל זיך איבער זיי מרחם זיין און וואָס גיכער ארויסנעמען פונם גיהנום, אָבער די וואָס האָבן דערהאַלטן די האַרצרייסנדיקע בריוו, האָבן ווייניק וואָס געקאָנט אויפטון. מיט גרויס פּראָטעקציע איז בלויז איינציקע געלונגען ארויסצורייסן פון די גזלנישע הענט.

די ביאַליסטאָקער מיידלעך פון וואָלקאָוויסק און די לעצט־געבליבענע יידן פון גראָדנע און ביעלסק געבראַכט קיין ביאַליסטאָק

ווען מ׳האָט אָנגעהויבן ליקווידירן די וואָלקאָוויסקער געטאָ, זענען די ביאַליסטאָקער מיידלעך, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, געווען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע. אין וואָלקאָוויסק האָבן די נאַצי־גזלנים זיך געפירט „געזעצלעך". אָנערקענענדיק די מיידלעך פאַר ביאַליסטאָקער, וועלכע דאַרפן פאַרלויפיק נאָך נישט ליקווידירט ווערן, האָט מען זיי אַריינגעטריבן אין אַ באַזונדערן וואַגאָן, וואָס איז פאַראייניקט געוואָרן מיט נאָך פופצן פול־געפּאַקטע וואַגאָנעס מיט וואָלקאָוויסקער יידן. אָנקומענדיק אויף דער ביאַליסטאָקער סטאַציע, זענען די מיידלעך אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון זייער וואַגאָן און דער צוג מיט די וואָלקאָוויסקער צום טויט פאַרמשפּטע יידן איז ווייטער געפירט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע און אוישוויץ.

דער אָנקום פון די ביאַליסטאָקער מיידלעך פון וואָלקאָוויסק האָט אין געטאָ געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. מ׳האָט עס אויסגעטייטשט, אַז די ביאַליסטאָקער געטאָ בלייבט דערווייל.

עטלעכע וואָכן נאָך דער פאַרניכטונג פון די יידן אין דער ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט, האָט די געשטאַפּאָ אַריינגעפירט אין ביאַליסטאָקער געטאָ 300 שוסטער־אַרבעטער פון ביעלסק, וועלכע זענען נאָך פאַר זיי נויטיק געווען. דאָס זענען, אַגב, געווען די לעצטע יידן פון דער דאָזיקער שטאָט.

נאָכן ליקווידירן די גראָדנער געטאָ, זענען דאָרט נאָך אַ קורצע צייט געווען טעטיק עטלעכע שיך־פאַבריקן, וואו ס׳האָבן געאַרבעט

800 יידישע שקלאַפן. מיט זייער הילף זענען פאַרפּאַקט געוואָרן די מאַשינען און רוי־מאַטעריאַלן פון די פאַבריקן. ווען אַלץ איז שוין געווען אַרויסגעפירט, זענען די 800 יידן געבראַכט געוואָרן אין ביאַליסטאָקער געטאָ און זענען, אַלס פּריווילעגירטע, כמעט אַלע איינגעאָרדנט געוואָרן אין די שיך־אונטערנעמונגען.

ביאַליסטאָק איז געבליבן דער איינציקער יידישער אינדזל אינם גאַנצן קרייז. אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן זייער אַ נערוועז לעבן. די קלאַנגען, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען, זענען געווען איינער ערגער פאַרן צווייטן. מ'האָט פּשוט געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט, אַז אונדזער סוף דערנענטערט זיך און אַז מיר מוזן זיין גרייט צום זעלבן טראַגישן גורל, וואָס האָט געטראָפן דעם גרעסטן טייל פונם אייראָפּעאישן יידנטום.

הכנות צו אַ ווידערשטאַנד

אין אָנבליק פון דאָס שרעקלעכע, וואָס די ביאַליסטאָקער יידן האָבן דערוואַרט, האָט אַן איניציאַטיוו־גרופּע זיך פאַרשטענדיקט וועגן שאַפן אַ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אויף צו פאַרטיידיקן די געטאָ. צו דעם צוועק האָבן זיי גערופן אַ באַראַטונג.

אין דער דאָזיקער באַראַטונג האָבן צווישן אַנדערע אָנטייל גענומען: יאַשקע (קאָמוניסט), די קרינקער פרוי פאַרבער (קאָמוניסטקע), דער ווילנער יונגערמאַן יצחק (ציוניסט) און די לינק־געשטימטע יודיטאַ נאָוואָגרודזקאַ. יודיטאַ האָט געהאַלטן, אַז אַלע מענער און פרויען, וועלכע קענען טראָגן געווער, דאַרפן אַוועקגיין אין וואַלד און קעמפן אַלס פּאַרטיזאַנער. פון דאָרטן וועלן זיי האָבן די מעגלעכקייט נקמה צו נעמען אָן די נאַצי־רוצחים. אויך אין וואַלד, האָט זי אונטערגעשטראָכן, איז דאָס לעבן ווייט פון צו זיין זיכער, אָבער דאָרטן זענען דאָ ברייטערע מעגלעכקייטן ווי אין געטאָ און מער שאַנסן צו ראַטעווען זיך. וואָס איז שייך די געטאָ־פאַרטיידיקונג, דאַרפן די, וואָס וועלן אין דער געטאָ בלייבן, טאָן אַלץ כדי צו פאַרשאַפן די נאַצי־רוצחים וואָס מער קרבנות. אין דער אונטערשטער שורה וועט מען טאַקע פאַלן מיט אַ העלדן־טויט, מ'קען אָבער די קאַמפן אין געטאָ בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס טויזנטער באַוואָפנטע מענער און פרויען קענען און וועלן אויפטאָן אין וואַלד. איז דעריבער, — האָט זי געזאָגט, — באַטאָן איך נאָכאַמאָל, אַז

כאַטש איך אַליין בין שוואַך און קראַנק און קען אין וואַלד נישט גיין, וועל איך דאָך זיך אַריינוואַרפן מיטן גאַנצן פייער פון מיין נשמה אין דער אַרבעט פאַר דער דאָזיקער הייליקער אידייע.

אויף דער פראַגע פון אירע חברים, ווי אַזוי וועט זי, אַ קראַנקע און שוואַכע, קענען טאָן אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, האָט אָפּגע־קלונגען איר תשובה: „מיין אָרגאַניזם איז אַ צעבראָכענער, אָבער דער גייסט אין מיר איז פריש, יונג און געזונט. אונדזער ציל דאַרף זיין נקמה! נקמה און נאָכאַמאָל נקמה! נקמה פאַר אונדזערע ליבסטע און טייערסטע".

יודיטאַ איז געווען אַ שאַרפע קעגנערין פון דער געטאָ־פאַרטיי־דיקונג אַלס הויפּט־קאַמף־מיטל. די באַראַטונג האָט אָבער אַלע אירע אַרגומענטן אָפּגעוואָרפן און האָט מיט אַ מערהייט שטימען באַשלאָסן תיכף צוצוטרעטן צו דער גרינדונג פון אַ ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע צום פאַרטיידיקן די געטאָ און אַז די אָרגאַניזאַציע דאַרף שטיין אין אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די פּאַרטיזאַנער.

נישט געקוקט אויף דעם אָנגענומענעם באַשלוס, האָט יודיטאַ געהאַנדלט אויף איינענער האַנט און ווייטער געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר איר שטאַנדפּונקט.

די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ איז געפירט געוואָרן זייער שוואַך. סיבות זענען געווען פאַרשידענע. ערשטנס, דאַרף אַזאַ אַרבעט געפירט ווערן שטרענג געהיים און ס'קען שוין במילא נישט זיין קיין רייד וועגן אַ ברייט־פאַרצווייגטער אַגיטאַציע. צווייטנס, האָט די נישט־איינשטימיקייט פון די אָרגאַניזאַטאָרן וועגן אופן פון קאַמף פיל געשטערט דער אַזוי ערנסטער און וויכטיקער אַרבעט.

מערסיק

די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעכאַפּט דעם רוף צו פאַרטיידיקן די געטאָ, זענען געווען די אַרבעטער פון די יידן־ראַט־גערטנער מיט מערסיקן אין דער שפּיץ. מערסיק, וואָס איז געווען אַ שאַרפער אָנ־הענגער פון דער חלוצים־אידייע, האָט זייער פיל געאַרבעט ביים אָרגאַניזירן די זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע. אין מיטן דער וויכטיקער אַרבעט האָט אים אָבער דער פאַטאַלער טויט אַרויסגעריסן פון די רייען פון די לעבעדיקע.

מערסיק, דער יונגער חלוץ־אידעאַליסט, איז געווען איינער פון די גרינדער און פאָרזיצער פון דער אומלעגאַלער חלוצים־אָרגאַ־

ניזאַציע, דער גרינדער פון אַ ספּעציעלער חלוצים־קיך און איינער פון די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון דער זעלבסטשוץ. ער האָט אַנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות אריינצוציען אין אירע רייען וואָס מער יוגנט. נישט קוקנדיק אויף דער לעבנס־סכנה, וואָס איז געווען פאַרבונדן ביים איינשאַפן געווער, האָט ער אויך וועגן דעם זייער פיל געזאָרגט. יעדע זאַך האָט ער געטאָן בלב ונפש. די, וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָבן זיך פּשוט נישט געקענט אָפּלויבן פון אים. זיין געזעלשאַפטלעכע און אחריותפולע טעטיקייט איז כסדר געוואַקסן. אין מיטן פון אָט דער ברענענדיקער אַרבעט איז ער פּלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף אַ שווערן טיפוס. נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען צו ראַטעווען אים, האָט דער גרויזאַמער טויט פאַרענדיקט זיין יונגן, שעפערישן לעבן.

וועגן זיין טויט איז דער יידישער געטאָ־באַפעלקערונג אָנגעזאָגט געוואָרן דורך דריי באַזונדערע טרויער־מעלדונגען: פון יידן־ראַט, חלוצים־אָרגאַניזאַציע און אַפּראָוויזאַציע־אַמט, וואו ער איז געווען סעקרעטאַר.

אין אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד האָבן אָנטייל גענומען גרויסע מענטשן־מאַסן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך געפונען כמעט דער גאַנצער יידן־ראַט, חברים פון דער חלוצים־אָרגאַניזאַציע און מיטגלידער פון זעלבסטשוץ.

יודיטאַ

אין דעצעמבער 1942 איז ווידער פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פונם „קאָמיטעט צו פאַרטיידיקן די געטאָ". אין די דיסקוסיעס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די שאַרפע חילוקי־דעות, וואָס הערשן צווישן די קאָמיטעט־מיטגלידער און יודיטאַן, וועלכע האָט, ווי פריער, פאַר־טיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק. די מערהייט האָט אָבער איר מיינונג אָפּגעוואָרפן און געשטעמפּלט איר טעטיקייט אַלס פאַררעטערישע. מען האָט זי אפילו באַשולדיקט, אַז זי שטייט אין דינסט פון דער געשטאַפּאָ און דערפאַר ווערט זי אַרויסגעוואָרפן פון קאָמיטעט.

יודיטאַ האָט אָבער איר קאַמף נישט אויפגעגעבן. זי האָט אומ־דערמידלעך אַגיטירט פאַר איר אידייע און געוואונען אַ היפּשע צאָל אָנהענגער. זי אָרגאַניזירט פון זיי אַ גרופּע, וועלכע ווערט דורך איר אָפּגעשיקט אין וואַלד אין די לעצטע טעג פון דעצעמבער. צוליב

די שטאַרקע פּרעסט און די נישט־דערפּאַרנקיים מיטן וואַלד־לעבן, זענען ס׳רוב פון זיי אומגעקומען.

אַ קורצע צייט שפּעטער האָבן די פירער פון דער געטאָ־פּאַרטיזאַנער באַוועגונג זיך אַרומגעזען, אַז זיי האָבן צו שאַרף געהאַנדלט לגבי דער באמתער אידעאַליסטישער יודיטאַ און האָבן באַשלאָסן אָפּצורופן די באַשולדיקונגען קעגן איר און אָננעמען אַלע מיטלען פאַר אַ געמיינזאַמער צוזאַמענאַרבעט. דאָס האָט זיך אָבער לײַדער נישט איינגעגעבן.

יודיטאַ, אָט די טיכטיקע און ענערגישע פרוי, האָט ביים אָרגאַניזירן אין ביאַליסטאָקער געטאָ די פּאַרטיזאַנקע פאַרנומען אַ וויכטיקן און אָנגעזעענעם אָרט.

מיטן פּליטים־שטראָם פון יאָר 1939 איז יודיטאַ צוזאַמען מיט איר מוטער געקומען פון וואַרשע. יודיטאַ איז געווען אַ הויכע, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ שוואַרצע האָר און ברענענדיקע אויגן. אין די פינצטערע געטאָ־יאָרן פאַרנעמט זי דעם אַמט פון אַ שוועסטער אין שפּיטאָל פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. אַליין מיט אַ קראַנק האַרץ און אָנגעגריפענע לונגען, פלעגט איר זייער אָפט אויסקומען צו ליגן זיך אין בעט. זי האָט פאַרמאָגט אין זיך אָן אַ שיעור ענערגיע און איניציאַטיוו און אַן אויסערגעוויינלעכן דראַנג צו אַרבעט. וואָס עס איז נאָר געווען אין אירע מעגלעכקייטן האָט זי געטאָן, כדי דערפירן דערצו, אַז איר אידייע וועגן דער פּאַרטיזאַנקע זאָל אָננעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער און אַז די געטאָ זאָל ביליק אירע לעבנס נישט אָפּגעבן.

געשטאָרבן דאָקטאָר רייגראָדסקי

אין ווינטער 1942 איז נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט געשטאָרבן דער באַוואוסטער און באַליבטער מסירת־נפשדיקער יידישער כלל־טוער דאָקטאָר רייגראָדסקי. זיין טויט האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער. די ביאַליסטאָקער יידן זענען געקומען אין גרויסע מאַסן אָפּגעבן אים דעם לעצטן כבוד צו זיין אייביקער רו.

* * *

ווען ס׳איז אין 1906 אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם אין ביאַליסטאָק, איז ער באַלד אין ערשטן פּאָגראָם־טאָג, איינשטעלנדיק זיין לעבן, געלאָפן אויף פּאָסט און האָט אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און אַ דאַנק זיינע גרויסע פאַרבינדונגען, טעלעגראַפירט צום קלוב

פון די יידישע דעפּוטאַטן און צום קלוב פון די רוסישע ליבעראַלע דעפּוטאַטן פון דער גאָסודאַרסטווענער דומע וועגן דעם שרעקלעכן פּאָגראָם, וואָס קומט פּאָר.

שבת, אין דריטן טאָג פון פּאָגראָם, איז שוין אין ביאַליסטאָק געווען אַ דעלעגאַציע פון דריי דעפּוטאַטן אין דער שפּיץ מיטן יידישן דעפּוטאַט יאַקאָבסאָן. זייער אינטערווענץ ביים שעף פון די מיליטע־רישע כוחות (אגב האָט דאָס מיליטער אויך גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין פּאָגראָם) איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג און אינם זעלבן טאָג איז דער פּאָגראָם אָפּגעשטעלט געוואָרן.

די ביאַליסטאָקער יידן האָבן דעמאָלט באַטראַכט רייגראָדסקיס אויפטו אַלס אַ גרויסן העראָאישן טאַט, ווייל צוליב זיין ענערגיע און איניציאַטיוו איז אָפּגעשטעלט געוואָרן די שחיטה איבער די ביאַליסטאָקער יידן.

ד"ר א. רייגראָדסקי

אין פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין ברייט־פאַרצווייגטער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט איז ד"ר רייגראָדסקי געשטאַנען אויף דער הויך פון מענטש־לעכער און ווירדיקער האַנדלונג. אַ לענ־גערע צייט איז ער געווען קאַסיר פון דער הילפס־אינסטיטוציע, צו וועלכער דער „ביאַליסטאָקער צענטר" אין ניו־יאָרק האָט איבערגעשיקט גרויסע געלט־סומעס צום פאַרטיילן צווישן די פאַרשי־דענע אַנשטאַלטן אין ביאַליסטאָק. אויף דעם דאָזיקן אַמט האָט ער אַרויסגע־וויזן אַ שפּאָר ביסל טאַקט און אויסגע־האַלטנקייט.

דאָקטאָר רייגראָדסקי איז אויך געווען פּאָרזיצער פון ביאַליס־טאָקער „טאָז". דער דאָזיקער געזעלשאַפט האָט ער אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט. ער פאָרט קיין פראַנקרייך צו דער פאַמיליע טרילינג און עס געלינגט אים זיי איבערצוצייגן אין דער וויכטיקייט פון אַן אייגענעם בנין, אין וועלכן עס זאָלן זיך געפינען אַלע „טאָז"־אַנשטאַלטן, וואָס זענען צו יענער צייט געווען צעוואָרפן אין עטלעכע פונקטן פון שטאָט און געווען זייער שלעכט איינגעאָרדנט.

אויף דעם דאָזיקן וויכטיקן צוועק האָט ער באַקומען פון פרוי

פּאַניע טרילינג דרייסיק טויזנט דאָלאַר. מיט דער סומע איז די געזעל־שאַפט צוגעטראָטן איבערצובויען איר פּאַלאַץ אויף דער פּאַבריק־גאַס פאַר דער „טאָז"־סאַנאַטאָריע. דער דאָזיקער פּראַכטפולער בנין, אין מיטן פון אַ שיינעם גאָרטן, איז באמת געווען אַ שטאָלץ פאַר דער דעמאָלטיקער ביאַליסטאָק. די חשובע טרילינג־פאַמיליע האָט זיך אָבער נישט אָפּגעשטעלט ביי דעם ריזיקן דרייסיק־טויזנט־דאָלאַר־געשאַנק. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון ד"ר רייגראָדסקי האָבן זיי די „טאָז"־סאַנאַטאָריע נישט פאַרלאָזן און די גאַנצע צייט איר געשיקט סיסטעמאַטישע הילף.

מיטן טויט פון דאָקטאָר רייגראָדסקי האָט דאָס ביאַליסטאָקער יידנטום פאַרלוירן איינע פון זיינע שענסטע און וויכטיקסטע פּער־זענלעכקייטן.

פאַרערגערטע באַציאונג פון די נאַצי־הערשער צו די ביאַליסטאָקער יידן

שווערע פאַרעדרונגען האָבן זיך גענומען שיטן אויף די יידישע קעפּ. איין טאָג איז געווען אַ פאַראָרדנונג, אַז מ'זאָל אָפּגעבן פוטערנע מאַנטלען און פוטערנע קראַגנס. אַ צווייטע פאַראָרדנונג האָט אויפ־געפאָדערט אָפּצוגעבן קופּערנע כלים און מעש. ווייטערדיקע פאָדע־רונגען זענען געווען אויף עלעקטרישע קאָך־מאַשינקעס און אויף אַ גאַנצער ריי אַנדערע ווערטפולע זאַכן. אין דער לויפן האָט זיך געפילט, אַז די באַציאונג פון די נאַצי־הערשער צו דער געטאָ ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער.

נישטאָ מיט וואָס צו הייצן די געטאָ

ס'רוב יידן האָבן שוין אויסגענוצט זייערע האָלץ־רעזערוון און דער ווינטער איז נאָך געווען אין מיטן. יידן האָבן דעריבער אָנגע־הויבן זוכן עצות ווי אַזוי צו קריגן אַביסל הייץ־מאַטעריאַל. די אַרבי־בער פינף טויזנט יידישע אויסערן־געטאָ אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן טראָגן האָלץ פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער, אָבער נישט אַזוי גרינג איז עס זיי אָנגעקומען. מ'האָט עס געדאַרפט גנבענען און שלעפּן אַ דריי־פיר קילאָמעטער אויף די אויסגעמאַטערטע, צעבראָכענע ביינער און אַז מ'איז שוין נאָך אַ שווערן און פינצטערן אַרבעטס־טאָג דער־גאַנגען מיט דער שווערער משא צו די געטאָ־טויערן, האָט זייער

אַפּגעטראָפן, אַז די געשטאַפּאָ־אוצעס פּלעגן דאָס האַלץ צונעמען, אין אַזעלכע טעג פּלעגן די פּאַרמאַטערטע און נידערגעשלאָגענע שקלאַפן אַריינפאַלן אין זייערע ענגע געטאָ־דירות אויפגערעגטע און פאַרביטערטע.

ס׳איז געוואָרן באַקאַנט, אַז די „גרונט־שטיק־געזעלשאַפט" פאַר־קויפט די גאַנץ געבליבענע יידישע הייזער, וועלכע געפינען זיך אויסערן געטאָ, צום פּרייז פון עטלעכע הונדערט מאַרק פאַר אַ הויז. די קויפער זענען געווען מייסטנס פּויערים. די יידישע פורמאַנעס, וועלכע פּלעגן אַרויספאָרן אויסערן געטאָ, האָבן זיך באַמיט קויפן די הייזער פשוט אויף הייץ־מאַטעריאַל. פון צייט צו צייט פּלעגט עס זיי געלינגען, אָבער באַצאָלן האָבן זיי געמוזט פינפאַכע פּרייזן ווי די אַריער. ס׳האָט נישט זעלטן געטראָפן, אַז אַ פורמאַן פּלעגט אָפּ־קויפן זיין אייגן הויז. פון גרויס עגמת־נפש פּלעגט ער זיך דעמאָלט פאַנאַנדערוויינען ווי אַ קליין קינד.

אויף אַזעלכע אופנים זענען אין געטאָ אַריינגעבראַכט געוואָרן היפּשע קוואַנטומס הייץ־מאַטעריאַל. די פּרייזן אויף האָלץ זענען גע־ווען אומגעווייִנלעך הויכע, אַזוי אַז נאָר די פּאַרמעגלעכע האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו קויפן, דאַקעגן די אָרעמע לייט איז אויסגע־קומען ווייטער צו פרירן.

אויך דער יידן־ראַט פּלעגט באַקומען קלענערע קוואַנטומס קוילן, וועלכע ער פּלעגט פאַרטיילן צווישן דער באַפעלקערונג. דאָס האָט אָבער געקלעקט נאָר אויף עטלעכע וואָכן און האָט די אַלגעמיינע לאַגע נישט קיין סך געענדערט.

נאַצי־קאָמיסיעס באַזוכן די פאַבריקן

די באַזוכן פון נאַצי־קאָמיסיעס זענען געוואָרן אַלץ אָפטער און אָפטער. היפּשע עטלעכע שעה פאַר זייער אָנקום אין געטאָ האָבן זיך אויף די גאַסן, דורך וועלכע די קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן גע־דאַרפט דורכפאָרן, נישט געטאָרט געפינען קיין יידן. דורך דער יידישער אָרדנונגס־דינסט פּלעגט מען אַריינגעטריבן ווערן אין די הויפן, וואו מ׳איז געשטאַנען פאַררוקט, אַז מען זאָל חלילה נישט באַמערקט ווערן פון קיין קאָמיסיע־מיטגליד. ווען די קאָמיסיע פּלעגט זיין אין געטאָ, האָבן בכלל קיין יידן זיך נישט געטאָרט געפינען אויף די גאַסן, ווייל אַלע יידן האָבן געדאַרפט אַרבעטן. נישט זעלטן פּלעגט אויסקומען אָפּצושטיין באַהאַלטענערהייט אין די הויפן

אַ גאַנצן טאָג, ביז מ'פלעגט זיך דערוואַרטן אויף דער מינוט, ווען די קאָמיסיע האָט שוין פאַרלאָזן די געטאָ.

אַז די קאָמיסיע האָט זיך שוין געפונען אויף יענער זייט געטאָ, פלעגט מען גלייך לויפן צו באַראַשן (וועלכער פלעגט זיי שטענדיק באַגלייטן) און זיך נאָכפרעגן, אין וואָס פאַר אַ שטימונג די נאַצי־גזלנים האָבן פאַרלאָזן די געטאָ, ווייל דאָס לעבן פון די קנאַפּע פופציק טויזנט געטאָ־יידן איז געווען אָפּהענגיק פון די איינדרוקן פון די קאָמיסיעס.

אין אַזאַ מורא האָבן זיך געפונען די ביאַליסטאָקער יידן האַרט פאַרן סוף פון יאָר 1942.

אויפגעהאָנגען דריי יידן פאַר געפינען ביי זיי אין די קעשענעס אַביסל יאַנדרעס

דעם 31־טן דעצעמבער 1942 האָט מען אין דער גרויסער אייל־פאַבריק „ביאַלאַל", פאַרן אוועקגיין פון דער אַרבעט, רעווידירט דריי יידישע אַרבעטער, ביי וועמען מען האָט געפונען אַביסל יאַנדרעס. די פאַבריק־דירעקציע, וועלכע איז שוין פון פריער באַשולדיקט געוואָרן אין גרויסע מיסברויכן און האָט געזוכט אַ שעיר־לעזאזל אויף וועמען אַרויפצוּוואַרפן זייערע פאַרברעכנס, האָט אים געפונען אין די דריי אומגליקלעכע יידישע אַרבעטער. די דריי קרבנות זענען איבערגעגעבן געוואָרן צו די געשטאַפּאָ־רוצחים.

ווייסנדיק גאַנץ גוט, אין וואָס פאַר אַ געדריקטער שטימונג די ביאַליסטאָקער יידן געפינען זיך די לעצטע טעג און וועלנדיק זיי נאָך מער צערייצן און צעברעכן, האָט די געשטאַפּאָ איבערגעגעבן די אומשולדיקע קרבנות דעם יודן־ראַט און פאַראָרדנט אויפהענגען זיי אין געטאָ אויף אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ. דער יודן־ראַט האָט אונטער דעם דרוק פון דער געשטאַפּאָ געמוזט צוגרייטן אין געטאָ אַ תליה האַרט נעבן דער ביאַלע, נישט ווייט פון יודן־ראַט־בנין.

באַלד ווי ס'איז געוואָרן באַוואוסט וועגן דעם פאַרברעכן, וואָס די נאַצי־גזלנים גייען אָפּטאָן מיט יידישע הענט, איז די שטימונג אין געטאָ געוואָרן אַ שרעקלעך אויפגערעגטע. אַלע זענען אַרומגעלאָפן מיט געביילטע פויסטן. צום אָרט, וואו די עקזעקוציע האָט געדאַרפט פאָרקומען, איז אָבער קיינער נישט צוגעלאָזן געוואָרן. די געשטאַפּאָ האָט באַפוילן, אַז ווען די דריי יידן וועלן געפירט ווערן צו דער

תליה, מוזן אַלע געטאָ־איינוואוינער זיך געפינען אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ.

האַלב־טויטע ווערן די יידן אַרויסגעפירט פון געטאָ־אַרעסט און צוגעפירט צו די תליות. אויפן פּלאַץ, וואו ס׳זענען פאַרזאַמלט טויזנטער יידן, הערשט אַ טויטע שטילקייט. איינער פון די באַנדיטישע געשטאַפּאָ־אָפיצירן, וואָס זענען געקומען ספּעציעל צו דער עקזעקוציע, זאָגט צו די פאַרזאַמלטע פאָלגנדיקע ציניש׳ע וואָרנונגס־ווערטער: „די דריי יידן ווערן אויפגעהאָנגען פאַר באַגנבענען אַ מלוכהשע פאַבריק; זאָל עס זיך יעדער פון אייך גוט אַריינגעמען אין זינען, אַז פאַר גנבענען שטייט פאַר אָט־אָ־די שטראָף, פאַרגעסט עס נישט!" עס פאַלט דער באַפעל און דריי אומשולדיקע קרבנות ווערן דורך יידישע הענט אויפגעהאָנגען אויף די צוגעגרייטע תליות.

נאָר דער, וואָס איז דערביי געווען און דאָס צוגעזען, קען האָבן אַ באַגריף פון דער געדריקטער שטימונג, אין וועלכער די אַנ־ווענזנדיקע יידן האָבן זיך געפונען. די הערצער האָבן געמוזט זיין פון אייזן, אַז זיי האָבן נישט געפּלאַצט, צוזעענדיק די פּראָצעדור פון אויפהענגען די דריי אומשולדיקע קרבנות.

נאָכן דורכפירן די עקזעקוציע, האָט דער פאָרשטייער פון יידן־ראַט, אינזש. באַראַש, אינטערווענירט ביי דער געשטאַפּאָ, אַז די אומשולדיקע קרבנות זאָלן נישט הענגען קיין גאַנצן מעת־לעת, ווי ס׳איז געווען פאַראָרדנט, נאָר זיי זאָלן דערלויבן ברענגען זיי תיכף צו קבורה. די „ווייכהאַרציקע" געשטאַפּאָ־באַנדיטן האָבן די בקשה באַפרידיקט. אויף גיך זענען די קדושים אַראָפּגעכאַפּט געוואָרן פון די תליות, מען האָט זיי אַרויפגעלייגט אויף אַ פור און אָפּגעפירט אויפן געטאָ־בית־עולם.

דער ריזיקער עולם, וואָס האָט זיך געפונען אויפן עקזעקוציע־פּלאַץ, איז אַ לענגערע ווײַלע נאָך געשטאַנען ווי פאַרגליווערט פון דעם שוידערלעכן „ספּעקטאַקל", וועלכן די נאַצי־בעסטיעס האָבן אָפּ־געשפּילט.

דאָס איז געווען די לעצטע גרעסערע געשעעניש פאַר דער ליק־ווידאַציע פון 12 טויזנט יידן פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

זעקסטער קאפּיטל

די שחיטה פון 5־טן פעברואר 1943

קלאַנגען, אַז דער יידן־ראַט שטעלט צונויף אַ ליסטע פון צוועלף טויזנט קרבנות

סוף יאַנואַר 1943 האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז דער פאָרזיצער פון יידן־ראַט, אינזש. באַראַש, האָט באַקומען פון דער געשטאַפּאָ אַן אויפפאָדערונג, ער זאָל צוזאַמענשטעלן אַ ליסטע פון צוועלף טויזנט יידן, וואָס וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אויף אַרבעט.

די דאָזיקע טרויעריקע קלאַנגען האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די געדריקטע שטימונג פון די ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע האָבן שוין קלאָר געזען, אַז זיי דערנענטערן זיך מיט ריזן־שריט צו דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָפע.

די זעלבסטשוץ גרייט זיך צום קאַמף

די יונגע זעלבסטשוץ־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נאָך דאַן געווען קליין אין צאָל, האָט זיך פיבערהאַפט גענומען גרייטן צו דער אַרבעט. אין אירע רייען זענען אַריינגעצויגן געוואָרן נייע מענטשן, ס'זענען אויך אַרויסגעשיקט געוואָרן אויסערן געטאָ פאַרטרוילעכע חברים, כדי ווי צום גיכסטן איינשאַפן וואָס מער געווער. אַ גרעסערער קוואַנטום זויער־שטאָף איז פאַרטיילט געוואָרן צווישן דרייסטע יידישע פרויען. אין מאָמענט ווען די נאַצי־גזלנים וועלן זיך צו זיי דערנענטערן, זאָלן זיי מיטן זויער־שטאָף אָפּגיסן די מערדערישע פנימער. קיין סך האָט מען שוין אָבער נישט געקאָנט אויפטאָן, ס'איז געבליבן צו ווייניק צייט.

מען בויט פיבערהאַפט באַהעלטענישן

ווידער האָבן ס'רוב יידן זיך גענומען צום אַלטן מיטל — פאַרגרייטן זיך מיט באַהעלטענישן. די, וואָס האָבן נאָך קיין באַהעלטע־

נישן נישט געהאַט, בויען אין געהיים טאָג און נאַכט, און די, וואָס האָבן זיי שוין יאָ געהאַט, באַמיען זיך זיי אויסצובעסערן. אַנדערע האָבן אפילו אַריינגעפירט אין זיי וואַסער און עלעקטרי. ס׳זענען אויך געווען אַזעלכע באַהעלטענישן, וואָס זייערע אַרויסגענג האָבן געפירט אויסערן געטאָ און זענען געווען איינגעאָרדנט פאַר 100 פערזאָן.

דער יידן־ראַט שטעלט צונויף ליסטעס פון צוועלף טויזנט יידן

בליץ־שנעל האָט זיך איבערן געטאָ דורכגעטראָגן די ידיעה, אַז דער יידן־ראַט האָט שוין די ליסטעס פון די געפּאָדערטע יידן. אַלס ערשטע גייען די אַלטע, קראַנקע און משוגעים, נאָכדעם די, וואָס אַרבעטן נישט. פון וועמען עס באַשטייט די דריטע גרופּע האָט קיינער נישט געוואוסט, חוץ עטלעכע באַאַמטע, וואָס האָבן די ליסטעס צוזאַמענגעשטעלט, — זיי האָבן אָבער דעם סוד געהיט.

די שטימונג איז געווען געשפּאַנט אויפן העכסטן גראַד. דער שרעקלעכער אומגליק איז געשטאַנען ביי דער טיר.

אויפגעהאָנגען זיך דער באַוואוסטער האַנטווערקער־טוער צבי ווידער

מיטן מאָמענט, ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער יידן־ראַט האָט שוין די ליסטעס פון די צוועלף טויזנט קרבנות, וועלכע ער איז גרייט איבערצוגעבן די נאַצי־גזלנים, האָט דער באַוואוסטער לאַנג־יאָריקער האַנטווערקער־טועד און מיטגליד פון יידן־ראַט, צבי ווידער, באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיין לעבן און, נאָכן אָנשרייבן בריוו, צום יידן־ראַט און צו זיין פרוי, זיך אויפגעהאָנגען אין זיין אייגענער וואוינונג. מ׳האָט וועגן זיין טאַט גערעדט מיטן גרעסטן דרך־ארץ און מען האָט געהאַלטן, אַז ער האָט געהאַנדלט ווי אַ העלד.

צ. ווידער

דער זעלבסטמאָרד פון צבי ווידער האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די יאוש־שטימונג.

די געשטאַפּאָ גרייט זיך

דעם 3־טן פעברואַר 1943 איז אָראָפּגעקומען אַ געשטאַפּאָ־קאָמיסיע און האָט זייער אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם געטאָ־פּאַרקאַן און די טויערן.

דעם 4־טן פעברואַר זענען צוגענומען געוואָרן אַלע ארויסגאַנג־שיינען ביי די יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ. אינם זעלבן טאָג האָט די געשטאַפּאָ צוגענומען די צוזאַמענגעשטעלטע ליסטעס פון די צוועלף טויזנט יידן און די גאַנצע עווידענץ פון יידן־ראַט.

ס'זענען אָבער אויך געווען איינצלנע פאַלן, ווען פירנדיקע היטלעריסטישע פּאַרטיי־מיטגלידער, דירעקטאָרן פון פאַבריקן פון אויסערן געטאָ, האָבן פאַרטרוילעך דערציילט זייערע יידישע קנעכט וועגן דעם, וואָס עס גרייט זיך אויף זיי. אַנדערע האָבן אפילו פאַר־געליינט, אַז זיי זאָלן בלייבן אין די פאַבריקן אַזוי לאַנג ווי די שחיטה וועט דויערן. ס'רוב יידן האָבן זיך פון דעם אָפּגעזאָגט, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט און נישט געקענט אין אַזאַ שרעקלעכער צייט איבערלאָזן אויף הפקר זייערע פאַמיליעס אין געטאָ. נאָר איינצלנע האָבן די הילף אָנגענומען און זענען טאַקע אויף דעם אופן ניצול געוואָרן פון דער 5־טער פעברואַר שחיטה.

נאָך די אַלע טרויעריקע ידיעות איז שוין געוואָרן קלאָר, אַז דער שרעקלעכער אומגליק קען אַ ליאַדע שעה אָנקומען.

אין דער נאַכט פון 4־טן אויפן 5־טן פעברואַר 1943 האָט אַ גרויסער טייל פון דער באַפעלקערונג זיך נישט געלייגט שלאָפן, אָפּ־וואַרטנדיק מיט שרעק די גרויזאַמע קאַטאַסטראָפע.

דער אָנהויב פון דער 5־טער פעברואַר שחיטה

דאָנערשטיק, 2 אַזייגער אין דער נאַכט פון 4־טן אויפן 5־טן פעברואַר 1943, זענען אַריינגעפאָרן אין געטאָ אַ גרעסערע צאָל אויטאָס מיט נאַצי־באַנדיטן, בראש מיטן געשטאַפּאָ־אָפיציר פרידל און זיך אָפּגעשטעלט ביים יידן־ראַט. זיי האָבן באַפוילן דער יידישער אָרדנונגס־דינסט תיכף צו ברענגען דעם יידן־ראַט־פּאַרזיצער, אינזש. באַראַש, כדי אים צו צווינגען בייצוזיין זייער פאַרברעכערישע אַרבעט.

די נאַצי־רוצחים זענען טאַקע אין דער אָנוועזנהייט פון באַראַשן תיכף צוגעטרעטן צו דער טייוולאָנישער אַקציע. אין פאַרלויף פון מינוטן האָבן זיי אַרומגערינגלט פאָלגנדיקע גאַסן: ניי־וועלט, פּאָלנע,

ביעלאָסטאָטשאַנער און אַלע נעבן־ליגנדיקע געסלעך און איבער זיי געעפנט אַ פייער פון מאַשין־ביקסן. דאָס איז געווען די איינלייטונג צו דער בלוט־באָד.

מיט די ליסטעס אין די הענט, וואַרפן זיי זיך אין די הייזער פונם דערמאָנטן ראַיאָן, אָבער די יידן, וועלכע זענען געווען אָנגעגעבן אין די ליסטעס, האָבן זיך ווענן דעם באַצייטנס דערוואוסט און זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. ווען די נאַצי־רוצחים האָבן דערזען, אַז זיי געפינען נישט קיינעם פון די ליסטעס, האָבן זיי מיט שרעקלעכער רציחה אָנגעהויבן דורכפירן די שחיטה אויף אייגענער האַנט. באַפאַלנדיק הויז נאָך הויז, פלעגן זיי אַרויסשלעפּן פון דאָרטן וועמען זיי האָבן געטראָפן. די יידן, וואָס האָבן נישט געקענט, אָדער נישט געוואָלט מיטגיין, זענען דערשאָסן געוואָרן באַלד אויפן אָרט.

נישט געקוקט אויף די שפּעטע נאַכט־שעהן, איז די ידיעה, אַז די שחיטה האָט זיך אָנגעהויבן, ווי אַ בליץ אַדורך איבערן געטאָ און אין מינוטן זענען די אַריבער פופציק טויזנט יידן פאַרשוואונדן געוואָרן אין די באַהעלטענישן.

צוליבן געוואַלטיקן געיעג ביים אַראָפּלאָזן זיך אין די באַהעלטענישן, האָט כמעט קיינער קיין זאַך נישט געקענט מיטנעמען, אפילו נישט קיין טראָפּן וואַסער. אַלץ איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף הפקר און איז געוואָרן אַ גוטער רויב פאַר די נאַצי־רוצחים.

אַ זייגער פיר פאַרטאָג, ווען די שחיטה איז געווען אין פולן ברען, וואַרפן זיך אַ טייל נאַצי־רוצחים אַריבער מיט זייער גזלנישער אַרבעט אויף קופּיעצקע גאַס.

דער העלד יצחק מאַלמעד גיסט אָפּ אַ נאַצי־רוצח מיט זאַלץ־זויער

ווען די נאַצי־גזלנים זענען באַפאַלן דעם הויף פון קופּיעצקע 29, און אַלע איינוואוינער זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן אויף איין אָרט אויפן זעלביקן הויף, האָט דער דרייסטער יונגערמאַן יצחק מאַלמעד אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ פלאַש מיט זאַלץ־זויער און אָפּגעגאָסן אַ נאַצי־רוצח דעם פּנים, פון וואָס יענער איז באַלד בלינד געוואָרן. די אָפּגעגאָסענע נאַצי־בעסטיע פּרוּווט זיך נאָך ווערן, כאַפּט אַרויס אַ רעוואָלווער און גיט אָפּ עטלעכע שאָסן. די קוילן טרעפן אַ צווייטן נאַצי־גזלן, וועלכער פאַלט באַלד טויט. מאַלמעד

נוצט אוים דעם אנטשטאַנענעם טומל און ווערט, ווי אַ בליץ, נעלם.

דער פירער פון דער באַנדיטן־באַנדע, פרידל, פאַראָרדנט אַרויס־צונעמען פון הויף, וואו ס'איז פאָרגעקומען דער אָנפאַל פון מאַלמעדן, 100 מענער, פרויען און קינדער. זיי ווערן געטריבן צו פראַגעס גאָרטן, ווערן אויסגעשטעלט נעבן דער וואַנט פון ניי־וועלט־בית־מדרש און אויסגעשאָסן מיט מאַשין־ביקסן.

דערנאָך האָבן די נאַצי־רוצחים צוזאַמענגעטריבן אויף פראַגעס גאָרטן אַ גרופּע יידן און זיי געצוואונגען אויסצוגראָבן אַ גרויסע גרוב, אין וועלכער די קדושים זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן. אַ היפּשע צאָל פון זיי האָט נאָך געלעבט און דער דינער שיכט ערד, מיט וועלכן זיי זענען אין איילעניש צוגעדעקט געוואָרן, האָט זיך אַ לענ־גערע וויילע געוואַקלט איבער זיי.

צווישן די הונדערט קדושים האָבן זיך געפונען: מאַלמעדס פרוי מיטן קינד, די באַוואוסטע דאַמען־שניידערין מי־לער־זאַבלודאָווסקי, דער דרוקער־אַרבע־טער נפתלי פעלדמאַן מיט זיין פרוי און דער פּאָפּולערער לאַנג־יאָריקער צייטונג־פאַרשפּרייטער בישקע זאַבלודאָווסקי.

בישקע זאַבלודאָווסקי

דעם דערשאָסענעם נאַצי־רוצח האָבן זיינע „קאַמעראַדן" דערווייל אַוועקגעטראָגן אין יידן־ראַט־לאָקאַל, אים אַוועקגעלייגט אויף באַראַשעס שרייב־טיש און געזאָגט צום אַנוועזנ־דיקן באַראַש: „זע, וואָס דיינע פאַר־ברעכערישע יידן האָבן געמאַכט", דערביי האָבן זיי ציניש צוגעגעבן: „איצטער לאָזן מיר זיך אַרוים נקמה נעמען און איר וועט זען וואָס מיר קענען".

נאָכן דורכפירן דעם שוידערלעכן פאַרברעכן, פאַראָרדנט דער פירער פון דער באַנדיטן־באַנדע, פרידל, צו ברענגען באַראַשן, וועמען ער גיט איבער וועגן די „שיינע מעשים פון זיינע נישט ,דאַנקבאַרע' יידן". ער פאָדערט אים אויף, אַז אין משך פון 24 שעה מוז דער „פאַרברעכער" צוגעשטעלט ווערן, אין קעגנפאַל קען ער נישט האַלטן דעם צוזאָג אַרויסצופירן פון ביאַליסטאָק נאָך 12 טויזנט

יידן, — די גאַנצע געטאָ וועט דעמאָלט אומגעבראַכט ווערן.

אינזש. באַראַש האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אויף אויסמאָרדן די גאַנצע ביאַליסטאָקער יידישע עדה וועלן זיי געווים האַלטן וואָרט און ער גיט וועגן דער פּאַסירונג צו וויסן די באַהאַלטענע יידן. ער בעט אויך איבערגעבן מאַלמעדן, וואו ער געפינט זיך, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל אַרויסווייזן זיין גרויסמוטיקייט און נישט דערפירן דערצו, אַז צענדליקער טויזנטער יידישע לעבנס זאָלן צוליב זיין פּערזאָן אומגעבראַכט ווערן.

ווי מאַלמעד האָט זיך נאָר דערוואוסט וועגן דער גרויסער סכנה, וואָס עס שטייט פאַר די ביאַליסטאָקער יידן צוליב זיין טאַט, ווייזט ער צום צווייטן מאָל אַרוים זיין העלדישקייט און גיט זיך איבער צו די נאַצי־רוצחים.

דער העלד יצחק מאַלמעד איז אויף מאָרגן אויפגעהאָנגען גע־וואָרן אויפן טויער פון הויף, וואו ער האָט דורכגעפירט זיין העראָ־אישן טאַט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז שוין געווען אַ האַלב־טויטער פון די טאָרטורן, וועלכע די נאַצי־בעסטיעס האָבן איבער אים דורכגעפירט, האַלט ער נאָך פאַרן הענגען אַ שאַרפע רעדע קעגן די מערדער. נאָך עטלעכע מינוט הענגען אויף דער תליה האָט זיך פּלוצים איבערגעריסן דער שטריק. דער אַראָפּגעפאַלענער קערפּער ווערט מאָמענטאַל דורכגעזיפּט מיט קוילן. שוין אַ טויטער ווערט מאַלמעד ווידער אויפגעהאָנגען און ער פאַרבלייבט אויף דער תליה צוויי מעת־לעת.

יידן פון קופּיעצקע 10 שטעלן אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד

און ווידער העלדישע מעשים. ווען די נאַצי־גזלנים זענען אַריין אויף קופּיעצקע 10 (וואַראַטס הויז), האָבן די איינוואוינער פונם דערמאָנטן הויז זיי געשטעלט אַ העראָאישן ווידערשטאַנד. זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט העק, מעסערס און אייזנס. די העלדישע פרוי פון מענדל קוריאַנסקי גיסט אָפּ די רוצחים מיט זאַלץ־זויער און גרייט זיך אונטערצוצינדן דאָס הויז. די נאַצי־רוצחים הויבן זיך אָן צוריק־ציען, זיי קריגן אָבער פאַרשטאַרקונגען, כאַפּן די פרוי קוריאַנסקי און וואַרפן זי אַראָפּ פון צווייטן שטאָק. גלייך נאָכדעם וואַרפט מען אַראָפּ איר קינד. די העלדין פּרוואווט זיך נאָך אויפהויבן און אַנטלויפן, זי ווערט אָבער דורכגעלעכערט פון קוילן־שאָסן און אַ

פארבלוטיקטע באַלט זי אויף דעם טויטן קערפּערל פון איר קינד.

ווען דער הויפּט־אַטאַמאַן פון דער באַנדיטן־באַנדע, פּרידל, האָט זיך דערוואוסט פון דער פרישער יידישער „חוצפה", איז ער געקומען צו לויפן, צערייצט ווי אַ ווילדער טיגער, און דערזעענדיק אויפן הויף די אויפגעזאַמלטע עלדישע יידן, לויפט ער צו צו זיי נעענטער און שיסט איינעם נאָכן אַנדערן אין די קעפּ. אין פאַרלויף פון אַ קורצער ווײַלע איז שוין אויפן הויף פון קופּיעצקע 10 געלעגן אַ באַרג מיט קדושים.

8 אַזייגער אין דער פרי איז די שחיטה איבערגעריסן געוואָרן. די גזלנים זענען אַרויסגעפאָרן פרעסן פרישטיק.

10 אַזייגער זענען ווידער אַרייַנגעפאָרן גרעסערע אָפּטיילונגען נאַצי־גזלנים, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך שוין געפונען אוקראַאינער און ווייסרוסן, און זענען מיט חיהשן ברען צוגעטרעטן צו דער מענטשן־פרעסערישער בלוטיקער אַרבעט. זיי האָבן אויך מיט געוואַלט מיטגעשלעפּט מיט זיך די יידישע אָרדנונג־דינסט און די געטאָ־פייערלעשער מיט זייערע מאַשינעס און מכשירים.

די נאַצים האָבן געשיקט די אָרדנונג־דינסט זוכן יידן אין די ערטער, וואו די רוצחים האָבן מורא געהאַט, אַז פון דער באַהעל־טעניש זאָל זיי נישט פליען קיין קויל אין קאָפּ. הגם די אָרדנונג־דינסט האָט זיך אין אַ סך פאַלן אָנגעשטויסן אויף באַהאַלטענע יידן, האָבן זיי, ריזיקירנדיק זייער אייגענעם לעבן, געמאָלדן די נאַצי־רוצחים, אַז ס'איז קיינער נישטאָ. זאָל דאָס זיין צו זייער שבח!

אין זייער ווייניקע פאַלן האָבן פאַרברעכערישע אָרדנונג־דינסט־לער איבערגעגעבן פאַרבאַהאַלטענע יידן אין די געשטאַפּאָ־הענט.

די יידישע פייערלעשער זענען געצוואונגען געוואָרן צו קריכן אויף די דעכער זוכן פאַרבאַהאַלטענע יידן און האָבן מיט העק און לאָמען געמוזט רייסן די פאַרמאַסקירטע בוידעמער און טאָפּלטע ווענט. קיינער אין געטאָ האָט זיי אָבער נישט באַשולדיקט, אַז זיי האָבן פאַרראַטן יידן.

די שחיטה האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג. אין דעם לאַנגן פרייטיקדיקן טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן פון 2 פאַרטאָג ביז 5 פאַר־נאַכט, איז די נאַצי־גזלנים געלונגען צו אַנטדעקן קנאַפּע דריי טויזנט יידן, וואָס זענען אָוועקגעפירט געוואָרן צום בנין פון יידן־ראַט, וואו ס'האָט זיך געפונען דער אָנפירנדיקער שטאַב פון דער שחיטה־

אַקציע. פון יידן־ראַט זענען די אומגליקלעכע אין גרעסערע גרופּעס אָפּגעפירט געוואָרן צום באַן, וואו מ׳האָט זיי אַריינגעטריבן אין וואַגאָנעס, פאַרהאַקט די טירן מיט ברעטער און נאָך אין זעלביקן טאָג פאַרשלעפּט קיין טרעבלינקע און אָשוויענטשים.

ווען ס׳איז געוואָרן גוט טונקל, און די שיסערייען זענען איבערגעריסן געוואָרן, האָבן דרייסטערע יידן אָנגעהויבן אַרויסשאַרן זיך פון זייערע באַהעלטענישן, כדי געוואָר צו ווערן, וואָס עס קומט פאָר אין געטאָ. קומענדיק צוריק, גיבן זיי איבער דעם שרעקלעכן איינדרוק פון די גאַסן: אַלץ אַרום איז טויט, מ׳הערט נישט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיקן נפש. דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך דערשאָסענע. קיין נאַצי־רוצחים זענען איצט אין געטאָ נישטאָ. פונדעסטוועגן האָט כמעט קיינער נישט געוואַגט ריזיקירן אַרויסצוקריכן, כדי צו קענען כאַפּן אַביסל פרישע לופט נאָכן שווערן טאָג אין די ענגע באַהעלטענישן.

ווי האָבן זיך געפילט די צענדליקער טויזנטער יידן אין די באַהעלטענישן?

אין אַ באַהעלטעניש, וואו ס׳האָבן געקענט אַריינגיין פון 20 ביז 25 מענטשן, זענען אָנגעלאָפן 75, צוליב וואָס די ענגשאַפט איז דאָרט געווען אַ שרעקלעכע, ממש דערשטיקט צו ווערן. דער פּועל־יוצא פון דעם זענען געווען כסדרדיקע קריגערייען. נישט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז צוליב די שטאַרקע קולות פלעגט מען אפילו נישט הערן די שווערע טריט פון די נאַצי־גזלנים, ווען זיי פלעגן זיך דערנענטערן צו דער באַהעלטעניש. דערהערנדיק אַ גערויש, האָבן די נאַצי־מערדער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם הויז און אַלץ איבערגעקערט מיטן דעק אַרויף. אין גרעסטן טייל פלעגן אַלע אַנטדעקט ווערן.

אַ צווייטער שווערער פּראָבלעם פאַר די באַהעלטענישן זענען געווען די אומשולדיקע קינדערלעך. הגם ס׳רוב מוטערס האָבן פאַר זיי צוגעגרייט שלאָף־געטראַנקען, האָט אָבער נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אין די מינוטן ווען די נאַצי־רוצחים האָבן זיך געפונען אויבן אין וואוינונג, פלעגט זיך פּלוצים אויפכאַפּן אַ קינד מיט אַ געוויין. אויך אַזאַ צופאַל פלעגט פירן צו דער אַנטדעקונג פון דער באַהעלטעניש.

עס זענען געווען נישט ווייניק פאַלן, ווען מוטערס, נישט וועלנ־דיק ברענגען קיין צענדליקער קרבנות צוליב זייערע קינדער, פלעגן ביים ערשטן שטילסטן געוויין אַרויפוואַרפן אויפן קינד אַ קישן, פון וואָס דאָס קינד פלעגט מאָמענטאַל דערשטיקט ווערן. נישט איין מאַמע איז באַלד נאָכן דורכפירן דעם שוידערלעכן אַקט משוגע געוואָרן.

מיט די הוסטערס איז אויך געווען זייער ביטער. קיינער האָט נישט געוואָלט זיין מיט זיי אין איין באַהעלטעניש, ווייל דער שטיל־סטער הוסט האָט געקענט ברענגען אַן אומגליק אויף צענדליקער יידן. די הוסטערס פלעגן אָבער אָפּנאַרן, זאָגנדיק, אַז זיי הוסטן נישט. דאָרטן, וואו מ'האָט זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן מיט גוטן, פלעגן אַנדערע דראָען, אַז זיי וועלן אַלעמען אָפּמסרן. איין שווערן הוסטער האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון אַ באַהעלטעניש. אין גרויס אויפרעגונג האָט ער זיי געמסרט. זעכציק יידן זענען צוליב דער טאַט פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די שטאַרקע הוסטערס זענען דערשטיקט געוואָרן דורך אויפ־געבראַכטע יידן.

צוליב דער אויסערגעוויינלעכער ענגשאַפט אין די באַהעלטע־נישן, האָט אין זיי געהערשט אַזאַ אָנגעצויגענע אַטמאָספער, אַז צוליב דער קלענסטער נויטיקער אָדער אומנויטיקער באַוועגונג, איז איינער דעם אַנדערן גרייט געווען צו דערשטיקן.

אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן צענדליקער טויזנטער יידן מיט זייערע פרויען און קינדער געמוזט לעבן העכער אַ וואָך צייט. ס'איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס דאָס האָט געבראַכט צו אַזויפיל אומזיסטע קרבנות.

די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע ציט זיך צוריק פון קאַמף

די קליינצאַליקע, זייער שוואַכע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, פאַר וועלכער די שחיטה איז געקומען פריצייטיק, האָט דערהאַלטן אַ ידיעה פון אָפיציעלע מקורים, אַז פאַרן קלענסטן אָרגאַניזירטן ווידער־שטאַנד דראָט די פאַרניכטונג פון אַלע ביאַליסטאָקער יידן. נישט וועלנדיק דערצו דערפירן, האָט די אָרגאַניזאַציע, מיט גרויס פאַר־ביטערונג, באַשלאָסן נישט צו שטעלן קיין שום אָרגאַניזירטן ווידער־שטאַנד און געגעבן אירע מיטגלידער פרייע הענט.

די אַרבעטער פון די געטאָ־פאַבריקן באַקומען שוץ

זייער ווייניק יידן האָבן געוואוסט, באַלד ביים אָנהויב פון דער שחיטה, אַז די אַרבעטער פון די געטאָ־פאַבריקן מעגן זיך געפינען אויף זייערע אַרבעט־פּלעצער, וואו עס דראָט זיי נישט קיין שום סכנה. אויך אַ סך יידן־ראַט־פאַרשטייער האָבן וועגן דעם נישט געוואוסט. די געשטאַפּאָ־פירער האָבן אין יענעם טאָג געמאָלדן באַראַשן, אַז אַלע וואָס אַרבעטן אין די געטאָ־פאַבריקן קענען דאָרטן בלייבן און אַז אין די שעהן ווען די „אַקציע" ווערט געפירט, טאָר קיינער פון די אַרבעטנדיקע זיך נישט באַווייזן אויף דער גאַס.

ווי נאָר די ידיעה איז דערגאַנגען אין די באַהעלטענישן, האָבן די אַרבעטער פון די געטאָ־פאַבריקן (וועלכע האָבן שוין געוואוסט, אַז אין די שפּעטע נאַכט־שעהן זענען קיין נאַצי־גזלנים אין געטאָ נישטאָ), מיטגענומען זייערע פרויען מיט די קינדער און זיך אַוועק־געלאָזן צו זייערע אַרבעט־פּלעצער. דאָרטן זענען געשטאַנען הונדער־טער יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען און זיך געריסן צו די פאַבריק־טירן. די וועכטער און די אָרדנונג־דינסטלער האָבן אָבער אַהין אַריינגעלאָזט נאָר די, וואָס אַרבעטן דאָרטן. די פרויען און קינדער האָבן געמוזט צוריקגיין.

פאַר די פאַבריק־לאָקאַלן פלעגן זיך אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס. די פרויען מיט די קינדער האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן, טענהנדיק, אַז דאָ אַרבעטן זייערע מענער, מעגן זיי דעריבער זיין מיט זיי צוזאַמען. ס'איז אָבער נישט געווען דער שלעכטער ווילן פון פאַבריק־דירעקטאָר אָדער פון די וועכטערס — אַזוי איז געווען די פאַראָרדנונג פון דער געשטאַפּאָ און אַנדערש האָבן זיי נישט געקענט האַנדלען.

מיט כוח האָבן די אָרדנונג־דינסט און וועכטערס געמוזט צוריק־שטויסן די הונדערטער פרויען און קינדער פון די פאַבריק־אַריינ־גענג. ערשט שפּעט אין דער נאַכט פלעגן זיי זיך אומקערן פאַר־ביטערטע און דערצערנטע אין זייערע ענגע באַהעלטענישן, וואו ס'איז זיי פאַרגעשטאַנען אַ ליאַדע מינוט אַנטדעקט צו ווערן.

דער צווייטער שחיטה־טאָג

שבת, דעם 6־טן פעברואַר, 7 פרי, מיט דייטשער פּינקטלעכקייט, האָבן די נאַצי־מערדערס אָנגעהויבן דעם צווייטן טאָג פון דער

גרויזאַמער שחיטה, לויטן פּלאַן און מיט די זעלביקע מעטאָדן און מיטלען ווי נעכטן. יעדעס הויז פּלעגט אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה באַפאַלן ווערן עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל דורך אַן אַנדער בריגאַדע, כדי די צווייטע זאָל אַנטדעקן דאָס, וואָס די ערשטע האָט דורכגעלאָזן. אין צווייטן טאָג איז זיי אָבער אָנגעקומען פיל שווערער צו געפינען באַהאַלטענע יידן, ווי אין ערשטן, ווייל מ'האָט זיך געלערנט אויף די נעכטיקע פעלערן, צוליב וועלכע ס'זענען געווען אַזאַ ריזיקע צאָל קרבנות.

די נאַצי־גזלנים זענען געווען זייער אויפגערעגט אויף די „חוצפּהדיקע" יידן, וועלכע לאָזן זיך נישט אַזוי לייכט כאַפּן און האָבן געפירט זייער ווילדן מענטשן־געיעג פאַרביטערט. נישט געקוקט אָבער אויף זייערע פּילפאַכע אָנשטרענגונגען, האָבן זיי דעם שבת־דיקן טאָג געכאַפּט קויב אַ העלפט קרבנות ווי פריימיק.

די גרויזאַמע שחיטה פלעגט געפירט ווערן מיט אַ סדר: פּונקט 12 אַזייגער איז געווען מיטאָג־פּויזע און פּינקטלעך 5 פאַרנאַכט פלעגט די שחיטה איבערגעריסן ווערן, האַלב זעקס זענען שוין די נאַצי־גזלנים אין געטאָ נישט געווען. 6 פאַרנאַכט פלעגט מען שוין זען דורך די שפּאַרונעס פון די באַהעלטענישן אַרומבלאָנקענדיקע איינצלנע יידן, וואָס פלעגן אויס מורא פאַרן אייגענעם שאָטן זיך שאַרן ביי די ווענט פון די פינצטערע געטאָ־געסלעך.

אין צווייטן שחיטה־טאָג ווייסן שוין אַ סך מער יידן, אַז אין די געטאָ־פאַבריקן איז דאָס לעבן געזיכערט. מאַסן יידן האָבן מיט קלומיקעס אויף די פּלייצעס ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך געצויגן צו די פריש־אויפגעקומענע רעטונג־ערטער.

פּונקט ווי דעם ערשטן טאָג, זענען אויך דעם צווייטן טאָג געשטאַנען אַ סך מענטשן פאַר די פאַבריק־אַריינגענג. ס'זענען אָבער אַריינגעלאָזן געוואָרן נאָר די, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט. די קולות מיט די געוואַלדן זענען געווען נאָך גרעסער ווי נעכטן. דער המון איז געווען זייער אויפגערעגט פאַרוואָס מ'לאָזט נישט אַריין די פרויען מיט די קינדער און עלטערן פון די אַרבעטנדיקע. די שטימונג איז געוואָרן אַן אַנגעגליטע. ס'האָט שיעור נישט געהאַלטן דערביי, אַז עטלעכע וועכטערס און אָרדנונג־דינסטלער זאָלן געלינטשט ווערן. ס'האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן. שפּעט אין דער נאַכט האָבן

אַלע נישט־אַרבעטנדיקע ווידער געמוזט אַוועקגיין פון די פאַבריק־טויערן, ווייל קיין נייע פאַראָרדנונג איז נישט געווען.

אינזש. באַראַש האָט געהאַלטן אין איין אינטערוועניִרן ביי דער געשטאַפּאָ, אַז די פרויען און קינדער פון די געטאָ־אַרבעטער זאָלן זיך מעגן געפינען צוזאַמען מיט זייערע מענער. די געשטאַפּאָ־פירער האָבן געהאַלטן אין איין צוזאָגן, אַז היינט־מאָרגן וועלן זיי די בקשה באַפרידיקן.

די „אַטעם־פויזע"

זונטיק, דעם 7־טן פעברואַר 1943, ס'איז שוין גוט ליכטיק. ס'גייט אַ שעה, אַ צווייטע פון דער באַשטימטער צייט, ווען די שחיטה פלעגט זיך געוויינלעך אָנהויבן. ס'איז שטיל, ס'הערט זיך נישט, נישט קיין גערויש פון אויטאָס, נישט די שווערע טריט פון די בעסטיעס, נישט די אַלאַרם־סיגנאַלן פון דער פייערלעשער־מאַשין און נישט קיין שיסערייען. הויבן אָן די דרייסטערע אַרויסצוקריכן פון זייערע לעכער, זאַמען זיך אַ קורצע ווײַלע, קומען צוריק און גיבן איבער, אַז אין געטאָ איז רואיק. די נאַצי־רוצחים זענען היינט אין געטאָ נישט געקומען. ס'איז שווער צו גלויבן — די שטילקייט באַשטעטיקט אָבער, אַז די ידיעות זענען ריכטיקע. ערשט דעמאָלט הויבט זיך אָן איינער ביים אַנדערן פרעגן, צי איז עס צוליב זונטיק, אָדער אפשר איז שוין די שחיטה געענדיקט?

נאָך האַלבן טאָג האָט מען שוין געזען מער יידן, מיט בלאַסע צעשראָקענע פּנימער, אַרומקריכנדיק איבער די געטאָ־גאַסן און הויפן. זיי זענען געגאַנגען געוואָר ווערן, וואָס מ'הערט ביי זייערע נאָענטסטע. אויך איינצלנע פרויען זענען אַרויסגעקראָכן פון די באַהעל־טענישן, כדי אָפּצוקאָכן אַביסל עסן פאַר זייערע פאַרשמאַכטע קינ־דערלעך, וועלכע האָבן שוין דריי טעג נישט געהאַט אין זייערע מיילעכלעך קיין לעפל געקאָכט וואַסער.

דער זונטיקדיקער טאָג איז געווען אַ „אַטעם־פויזע" און איז דורכגעגאַנגען אָן קרבנות.

דער דריטער שחיטה־טאָג

מאָנטיק, דעם 8־טן פעברואַר, פונקט 7 פרי, האָט זיך די שחיטה ווידער אָנגעהויבן. אַלע גאַסן זענען געוואָרן אַרומגערינגלט

און מיטן זעלביקן ברען, ווי פריער, האָט זיך אָנגעהויבן דער טייוו׳לאָנישער מאָרש איבער די יידישע הייזער. מ׳האָט געבראָכן ווענט, געריסן פּאָדלאָגעס, אַראָפּגעריסן דעכער, איבערגעטרייסלט די שטאַלן, געגראָבן די ערד אויף די הויפן און גערטנער — אין רעזולטאַט האָבן די נאַצי־רוצחים אין דעם טאָג אַרויסגעריסן פיל ווייניקער קרבנות ווי אין די ערשטע צוויי טעג.

פונקט ווי אין די פריערדיקע טעג, איז 5 פאַרנאַכט שוין געווען רואיק אין געטאָ און אַזייגער 7 האָט מען שוין געזען, ווי פרויען שלעפּן זיך מיט קינדער אויף די הענט, — די פרויען האָבן זיך דערוואוסט, אַז היינט איז באַראשן געלונגען אויסצופּועלן ביי דער געשטאַפּאָ, אַז אין די פאַבריקן מעגן זיך שוין געפינען די פרויען מיט די קינדער פון די אַרבעטנדיקע.

ביז האַלבע נאַכט האָט מען זיך געצויגן צו די פאַבריק־בנינים, ביי וועלכע ס׳איז פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער געדראַנג. איינער מיטן צווייטן האָט זיך געקריגט און געשלאָגן, כדי פריער אַריינצובאַקומען זיך. די פאַבריקן זענען געוואָרן פול געפּאַקט, ממש אַ שפּילקע נישט אַריינצוואַרפן.

וואָס האָט זיך געטאָן אין די פאַבריקן גופא? דאָרטן, וואו עס זענען געווען באַשעפטיקט טויזנט אַרבעטער אין דריי שיכטן און ס׳איז געווען פּלאַץ נאָר פאַר 350 פּערזאָן, זענען איצטער צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער געווען צונויפגעפּאַקט פולע צוויי טויזנט נפשות, — קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן ענגשאַפט ס׳איז געווען. חוץ דעם האָט מען זיך באַמיט איינצואָרדנען אויף יעדער פאַבריק עטלעכע צימערן פאַר קליינע קינדער, פאַר וועלכע עס איז, לויט די מעגלעכקייטן פון יענע שוידערלעכע טעג, מער געזאָרגט געוואָרן.

פון געשטאַפּאָ־שוץ האָט אויך גענאָסן דער יידן־ראַט־בנין, וואו ס׳האָבן זיך געפונען געציילטע יידן־ראַט־מיטגלידער און די אָרדנונג־דינסט. ס׳רוב יידן־ראַט־מיטגלידער האָבן באַקומען אַרבעט־שיינען פון פאַרשידענע פאַבריקן, וואו זיי האָבן זיך פון מאַנטיק אָן געפונען.

שיינען אַלס פאַבריק־אַרבעטער האָבן אויך באַקומען פון באַראשן איינצלנע יידן־ראַט־באַאַמטע — משה וויסאָצקי, אשר טרזשאַנאָוויטש, דער לייטער פון דער מעטריקאַציע־אָפּטיילונג, ש. ראָוועט, און

ה. גאָלדבערג (געוו. אייגנטימער פון צינקאָגראַפּישן אַנשטאַלט „גראַ־פּיקאָן" אין וואַרשע), וואָס האָט פאַרנומען אין יידן־ראַט אַ וויכטיקן פּאָסטן און גלייכצייטיק פאַרשריבן די טאָג־טעגלעכע געטאָ־געשעענישן.

פון געשטאַפּאָ־שוץ האָבן אויך גענאָסן די פיר לאָקאַלן, וואו ס'זענען געווען די קאָמיסאַריאַטן פון דער אָרדנונג־דינסט, — דאָרט האָבן זיך געפונען זייערע פרויען און קינדער

אין פייערלעשער־גאַראַזש האָבן געפונען שוץ די פרויען און קינדער פון די פייערלעשער.

רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן האָט זיך געפונען אין דער שניידער־פאַבריק פון דירעקטאָר שלאָסער אויף קופּיעצ־קע גאַס, אין לאָקאַל פון דער געווע־זענער גנזעלשאַפטלעכער גימנאַזיע אויפן דריטן שטאָק, פון וואַנען מ'האָט געקענט גענוי אַלץ אָבסערווירן. אויך דער שרייבער פון דעם בוך איז צוזאַ־מען מיט זיין פאַמיליע געווען אין דער דערמאָנטער פאַבריק.

ש. ראַוועט

פּסח קאַפּלאַן איז אין פאַבריק געקומען אַ שטאַרק צוגעקילטער פון די פּאָר טעג ליגן אין דער ענגער באַהעלטעניש. ער איז מער גע־לעגן ווי אַרומגעגאַנגען, און כאָטש ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך, האָט אים דער אימפּעט און די שטאַרקע דענערווירונג געהויבן פון געלעגער. יעדע פּאָר מינוט איז ער געלאָפן צו די פענצטער (דאָס איז געווען שטרענג פאַרבאָטן, און נישט איינער האָט פּאָר אַזאַ נייגעריקייט געקראָגן אַ קויל אין קאָפּ). ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און האָט מיט זיינע אַמאָל שאַרפע, אָבער איצט שוין כמעט אויסגעלאָשענע, אויגן אַליין געוואָלט זען די אויסגעשטאָרבענע געטאָ־געסלעך, דורך וועלכע מ'האָט כמעט יעדע פערטל שעה געפירט צום זאַמל־פּונקט די געכאַפּטע קרבנות.

מיר לויפן צוזאַמען אַרויף אויפן בוידעם, פון וואַנען מען זעט גענויער אונדזער שוידערלעכע טראַגעדיע. אַ לענגערע ווײַלע קוקן מיר און דערזעען ווי מ'פירט — דאָ אין איין גאַס, דאָ אין אַ צווייטער — גרופּקעס האַלב־טויטע, פאַרחלשטע פרויען, קינדער און אַלטע לייט. איינער האַלט זיך אָן אין צווייטן, קוים וואָס זיי

שלעפּן די פיס. עטלעכע זענען אָפּגעשטאַנען און קענען ווייטער נישט גיין, ווערן זיי דורך די נאַצי־גזלנים דערשאָסן אויפן אָרט. יינגערע, וועלכע פילן זיך נאָך ביי די כוחות, פּרוּוון אַנטלויפן, איינצלנע געלינגט צו פאַרשווינדן, די איבעריקע ווערן געטראָפן דורך קוילן, — הונדערטער אַזעלכע קדושים וואַלגערן זיך איבער די גאַסן.

און אָט זעען מיר אַזאַ טראַגיש בילד: אַ גרופּע געכאַפּטע יידן ווערט פאַרבייגעפירט נעבן וואַקסמאַנס שניידער־פאַבריק; פּלוצים לויפן אַרויס פון די רייען צוויי פרויען מיט קינדער אויף די הענט און וואַרפן זיי אַריין אין פאַבריק דורך די אָפענע פענצטער. די נאַצי־רוצחים האָבן עס באַלד באַמערקט, הייסן זיי שטיין בלייבן די גאַנצע גרופּע. עטלעכע פון די רוצחים לויפן אַריין אין פאַבריק, שלעפּן אַרויס פון דאָרטן די קינדער און צווינגען די מוטערס ווייטער צו טראָגן זיי. דעם אַנטשטאַנענעם טומל נוצן אויס עטלעכע יינגע יינגלעך, וועלכע ווערן אין די מינוטן פאַרשוואונדן.

די טראַגישע בילדער האָבן אויף פּסח קאַפּלאַנען געמאַכט אַ שרעקלעכן רושם. ער איז אַרומגעלאָפן הין און צוריק איבערן לאַנגן פאַבריק־זאַל מיט געבײלטע פויסטן און גערעדט ווי צו זיך אַליין: „יידן, נקמה! נקמה! כ׳וועל עס נישט אויסהאַלטן! מיין סוף איז נאָענט!"

פּסח קאַפּלאַן איז שוין מער צו די פענצטער און אויפן בוידעם נישט געלאָפן. ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך און איז פון געלעגער כמעט ווי נישט אַראָפּגעגאַנגען. זיין עלטסטע טאָכטער, סאָניע, וואָס האָט פאַרנומען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן אין דער פאַבריק, און זיין פרוי, רבקה, האָבן געטאָן פאַר אים אַלץ, וואָס עס איז געווען אין זייערע מעגלעכקייטן. זיי זענען פון אים נישט אָפּגעטרעטן, האָבן זיך באַמיט אים צו בארויקן און טרייסטן. ביים פאַרלאָזן די פאַבריק נאָך דער שחיטה איז פּסח קאַפּלאַן שוין געווען אַ חולה מסוכן.

אין די פול־געפּאַקטע פאַבריקן פּלעגט זיך אויך פּלוצים אַריינכאַפּן דער באַנדיטן־אַטאַמאַן, פרידל, כדי צו קאָנטראָלירן צי דאָרט זענען נישט פאַראַן קיין יידן, וואָס געהערן נישט צו דער פאַבריק. פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע האָבן נישט געפעלט. די, וועלכע אים פלעגט געלינגען צו אַנטדעקן, פלעגט ער אַראָפּפירן און אויפן אָרט

דערשיסן. אין בעסטן פאַל פלעגט ער זיי אָפּשיקן צום טראַנספּאָרט קיין טרעבלינקע.

אין פּערטן שחיטה־טאָג ווענדן אָן די נאַצי־רוצחים אַ נייעם טייוולאָנישן מיטל

ווען די נאַצי־רוצחים האָבן אויסגעפונען, אַז דער מאָנטיק־דיקער טאָג האָט זיי נישט געבראַכט די געהעריקע צאָל קרבנות, האָבן זיי דינסטיק, דעם 9־טן פעברואַר, אין פערטן שחיטה־טאָג, אָנגעהויבן אָנווענדן אַ נייעם טייוולאָנישן מיטל. ביים אַנטדעקן .אַ באַהעלטעניש, וואו די צאָל קרבנות איז געווען אַ קליינע, פלעגן זיי די געכאַפּטע, צום טויט דערשראָקענע יידן, פאָרלייגן, אַז אויב זיי ווילן באַפרייט ווערן, זאָלן זיי אָנווייזן וואו ס׳ליגן באַהאַלטענע. דער ווילן צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן האָט ביי איינצלנע פאַרטונקלט דאָס מענטשלעכע געפיל. האָפנדיק אויף אַזאַ נידערטרעכטיקן אופן צו ראַטעווען דעם אייגענעם לעבן, פלעגן זיי אָנווייזן וואו די באַהעלטענישן זענען. ס׳רוב פון די נייע פאַררעטער האָבן די נאַצים אָפּגעלאָזן. ס׳האָט אָבער אויך געטראָפן, אַז נאָכן אָפּנעמען ביי די מוסרים די נויטיקע אינפאָרמאַציעס, פלעגן זיי דורך די נאַצי־רוצחים דערשאָסן ווערן מיטן אויסגעשריי: „דו שטאַרבסט ווי אַ יידן־פאַררעטער״.

אַ געשטאַפּאָוויעץ צווינגט דריי אָרדנונג־דינסטלער קריכן אין אַ טיפן ברונעם צו ראַטעווען אַן אַריינגעוואָרפן יידיש קינד

אויף טשעפּלע גאַס איז אַנטדעקט געוואָרן אַ באַהעלטעניש מיט יידן, צווישן וועלכע ס׳איז געווען אַ פרוי מיט אַ קינד אויף דער האַנט. פון גרויס דענערווירונג האָט די פרוי אַריינגעוואָרפן דאָס קינד אינם טיפן ברונעם, וואָס איז געווען אויפן הויף. איינער פון די געשטאַפּאָ־באַנדיטן, וועלכער האָט די שרעקלעכע סצענע צוגעזען (ער האָט נאָך, ווייזט אויס, געהאַט אַ שטיקל מענטשלעך האַרץ), האָט מיט טרערן אין די אויגן באַפוילן די דריי אָנוועזנדיקע אָרדנונג־דינסטלער צו ראַטעווען דאָס קינד. איינער פון זיי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ קייט אין זייער טיפן ברונעם. ס׳האָט קיין ספק נישט געפעלט, אַז ער אַליין זאָל דערטרונקען ווערן, אָבער נאָך אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונגען פון זיינע חברים מיטן געשטאַפּאָוויעץ

געלינגט זיי ארויסצושלעפּן אים צוזאַמען מיטן האַלב־טויטן קינד. דער „ווייכהאַרציקער" געשטאַפּאָוויעץ האָט דערנאָך אָנגעווענדט אַלע מיטלען אָפּצוראַטעווען דאָס קינד.

ווען אַלע פיר זענען געווען שטאַרק באַשעפטיקט ביים ראַטעווען דאָס קינד, איז פּלוצים אַרויסגעקראָכן פון אַ באַהעלטעניש אַן על־טערע פרוי, וועלכע דער געשטאַפּאָוויעץ האָט באַמערקט און געוואָלט פאַרהאַלטן. די אָרדנונג־דינסטלער האָבן אים אָבער אויפגעקלערט, אַז די מוטער פון קינד איז נאָר וואָס צוגענומען געוואָרן קיין טרע־בלינקע, זאָל דעריבער די אַלטיטשקע ווערן אַ מוטער צום קינד. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט דערויף מסכים געווען מיטן באַדינג, אַז די פרוי זאָל דאָס קינד תיכף אַוועקטראָגן אין שפּיטאָל.

אויף אַזאַ אופן איז אין דער פינפטער פעברואַר־שחיטה אַן אַלטע פרוי געראַטעוועט געוואָרן אין זכות פון אַ קינד.

דריי יתומים הענגען זיך אויף אין יתומים־אַנשטאַלט

אַבראַמטשיק, אַ יתום פון יתומים־הויז אויף טשענסטאָכאָווער 7, האָט אַגיטירט די יתומים פון אַנשטאַלט, זיי זאָלן אַליין מאַכן אַ סוף צו זייערע לעבנס, ווייל סיי־ווי־סיי דערוואַרט זיי דער מיאוסער טויט פון פאַרגאַזונג. געפאָלגט האָבן אים אָבער נאָר צוויי יתומים, וועלכע האָבן זיך צוזאַמען מיט אים אויפגעהאָנגען ביים אַריינגאַנג פון יתומים־הויז. מיט זייער טויט האָבן זיי אָבער אָפּגעראַטעוועט אַלע איבעריקע קינדער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס אויפן יתומים־אַנשטאַלט איז געווען אַ רויטער־קרייץ־צייכן, האָט עס נישט געשטערט די באַנדעס נאַצי־רוצחים עטלעכע מאָל אין טאָג אַריינצורייסן זיך אַהין. דערזעענדיק אָבער דאָס שוידערלעכע בילד, ווי עס הענגען דריי קינדער, פלעגן זייערע בלוטדורשטיקע הערצער אויף אַ מינוט ווייכער ווערן און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פלעגן זיי פאַרלאָזן דעם לאָקאַל.

אויף אַזאַ אופן האָט דער טראַגישער זעלבסטמאָרד פון אַבראַמ־טשיקן מיט זיינע חברים געראַטעוועט דאָס לעבן — אין דער 5־טער פעברואַר שחיטה — פון קנאַפּע 100 יתומים, וועלכע האָבן זיך צו יענער צייט געפונען אין יתומים־אַנשטאַלט.

אויך די עלטערן פון די אַרבעטער מעגן זיך ראַטעווען אין די פאַבריקן

צוליבן ניי־אָנגעוואַנדעטן מיטל פון צווינגען געכאַפּטע יידן צו ווערן פאַררעטער פון זייערע ברידער, זענען דינסטיק, דעם פערטן שחיטה־טאָג, געווען אַ סך מער קרבנות ווי מאָנטיק.

ווי אין די פריערדיקע טעג, איז אויך אין דעם טאָג פּונקט 5 פאַרנאַכט די שחיטה איבערגעריסן געוואָרן.

ווען ס'איז שוין גוט פינצטער, קריכט מען ווידער אַרויס פון די באַהעלטענישן און מ'לויפט זוכן רעטונג אין די פאַבריקן, ווייל ס'זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז באַראַשן איז געלונגען אויסצופועלן ביי דער געשטאַפּאָ, אַז אויך די עלטערן פון די אַרבעטנדיקע זאָלן זיך מעגן געפינען אין די פאַבריקן.

אַרום די פאַבריק־לאָקאַלן איז אַ שרעקלעכער געדראַנג און אינעווייניק איז אַן אויסערגעוויינלעכע ענגשאַפט. די עלטערן האָט מען איינגעאָרדנט אויף די בוידעמער פון די פאַבריק־לאָקאַלן, פון וואַנען מ'האָט געקענט גענוי אָבסערווירן, ווי מען פירט די קאָלאָנעס צום טויט פאַרמשפּטע יידן. אַנדערע דערקענען צווישן די געפירטע קרבנות זייערע נאָענטע פריינט און ס'ברעכט אויס אַ שרעקלעכער געוויין, טייל חלשן און אייניקע פּרובירן אפילו אַרויסלויפן פון פאַבריק־בנין אויף דער גאַס, כדי צו קענען זייערע נאָענטע מיט עפּעס העלפן. ס'רוב ווערן זיי דערשאָסן נאָך איידער זיי דערלויפן צו די פריינט און אין בעסטן פאַל ווערן זיי אַריינגעשלעפּט אין דער קאָלאָנע.

דינסטיק פאַרנאַכט האָט באַראַש באַקומען אַן אויפפאָדערונג פון געשטאַפּאָ אויפצורוימען די הונדערטער דערשאָסענע, וואָס וואַל־גערן זיך איבער די גאַסן. נאָך אין זעלביקן אָוונט האָט באַראַש מודיע געווען דער חברה־קדישא, אַז זי זאָל אַריינגעמען אין אירע רייען אַ גרעסערע צאָל יידן. שפּעט ביינאַכט זענען טאַקע געשטאַנען ביים לאָקאַל פון דער חברה־קדישא הונדערטער יידן, וואָס האָבן גע־וואָלט אַריינטרעטן אין דער דערמאָנטער געזעלשאַפט, כדי אויף אַזאַ אופן צו קענען זיך ראַטעווען פון דראָענדיקן טויט, פון וועלכן די חברה־קדישא־יידן זענען געווען געשיצט.

כמעט יעדן טאָג האָט באַראַש אינטערווענירט ביי דער געשטאַפּאָ וועגן באַפרייען אָנגעזעענע, חשובע יידן, וועלכע זענען אַרויסגע־

ריסן געוואָרן פון באַהעלטעניש; זייער זעלטן איז אים אָבער גע־לונגען אויף דעם געביט עפּעס צו דערגרייכן. באַזונדערס פיל מי האָט ער אָנגעווענדט אַרויסצונעמען פון די מערדערישע הענט דעם אַל־טיטשקן שריפטשטעלער און היסטאָרי־קער א. ש. הערשבערג און דעם געוועזענעם ראש־הקהל אברהם טיקטין, ווי אויך זיין שבן דאָקטאָר ביילין. זיינע גרויסע באַמיאונגען האָבן אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג און אַלע דריי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע און אוישוויץ.

אברהם טיקטין

דער פינפטער שחיטה־טאָג

מיטוואָך, דעם 10־טן פעברואַר, איז די גרויזאַמע שחיטה ווייטער גע־פירט געוואָרן. דער פאַרברעכערישער מיטל פון צווינגען יידן צו ווערן מוסרים, איז דעם טאָג באַנוצט געוואָרן נאָך אין אַ גרעסערן פאַרנעם און צוליב דעם איז טאַקע די צאָל קרבנות אין דאָזיקן טאָג געווען גרעסער ווי נעכטן.

ביינאַכט, ווען די נאַצי־רוצחים זענען שוין אין געטאָ נישטאָ און די באַהאַלטענע יידן הויבן אָן אַרויסקריכן פון די לעכער, הויבט מען זיך אָן אַרומקוקן, וואָס די גזלנים האָבן אָפּגעטאָן פאַר די פינף שרעקלעכע שחיטה־טעג און עס כאַפּט אַרום אַ שוידער. די טירן און פענצטער אין אַלע הייזער צעעפנט; די גאַנצע שטוב־ווירטשאַפט — איבערגעקערט און אויסגעמישט מיט בלאָטע; די מער ווערטפולע זאַכן — צעראַבירט; אין פיל הייזער הערט מען שוין אפילו נישט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיקן מענטש, — ווייזט אויס, אַלע אומ־דעקט געוואָרן און פון זייער געביין איז שוין געווים קיין זכר נישט געבליבן. אויך די שטאָק־פינצטערע גאַסן וואַרפן אַרויף אַן אימה. גייענדיק, טרעטסטו אַרויף אויף די זיך וואַלגערנדיקע קדושים; עס בלאָנקען אַרום שוין פון מערערע טעג נישט געמאָלקענע קי; הירזשענ־דיקע פערד, וואָס ווילן געווים עסן און טרינקען, לויפן דורך הין און צוריק, קיינער קוקט זיך אָבער אויף זיי נישט אום. אויך פון זייערע באַלעבאַטים איז שוין געווים קיין זכר נישטאָ. אויף דער נשמה הערשט אַזאַ נידערגעשלאָגנקייט און צעבראָכנקייט, אַז ס'איז

פשוט נישט אויסצוהאַלטן. און די ווינטן זענען אין יענע נעכט געווען אַזעלכע שטאַרקע, אַז ס׳האָט זיך דיר געדוכט, אַז אַלץ אַרום באַוויינט דעם גרויסן יידישן חורבן.

אין מיטוואָכדיקן טאָג זענען אויך געווען פאַלן, ווען די אַנט־דעקטע יידן פלעגן אַליין מאַכן אַ סוף צו זייערע לעבנס. אויף פאַב־ריק־גאַס 26 האָט אַ פאָטער איבערגעשניטן די אָדערן זיינעביידע טעכטער, זיין פרוי און זיך; דער איינציקער זון, וועלכער איז געווען מיט זיי צוזאַמען, האָט זיך נישט געלאָזן און ס׳איז אים געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון די נאַצי־רוצחישע הענט, ער איז אָבער פונם דורכגעלעבטן שפּעטער משוגע געוואָרן.

נאָכדעם ווי אַן ערך זעקס טויזנט יידן האָבן געפונען שוץ אין די פאַבריקן, איז אין די באַהעלטענישן געוואָרן באַדייטנדיק גע־רוימער און גרינגער. בייטאָג האָט מען שוין אפילו דאָרט געקענט כאַפּן אַ דרעמל. די פרויען זענען געוואָרן באַוועגלעכער און ווי נאָר ס׳איז געוואָרן גוט טונקל, פלעגן זיי אַרויסקריכן פון די באַהעלטע־נישן, כדי עפּעס אָפּצוקאָכן פאַר זייערע קליינע קינדערלעך.

מיטן מאַכן פייער האָט מען אָבער געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק און נאָכן אָפּקאָכן — פאַרווישן אַלע שפּורן, כדי די נאַצי־רוצחים זאָלן אין דער פרי ביים צוגיין צו דער פּליטע נישט באַמערקן, אַז דאָ איז ביינאַכט געמאַכט געוואָרן פייער, וויל נאָך אַזאַ פעסט־שטעלונג איז שוין די באַהעלטעניש פון דעם הויז אויפגעדעקט גע־וואָרן.

ס׳רוב פרויען זענען טאַקע צוליב די דאָזיקע סיבות געגאַנגען קאָכן אין די הייזער, וועמענס איינוואוינער עס זענען שוין געווען אין טרעבלינקע און וואו ס׳איז געווען פיל זיכערער.

ניסים אין די פינצטערע שחיטה־טעג

ווען די נאַצי־רוצחים האָבן געהאַלטן אין מיטן נישטערן און זוכן אין אַ וואוינונג, האָט זיך פּלוצים אין דער באַהעלטעניש אויפ־געכאַפּט אַ קינד מיט אַ געוויין; מ׳פּרואווט דאָס קינד דערשטיקן, אָבער די מוטער ווערט ווילד און מאַכט נאָך גרעסערע קולות פאַרן קינד; די אויפרעגונג איז אַ געוואַלטיקע, מ׳פאַלט שוין איינע אויף די אַנדערע און מ׳הויבט זיך אָן געזעגענען. אָבער אין מיטן טומל האָט אַ צווייטע נאַצי־בריגאַדע אָנגעהויבן מיט העק און לאָמען רייס; די שטאָלן אויפן זעלביקן הויף. די דאָזיקע קלאַפּעריי האָט

פאַרטויבט דעם טומל אין דער באַהעלטעניש און די רוצחים האָבן נישט דערהערט די געשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דאָרט. די געשפּאַנטקייט אין דער באַהעלטעניש האָט אָנגעהאַלטן העכער אַ האַלבע שעה. ווען די רוצחים האָבן פאַרלאָזן דעם הויף, איז אויף אַלעמען אַרוים אַ קאַלטער שווייס און פון יעדערנס אויגן זענען געפלאָסן טייכן טרערן פון שרעק און פון פרייד, וואָס מ'איז געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

און אָט איז אַ צווייטער נס. די היץ אין באַהעלטעניש איז ממש נישט אויסצוהאַלטן, עפנט מען אויף אַ ווײַלע דעם צודעק, כדי ס'זאָל אַריינגיין אַביסל פרישע לופט. דאַרף פּונקט אין די מינוטן אָנשפּרינגען אַ נאַצי־באַנדע. לויטן אָפּגערעדטן צייכן ווערן אַלע אין באַהעלטעניש שטיל ווי טויטע. ווען פאַרמאַכן דעם צודעק קען שוין קיין רייד נישט זיין, ווייל דער מינדסטער שאָרך — און אַלע זענען פאַרלוירן. די נאַצי־רוצחים איז עפּעס פאַרשטעלט געוואָרן די שיין און זיי האָבן די אָפענע באַהעלטעניש נישט באַמערקט.

אין אַזאַ טראַגישער סיטואַציע האָבן די מענטשן אין דער באַהעלטעניש זיך געשטיקט אַ גענויע שעה, וועלכע האָט זיך אָבער אויסגעצויגן ווי אַ יאָר. ווען די געשפּאַנטקייט וואָלט נאָך לענגער אָנגעהאַלטן, וואָלטן ביי אַ סך געפּלאַצט די הערצער פאַר שרעק. נאָכדעם ווי די נאַצי־מערדער האָבן פאַרלאָזן דאָס הויז, זענען די מענטשן געווען האַלב טויט. אַ סך פרויען האָבן געחלשט.

דער זעקסטער שחיטה־טאָג

דאָנערשטיק, דעם 11־טן פעברואַר, ווען די געשטאַפּאָ־באַנדיטן האָבן איינגעזען, אַז דאָס אַרויספירן די באַשטימטע צאָל יידן גייט צו זייער לאַנגזאַם און זיי ווילן צום אָנגעצייכנטן טערמין נישט פאַרטיק ווערן, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנווענדן אין אַן אויסערגעוויינלעך ברייטן פאַרנעם דאָס צווינגען די אַנטדעקטע יידישע קרבנות צו מסרן זייערע ברידער. צו אונדזער גרויסן אומגליק האָט זיך זיי איינגעגעבן די צאָל מוסרים צו פאַרגרעסערן. ס'זענען אפילו געווען פאַלן, ווען גאַנץ נאָענטע פריינט האָבן איינע די אַנדערע געמסרט.

די צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זענען נאָך געלעגן אין די באַהעלטענישן, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ פּאַנישער שרעק, אַז אַ ליאַדע מינוט קענען זיי ווערן קרבנות פון מסירות פון די

סאמע נאָענטסטע; און די מורא איז טאַקע איז טאַקע געווען א באַרעכטיקטע. אין זעקסטן שחיטה־טאָג זענען ס'רוב אַנטדעקטע יידן געווען קרבנות פון אָט די ניי־אַרויסגעשוואומענע מוסרים.

מיט דער הילף פון אָט די בוגדים האָבן די נאַצי־בעסטיעס אַנטדעקט אין דעם טאָג ביי צוויי טויזנט יידן.

דער זיבעטער שחיטה־טאָג

פרייטיק, דעם 12־טן פעברואַר, אין לעצטן שחיטה־טאָג, איז די צאָל יידן, וואָס די נאַצי־גזלנים האָבן אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן, געווען זייער א קליינע. ווייזט אויס, אַז צו דער באַשטימטער צאָל קרבנות האָט זיי שוין קיין סך נישט געפעלט און אפילו פון די, וואָס זענען אַנטדעקט געוואָרן, איז מערערע געלונגען צו אַנטלויפן.

די אָרדנונג־דינסטלער, וואָס פלעגן באַגלייטן די נאַצי־גזלנים אין זייער טייוולאָנישער אַרבעט, האָבן שוין געפילט, אַז דער היינטיקער שחיטה־טאָג זעט אויס צו זיין דער לעצטער.

דער שרעקלעכער סך־הכל פון די זיבן שחיטה־טעג

אין זיבעטן טאָג פון די שוידערלעכע איבערלעבונגען, זענען די נערוון ביי אַלעמען שוין געווען איבערגעשפּאַנט. ס'איז שוין פּשוט אוממעגלעך געווען צו זיצן אין די באַהעלטענישן, וואו טויטע זענען געלעגן ביי דער זייט פון די לעבעדיקע, וואָס זענען שוין אַליין אויך געווען האַלב טויט. ווען די גרויזאַמע שחיטה וואָלט נאָך געדויערט לענגער, וואָלטן זייער פיל יידן מער נישט אויסגעהאַלטן. א גאַנץ היפּשע צאָל האָט שוין אפילו געהאַט בדעה אַרויסצוקריכן פון די באַהעלטענישן און איבערגעבן זיך צו די נאַצי־רוצחים.

אין זעלביקן טאָג האָט די אָרדנונג־דינסט געגעבן צו וויסן אין די באַהעלטענישן, אַז היינט איז דער לעצטער טאָג פון דער שחיטה. כמעט קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט גלויבן אין דער ריכטיקייט פון דער ידיעה, ווייל מיטוואָך און דאָנערשטיק האָבן זיי אויך פאַרשפּרייט אַזעלכע ידיעות. אַזייגער 7 אָוונט האָט די אָרדנונג־דינסט פאַרשפּרייט א ידיעה, אַז זיי זענען הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז די „אַקציע" איז פאַרענדיקט, ווייל אויף מאָרגן, שבת, זענען זיי נישט אויפגעפאָדערט געוואָרן, ווי ביז אַהער, צו קומען אין בנין פון

יידן־ראַט, פון וואַנען זיי פּלעגן מוזן מיטגיין מיטצוהעלפן די רוצחים אין זייער אַרבעט.

אַלע ווילן גלויבן, אַז די איצטיקע ידיעה איז אַ ריכטיקע. די האָפנונג דורכצולעבן הויבט ווידער אָן אויפצושטיין תחית־המתים ביי יעדן איינעם. די נאַכט פון פרייטיק אויף שבת קאָן מען שוין נישט איינשלאָפן און מען דערוואַרט מיט אומגעדולד דעם מאָרגנדיקן טאָג.

שבת, דעם 13־טן פעברואַר, 7 פרי, ווען ס'פּלעגט זיך געוויינלעך אָנהויבן די שחיטה מיטן גערויש פון די אַריינגעפאָרענע אויטאָס, שיסערייען און די שווערע טריט פון די נאַצי־בעסטיעס, זענען אַלע־מענס אויערן געווען געשפּאַנט אויף דער העכסטער מדרגה. מ'הערט אָבער נישט קיין שאָרך פון קיין לעבעדיקן נפש. דורך די שפּאַרונעס פון די באַהעלטענישן באַמערקט מען, ווי עס שלייכן זיך דורך שאָטנס פון מענטשן; מ'זעט אויך, ווי עס שאַרן זיך ביי די זייטן פון גאַס צוויי קליינע מיידעלעך, אַרויסגעשיקט, ווייזט אויס, פון ערגעץ אַ באַהעלטעניש, ווי פון נחס תיבה נאָכן מבול. די מער דרייסטערע האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און זענען אויך אַרויסגעקראָכן, האָבן זיך געזאַמט אַ קורצע ווײַלע און צוריקגעקומען מיט דער בשורה, אַז די נאַצי־גזלנים זענען אין געטאָ נישטאָ. ס'איז אָבער גלייכער די באַהעלטעניש פאַרלויפיק נישט צו פאַרלאָזן.

צוועלף אַזייגער ביטאָג זעט מען דורך די שפּאַרונעס, אַז איבער די געטאָ־געסלעך קריכן אַרום אַ סך מער מענטשן. מען ווערט ביי זיך האָפערדיקער און אַ גרעסערע גרופּע מענער קריכן אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, זאַמען זיך ביי אַ שעה און ברענגען די פרייַלעכע בשורה, אַז זיי זענען געווען אויפן הויף פון יידן־ראַט, וואו פאַראַנטוואָרטלעכע יידן־ראַט־פאָרשטייער האָבן דערקלערט, אַז די שחיטה איז געענדיקט און אַז מען מעג שוין פאַרלאָזן די באַהעל־טענישן.

די שמחה, וואָס די בשורה האָט אַרויסגערופן, איז נישט צו באַשרייבן. מ'האָט זיך געקושט און מ'האָט געוויינט. אַלעמענס הער־צער זענען געווען שווער באַלאָדן. יעדער האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אַרויסלויפן און זען, וואָס עס האָט געטראָפן מיט זיינע נאָ־ענטסטע.

דער אויסזען פון די גאַסן האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינ־

דרוק. די וואוינונגען — צעראַבירט, אין מערערע הייזער זענען ווענט צעריסן, דעכער — פאַנאַנדערגענומען, אין הונדערטער יידישע משפחות איז נישט פאַרבליבן קיין איין לעבעדיקער עדות פון דער שרעקלעכער טראַגעדיע. אויף אַ סך פּלעצער ליגן טויטע. אין אַ היפּ־שער צאָל וואוינונגען געפינט מען פאַרסמטע. אין אַנדערע הייזער טרעפט מען הענגענדיקע יידן און דאָ און דאָרט וואַלגערן זיך טויטע קינדער, וואָס זענען ס׳רוב דערשטיקט געוואָרן פון זייערע אייגענע טאַטע־מאַמע. די געוויינען זענען געוועזן האַרצרייסנדיקע. איינער האָט דעם אַנדערן אין פּנים נישט געקענט קוקן, אַלע האָבן זיך געפילט שולדיק. מיט שוים אויף די ליפּן האָט מען גערעדט וועגן די ניי־אויפגעשוואומענע מוסרים, צוליב וועלכע אַזוי פיל טייערע יידישע נשמות זענען אומגעקומען.

די אָרדנונג־דינסט, וואָס האָט געוואוסט ווער ס׳זענען געווען די מוסרים, האָט נאָך אין פאַרלויף פונם שבתדיקן טאָג פאַרהאַלטן דריי פון זיי, באַשולדיקטע אין כלומרשטן רויבן אין די שחיטה־טעג, פאַרוואָס עס קומט טויט־שטראָף. נאָכדעם ווי מ׳האָט זיי גוט צע־הרגעט, האָט מען זיי אויפגעהאַנגען אויפן לייִדיקן פּלאַץ נעבן בריק אויף קופּיעצקע גאַס, האַרט ביי דער ביאַלע.

די נידערטרעכטיקע פאַררעטערס זענען געהאַנגען דריי טעג און כמעט אַלע יידן זענען געגאַנגען זיי אָנקוקן. ס׳איז געווען אַ חרפּה און אַ ווייטיק צוצוזען דעם בילד פון אייגענעם אומגליק. מ׳האָט אָבער געטראַכט, אַז דאָס וועט זיין אַן אָנלערנונג פאַר אַנדערע אויף ווייטער, אַז מ׳קען דעם אייגענעם לעבן נישט ראַטעווען אויפן חשבון פון הונדערטער אַנדערע יידישע קרבנות.

אַזוי איז אַריבער דער ערשטער שבת נאָכן גרויסן זיבן־טאָגיקן חורבן.

ביינאַכט האָט מען אָנגעהויבן מאַכן אַ שטיקל אָרדנונג אין די צעראַבירטע וואוינונגען. הונגעריקע, אויסגעמוטשעטע, נידערגעשלאָ־גענע און נישט אויסגעשלאָפענע יידן זענען ווי האַלב־טויטע אַוועק־געפאַלן אין אַ שווערן שלאָף.

דעם זונטיק נאָך דער שחיטה האָט זיך באַוויזן אין דער אָר־טיקער נאַצי־צייטונג „ביאַליסטאָקער צייטונג״ פאָלגנדיקע ציניש נאָטיץ: „צען טויזנט יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער ביאַ־ליסטאָקער געטאָ אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד, צוויי טויזנט, וואָס

האָבן נישט געוואָלט אַרויספאָרן און געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, זענען דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ".

דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג זענען מענער, פרויען און קינדער אַרומגעלאָפן ווי משוגעים איבער די גאַסן און געזוכט זייערע נאָענט־סטע. ווען עמיצער פלעגט זיך דערוויסן, אַז זיינע עלטערן, קינדער אָדער ברידער און שוועסטער זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן, פלעגט מען עס אויפנעמען מיט אַזאַ פאַרשטיינערטער גלייכ־גילטיקייט, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט מען עס זיך בשום אופן נישט געקענט פאָרשטעלן.

גרעסערע מענטשן־מאַסן זענען באַלד פון פרימאָרגן געלאָפן אויפן געטאָ־בית־עולם, וואו ס'זענען נאָך געלעגן אָנגעוואָרפן ווי בער־גער האַלץ הונדערטער קדושים; אַ סך האָבן דערקענט צווישן זיי זייערע ליבסטע און טייערסטע, פלעגן זיך דערביי אָפּשפּילן האַרצ־רייסנדיקע סצענעס. זייערע געוויינען און געשרייען האָבן אפילו גע־קענט שטיינער רירן.

די הונדערט קדושים, וועלכע די נאַצי־רוצחים האָבן דערשאָסן אין פראַגעס גאָרטן און צוגעדעקט מיט אַ דינעם שיכט ערד, אַז עס האָבן זיך ממש אַרויסגעזען זייערע הענט און פיס, האָט די חברה־קדישא, מיט דער הילף פון נאָך יידן, אויסגעגראָבן און איבערגעפירט אויפן זשאַביער בית־עולם, וואו מ'האָט זיי מקבר געווען צוזאַמען מיט די אומגעקומענע אין געטאָ אין דריי גרויסע ברידער־קברים: מענער, פרויען און קינדער.

חזן הודין (געוו. חזן פון ניי־וועלט בית־מדרש), וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן געווען כמעט דער איינציקער אזכרה־מאַכער אויפן באַגנאָוועקער בית־עולם און פלעגט זאָגן פאַר באַקאַנטע אין אַ האַלב־וויציקן טאָן, אַז ער וויל אויפן באַגנאָוועקער בית־עולם נישט רוען, איז געשטאָרבן אין די שחיטה־טעג פון אַ האַרץ־אַטאַק און געבראַכט געוואָרן צו קבורה אויפן געטאָ־בית־עולם.

דער טרויעריקער סך־הכל פון דער פינפטער פעברואַר שחיטה איז געווען: ביי צוויי טויזנט יידן זענען דערשאָסן געוואָרן אין געטאָ; זעקס טראַנספּאָרט־צוגן מיט זעקס טויזנט קרבנות זענען פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע און פיר טראַנספּאָרט־צוגן מיט פיר טויזנט נפשות האָט מען אָפּגעפירט קיין אוישוויץ.

פון די, וואָס זענען אָוועקגעשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע

איז כמעט קיינער נישט לעבן געבליבן. פון די אוישוויצער איז עטלעכע צענדליק געלונגען דורכצוגיין אַלע גיהנומס און זיי געפינען זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

די שחיטה אין פּרוזשאַני

אין דער זעלבער צייט, ווען ס׳איז פּאָרגעקומען די שחיטה אין ביאַליסטאָק, איז זי אויך דורכגעפירט געוואָרן אין פּרוזשאַנער ראַיאָן, וואו ס׳זענען נאָך געווען ביי טויזנט ביאַליסטאָקער יידן. זיי זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט די פּרוזשאַנער, ס׳רוב קיין אוישוויץ. פון פופצן ביז צוואַנציק ביאַליסטאָקער יוגנטלעכע האָבן אויסגעהאַלטן אַלע פייערן און דערלעבט די באַפרייאונג.

זיבעטער קאַפּיטל

צווישן שחיטה און אומקום

דער יידן־ראַט קלייבט צוזאַמען דאָס פאַרלאָזענע
יידישע האָב און גוטס

נאָכן גרויסן חורבן טרעט צו דער יידן־ראַט צונויפצוזאַמלען דעם לעבעדיקן און טויטן אינווענטאַר ביי די משפּחות, פון וועלכע ס׳איז קיינער נישט געבליבן. די קי מיט די פערד גיט ער איבער פאַרן יידישן שפּיטאָל און אַפּראָוויזאַציע־אַמט; די מעבל ווערט אַריינגעפירט אין שפּייכלערס און אַ היפּשע טייל פון בעטגעוואַנט און אַנדערע שטוב־זאַכן ווערט פאַרטיילט צווישן די שטאַרק־נויטבאַדערפטיקע.

נאָך אין דער זעלביקער וואָך האָט דער יידן־ראַט פאַרעפנטלעכט די נעמען פון די באַהעלטעניש־מוסרים און זיי געשטעמפּלט אַלס פאַררעטערס און בוגדים פון יידישן פאָלק.

מאָנטיק, דינסטיק און מיטוואָך, די ערשטע טעג נאָך דער גרויזאַמער שחיטה, זענען די טויערן און דער פאַרקאָז פון געטאָ נאָך געווען שטאַרק באַוואַכט. אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ אין די טעג איז נאָר באַראַש, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבניש. דאָנערשטיק האָט שוין געמעגט אַרויסגיין פון געטאָ דער לייטער פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג, יעקב גאָלדבערג, וועלכער האָט אינטערווענירט ביי די געהעריקע מאַכט־אָרגאַנען וועגן מעל פאַר דער הונגערנדיקער יידישער באַפעלקערונג. נאָך פיל מי און אָנשטרענגונגען איז אים געלונגען צו קריגן אַ דערלויבניש אַריינצופירן אַ סכום קאַרטן־מעל, וואָס זאָל קלעקן אויף עטלעכע טעג.

פרייטיק איז די וואָך פאַרקלענערט געוואָרן. איינצלנע יידישע בעל־מלאכות, אין וועלכע מ׳האָט זיך שטאַרק גענויטיקט אויסערן געטאָ, האָבן באַקומען דערלויבענישן אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט.

עס אַרבעטן שוין ווידער ביי דריי טויזנט יידן אויסערן געטאָ

מאָנטיק, דעם 22־טן פעברואַר, 1943, האָבן א היפּשע צאָל דייטשע פירמעס, ביי וועלכע ס'האָבן ביז דער שחיטה געפינצטערט טויזנטער יידישע שקלאַפן, באַקומען דערלויבנישן פון געשטאַפּאָ, אַז זייערע פריערדיקע קנעכט, אויב זיי לעבן נאָך, קענען ווייטער ביי זיי אַרבעטן. שפּעטער האָבן די איבעריקע פירמעס אויך באַקומען דערלויבנישן ווייטער צו באַשעפטיקן זייערע שקלאַפן. אין פאַרלויף פון ערשטן חודש נאָך דער שחיטה זענען שוין געווען באַשעפטיקט אויסערן געטאָ ביי דריי טויזנט יידישע אַרבעטער.

20 אַנטלאָפענע פון די טויטן־טראַנספּאָרטן קומען צוריק אין געטאָ

ביי 20 העלדישע יידישע בחורים און מיידלעך, צווישן זיי עטלעכע צען־יאָריקע קינדער, זענען מיט גרויס מסירת־נפש געשפּרונגען פון די צוגן, וואָס האָבן זיי געשלעפּט קיין טרעבלינקע און אוישוויץ. נאָך לאַנגע וואַגלענישן איז זיי געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן צוריק אין געטאָ.

דער אָנקום פון די פּאָר צענדליק געראַטעוועטע האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פרייד. פאַר די באַהעלטעניש־מוסרים האָט אָבער זייער באַווייזן זיך צוגעאײַלט דעם דין־וחשבון מיט זיי און באַלד דערפירט צו זייער פינצטערן סוף.

א שווערן רושם האָט געמאַכט דאָס דערציילן פון די געראַטעוועטע, וואָס פאַר א גיהנום עס זענען אויסגעשטאַנען די אומגליקלעכע, וועלכע זענען געשלעפּט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן. אין די וואַגאָנעס, וואו מ'האָט זיי אַריינגעטריבן, איז פון ענגשאַפט געווען ממש דערשטיקט צו ווערן; אויפן דאַך פון יעדן וואַגאָן זענען געזעסן צוויי אוקראַאינישע גזלנים מיט מאַשין־געווער. ס'האָבן זיך אָבער געפונען צענדליקער בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געזעגט קראַטן און געריסן ווענט, כדי צו שפּרינגען פון לויפנדיקן צוג. א טייל פון זיי איז געלונגען זיך צו ראַטעווען, — ס'רוב זענען צעשמעטערט געוואָרן פאַלנדיק אָדער דערשאָסן געוואָרן פון די בעסטיעס.

דער מיאוסער סוף פון די באַהעלטעניש־מוסרים

דאָס באַווייזן זיך פון די גערעטעטע איבער די ביאַליסטאָקער גאַסן האָט אַרויפגעוואָרפן אַ פּחד אויף די באַהעלטעניש־מוסרים. זיי האָבן זיך פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן און זיך נישט באַוויזן אויף דער ליכטיקער שיין. מ'האָט זיי אָבער פון אַלע לעכער אַרויס־געשלעפּט און דערהרגעט אַזוי ווי הינט — מיט שטעקנס, אייזנס, העק און מעסערס.

אויף טשעפּלע גאַס ווערט פּלוצים אַ געלויף. מ'יאָגט אַ מסור. פאַר די אויגן שפּילט זיך אָפּ אַ שרעקלעך בילד: ביי אַ פּינף יידישע יונגעלייט האָבן אַרומגערינגלט אַ יידן און רייסן פון אים שטיקער; דער באַפאַלענער ליגט שוין אַ טויטער און די עקזעקוציע הערט נאָך אַלץ נישט אויף.

דער אָרט אָפּרעכענען זיך האָט געמאַכט דעם שווערסטן רושם, די באַצאָלונג האָט אָבער אַנדערש נישט געקענט אויסזען. די, וואָס קלייבן זיך צו בלייבן לעבן אויפן חשבון פון די קרבנות, וואָס זיי וועלן מסרן, דאַרפן וויסן, אַז אַזאַ פאַרברעכן ווערט נישט געשאָנקען, אַז די באַצאָלונג קומט גיך און טאַקע אויף אַזאַ ברוטאַלן אופן.

צוזעענדיק דעם לינטש־אַקט, איז אָבער דאָס האַרץ שיער נישט צעריסן געוואָרן פון ווייטיק, צו וואָס פאַר אַ מצב די נאַצי־רוצחים האָבן אונדז דערפירט, אַז יידן, וואָס זענען געווען אַזוי ווייט פון מאָרד־טאַטן, זאָלן קענען ווערן אַזעלכע ווילדע רוצחים.

אַ גאַנצער חודש האָט געדויערט דאָס געיעג אויף די מוסרים, וועלכע האָבן כמעט אַלע פאַרענדיקט זייערע לעבנס מיט די גרוי־זאַמסטע טויטן.

זיך אָנגעהויבן די נאָרמאַלע יידן־ראַט־טעטיקייט

דער יידן־ראַט איז צוגעטרעטן צו זיין נאָרמאַלער אַרבעט. עס ווערן אונטערגעפירט די סך־הכלען פון דער פאַרגעקומענער שחיטה און וועלכע שיכטן ס'האָבן אַממערסטן געליטן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גרעסטע צאָל קרבנות האָבן געגעבן די אַרבעטער פון אויסערן געטאָ, ווייל זיי האָבן אין די שחיטה־טעג נישט געהאַט קיין מעג־לעכקייט צו געפינען זיך אין די געטאָ־פאַבריקן און זענען געווען געצוואונגען צו ליגן אין די נישט זיכערע באַהעלטענישן. אַ גרויסע

צאָל פון די לעבן געבליבענע ווילן דעריבער נישט גיין אַרבעטן אויף זייערע פריערדיקע אַרבעט־פּלעצער אויסערן געטאָ.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געשאַפענער לאַגע שטייט פאַר די פירער פון יידן־ראַט די פראַגע, ווי אַזוי צו פאַרזיכערן מיט אַרבעט די דערמאָנטע אַרבעטער. ס'איז אויך צוגעקומען נאָך אַ שיכט יידן, וועלכע שרייען מ'זאָל זיי געבן אַרבעט אין די געטאָ־פאַבריקן, זיי ווילן אויך לעבן. דאָס זענען עלטערע מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען יונג און קענען נאָך אַרבעטן, און צען־צוועלף־יעריקע קינדער, וואָס האָבן אַלאַרמירט, אַז זיי זענען שוין פולע פופצן יאָר אַלט און האָבן אויך רעכט אויף אַרבעט.

דער פּועל־יוצא פון דעם איז געווען, אַז דער יידן־ראַט האָט, נישט געקוקט אויף זיין זייער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע, געמוזט באַשליסן תיכף צו פאַרגרעסערן די עקזיסטירנדיקע פאַבריקן און גלייכצייטיק בויען נייע אונטערנעמונגען.

די פאַבריק־דירעקטאָרן האָבן, מיט דער הילף פון באַראַשן, זיך באַמיט, אַז די געטאָ־פאַבריקן זאָלן ווערן אַן אייגנטום פון דערווערמאַכט. דאָס איז זיי, נאָך פיל מי און אָנשטרענגונגען, געלונגען דורכצופירן און אויף ס'רוב פון די פאַבריקן זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן שילדלעך, אַז זיי געהערן צו דער ווערמאַכט. דורכן דאָזיקן שריט האָט מען געהאָפט מער צו פאַרזיכערן די צווייפלהאַפטע לעבנס פון די פאַבריק־אַרבעטער.

דער יידן־ראַט האָט זיך אויך באַמיט צו באַפרידיקן די טענות פון די אויסערן־געטאָ־אַרבעטער און געבן זיי די מעגלעכקייט צו אַרבעטן ווייטער אויף זייערע פריערדיקע אַרבעט־פּלעצער. צו דעם צוועק האָט דער יידן־ראַט אַרויסגעגעבן פאַר אַ היפּשע צאָל אויסערן־געטאָ־אַרבעטער שיינען פון די געטאָ־פאַבריקן, וועלכע וועלן זיי קענען באַנוצן אין פאַל פון אַ צווייטער שחיטה.

פיבערהאַפטע אַרבעט ביים פאַנאַנדערבויען די געטאָ־פאַבריקן

אַ פּאָר טעג נאָכן אָנגענומענעם באַשלוס, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע אַרבעט. טאָג און נאַכט זענען אָנגעגאַנגען די אַרבעטן ביים פאַנאַנדערבויען די אינדוסטריע. ווידער איז דער יידן־ראַט גע־צוואונגען געווען צוצונעמען ביי די יידן די לעצט־געבליבענע פאַר־באַהאַלטענע מאַשינעס. ס'איז אויך געמאָלדן געוואָרן, אַז ווער ס'וועט

ברענגען א ניי־מאשין אדער אנדערע וויכטיקע מאשין־טיילן, וועט תיכף צוגענומען ווערן צו דער ארבעט.

האפנדיק דורך ארבעט צו ראטעווען זיך פון דראענדיקן טויט, האבן די פריער דערמאנטע אלטע און יונגע און אנדערע נאך נישט ארבעטנדיקע יידן ארויסגעשלעפט פון די באהעלטענישן מאשינעס און מאשין־טיילן און עס אפגעטראגן צום אינדוסטרי־אמט. די, וואס האבן קיין מאשינעס נישט געהאט, האבן פאר די לעצטע גראשנס און מיט גרויסע שוועריקייטן זיי זיך איינגעשאפט פון אויסערן געטא און געטראגן צום אינדוסטרי־אמט, וועלכער האט א דאנק דעם געהאט די מעגלעכקייט פאנאנדערצובויען די געטא־פאבריקן.

נאכן פארענדיקן די בוי־ארבעטן, האט דער ארבעטס־אמט אנגעהויבן אננעמען פרישע ארבעטער. אויך דאס מאל זענען אויפן ערשטן ארט געגאנגען די, וואס האבן געבראכט מאשינעס אדער מאשין־טיילן, אויפן צווייטן ארט — גוטע פאכלייט. הונדערטער יידן, וואס אדער זיי האבן נישט געהאט וואס צו ברענגען, אדער זיי זענען נישט געווען קיין פאכלייט, זענען נאך אלע פארגרעסערונגען דאך אין די פאבריקן נישט אריינגענומען געווארן, זענען זיי דערי־בער ארומגעגאנגען ווי צום טויט פארמשפטע און דאן געווארן די פאר־ביסנסטע שונאים פון יידן־ראט.

אין די פאבריקן זענען, שוין נאך דער פארגרעסערונג זייערע, פארשווארצט געווארן ביי דער שיכטן־ארבעט א היפשע צאל קינדער אונטער פופצן יאר און א סך מענער און פרויען אריבער זעכציק.

דער יידן־ראט באשליסט צו פארגרעסערן די גערטנעריי־ווירטשאפט

אויך די גערטנעריי־ווירטשאפט האט דער יידן־ראט באשלאסן צו פארגרעסערן, כדי צו געבן דורך דעם די מעגלעכקייט מער יידן צו זיין באשעפטיקט אין געטא און גלייכצייטיק ארויסקריגן פון דעם ביסל נאך נישט פארזייטער ערד א גרעסערן קוואנטום גרינווארג פארן געטא.

אויפן ארט פון דעמיסיאנירטן אינזשיניער־אגראנאם שאליט איז אלס אנפירער מיט דער גערטנעריי־ווירטשאפט באשטימט געווארן דער באוואוסטער אינזשיניער־אגראנאם טראפ־קרינסקי פון גראדנע (געוו. פירער פון דער לאנדווירטשאפטלעכער פערמע אין גראכאוו ביי

וואַרשע). טאָג און נאַכט האָט ער ביי דעם געאַרבעט. פיר פאַרטאָג פלעגט מען אים שוין טרעפן אין די גערטנער ביי דער אַרבעט אָדער ביים לערנען זיינע יונגע תלמידים. פאַר אים איז קיין זאַך נישט געווען צו שווער און אין אַ גאַנץ קורצער צייט האָט ער דערפירט די גערטנעריי־ווירטשאַפט צו אַזאַ הויכן שטאַנד, אַז אַלטע געניטע לאַנדווירטן האָבן ממש באַוואונדערט זיינע גרויסע אויפטוען.

די קיכן פאַרשטאַרקן זייער טעטיקייט

אויך די קיכן האָבן פאַרגרעסערט זייער טעטיקייט, אַרויסגעבנדיק מער און בעסערע עסנס. די קיך אונטערן אָנפיר פון בונים פאַרבשטיין האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט איר זויבערקייט, גוטע עסן און גוטע באַהאַנדלונג.

בונים פאַרבשטיין אָרדנט איין אַ געזעלשאַפטלעכן סדר אין ציטרינס בית־מדרש

פסח, 1943, האָט בונים פאַרבשטיין איינגעאָרדנט אין דער וויי־בער־שול פון שמואל ציטרינס בית־מדרש אַ געזעלשאַפטלעכן סדר צו זייער צוטריטלעכע פרייזן און פאַר נישט פאַרמעגלעכע — אינגאַנצן אומזיסט. פון דאָזיקן סדר האָבן גענאָסן עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן אין יענער פינצטערער צייט דאָס נישט געקענט דער־גרייכן אין זייערע היימען. אין די סדרים האָבן אָנטיילגענומען עטלעכע רבנים, דער הויפט־אָנפירער איז אָבער געווען בונים, וואָס האָט גע־האַלטן אַ לענגערע רירנדיקע רעדע, ביי וועלכער אַלע באַטייליקטע האָבן געוויינט מיט בלוטיקע טרערן.

די געטאָ ווערט ווידער פאַרקלענערט

באַלד נאָך פסח זענען די נאַצי־רוצחים ווידער צוגעטראָטן צו פאַרקלענערן די געטאָ, פון וועלכער זיי האָבן אָפגעריסן פאָלגנדיקע גאַסן־שטיקער: דאָס גאַנצע יידן־געסל, אַ שטיקל יאַטקע־גאַס, אַ שטיקל קופיעצקע, אַ שטיקל טשענסטאָכאָווער און אַ שטיקל פּאָלנע, ווי אויך דאָס גאַנצע ראָזענבערג־געסל.

אָט אַזוי האָבן די פאַרברעכער כמעט קיין איין טאָג נישט גע־לאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם די ביאַליסטאָקער יידן.

צוויי שליחים פון דער ווארשעווער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע

באַלד נאָך פסח, ווען די ווארשעווער געטאָ איז נאָך געשטאַנען אין קאַמף מיט די נאַצי־גזלנים, זענען געקומען קיין ביאַליסטאָק צוויי שליחים פון דער דאָרטיקער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און האָבן אין גע־היים אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען מיט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ביאַ־ליסטאָקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. צווישן אַנדערן איז אויף די באַראַטונגען באַשלאָסן געוואָרן צוצואַנילן דאָס אָרגאַניזירן אין אירע רייען וואָס מער מיטגלידער און בכלל זען פאַרשטאַרקן די אָרגאַני־זאַציע. חוץ די גערטנער־אַרבעטער, וואָס ס׳רוב פון זיי האָט שוין געהערט צו די אָרגאַניזירטע געטאָ־פּאַרטיידיקער, זענען כמעט אין אַלע פאַבריקן אָרגאַניזירט געוואָרן ווידערשטאַנד־גרופּעס.

וואָס שייך דאָס שאַפן אַן איינהייטלעכן פראָנט צווישן די געטאָ־פּאַרטיידיקער מיט דער פּאַרטיזאַנקע, איז, נישט געקוקט אויף די שטאַרקע באַמיאונגען פון זייער פירערין, פרוי יודיטאַ, און די פירער פון די געטאָ־פּאַרטיידיקער, קיין הסכם נישט דערגרייכט געוואָרן.

ד״ר שמעון דאַטנער

אין אַפּריל 1943 שיקט ארויס יו־דיטאַס פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע אַ צווייטע גרופּע אין וואַלד אונטערן אָנ־פיר פון ד״ר שמעון דאַטנער. די גרופּע איז געשטאַנען אין אַ כסדרדיקן קאָנ־טאַקט מיט זייערע חברים אין ביאַ־ליסטאָק.

צוליב דער פאַרגרעסערטער צאָל חברים פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַני־זאַציע, זענען פאַר אירע פירער אַנט־שטאַנען פרישע זאָרגן: וואו נעמט מען געלט אויף איינצושאַפן געווער? און אז מ׳האָט שוין די נויטיקע מיטלען, איז דאָס אריינברענגען געווער אין אַ פאַרשלאָסענער געטאָ איינע פון די שווערסטע פּראָבלעמען. פאַר ביידע האַרבע פראַגעס האָט מען אָבער געמוזט געפינען אַ גינ־סטיקע לייזונג.

די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די געווער־סקלאַדעס אויסערן געטאָ, האָבן אויף זיך גענומען די גרויסע פאַר־אַנטוואָרטלעכע, ריזיקאַלישע אַרבעט פון העלפן באַזאָרגן די ווידער־

שטאַנד־אָרגאַניזאַציע מיט געווער, וואָס זיי פלעגן אַרויסגנבענען פון די געווער־סקלאַדעס און מיט מסירת־נפש אַריינברענגען אין געטאָ.

ביים באַזאָרגן די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע מיט געווער האָט גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן גאַלאַנט, טעלכער איז געווען אַ בריגאַדיר פון אַ גרופּע יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויסערן געטאָ. ריזיקירנדיק זיין לעבן, פלעגט ער קויפן ביי ווערמאַכט־סאָלדאַטן געווער. אין אַ געוויסן טאָג האָט אים זיין פאַרקויפער איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ, וואָס האָט אים מערדערלעך געפּייניקט, כדי ער זאָל זיך מודה זיין פאַר וועמען ער שאַפט איין דאָס געווער. ער האָט אָבער זיין פאָלק נישט פאַרראַטן און צו קיין זאַך זיך נישט מודה געווען. נאָכן אָנווענדן אויף אים אין טויטן־קעלער פון געשטאַפּאָ די שווערסטע אינקוויזיציע־מעטאָדן, הויכט ער דאָרט אויס זיין הייליקע נשמה.

כבוד דעם העראָאישן זון פון אונדזער פאָלק!

באַשלאָסן אויפבויען אין געטאָ אַ געווער־פאַבריק

היות דאָס אַריינגעבראַכטע געווער אין געטאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו ווייניק, האָבן די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַטאָרן, — נאָך אַ באַראַטונג מיטן ענערגישן כעמיקער־אינזשיניער הענעך פאַרבער און נאָך עטלעכע יונגע יידישע כעמיקער, — באַשלאָסן איבערצוגעבן פאַרבערן די אויפגאַבע איינצואָרדנען אין געטאָ אויף טשיסטע 3 אַ געהיים געווער־פאַבריקל, וואו מ'זאָל קענען צוגרייטן אויפרייס־מאַטעריאַל און אויסאַרבעטן האַנט־גראַנאַטן.

מיט אַ צייט שפּעטער איז פאַרבער, דער טיכטיקער און ענערגישער געטאָ־פּאַרטיידיקער, געפאַלן ווי אַ העלד אין אַ העראָאישן קאַמף מיט די נאַצי־רוצחים אין סופּראַסלער וואַלד.

„רויב־אָנפאַל" אויפן הויפּט־שפּייז־סקלאַד פון יידן־ראַט

צו פאַרשטאַרקן זייערע געלט־מיטלען, פירט דורך די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אַ „רויב־אָנפאַל" אויפן הויפּט־סקלאַד פון יידן־ראַט אויף ניי־וועלט 6.

אין די לעצטע טעג פון חודש אַפּריל, 1943, אין מיטן נאַכט, זענען אַ גרופּע חברים פון דער דערמאָנטער אָרגאַניזאַציע באַפאַלן די סקלאַד־וועכטערס און, אַריינרייסנדיק זיך אינעווייניק, אַרויסגעפירט פון דאָרט שיינע עטלעכע פורן שפּייז־פּראָדוקטן. שפּעטער האָבן

זיי די פראָדוקטן פארקויפט און זיך איינגעשאַפט אַ היפּשע געלט־סומע אויף געווער.

נאָכן דורכגעפירטן דרייסטן אַקט, האָט מען אין געטאָ גערעדט, אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטער רויב־אָנפאַל. אַנדערע ווידער האָבן אין דער שטיל געשמועסט, אַז דאָס האָט דורכגעפירט די געהיימע קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיטן שטילן הסכם פון באַראַש. אַ צייט שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די צווייטע ווערסיע איז געווען די ריכטיקע. באַראַשעס איינשטעלונג צו דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין דעמאָלט געענדערט און דורך זיין שטילן הסכם האָט ער אַרויסגעוויזן זיין גרייטקייט איר צו העלפן.

אין די לעצטע חדשים האָט באַראַש זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע און אין געהיים איר געשטיצט. ער האָט אויך באַזייטיקט זיין נישט סימפּאַטישן „פליגל־אַדיוטאַנט", יצחק, און אַנגאַזשירט אויפן דאָזיקן פּאָסטן איינעם פון די חלוצים־פירער, וועלכער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. דורך אים פלעגט ער באַזאָרגן גרעסערע געלט־סומעס. באַראַש האָט זיך אויך געווענדעט צו די אָנפירער פון דער פּאַרטיזאַנקע, אַז ער איז גרייט צו פאַרלאָזן די געטאָ און גיין אין וואַלד. זיין ווענדונג איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן מיטן מאָטיוו, אַז „אַ פאַררעטער פון יידישן פאָלק ווילן זיי אין זייערע רייען נישט האָבן".

צוליב די גרויסע אויסגאַבן, וואָס די פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט ביים איינשאַפן די געהעריקע צאָל געווער, זענען זיי געצוואונגען געווען פון צייט צו צייט דורכצופירן עקספּראָפּריאַציעס ביי רייכערע יידן און אויף אַזאַ אופן באַקומען די מעגלעכקייט דאָס נויטיקע געווער צו קריגן.

אַ געהיימער ראַדיאָ אויף טשעפּלע 15

פאַרן האָבן אַ ראַדיאָ פלעגן די נאַצי־רוצחים דערשיסן דעם אייגנטימער און די נאָענטע שכנים. נישט געקוקט אויף דעם, געפינען זיך דאָך דרייסטע, וועלכע ווילן נישט דערלאָזן, אַז די געטאָ זאָל אין אַזעלכע פיינלעכע טעג בלייבן אָן ידיעות פון אויסלאַנד.

אין אַ קרעמל אויף טשעפּלע 15 האָט געהאַט זיין שוסטער־וואַרשטאַט אהרן געלטשינסקי (אַרעלע), וועלכער האָט זיך אויסגע־

האַדעוועט אין יתומים־אַנשטאַלט אויף יוראָוועצער 7. דאָס דאָזיקע קרעמל איז געווען אַ זאַמלפּונקט פאַר אַ סך חברים פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. אין דעם קרעמל איז דורך געלטשינסקין איינגעאָרדנט געוואָרן אַ געהיימער ראַדיאָ, וואָס ער האָט באַקומען פון באַוואוסטן גע־זעלשאַפטלעכן עסקן חנן אפרת. געל־טשינסקי צוזאַמען מיטן סטודענט מאיר מוטשניק האָבן, ריזיקירנדיק זייערע לעבנס, אויפגעכאַפּט צוויי מאָל טעגלעך ידיעות פון אויסלאַנד. נאָטירן די ידיעות פלעגט מאיר מוטשניק און דערנאָך פלעגן די ידי־עות פאַרשפּרייט ווערן אין געהיים צווישן די פאַבריק־אַרבעטער. זייערע נאָענטע מיטאַרבעטער זענען געווען די מיטגלידער פון דער קאַמף־אָרגאַ־ניזאַציע: ליזער וויסאָצקי, לייבל שעוויץ (זון פון שייקע דעם טשעכאַ־נאָווצער) און אברהם ניימאַן (מעמקע).

אהרן געלטשינסקי

דער טראַגישער אומקום פון וויסאָצקי און שעוויץ

אָנגעטאָן אין דייטשע מיליטער־אוניפאָרמען, זענען די צוויי קאַמפס־חברים, וויסאָצקי און שעוויץ, געשיקט געוואָרן פון זייער אָר־גאַניזאַציע אין אַ וויכטיקער שליחות צו די פּאַרטיזאַנער. געפינענדיק זיך טיף אין וואַלד, ווערן זיי פון דער ווייטנס באַמערקט פון עטלעכע פּאַרטיזאַנער־יידן, וואָס האָבן זיי אָנגענומען פאַר עכטע דייטשן. נישט וואַרטנדיק קיין סעקונדע, פייערן זיי אָפּ עטלעכע שאָסן, פון וועלכע ביידע שליחים פאַלן טויט.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען זיך דורך אַ צופאַל דערוואוסט וועגן זייער פאַטאַלן אומקום. דער דאָזיקער ווייטיקלעכער טעות, צוליב וועלכן עס זענען אומגעקומען צוויי יונגע איבערגעגעבענע קעמפערס, האָט געמאַכט זייער אַ שווערן רושם אויף אַלע זייערע חברים.

יודיטאַ שיקט אַרויס אַ דריטע פּאַרטיזאַנער־גרופּע

אין מאַי, 1943, האָט יודיטאַס פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אַרויס־

געשיקט אין וואַלד, אונטערן אָנפיר פון חיים כאַלעף, אַ דריטע גרופּע.

חיים כאַלעף איז פון פאַך געווען אַ קונסט־שניצער און האָט פאַר דער מלחמה געוואוינט אויפן שול־הויף. זייענדיק אין דייטשן געפאַנגענלאַגער אין לובלין, האָט ער צוגעזען די מוראדיקע שחיטות אויף די דאָרטיקע יידן. אין 1942 אַנטלויפט ער פון לאַגער און קומט קיין ביאַליסטאָק. גלייך נאָכן אָנקומען הויבט ער אָן שטאַרק אַגיטירן, אַז די יידן זאָלן פאַרלאָזן די געטאָ, ווייל אַלעמען דערוואַרט דער זעלבער טרויעריקער סוף ווי די לובלינער יידן. גאָר גיך ווערט ער איינער פון די אַקטיוווסטע חברים פון יודיטאַס פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע און נעמט אַ טיכטיקן אָנטייל אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט. אַ דאַנק זיינע מיליטערישע קענטעניש, ווערט ער באַשטימט פאַרן וויצע־קאָמענדאַנט פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע און אַרבעט צוזאַמען מיט דר שמעון דאַטנער, וועלכער איז די ערשטע צייט געווען קאָמענדאַנט פון אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע. ביידע האָבן אָנגעהאַלטן אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט זייערע חברים אין געטאָ.

חיים כאַלעף

דער דייטשער אַרבעטס־אַמט פאָדערט פרישע יידישע שקלאַפן

דער זומער האָט זיך געשטעלט און ביי די פאַרשידענע דייטשע בוי־פירמעס פעלן כמעט אַ העלפט פון זייערע פריערדיקע שקלאַפן־אַרבעטער. אַ היפּשע צאָל פון זיי זענען אומגעקומען אין דער פינפטער־פעברואַר־שחיטה, פון די געבליבענע ווילן אַ סך מער נישט אַרבעטן אויסערן געטאָ. די פירמעס אַלאַרמירן דעם דייטשן אַרבעטס־אַמט, אַז אין געטאָ זענען נאָך דאָ פיל יידן, וועלכע ווילן נישט אַרבעטן, און אַז מען מוז זיי ברענגען מיט געוואַלט.

דער דייטשער אַרבעטס־אַמט פאָדערט אויף דעם יידישן אַרבעטס־אַמט, אַז ער זאָל אומבאַדינגט צושטעלן די נויטיקע צאָל אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטס־אַמט קען בעסער דעם חשבון און ווייסט, אַז כמעט אַלע יידן זענען שוין באַשעפטיקט אין די געטאָ־אונטערנעמונ־

גען און די קליינע צאָל נישט־ארבעטנדיקע ווילן בשום אופן נישט גיין ארבעטן אויסערן געטאָ. ער געפינט זיך צוליב דעם אין זייער אַ שווערער לאַגע. נישט האָבנדיק קיין אויסוועג, האָט ער גענומען געבן גרויסע פּריווילעגיעס די, וועלכע וועלן גיין ארבעטן אויסערן געטאָ. אויף אַזאַ אופן איז אים געלונגען צונויפקלייבן ביי 500 פּרישע ארבעטער, מיט וועלכע ס'איז געלונגען טיילווייז באַפרידיקן די נאַציסטישע ארבעטער־פרעסער.

דאָס לעבן אין געטאָ אין זומער 1943

נאָך די אַלע שחיטות און איבערלעבונגען, הויבט אָן דאָס לעבן אין געטאָ, אין זומער 1943, צו ווערן אביסל נאָרמאַלער (אויף וויפיל מ'קען אַזאַ לעבן בכלל רופן נאָרמאַל). דער אַפּראָוויזאַציע־אַמט האָט געעפנט פרישע עטלעכע קראָמען, וועלכע זענען געפירט געוואָרן אויפן זעלביקן סיסטעם ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד. אין די קראָמען פלעגט מען באַקומען דאָס קאַרטן־ברויט און די פאַרשידענע אַנדערע צוגעטיילטע שפּייזן, ווי אויך די גרינוואַרג־פּראָדוקטן פון די געטאָ־גערטנער. עס האָבן זיך אויך געעפנט עטלעכע צענדליק פרישע פּריוואַטע קרעמלעך, אויפגעשלאָגענע פון אַ פּאָר ברעטער, אין וועלכע עס פלעגט זיך גע־פינען פּאָר דריי גראָשן סחורה, פון וואָס זייערע באַלעבאַטים האָבן געוואָלט אַרויסקוועטשן אויפן אָרעמען טאָג חיונה. ס'זענען אויך גע־עפנט געוואָרן עטלעכע נישט־אָפיציעלע רעסטאָראַנען, וואו מ'פלעגט קריגן פון דאָס בעסטע, נאָר צו אויסערגעוויינלעך הויכע פּרייזן, און נאָר יחידים האָבן זיך געקענט דערלויבן זיי צו באַזוכן.

נישט געקוקט אויף דער האָפנונגסלאָזער קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע, אין וועלכער די ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך צו יענער צייט געפונען, זענען ל"ג־בעומר 1943 פאָרגעקומען העכער דריי צענדליק חתונות.

די ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך געקליגט צונישט צו מאַכן די נאַציסטישע פאַרניכטונגס־ און אויסהונגערונגס־פּלענער און טיילווייז איז עס זיי אויך געלונגען.

געשטאָרבן רעדאַקטאָר פּסח קאַפּלאַן

עטלעכע וואָכן פּאָר שבועות פון יאָר 1943 איז בליץ־שנעל פאַר־שפּרייט געוואָרן די טרויעריקע ידיעה, אַז עס איז נפטר געוואָרן פּסח קאַפּלאַן, דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן", דער באַגאַבטער שריפטשטעלער און טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט, איבערזעצער פון עט־



פסח קאַפּלאַן

לעבע שפראַכן, קונסט־קריטיקער און טעאַטער־רעזשיסער, לאַנגיאָריקער העברעאישער לערער און דערציער, איינער פון די גרינדער פון דער „יידישער קונסט" אין ביאַליסטאָק און איר כאָר־דיריגענט, קאָמפאָזיטאָר און מוזיק־קענער, גרינדער פון דער שטודיר־ביבליאָטעק ביי דער קהילה, לאַנגיאָריקער קהילה־ראַטמאַן, אַקטיווער מיטבויער פון דער יידישער שפראַך, און איינער פון די גרינדער און פירער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי.

באַלד נאָך דער שוידערלעכער פינפטער־פעברואַר־שחיטה, האָט זיך פסח קאַפּלאַן שוין נישט געקענט אויפהויבן פון בעט, ער האָט זיך געפילט זייער שוואַך. אין עטלעכע וואָכן אַרום איז אים געוואָרן אַביסל בעסער און ער האָט זיך ווידער באַוויזן אין גאַס. באַקומענדיק אַ שטאַרקע לונגען־אַנטצינדונג, האָט ער זיך געמוזט צוריק לייגן אין בעט, פון וועלכן ער האָט זיך שוין נישט אויפגעהויבן. זיין פרוי, ווי אויך די טעכטער און איידעמס האָבן געטאָן אַלץ, וואָס עס איז אין יענע אומשטענדן געווען מעגלעך, ס'האָט אָבער קיין זאַך נישט געהאָלפן און פסח קאַפּלאַן האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

די לוויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן חשבון פון יידן־ראַט. אין אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם חשובן נפטר האָט זיך באַטייליקט דער גאַנצער יידן־ראַט מיט אינזש. באַראַש בראש און אַזאַ גרויסער עולם, וואָס די געטאָ האָט נאָך ביז דער לוויה נישט געזען.

צווישן די באַגלייטערס איז געווען: רעדאַקטאָר משה וויסאָצקי, רעדאַקטאָר אשר טרזשאַנאָוויטש און פסח קאַפּלאַנס אַלטער פריינט, דער געוועזענער אַרויסגעבער פון „דאָס נייע לעבן" אהרן אַלבעק.

ס'האָבן דעם חשובן נפטר געזאָלט מספּיד זיין אינזש. באַראַש, משה וויסאָצקי און אהרן אַלבעק. אין יענע שעהן האָט זיך אָבער פּונקט אַרומגעדרייט אַ פאַרשטאַרקטע געשטאַפּאָ־וואַך פאַרן בית־עולם־פּאַרקאַן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויסערן געטאָ. אַזוי ווי די נאַצי־רוצחים וואָלטן געוויס נישט געזשאַלעוועט קיין קוילן, ווען זיי באַמערקן עמיצן האַלטן דרשות פאַר אַזאַ ריזיקן עולם, זענען די הספדים נישט געהאַלטן געוואָרן.

זייער פיל יידן האָבן מקנא געווען דעם נפטר, וואָס ער איז געשטאָרבן ביי זיך אין שטוב, אויף זיין אייגענעם בעט און געהאַט די זכיה געבראַכט צו ווערן צו קבר־ישראל.

עטלעכע וואָכן שפּעטער איז פּלוצים געשטאָרבן יוסף וואַקסמאַן

יוסף וואַקסמאַן

(אײדעם פון פסח קאַפּלאַן), װעלכער איז געװען אין געטאָ דירעקטאָר פון דער גרעסטער שנײַדער־פאַבריק. פאַר דער מלחמה האָט ער העכער צען יאָר פאַרנו־מען דעם פּאָסטן אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון „דאָס נײַע לעבן", געגויע פינף יאָר געװען דירעקטאָר פון „באַטאַ"־שיך־גע־שעפט אין ביאַליסטאָק און בעתן סאָ־װיעטן־רעזשים — דירעקטאָר פון אַ גרויס שיך־געשעפט.

אויך אין זײַן לװיה האָט אָנטייל־גענומען זייער אַ גרויסער עולם.

װידער שליחים פון דער װאַרשעװער קאַמף־אָרגאַניזאַציע

אין געטאָ האָבן זיך זייער אָפט געוויזן באַזונדערע ספּעציעלע שלי־חים־אָרגאַניזאַטאָרן פון די װאַרשעװער אויפשטענדלער; צװישן זיי האָט זיך אויך געפונען חײקע גראָסמאַן, װעלכע האָט גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל ביים העלפן אָרגאַניזירן דעם װידערשטאַנד. די װאַרשעװער קעמפער, צוזאַמען מיט די ביאַליסטאָקער, זענען צוגע־טראָטן מיט ענערגיע צו דער אָרגאַניזיר־אַרבעט. אין יעדער געטאָ־פאַבריק איז אויפגעשטעלט געװאָרן אַ „באַיואַװקע" מיט אַ קאָמענ־דאַנט, װעמענס אויפגאַבע ס'איז געװען, אין פאַל פון אַ פרישער שחיטה, פאַרטיידיקן זיך אין די פאַבריקן און װען די לאַגע װעט װערן אויסזיכטלאָז, אַלץ אונטערצינדן און פירן װײַטער דעם קאַמף אויף דער גאַס.

ס'זענען אויך אָרגאַניזירט געװאָרן הויז־בלאָקן, װאו ס'זענען צוגעגרייט געװאָרן עלעקטרישע גלעזלעך אָנגעפילטע מיט זױער־שטאָף, אויך אַנדערע מינים קאַלט און הייס געװער אויף צו געבן די נאַצי־גזלנים דעם ריכטיקן „קבלת־פנים".

דער דײַטשער אַרבעטס־אַמט פאָדערט מער שקלאַפן און דראָט מיט סאַנקציעס

סוף מאַי, 1943, האָט דער דײַטשער אַרבעטס־אַמט װידער פאַר־שטאַרקט זײַנע פאָדערונגען אויף גרעסערע צאָלן אַרבעטער. דאָס מאָל

האָט ער געדראָט, אַז אין פאַל די פאָדערונגען וועלן נישט באַפרידיקט ווערן, וועלן לגבי דער געטאָ אָנגעווענדט ווערן שווערע סאַנקציעס.

דער יידישער אַרבעטס־אַמט האָט זיך געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. קיין נישט־אַרבעטנדיקע זענען שוין בכלל נישט געווען, טאָ פון וואַנען זאָל ער שעפּן די נויטיקע צאָל אַרבעטער? נאָך אַ באַראַטונג פון די פירער פון יידישן אַרבעטס־אַמט מיט די פירער פון יידן־ראַט, איז באַשלאָסן געוואָרן אומקערן זיך צום אַלטן אויסגעפּרוווטן מיטל: מ׳זאָל נעמען 10 פּראָצענט פון די אַרבעטנדיקע פון די געטאָ־פאַבריקן, וועלכע זאָלן געביטן ווערן יעדע 15 טעג, און אויף אַזאַ אופן וועט געלינגען צוזאַמענצושטעלן די נויטיקע צאָל אַרבעטער.

דער באַשלוס איז געווען אַ יושרדיקער, און דאָך זענען די, וואָס האָבן געדאַרפט גיין אַרבעטן אויסערן געטאָ, געווען זייער נישט צופרידן און פלעגן זוכן מיט אַלע מיטלען זיך אַרויסצודרייען.

נאָכדעם, ווי ס׳איז נאָך פיל מי און אָנשטרענגונגען געלונגען צונויפצוזאַמלען די נויטיקע צאָל אַרבעטער, איז געקומען אַ פרישע פאָדערונג וועגן צושטעלן עטלעכע צענדליק גוטע שוסטערס און שניידערס פאַר קעניגסבערג. אויך די פאָדערונג איז באַפרידיקט געוואָרן.

דעם 15־טן יוני, 1943, איז געקומען אַ פאָדערונג וועגן צושטעלן אין דער געשטאַפּאָ 6 אַרבעטער־גראַפיקער, כלומרשט פאַר בערלין. אין דער ווירקלעכקייט זענען זיי געשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער זאַקסענהויזען, 30 קילאָמעטער פון בערלין, וואו זיי האָבן געאַרבעט אין אַ געהיימער דרוקעריי פון דער דייטשער שפּיאָנאַזש־צענטראַלע. דאָרטן זענען נאָכגעמאַכט געוואָרן אַלע דאָקומענטן פון דער וועלט, דער עיקר אָבער זענען אין דער דאָזיקער דרוקעריי פאַבריצירט געוואָרן ענגלישע פונטן. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אַלע פאָדערונגען פונם דייטשן אַרבעטס־אַמט זענען באַפרידיקט געוואָרן, פלעגן יעדע עטלעכע טעג אַריינפאָרן אין געטאָ אויטאָס מיט געשטאַפּאָ־באַנדיטן, אַ כאַפּ טאָן אַביסל יידן, אַרויפּאַקן זיי אויף זייערע מאַשינעס און אָוועקפירן קיין נאָוואָשאַלקי גראָבן ריזיקע גריבער פאַר די תפיסה־אַרעסטירטע, וועלכע פלעגן יעדע עטלעכע טעג אַרויסגעפירט ווערן צום דערשיסן.

שפּעט ביינאַכט פלעגן די אויסגעמאַטערטע, צעבראָכענע און נידערגעשלאָגענע עטלעכע צענדליק יידן געבראַכט ווערן צוריק אין געטאָ.

א שווערע פּלאָג איז אויך געווען דער פאַרשאָלטענער אַרבעט־פּלאַץ מאַרקאָווטשיזנע, אויף וועלכן ס׳האָבן געאַרבעט כלומרשטע פאַרזינדיקטע. ווען אַזעלכע פּלעגן אויספעלן, האָט די אָרדנונג־דינסט נישט זעלטן געמוזט כאַפּן דורכגייענדיקע יידן. נאָכן אָפּאַרבעטן ביי שווערער אַרבעט עטלעכע וואָכן אין מאַרקאָווטשיזנע, וואו דאָס עסן איז געווען זייער קנאַפּ און שלאָגן פּלעגן די נאַצי־רוצחים אָן אויפהער, פּלעגן ס׳רוב פון די אַרבעטער געבראַכט ווערן צוריק קיין ביאַליסטאָק קראַנקע.

אויפגעריסן זיך דאָס געהיימע געווער־פאַבריקל

אין יולי, 1943, איז די געטאָ אויפגעציטערט געוואָרן פון א שטאַרקן אויפרייס. א פּאָר מינוט שפּעטער איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז דער אויפרייס איז געשען אויף טשיסטע גאַס נומ. 3. איינער דעם אַנדערן גיט איבער מיט שרעק אין די אויגן, אַז אין געטאָ האָט מען אויסגעאַרבעט אויפרייס־מאַטעריאַל און צוליב עפּעס אַן אומפאָרזיכטיקייט איז געשען דער אויפרייס, ביי וועלכן ס׳זענען אומגעקומען 3 אַקטיווע חברים פון דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. זייערע נעמען זענען: סיאָמקע קוכאַרעווסקי (זון פון באַוואוסטן בוכהאַלטער פון באַיאַרע, שלום קוכאַרעווסקי), ליפּשיץ, 18 יאָר אַלט, און דער 16־יאָריקער לעווין, וועלכער האָט געהאַט אַן אַרישן אויסזען און פון זיכערקייט־וועגן האָט ער געטראָגן א צלמל, ווייל דריי מאָל טעגלעך פלעגט אים אויסקומען צו גיין אויסערן געטאָ אין וויכטיקע שליחותן צו די פּאַרטיזאַנער.

די דריי יונגע קדושים זענען אומגעקומען פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק. זאָל זייער אָנדענק זיין געהייליקט.

גלייך נאָכן אויפרייס איז אָראָפּגעקומען א געשטאַפּאָ־קאָמיסיע, וועלכע האָט געגנוי נאָכגעפאָרשט, וואָס מען האָט דאָ פאַבריצירט, באַטראַכט לאַנג די אויף שטיקער צעריסענע קדושים און נאָכן אונטערזוכן געגנוי יעדע קלייניקייט באַלד פאַרלאָזן די געטאָ.

די שטימונג אין געטאָ איז געווען זייער א געשפּאַנטע, מ׳האָט זיך גערעכנט, אַז דער אומגליקלעכער צופאַל וועט ברענגען אויף די ביאַליסטאָקער יידן שווערע גזירות. ס׳גייט אָבער אוועק א טאָג, צוויי און דריי — ס׳איז אַלץ ווי געווען, פּונקט ווי ס׳וואָלט קיין זאַך נישט געשען.

פון די יידן־ראַט־קרייזן איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די יידן־ראַט־פאַרשטייער איז געלונגען צו פאַרדרייבן דעם גאַנצן ענין. ווי ס׳איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, האָט דער אויפריים פון דעם געווער־פאַבריקל צוגעאײַלט די פאַרניכטונג פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ אויף היפּשע עטלעכע חדשים.

דער פּלוצימדיקער אויפריים פונם געווער־פאַבריקל איז פאַר דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע געווען אַן אומדערוואַרטעטער קלאַפּ. ערשטנס, די מורא, אַז עס זאָל נישט געלינגען דער געשטאַפּאָ אויף אַ וועלכן נישט איז אופן צו כאַפּן די פעדים, וואָס פירן צו די בויערס פונם פאַבריקל און צו דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע; און צווייטנס, די זאָרג, וואָס עס איז צעשטערט געוואָרן אַזאַ וויכטיקער מקור פון וואַנען מ׳האָט געהאָפט צו באַקומען וואָס ווייטער אַלץ גרעסערע קוואַנטומס אויפריים־מאַטעריאַלן.

אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטע באַזוכן פון נאַצי־קאָמיסיעס

נאָכן פאַטאַלן אויפריים פלעגט כמעט נישט אַריבער קיין איין טאָג אָן געטאָ־באַזוכן פון פאַרשידענע געשטאַפּאָ־ און ווערמאַכט־קאָמיסיעס, פון וועלכע ס׳איז געווען אָפּהענגיק דער גורל פון די ביאַליסטאָקער יידן. די לעצטע אַרויסגעזאָגטע מיינונג פון די קאָמיסיע־מיטגלידער פאַר זייער באַגלייטער, אינזש. באַראַש, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואיקונג און די שטימונג ביי די ביאַליסטאָקער יידן איז געוואָרן זייער אַ געדריקטע.

אין שייכות מיט דער אָנגעשטרענגטער לאַגע האָט מען ווידער אָנגעהויבן זוכן וועגן פון רעטונג. איינצלנע יידן זענען אַוועק אין די וועלדער און אייניקע איז געלונגען צו פאַרלאָזן די געטאָ אויף אַרישע פּאַפּירן. ס׳רוב יידן האָבן אָבער ווידער זיך גענומען בויען פרישע באַהעלטענישן און אויסבעסערן די אַלטע. צוליב די מסירות אין דער פינפטער־פעברואַר־שחיטה איז דאָס בויען די באַהעלטענישן שטאַרק קאָמפּליצירט געוואָרן, ווייל מ׳האָט זיך געהיט אפילו פאַר די אייגענע הויז־שכנים. אין דער אמתן האָט אָבער כמעט יעדערער געוואוסט, וואָס ביי זיינע נאָענטע שכנים טוט זיך.

די לעצטע לובלינער קאָמיסיע האָט געחתמעט דעם גורל פון די ביאַליסטאָקער יידן

אין מיטן יולי, 1943, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ קלאַנג, אַז ס'דאַרף קומען זייער אַ וויכטיקע קאָמיסיע, וועלכע איז דערוואַרט געוואָרן מיט דער גרעסטער אומרואיקייט. אין דעם טאָג האָט כמעט קיינער זיך נישט געוויזן אויף דער גאַס. ס'זענען אויך אַרומגעגאַנגען שטאַרקע קלאַנגען, אַז די איצטיקע קאָמיסיע זאָל שוין זיין די לעצטע, וועמענס וואָרט עס וועט דעצידירן לחיים אָדער למוות. גלייכצייטיק איז באַוואוסט געוואָרן, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן די צוויי נאָך צו יענער צייט עקזיסטירנדיקע גרעסערע געטאָס: לאָדזש מיט אירע אַריבער 80 טויזנט יידן, און ביאַליסטאָק מיט אירע 40 טויזנט, — אַז איינע פון די ביידע גייען די נאַצי־גזלנים ליקווידירן, איז כמעט פאַר אַלעמען קלאָר געווען.

נאָכן באַזוך פון דער קאָמיסיע, האָט אינזש. באַראַש איבערגעגעבן פאַרטרויליך פאַר זיינע נאָענטע מיטאַרבעטער, אַז פונם לעצטן באַזוך איז ער נישט אָפּטימיסטיש געשטימט. פון דעם איז שוין קלאָר געוואָרן, אַז לאָדזש בלייבט און ביאַליסטאָק שטייט אויף דער ריי ליקווידירט צו ווערן. די יידן־ראַט־אָפּטימיסטן האָבן נאָך געהאָפט, אַז עס וועט אפשר געלינגען אָפּצושטופּן דעם אומגליק.

די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע מאַכט אירע לעצטע צוגרייטונגען

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דערנענטערונג פון דער קאַטאַסטראָפע, האָט די ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע געמאַכט די לעצטע צוגרייטונגען און נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די פריערדיקע פאַראָרדנונגען, אַז די פאַבריק־„באַיוואָוקעס" מוזן צוזאַמען מיט די אָרטיקע אַרבעטער פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף פאַר נישט צולאָזן די נאַצי־גזלנים צו די פאַבריקן און ווען דער קאַמף וועט שוין ווערן האָפנונגסלאָז, אונטערצינדן זיי און פירן ווייטער דעם קאַמף אויף דער גאַס.

דאָס זענען געווען די פּלענער, וועלכע די מסירת־נפשדיקע העראָאישע יידישע יוגנט האָט ביי די געגעבענע באַדינגונגען אָנגענומען אין דערוואַרטונג פונם שרעקלעכן טאָג, וואָס איז שוין געווען זייער נאָענט.

אכטער קאפיטל

ליקווידאציע פון דער געטאָ

די לעצטע צוויי טעג פון ביאַליסטאָקער געטאָ

דאָס לעבן אין געטאָ ווערט וואָס א טאָג אַלץ מער געשפּאַנטער און נערוועזער.

שבת, דעם 14־טן אויגוסט, 1943, איז אַראָפּגעקומען א גע־שטאַפּאָ־קאָמיסיע באַטראַכטן דעם פּאַרקאַן און די טויערן פון געטאָ.

די אַרבעטער, וועלכע זענען פאַרנאַכט געקומען פון אויסערן געטאָ, גיבן איבער, אַז אויף דער באַן־סטאַציע זענען אָנגעקומען זייער פיל ליידיקע וואַגאָנעס און אין שטאָט דרייען זיך אַרום איינצלנע ניי־אָנגעקומענע אוקראַאינישע געשטאַפּאָ־גזלנים. כדי מ׳זאָל זיך וועגן זייער אָנקום נישט דערוויסן, זענען זיי פאַרשטעקט אין מערערע הויפן פון שטאָט.

ס׳זענען אויך געווען איינצלנע פאַלן, ווען דייטשן האָבן אָפּגע־נומען זייערע זייגערלעך אין געטאָ, איידער מ׳האָט זיי פאַרריכט, מאָטיווירנדיק דערביי, אַז זיי דאַרפן גלייך אָפּפאָרן. די ביאַליסטאָקער יידן האָבן שוין אָבער גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס דאָס באַטייט, ווייל אויך פאַר דער פינפטער־פעברואַר־שחיטה האָבן די דייטשן פונקט אַזוי געהאַנדלט.

פירנדיקע פערזענלעכקייטן פון יידן־ראַט האָבן געפּרוווט איבער־ציַיגן די צעשראָקענע און דענערווירטע ביאַליסטאָקער יידן, אַז אין די נאָענטסטע חדשים וועט נישט געשען קיין שום אומגליק, אַז די ווערמאַכט האָט גראָד אין די לעצטע וואָכן געמאַכט זייער א סך באַ־שטעלונגען, וואָס אויף אויסצופאַרטיקן זיי דאַרף מען האָבן שיינע עטלעכע חדשים.

די אָפיצירן פון דער ווערמאַכט, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט די באַשטעלונגען, האָבן פאַרזיכערט די דירעקטאָרן פון די פאַבריקן, מיט וועלכע זיי זענען כלומרשט געווען אין פריינטלעכע

באַציאונגען, אַז די ביאַליסטאָקער יידן שטייט אין איצטיקן מאָמענט נישט פאָר קיין שום סכנה און די אַלע באַאומרואיקנדיקע קלאַנגען האָבן נישט קיין שום גרונט.

מיט די דאָזיקע שלעכטע און אַביסל באַרואיקנדיקע ידיעות האָט זיך פאַרענדיקט דער שטאַרק־נערוועזער שבת פון 14־טן אויפן 15־טן אויגוסט 1943. מיט שרעק האָט מען אָפּגעוואַרט דעם קומענדיקן טאָג.

זונטיק, דעם 15־טן אויגוסט, איז אין געטאָ געווען רואיק און ס׳האָט זיך צוביסלעך גענומען אַריינגנבענען אַ פונק פון גלויבן, אַז אפשר וועלן דאָס מאָל די ווערמאַכט־אָפיצירן זיין גערעכט. מען באַמיט זיך איינרעדן איינער דעם צווייטן, אַז די מורא איז אין איצטיקן מאָמענט אַביסל איבערטריבן.

די מענטשן־מאַסן, וועלכע זענען געווען אין די געטאָ־געסלעך ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. מען איז געגאַנגען שלאָפן מיט דער האָפנונג, אַז דאָס גרויזאַמע וועט נאָך איצט נישט געשען.

אָנגעהויבן זיך די פולשטענדיקע פאַרניכטונג פון די נאָך געבליבענע 40 טויזנט ביאַליסטאָקער יידן

די יידן, וועלכע האָבן געוואוינט ביים געטאָ־פּאַרקאַן, האָבן זונטיק, 2 פאַרטאָג, פון 15־טן אויפן 16־טן אויגוסט, פּלוצים דערהערט פאַרדעכטיקע גערוישן. וואָס אַ מינוט שפּעטער האָט מען אַלץ דייטלעכער געהערט די שווערע טריט פון די נאַצישע באַטשוועקלטע שטיוול. פאַר די יידן איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס האָבן זיך גרעסערע גרופּעס נאַצי־רוצחים דערנענטערט צום געטאָ־פּאַרקאַן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַ געוואַלטיקע מהומה. מ׳האָט גענומען אויפוועקן די שלאָפנדיקע יידישע באַפעלקערונג און אָנגעזאָגט די שרעקלעכע בשורה.

די ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע האָבן נאָך אין יענע טעג געציילט קנאַפּע 40 טויזנט נפשות, האָבן זיך אין געציילטע מינוטן געפונען אויפן גאַס און זענען אַרומגעלאָפן הין און צוריק אין דער פינצטערניש, ווי צעמישטע. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן: שוין געענדיקט? נישטאָ קיין האָפנונג? צי ווערט איצט ליקווידירט די גאַנצע געטאָ אָדער נאָר אַ טייל? קיינער האָט אויף דעם קיין תשובה נישט געקענט געבן.

אונטערן אָנפיר פון לובלינער לאַגער־קאָמענדאַנט, אָבערשטורעם־פירער טומאַן, און ביי דער מיטהילף פון ביאַליסטאָקער געשטאַפּאָ־באַנדיט, פרידל, זענען 3 אַזיינער באַגינען אַריינגעפּאָרן אין געטאָ עטלעכע הונדערט פּול־באַוואָפנטע נאַצי־רוצחים, וועלכע האָבן תיכף באַזעצט אַלע געטאָ־פאַבריקן און דעם יידן־ראַט־בנין.

פינף פאַרטאָג איז באַקאַנט געוואָרן אין גאַנצן געטאָ, אַז די נאַצי־רוצחים האָבן געמאָלדן באַראַשן, אַז די יידן פון ביאַליסטאָק, צוזאַמען מיט די מאַשינעס פון די פאַבריקן, ווערן אַרויסגעפירט קיין לובלין, וואו זיי וועלן ווייטער אַרבעטן. אין באַפעל איז אויך געווען, אַז היינט, מאָנטיק, ביז 9 פרי, מוזן די יידן, וועלכע וואוינען אויף פּאָלנע, ניי־וועלט, טשענסטאָכאָווער, ביאַלאָסטאָטשאַנער, אָקראָנגלע געסל, שליאַבעצקע, לינת־הצדק־גאַס, טשיסטע, זשיטניע, זאַמענהאָף־גאַס, קופּיעצקע, געלדאָווע און די ביילינגנדיקע געסלעך זיך צונויפזאַמלען אויף יוראָווצער, פאַבריק־גאַס, טשעפּלע, נאָוואָגרודזקע, כמיעלנע און אין יידן־ראַט־גאָרטן, פון וואַנען זיי וועלן אָפּגעשיקט ווערן צום באַן. די, וואָס וועלן דעם באַפעל נישט אויספירן און מ׳וועט זיי געפינען אינם ראַיאָן, וואו מ׳וועט שוין נישט טאָרן זיין, וועלן אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

נאָך דער דאָזיקער ידיעה איז שוין פאַר אַלעמען געווען קלאָר, אַז ס׳גייט וועגן דער ליקווידירונג פון דער גאַנצער געטאָ.

די יידן פון יענער טייל שטאָט, מענער, פרויען און קינדער מיט זייער נעבעכדיקן באַגאַזש אויף די פּלייצעס, האָבן שוואַרץ גע־מאַכט די געציילטע גאַסן, וואו זיי האָבן זיך געדאַרפט געפינען. 7 אין דער פרי האָט מען שוין די גאַסן נישט געקענט דורכגיין.

די זעלבסטשוץ איז נאָך נישט געווען פולקאָם גרייט צום ווידערשטאַנד

דער ראַשיקער איבערפאַל פון די נאַצי־רוצחים האָט געטראָפן דער זעלבסטשוץ נאָך נישט ווי געהעריק צוגעגרייט. חוץ דעם, דורכן באַזעצן די געטאָ־פאַבריקן איז געקרייצט געוואָרן דער פּלאַן פון פירן דעם קאַמף אין די פאַבריקן און נאָכדעם זיי אונטערצינדן. די אָנפירנדיקע זעלבסטשוץ־חברים האָבן נאָך אַ באַראַטונג באַשלאָסן נישט וואַרטן ביז 9 פרי, ווען די נאַצי־רוצחים וועלן אָנהויבן די שחיטה, נאָר שוין אויפקלערן דער יידישער באַפעלקערונג, אַז מען

פירט זיי נישט קיין לובלין אויף אַרבעט, נאָר קיין טרעבלינקע צום פאַרגאַזן.

אין מערערע ערטער זענען די זעלבסטשוץ־חברים אַרויסגע־טראָטן מיט אויפקלערונג־רעדעס. אויף כמיעלנע 3 האָט אַ זעלבסט־שוץ־חבר, פאַר אַ גרויסן פאַרזאַמלטן עולם, געזאָגט צווישן אַנדערן: זייט ווייסן, אַז מ'פירט אייך קיין טרעבלינקע צו פאַרגאַזונג און מיר ווילן, צו אונדזער גרויסן אומגליק, טיילן דעם ביטערן גורל פון דעם גאַנצן יידישן פאָלק אין אייראָפּע. דער איינציקער אויסוועג פון דער האָפנונגסלאָזער לאַגע איז אונטערצינדן אונדזערע הייזער מיטן האָב און גוטס, כדי אונדזער טויט־שונא זאָל פון דעם קיין נוצן נישט האָבן. נעמט געווער אין די הענט, וואָס איז דאָ געגוג, און לאָמיר פּרובירן אַלע צוזאַמען דורכרייסן זיך צו די וועלדער, וואו עס געפינען זיך אונדזערע ברידער־פּאַרטיזאַנער.

ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, האָט די יוגנט, אָנגעצונדן דורך זיינע רייד, זיך געכאַפּט צום געווער.

די זעלבסטשוץ האָט אויך באַשלאָסן, אַז כדי דער געטאָ־פּאַרקאַן זאָל אָפּברענען, דאַרף מען אונטערצינדן אַלע הייזער, וואָס שטייען האַרט נעבן אים. אויף אַזאַ אופן וועט אפשר געלינגען אַ קליינעם טייל יידן אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ.

די געטאָ שטייט אין פלאַמען

אכט פרי זענען שוין געשטאַנען אין פלאַמען די גאַסן: טשעפּלע, פאַבריק־גאַס, נאָוואָגרודזקע, כמיעלנע, גורנע און די גרויסע סטויגן היי אין די יידן־ראַט־גערטנער.

אויף די אויבנדערמאָנטע גאַסן האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן די יידן פון דער צווייטער טייל געטאָ. צוליב דער ריזיקער שריפה גע־פינען זיי אָבער קיין אָרט נישט וואו אהינצוטאָן זיך. זיי לויפן אין די יידן־ראַט־גערטנער, וואו ס'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן ביי צוואַנציק טויזנט יידן. דאָ האָט זיי אָבער געטראָפן אַן אַנדער אומגליק.

ווי נאָר די נאַצי־רוצחים האָבן דערזען, אַז עס זענען פּלוצים אויסגעבראָכן שריפות אין אַלע זייטן געטאָ, האָבן זיי אָנשטאָט 9 אזייגער, די צייט ווען זיי האָבן געזאָלט אָנהויבן די שחיטה, אָנגע־הויבן זי תיכף. מיט מאַשין־געווער האָבן זיי געשאָסן פון די באַל־קאָנען און פענצטערס פון יענער זייט געטאָ.

פון דער שיסעריי איז באַלד אַנטשטאַנען אַ שרעקלעכע מהומה. איינער איז געלאָפן אויפן צווייטן. מאָמענטאַל זענען שוין געלעגן הונדערטער דערשאָסענע און דערשטיקטע. די גערדיכטע מענטשן־מאַסן האָבן נישט געהאַט ממש וואו אַהינצוטאָן זיך, ווייל פון ביידע זייטן גערטנער האָבן געברענט די הייזער, און אין די גערטנער גופא די סטויגן היי, — האָבן זיי זיך געוואָרפן אויף דער ערד. זייערע קולות און יללות האָט מען געקענט הערן אויף קילאָמעטערס ווייט, און די שרעקלעכע סצענעס, וואָס האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשפּילט, איז קיין שום מענטשלעכע פעדער נישט בכוח צו באַשרייבן.

אויך אויפן הויף פון געוועזענעם „טאָז"־בנין, וואו ס'איז געווען דער יידישער שפּיטאָל, האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן קנאַפּע טויזנט יידן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז פּונקט ווי אין דער פינפטער־פעברואַר־שחיטה, וועט אויך דאָס מאָל דער יידישער שפּיטאָל געשוינט ווערן. די נאַצי־בעסטיעס האָבן אָבער אויף דער פאַרזאַמלטער מאַסע געעפנט אַ פייער פון אַלע זייטן און ס'רוב פון עולם איז דאָרט אומגעקומען.

צווישן די, וועלכע זענען אויפן דערמאָנטן הויף דערמאָרדעט געוואָרן, האָט זיך געפונען די באַוואוסטע קינדער־דאָקטאָרין, פרוי סעגאַל.

אָנגעהויבן זיך דער העלדישער ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטשוץ

אין דער זעלביקער צייט, ווען ס'איז געעפנט געוואָרן דער גע־דיכטער מאַשין־געווער־פייער פון יענער זייט געטאָ, האָבן פרישע, פול־באַוואָפנטע אוקראַאינישע און ווייסרוסישע נאַצים אָנגעהויבן אַריינמאַרשירן אין געטאָ דורכן טויער אויף יוראָווצער גאַס. אין דעם מאָמענט, ווען די טאַנקען האָבן זיך גענומען אַריינשאַרן, האָבן פון אַלע זייטן אָנגעהויבן אויף זיי פליען האַנט־גראַנאַטן, געשליידערט פון דער העראָאישער יידישער יוגנט. פון שטאַרקן ענטפער־פייער איז באַלד געפאַלן טויט דער אָנפירער פון דער זעלבסטשוץ־גרופּע, טאַדעק (פּסעוודאָנים). פאַר זיין אומקום איז אים אָבער געלונגען מיט זיינע טרעפלעכע שאָסן אַוועקצושיקן אויף יענער וועלט אַ פּאָר נאַצי־בעסטיעס.

די העלדישע 16־יאָריקע חוה באַלעף (שוועסטער פון חיים באַלעף, באַוואוסטער ביאַליסטאָקער שניצער־קינסטלער, וואָס האָט

העלדיש געקעמפט אלס פּארטיזאַן, געפינט זיך היינט צווישן די גע־ראטעוועטע) איז, ביים ווארפן דעם ערשטן האנט־גראנאט, אין זעל־ביקן אויגנבליק געפאלן מיט א העלדן־טויט פון א האגל נאצי־קוילן.

די שחיטה ווערט געפירט פונקט ווי אויף אַ מלחמה־פעלד

די בלוטיקע שחיטה איבער די ביאַליסטאָקער יידן איז געפירט געוואָרן פונקט ווי אויף אַן אמתן שלאַכט־פעלד. אין יידן־ראט־בנין האט זיך געפונען דער אָנפירנדיקער נאצי־שטאב, אויף די גאסן זענען ארומגעפליגן קוריערן אויף מאָטאָציקלען מיט מאשין־ביקסן און האנט־גראנאטן אין די הענט. ס'זענען אויך פארצויגן געוואָרן ספע־ציעלע טעלעפאָן־דראָטן מיט אפּאראטן,ביי וועלכע ס'האָבן אָן איבער־דיים דיזשורירט נאצי־רוצחים, וועלכע זענען געשטאנען אין א כסדר־דיקן קאָנטאַקט מיט דער גזלנים־צענטראלע פון יידן־ראט־בנין.

דריי טויזנט נאַצי־גזלנים האָבן אָנטיילגענומען אין דער שחיטה

אויפן יידן־ראט־הויף איז געשטאנען א נאצי־ארמיי פון 700 מאן, וועלכע האט געמאכט אירע לעצטע צוגרייטונגען צו די מענטשן־פרעסערישע פארברעכנס. חוץ זיי, האָבן העכער טויזנט ווייסרוסישע און אוקראאינישע נאצי־בעסטיעס ארומגערינגלט דעם געטאָ־פּארקאן. עטלעכע הונדערט מאן האָבן באזעצט די געטאָ־פאבריקן און געניטע טויזנט גזלנים זענען געשטאנען גרייט אָפּצופירן די קרבנות צו זייערע אומקום־פּלעצער, אזוי אז אין דער ענדגילטיקער ליקווידירונג פון די ביאַליסטאָקער יידן האָבן אָנטיילגענומען פולע 3000 ביז די ציין באוואָפנטע גזלנים.

די 700 באַנדיטן פון יידן־ראַט־הויף וואַרפן זיך אַרויף אויפן געטאָ

דער מערדערישער פייער פון אויסערן געטאָ איז פּלוצים אָפּ־געשטעלט געוואָרן און אין דעם זעלבן אויגנבליק האָבן אָנגעהויבן ארויסצושאַרן זיך די 700 נאצי־רוצחים, וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן יידן־ראט־הויף, עפענענדיק א געדיכטן פייער אויף די גאסן און אויף די הייזער. נישט געקוקט אָבער אויפן קוילן־האַגל, האָבן זיך דאָך פון א סך פענצטערס און בוידעמער געשאָטן ביקסן־קוילן אויף די ביי די ווענט זיך שאַרנדיקע נאצי־בעסטיעס. ס'האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, ווי זיי האָבן דערגרייכט, דורך יוראָווצער גאס, די

יידן־ראַט־גערטנער, וואו עס זענען נאָך געווען העכער 15 טויזנט ייִדן. טויזנטער טויטע און פאַרוואונדעטע זענען שוין געלעגן אויפן פּלאַץ. ווען די נאַצים זענען אָנגעקומען, האָט די זעלבסטשוץ־גרופּע אויפגענומען דעם קאַמף מיט די ביז צו די ציין באַוואָפנטע נאַצי־גזלנים.

די העראָאישע יידישע יוגנט האָט געקעמפט אויף לעבן און טויט. אויפן אָרט פון איין געפאַלענעם שפּרינגען באַלד אונטער צוויי פרישע קעמפער. אונדזערע מסירת־נפשדיקע יידישע טעכטער טראָגן פאַר די קעמפער האַנט־גראַנאַטן און קוילן. נישט איינע פון זיי פאַלט נאָך איידער זי דערגרייכט איר ציל. דאָס האַלט אָבער נישט אָפּ אַנדערע פון אונדזערע העלדינס צו העלפן פירן ווייטער דעם קאַמף.

אבראַשע גאַלטער (זון פון שפּינמייסטער גאַלטער), איינער פון די אַקטיווסטע געטאָ־קעמפער, האָט אין יידן־ראַט־גאָרטן דערזען, ווי זיין שוועסטער מאַטערט זיך אין שווערע יסורים פון אַ נאַצי־קויל, וואָס זי האָט געקריגן ביים צוטראָגן אַמוניציע פאַר די געטאָ־קעמפער; נישט קענענדיק צוזען אירע ליידן און נישט וועלנדיק, אַז זי זאָל אַריינפאַלן אַ לעבעדיקע אין די גזלנישע הענט, האָט ער איר אַריינגעלאָזן אַ קויל אין קאָפּ און פאַרענדיקט איר העראָאישן לעבן.

אבראַשע גאַלטערן איז שפּעטער געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ און זיך פאַראייניקן מיט די פּאַרטיזאַנער, וואו ער האָט ווייטער העלדיש געקעמפט. אָבער ביי אַ שווערן איבערפאַל פון אַ גרעסערער גרופּע נאַצי־גזלנים אויף אַ קליינער פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונג, איז אבראַשע געפאַלן מיט אַ העלדן־טויט.

דער העראָאישער ווידערשטאַנד אין די יידן־ראַט־גערטנער האָט געדויערט אַ קנאַפּן האַלבן טאָג און האָט געקאָסט די נאַצי־בעסטיעס עטלעכע צענדליק טויטע און קנאַפּע פופציק פאַרוואונדעטע. אַ גרויסער טייל פון די געטאָ־קעמפער איז אומגעקומען אין דעם דאָזיקן איבערמענטשלעכן, נישט גלייכן קאַמף, וואָס עס איז זיי אויסגעקומען צו פירן מיט די פרימיטיווסטע מיטלען קעגן אַזאַ ריזיק־באַוואָפנטער מיליטערישער מאַכט.

אַ געוויסער צאָל פון די געטאָ־קעמפער איז שפּעטער געלונגען צו אַנטלויפן און זיי האָבן שפּעטער געקעמפט אויף פאַרשידענע ערטער.

אַרום 4 בייטאָג איז דער קאַמף אין די יידן־ראַט־גערטנער געווען פאַרענדיקט.

די לעבן־געבליבענע ווערן געטריבן קיין פּעטראַשע

די אריבער 15 טויזנט מענער, פרויען און קינדער, וועלכע האָבן נאָך דער שחיטה זיך געפונען אין די גערטנער, זענען דורך די נאַצי־בעסטיעס אַרומגערינגלט געוואָרן און מיט קאָלבעס איבער די קעפּ זענען זיי געטריבן געוואָרן דורך יוראָווצער גאַס צום פּעטראַשער פעלד, וואָס איז ספּעציעל באַשטימט געוואָרן פאַר אַ פייניקונגס־אָרט פאַר יידן, ווייל אויפן אויבנדערמאָנטן פעלד האָבן זיי צוזאַמען מיט אַלע ביאַליסטאָקער בירגער אַנטיילגענומען אין די אָקטאָבער־פייע־רונגען, וועלכע זענען דאָרט דורך דער סאָוויעטן־מאַכט דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1939.

די יידן־ראַט־גערטנער זעען אויס ווי נאָך דער שרעקלעכסטער שלאַכט

נאָכדעם ווי אין די יידן־ראַט־גערטנער זענען שוין קיין לעבעדיקע יידן כמעט ווי נישט געווען, האָב איך פון אונדזער בוידעם, וועלכער האָט זיך געפונען אויף כמיעלנע 1, הארט נעבן די גערטנער, אָבסער־ווירט אַ לענגערע ווײַלע דעם גאַנצן אַרום, וועלכער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שווידערלעך בילד. ס'איז ממש נישט געווען קיין שטיקל אָרט, וואו ס'זאָלן נישט ליגן קיין דערשאָסענע אָדער האַלב־טויטע מענער, פרויען און קינדער, וועמענס שוואַכע קולות און קרעכצן עם פלעגן דערגיין צו מײַנע אויערן. די, וועלכע האָבן זיך נאָך געמאַטערט, האָבן געבעטן אַביסל וואַסער. אַנדערע האָבן געשריגן מיט די לעצטע כוחות: „ראַטעוועט!” אייניקע האָבן זיך געבעטן: „שיסט מיר אַריין אַ קויל אין קאָפּ, ווייל כ'קען שוין נישט איבער־טראָגן די שרעקלעכע יסורים”.

צווישן די טויזנטער הרוגים, וואָס זענען געלעגן צעוואָרפן אין די גערטנער, האָבן זיך אויך געוואַלגערט דאָס געפּעק פון די געגנויע 20 טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך מיט עטלעכע שעה צוריק דאָ געפונען. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַזאַ בילד, אַז דאָס האַרץ איז ממש צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. איך ווייס נישט, צי נאָך די גרויסע שלאַכטן אין די לעצטע וועלט־מלחמות, האָבן די שלאַכט־פעלדער אויסגעזען שווידערלעכער ווי די יידן־ראַט־גערטנער.

צווישן די הערלאַיש אומגעקומענע קעמפער אין די יידן־ראַט־

גערטנער האָט זיך געפונען וועלוול וואָלקאָוויסקי (פאַרבינדלער פון די פּאַרטיזאַנער מיט די געטאָ־קעמפער, אין וועמענס וואוינונג אויף טשעפּלע 13 ס'איז געווען דער טרעף־אָרט פון די זעלבסטשוץ־חברים).

די נאַצי־גזלנים ווילן פאַרלעשן די געטאָ־שריפות

אין דער זעלביקער צייט, ווען ס'איז געגאַנגען דער קאַמף אין די יידן־ראַט־גערטנער, האָט אַ גרופּע נאַצי־רוצחים אָנגעהויבן אַריינ־שאַרן זיך אויף טשעפּלע גאַס און האַרט נאָך זיי איז געפאָרן אַ פייער־לעשער־מאַשין, מיט וועלכער זיי האָבן געוואָלט פאַרלעשן די ברע־נענדיקע הייזער ביים געטאָ־פּאַרקאַן. די זעלבסטשוץ־מיטגלידער האָבן אָבער פון די פענצטערס און בוידעמער תיכף געעפנט אַ פייער, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צעמישונג אין די נאַצישע רייען.

העלדישער אַקט פון צוויי פּופּצן־יעריקע יינגלעך

די צוויי דרייסטע פּופּצן־יעריקע חברים: שמואל רייזנער (זון פונם מחבר פון דעם בוך) און נחום קאָזאַק (זון פון הערשל קאָזאַק, וועלכער געפינט זיך איצטער אין אַמעריקע), האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויפן בוידעם פון טשעפּלע 12. פון דאָרטן האָבן זיי מיט עטלעכע טרעפלעכע שאָסן דערהרגעט צוויי נאַצי־גזלנים, וועלכע זע־נען געשטאַנען אַרום דער פייערלעשער־מאַשין.

אין אַ קורצער ווײַלע שפּעטער האָבן זיי שוין געקעמפט אויף אַנדערע פּלעצער.

העראָאישער טויט פון די פאַרטיידיקער פון עק טשעפּלע־נאָוואָגרודזקע

אויפן עק טשעפּלע און נאָוואָגרודזקע האָט אַ זעלבסטשוץ־גרופּע, אונטערן אָנפיר פון באַראַנעץ (זון פון שיך־קרעמער יוסף באַראַן), פאַרטיידיקט דעם צוגאַנג צו נאָוואָגרודזקע גאַס; זיי ווערן אָבער פאַר־שאָטן מיט אַ קוילן־האָגל. די גאַנצע גרופּע איז אומגעקומען מיט אַ העראָאישן טויט.

אין סאַמע ברען פון פאַרביטערטן קאַמף לויפט צו צום פּאַרקאַן פון נאָוואָגרודזקע גאַס דער ענערגישער און איבערגעגעבענער זעלבסט־שוץ־טוער, נחום מאַניסעוויטש (אַ פורמאַן), וועלכער פלעגט געבן

גרעסערע געלט־סומעס פאַר דער אָרגאַניזאַציע און נישט איינמאָל ריזיקירט זיין לעבן, אַריינפירנדיק אין געטאָ געווער; עס געלינגט אים אַריבערצוכאַפּן זיך איבערן פּאַרקאַן אויף יענער זייט געטאָ, דאָרט כאַפּן אים אָבער די אוקראַאינישע נאַצי־בעסטיעס און ער ווערט דורך זיי צעריסן אויף שטיקער.

אין זעלביקן קאַמף איז אויך אומגעקומען מיט א העלדן־טויט די פירערין פון די ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנער, פרוי יודיטאַ.

די געטאָ־פּאַרטיידיקער פּרואוון זיך דורכרייסן דורכן פּאַרקאַן

די העראָאישע יידישע יוגנט האָט אין פאַרלויף פון דעם טאָג געמאַכט עטלעכע פּרואוון מיט געווער אין די הענט דורכצורייסן זיך דורכן פּאַרקאַן. נאָך יעדן פּרואוו זענען זיי אָבער געצוואונגען געווען צוריקצוציען זיך מיט גרויסע קרבנות.

שרעקלעכער רעזולטאַט פון ערשטן שחיטה־טאָג

ווען פאַר אַלעמען איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס מאָל ווערט די גאַנצע געטאָ ליקווידירט און אויסבאַהאַלטן זיך א לענגערע צייט, דערצו נאָך מיט קליינע קינדער, וועט זיין אוממעגלעך, האָבן ס'רוב יידן, באַלד פון פרימאָרגן פון אומגליקס־טאָג, געשטראָמט צו די גאַסן, וואו די נאַצי־רוצחים האָבן באַפוילן צונויפצוזאַמלען זיך. דער רעזולטאַט דערפון: ביי פינף טויזנט האָבן פאַרענדיקט זייערע לעבנס אין די גערטנער און נאָענט צו 25 טויזנט יידן זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אויפן פעטראַשער פעלד. אַזוי אַרום זענען פון די קנאַפּע פערציק טויזנט יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ ביז דער איצטיקער שחיטה, פאַרבליבן שוין נישט מער ווי צען טויזנט, וועלכע האָבן זיך נישט געאיילט צו לויפן קיין טרעבלינקע און זיך אַראָפּגעלאָזן אין די באַהעלטענישן.

צווישן דער דערמאָנטער צאָל האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע הונדערט געטאָ־פּאַרטיידיקער. זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָס פירן דעם קאַמף ווייטער איז פּשוט א זעלבסטמאָרד־אַקט און דעריבער באַשלאָסן אַראָפּצולאָזן זיך אין די באַהעלטענישן און דורך די נעכט מאַכן פּרואוון מיט געווער אין די הענט אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ.

באַראַש, מאַרקוס, איינקע פאַבריק־דירעקטאָרן, עטלעכע צענדליק אָרדנונג־דינסטלער און די פריווילעגירטע פייערלעשערס געפינען נאָך שוץ אין געטאָ

עס געפינען זיך נאָך אין געטאָ אינזש. באַראַש, עטלעכע פאַבריק־דירעקטאָרן, מאַרקוס מיט אַ פּאָר צענדליק אָרדנונגס־דינסטלער, די פּריווילעגירטע פייערלעשערס, וועלכע האַלטן זיך אויף אין זייער גאַראַזש אויף פּאָלנע גאַס, און אַ פּאָר הונדערט אַרבעטער, וועלכע האָבן ביז דער שחיטה געאַרבעט ביי ס. ס., ס. ד. און אַנדערע גדולים פון דער באַנדיטן־באַנדע און געפינען צייטווייליקן שוץ אין בנין פון דער קאַרטאָנאַזש־פאַבריק אויף קופּיעצקע גאַס.

די בעסטיאַלישע פּינקטלעכקייט

דער ערשטער שחיטה־טאָג האָט זיך פאַרענדיקט 6 פאַרנאַכט. צען מינוט פאַר 6 זענען נאָך צוויי טאַנקען דורכגעפאָרן די גאַסן: טשעפּלע, נאָוואָגרודזקע און כמיעלנע, וואָרפנדיק אין אַ סך הייזער האַנט־גראַנאַטן. פּונקט 6 איז שוין קיין איין נאַצי־רוצח אין געטאָ נישט געווען. אין דער זעלביקער מינוט האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע שיסעריי איבערן געטאָ פון די העכער טויזנט נאַצי־אוקראַאינער, וועלכע זענען געשטאַנען פון יענער זייט פּאַרקאַן. די קאַנאָנאַדע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ליגנדיק אין די באַהעלטענישן, האָט זיך געדוכט, אַז מ׳געפינט זיך אויף אַן אמתן מלחמה־פעלד.

דער צוועק פונם געדיכטן פייער איבערן געטאָ איז געווען, נישט צו דערלאָזן די באַהאַלטענע יידן זיך דערנענטערן צום פּאַרקאַן און גלייכצייטיק שטערן זיי דאָס צונויפזאַמלען שפּייז פון די פאַרלאָזענע הייזער.

ביינאַכט אין די יידן־ראַט־גערטנער

דער באַשרייבער פון די טרויעריקע געשעענישן האָט מיט זיין פאַמיליע באַשלאָסן וווייטער פירן דעם קאַמף פאַרן לעבן און איז דערריבער פאַרבליבן אין געטאָ. אין אונדזער הויז אויף כמיעלנע 1 האָבן מיר פון פריער געהאַט צוגעגרייט אַ באַהעלטעניש פאַר עטלעכע פאַמיליעס. מיין איינציקער פופצן־יעריקער, ליבער און האַרציקער זון, שמואל, מיט זיין חבר, נחום קאָזאַק, האָבן נאָך דער רעדע פון דעם

זעלבסטשוץ־חבר, אויף כמיעלנע 3, געכאַפּט ביקסן און זענען נעלם געוואָרן. דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר זיי נישט געזען און נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן. אונדזערע הערצער זענען שיער נישט צעריסן געוואָרן אויף שטיקער פון עגמת־נפש.

ווי ס׳איז נאָר געוואָרן פינצטער, בין איך אַרויסגעקראָכן פון דער באַהעלטעניש און נישט קוקנדיק אויף דער טויט־סכנה, בין איך, שאַרנדיק זיך אויפן בויך, אַריינגעקראָכן אין די שכנותדיקע הייזער. געזוכט, געשניפטערט, גערופן — קיינער רופט זיך נישט אָפּ. נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש. איך רעזיגניר אָבער נישט און איך שאַר זיך אַרויס צו די גערטנער, וואו עס פליען אַרום קוילן ווי אַ געדיכטער רעגן. איך קריך איבער טויטע און האַלב־טויטע, וועלכע קרעכצן מיט די לעצטע כוחות. נעבן עטלעכע טויטע מאַמעס טרעף איך לעבעדיקע קינדער, וועלכע זענען, ווייזט אויס, דורך די נאַצי־רוצחים נישט באַמערקט געוואָרן. דער שטילער כליפּען פון די קינדער איז אַזוי טראַגיש, אַז מ׳קען דאָס פשוט נישט איבערטראָגן.

אין עטלעכע ערטער האָבן זיך אויך אָפּגערופן עלטערע, וועלכע האָבן מיך געפרעגט, וואו ס׳זענען דאָ אויף די נאָענטסטע גאַסן באַהעלטענישן. כ׳זאָג זיי אין וועלכע הייזער און צוויי יידן גייען שוין מיט מיר.

פלוצים הויבט אָן רעגענען. די ריזיקע שריפה און דער אָפּשיין פון די פייערן ווערט קלענער און ס׳הויבט אָן פינצטער צו ווערן. דער רעגן פאַרשטאַרקט זיך — אַן אמתער מבול. אין יענעם טאָג איז אפילו די נאַטור אויך געווען קעגן אונדז.

אין אָפּשיין פון די זיך אויסלעשנדיקע פייערן האָט דער אויסזען פון די יידן־ראַט־גערטנער, וואו ס׳זענען געלעגן טויזנטער דערשאָסענע און פאַרוואונדעטע, וואָס זייערע קרעכצן האָבן געקענט שטיינער רירן, און דער ים פון רענצלעך און פעקלעך, אויף וועלכע ס׳האָט זיך געהאַט אַראָפּגעלאָזן אַ מבול פון הימל, האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. מיין האַרץ האָט געמוזט זיין שטאַרקער פון אייזן, אַז עס האָט דאָס אַלץ געקענט איבערטראָגן.

אַלע מיינע זוכענישן האָבן אָבער נישט דערפירט צו די שפּורן פון מיין זון. מיטנעמענדיק די צוויי לעבן־געבליבענע יידן, האָבן מיר זיך קוים מיטן לעבן דערשאַרט צו דער באַהעלטעניש, וואו ס׳האָט זיך געפונען מיין פאַמיליע, וועמען כ׳האָב דערציילט וואָס כ׳האָב זיך

אַנגעזען. מיר האָבן געהאַלטן, אַז אונדזער ליבער זון מיט זיין חבר זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

2 ביינאַכט האָט מיין זון מיט זיין חבר זיך דורכגעריסן צו אונדזער באַהעלטעניש

ארום 2 ביינאַכט הערן מיר פּלוצים פאַר אונדזער הויז שטילע טריט און איידער מיר באַוויזן נאָך אַ טראַכט צו טאָן, הערן מיר זיי שוין אין שטוב גופא. עס פאַלן עטלעכע שוואַכע קלעפּ אין דעם באַהעלטעניש־טירל און גלייכצייטיק הערן מיר פליסטערן: „פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, דאָס זענען מיר, איך מיט נחומען, עפן, האָב נישט קיין מורא!" די הענט מיט די פיס האָבן זיך אונדז גענומען וואַרפן פון שרעק און פון פרייד. אַ לאַנגע ווײַלע האָבן מיר נישט געקענט עפענען דאָס באַהעלטעניש־טירל און ווען די קינדער זענען לסוף אַראָפּ אין באַהעלטעניש, האָט מיין זון גענומען דערציילן, וואָס זיי האָבן אין דעם היינטיקן שוידערלעכן טאָג איבערגעלעבט. ער מיט נחומען זענען געווען אויפן בוידעם פון טשעפּלע 12, פון וואַנען זיי האָבן געגעבן עטלעכע טרעפלעכע שאָסן אויף דער פייערלעשער־מאַשין, דערשיסנדיק צוויי נאַצי־רוצחים, דערנאָך האָבן זיי אַנטייל־גענומען אין דעם קאַמף אין יידן־ראַט־גאָרטן, וואו ס'איז זיי ווידער געלונגען צו דערשיסן נאָך אַ נאַצי־גזלן. אין אַ קורצער ווײַלע אַרום זענען זיי אָבער אַריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע, פון וועלכער זיי האָבן זיך שוין נישט געקענט אַרויסדרייען. מאָמענטאַל האָבן זיי אַוועק־געוואָרפן דאָס געווער און זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער מענטשן־מאַסע, וועלכע איז געטריבן געוואָרן קיין פּעטראַשע. אויפן וועג האָבן זיי אויסגענוצט אַ גינסטיקע סעקונדע און גענומען אַנטלויפן. אַ האָגל מיט קוילן איז אויף זיי געפלויגן פון אַלע זייטן, אָבער ווי דורך אַ נס זענען זיי ניצול געוואָרן.

אויף צוריקוועגס האָבן זיי זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך עטלעכע אַנטלאָפענע, שוין פון פּעטראַשע גופא, וועלכע האָבן זיי דערציילט, אַז דער גאַנצער וועג פון יוראָווצער גאַס ביזן פּעטראַשער פעלד איז אויסגעשפּרייט מיט דערשאָסענע מענער, פרויען און קינדער.

זיי האָבן אויך דערציילט, אַז ס'זענען געווען פאַלן, ווען אַנט־לאָפענע זענען געכאַפּט געוואָרן דורך פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע

האָבן זיי אָפּגעפירט צו די נאַצי־רוצחים. די געכאַפּטע זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן אין קעגנוואַרט פון די פּאָליאַקן, וועלכע זענען צעשמאָלצן געוואָרן פון שמחה, צוזעענדיק ווי די יידן ווערן אויס־געמאָרדעט.

ווי אַזוי האָבן די יידן פון די באַהעלטענישן זיך פאַרגרייט מיט שפּייז

צוליב דעם, וואָס ס'רוב פון די געבליבענע יידן האָבן געהאָפט צו קענען זיך אויפהאַלטן אין די באַהעלטענישן אַ לענגערע צייט און צו דעם צוועק מוז מען דאָך האָבן גרעסערע שפּייז־זאַפּאַסן, זענען זיי, נישט געקוקט אויף דער שרעקלעכער שיסעריי, אַרויס פון די באַהעלטענישן צו־זוכן שפּייז אין די פאַרלאָזענע וואוינונגען. אין ס'רוב פון זיי פלעגט מען אין דער פינצטערניש אַרויפטרעטן אויף קערפּערס, צעריסענע דורך אַריינגעוואָרפענע האַנט־גראַנאַטן. אָפּזוכנ־דיק אַזוי אין טויט־שרעק אַ לענגערע ווײַלע, פלעגט מען צוריקקריכן אין די באַהעלטענישן מיט אַביסל געפונענע שפּייז.

אויך פון אונדזער באַהעלטעניש איז מען אַרויסגעקראָכן זוכן שפּייז און געטראָפן אין אונזער וואוינונג אַ מוטער מיט איר זון און זיין פרוי, וואָס זענען אַריינגעלאָפן אין אַ מאָמענט, ווען זיי האָבן דערהערט אין דער נאָענט דעם גערויש פון טאַנקען; ווען די טאַנקען זענען פאַרבייגעפאָרן אונדזער הויז, איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אַ האַנט־גראַנאַט, וועלכער האָט געטראָפן דער שנור אין בויך. דעם זון מיט דער מוטער האָבן מיר אַראָפּגענומען אין אונדזער באַ־העלטעניש, די שנור איז אין שווערע יסורים אויסגעגאַנגען אויף מיין בעט.

נאָך אַ נישט־געלונגענער פרואוו פון דער זעלבסטשוץ אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ

די פאַרבליבענע זעלבסטשוץ האָט אין די שפּעטע נאַכט־שעהן ווידער געמאַכט עטלעכע פרואוון צו דערנענטערן זיך צום פאַרקאַן. יעדעס מאָל האָבן זיי אָבער זיך געמוזט צוריקציען, איבערלאָזנדיק עטלעכע קרבנות.

די אינקוויזיציע אויפֿן פּעטראַשער פעלד

וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אויפֿן פּעטראַשער פעלד מיט די דאָרט צוזאַמענגעטריבענע 25 טויזנט יידן, איז אַ שווידער צו דער־ציילן.

די קרוב פינף און צוואַנציק טויזנט־קעפּיקע מאַסע איז אַריינ־געקוועטשט געוואָרן אין אַן ענגן ווינקל. פון ענגשאַפט און היץ האָט מען דאָרטן געקענט דערשטיקט ווערן. אַרומגערינגלט זענען זיי געווען מיט דריי קאָרדאָנען ביז צו די ציין באַוואָפנטע נאַצי־גזלנים. דירעקט פאַר די יידן זענען געשטאַנען די אוקראַאינער, הינטער זיי לאַטישן און ווייסרוסן. דער דריטער קאָרדאָן איז באַשטאַנען פון עכטע נאַצי־גזלנים, וועלכע האָבן מיט אַ גרויסער צאָל מאַשין־געווער אַרומגערינגלט אויף אַ ברייטן שטח דאָס פעלד און דעם שאָסיי, וואָס פירט קיין ביאַליסטאָק און וואַשילקאָווע, ווי אויך אַלע אַרומיקע זייטיקע וועגן.

די נאַצי־בעסטיעס האָבן די צוזאַמענגעטריבענע יידישע מאַסן געיאָגט הין און צוריק. איינער איז געפאַלן אויפֿן צווייטן. די געפאַ־לענע זענען צעטראָטן געוואָרן דורך הונדערטער אַנדערע. ווען די אינקוויזיציע פלעגט אויף אַ ווײַלע איבערגעריסן ווערן, פלעגן די נאַצי־רוצחים תיכף אָנהויבן אַ שיסעריי אין דער מאַסע. אויך דער שרעקלעכער דורשט האָט געבראַכט הונדערטער קרבנות. אין די רואיקע מינוטן פלעגט מען די גזלנים אָפּגעבן פאַר אביסל וואַסער אַלץ, וואָס מ'האָט פאַרמאָגט, און אפילו נאָכדעם פלעגן זיי אויך דאָס ביסל וואַסער נישט ברענגען, און ווען איינער האָט שוין יאָ געבראַכט, איז דער געדראַנג צווישן דער דורשטיקער מאַסע געווען אַזוי שטאַרק, אַז דאָס וואַסער פלעגט אויסגעגאָסן ווערן.

די אוקראַאינישע נאַצי־רוצחים, וועלכע זענען געשטאַנען דירעקט נעבן די יידן, האָבן געשלאָגן מיט שטעקנס און געריסן די פינגערלעך פון די פרויען־הענט צוזאַמען מיט די פינגער. אַלס אַ צולאָג צו דעם גיהנום, האָט דער שלאַקס־רעגן, וואָס איז פלוצים אַראָפּגעפאַלן, אַזוי צעווייקט די צעבראָכענע מענטשן, אַז זיי זענען אין די הונדערטער געבליבן ליגן אויפֿן פעלד, נישט קומענדיק מער צו די כוחות.

פון דער ווייטנס האָט מען געזען, ווי די גרויסע שריפה אין געטאָ ווערט אַלץ קלענער און האַלט שוין ביים פאַרלאָשן ווערן. אָט אַזוי האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אויסלעשן די לעבנס פון די,

וועלכע זענען צונויפגעיאָגט געוואָרן אויפן פּעטראַשער אינקוויזיציע־פעלד.

די קליינע גרופּע געטאָ־קעמפער, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען, איז אויך דורך די נאַצי־רוצחים אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דער־מאָרדעט געוואָרן.

צווייטער שחיטה־טאָג

דינסטיק, אין צווייטן שחיטה־טאָג, זענען צוואַנציק מינוט פאַר 7 אין דער פרי, אַריינגעפּאָרן אין געטאָ העכער 800 נאַצי־רוצחים און, אונטער דער זעלביקער אָנפירונג ווי נעכטן, איינגעאָרדנט זייער שטאַב אין יידן־ראַט־בנין. אין אַן אייליקן טעמפּ זענען אויף פרישע ערטער פאַרליינט געוואָרן טעלעפאָן־דראָטן און פּונקט 7 האָבן די נאַצי־גזלנים זיך אַרויסגעשאַרט פון יידן־ראַט־הויף און, איינטיילנדיק זיך אין צענטלעך מיט אַן עלטסטן, האָבן זיי ווי ווילדע חיות זיך גענומען גרייטן צום טיגער־שפּרונג אויף די נאָך אין געטאָ פאַרבלי־בענע יידן. היינט איז שוין אָבער קיינער נישט געווען אויף די גאַסן, אַלע זענען געלעגן פאַרשטעקט אין די באַהעלטענישן.

צו יעדן עק גאַס מאַרשירן אָפּ אַ באַשטימטע צאָל צענטלעך, זיי קריגן זייערע באַפעלן פון די עלטסטע, וועלכע זיצן ביי די פעלד־טעלעפאָנען. דער מענטשן־פרעסערישער געיעג האָט זיך ווידער אָנ־געהויבן.

אַ קלענערע הויז פלעגט באַפאַלן ווערן פון איין צענטל און אַ גרעסערע — פון צוויי. איבערקערנדיק די וואוינונגען מיטן דעק אַרויף, נעמען זיי קודם־כל צו אַלע ווערטפולע זאַכן צו זיך אין די קעשענעס. ווען זיי פאַרדעכטיקן אין דעם באַפאַלענעם הויז אַ באַ־האַלטעניש, הויבן זיי אָן שרייען, מ׳זאָל אַרויסגיין, אויב נישט — וועלן זיי תיכף אויפרייסן דאָס הויז. קיינער רופט זיך נישט אָפּ. די באַהאַלטענע יידן ווייסן שוין צו גוט, וואָס עס דערוואַרט זיי, — זאָלן די בעסטיעס טאָן וואָס זיי ווילן. נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה, וואַרפן די בעסטיעס האַנט־גראַנאַטן און שוין פליען שטי־קער קערפּערס פון די באַהאַלטענע יידישע קדושים.

אין פאַרלויף פון טאָג איז יעדעס הויז באַפאַלן געוואָרן מינ־דעסטנס צען מאָל און יעדעס מאָל דורך אַן אַנדער גרופּע.

וואָס פאַר אַ גיהנום די ביאַליסטאָקער יידן זענען אויסגעשטאַנען אין די באַהעלטענישן

ווי ס'האָבן זיך געפילט די צען טויזנט יידן, וועלכע זענען נאָך געלעגן אין די באַהעלטענישן, ווען כמעט יעדע שעה זענען זייערע הייזער באַפאַלן געוואָרן דורך די נאַצי־רוצחים, וועלכע האָבן געלויערט אויף זייערע לעבנס, קען דערציילן נאָר דער, וואָס האָט עס אַליין דורכגעמאַכט.

אין אַ באַהעלטעניש, וואו ס'האָט געקענט זיין אָרט פאַר צוואַנ־ציק מענטשן, געפינען זיך זעכציק. מען ווערט ממש דערשטיקט פון ענגשאַפט. אין אַזעלכע אומשטענדן הויבט מען זיך אָן צו קריגן און דאָס דערפירט צו דער אויפדעקונג פון דער באַהעלטעניש.

אין אַ היפשער צאָל באַהעלטענישן האָבן זיך געפונען קליינע קינדער, וועלכע האָבן נישט געוואוסט און נישט פאַרשטאַנען אין וואָס פאַר אַ שרעקלעכער לאַגע מען געפינט זיך. ווי קינדער, פלעגן זיי נישט זעלטן צעוויינען זיך, דעמאָלט זענען שוין דאָס ביסל יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש, געפאַלן קרבנות. די נערוון זענען ביי אַלעמען געווען געשפאַנט אויף דער העכסטער מדרגה און וואָס פאַר אַן אייזערנע כוחות די באַהאַלטענע יידן האָבן עס געדאַרפט פאַרמאָגן, כדי דאָס אַלץ צו קענען איבערטראָגן!

אַ סך האָבן טאַקע נישט געקענט אויסהאַלטן און אַליין גע־מאַכט אַ סוף צו זייער לעבן. אַזוי האָט, צווישן אַנדערע, זיך פאַר־סמט די פאַמיליע צוקער (טשעפּלע 11), וואָס איז באַשטאַנען פון אַ מאַן מיט אַ פרוי און אַ זון מיט אַ שנור.

דער טרויעריקער סך־הכל פון דעם צווייטן שחיטה־טאָג איז געווען אַזאַ: מיט דער הילף פון פאַרשידענע טעכנישע מיטלען, ווי אונטערהער־אַפּאַראַטן, שפּיר־הינט א. אַ., האָבן די נאַצי־גזלנים ארויס־געשלעפּט פון די באַהעלטענישן צוויי טויזנט יידן. אַ טייל פון זיי האָט מען באַלד אויפן אָרט דערשאָסן און די איבעריקע אָפּגעפירט אין „לינת־הצדק", וואו ס'איז געווען דער זאַמל־פּונקט פאַר די דורכן טאָג אַנטדעקטע קרבנות. פון דאָרט זענען זיי פאַרנאַכט־צייט אָפּגע־פירט געוואָרן קיין פּעטראַשע.

אין דעם טאָג איז דורך דער געשטאַפּאָ דערשאָסן געוואָרן יעקב גאָלדבערג, דער אָפּראָוויזאַציע־לייטער פון געטאָ.

אינם זעלביקן טאָג זענען די אַרבעטער, וואָס האָבן געפונען ציטווייליקן שוץ אין דער קאַרטאָנאַזש־פאַבריק, פאַרשלעפּט געוואָרן קיין גראָדנע, און פון דאָרטן האָט מען זיי אין הערמעטיש־פאַרמאַכטע אויטאָס געבראַכט אין דער לאָמזשער תפיסה. אויפן וועג זענען עט־לעכע דערשטיקט געוואָרן.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז די גרופּע פאַרשלעפּט געוואָרן אין דעם שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אַ דאַנק דעם, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ היפּשע צאָל שניידערס, וועלכע האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן ביי זייער פאַך, אין פאַרמאַכטע וואַרעמע לאָקאַלן, באַקומענדיק אַ בע־סערע באַשפּייזונג, איז קרוב צוואַנציק מאַן, פון דער גרופּע פון זיבעציק, געלונגען זיך צו ראַטעווען און זיי געפינען זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

די נאַצי־רוצחים צווינגען די יידן צו פאַרריכטן דעם אָפּגעבּרענטן פאַרקאָן און מקבר זיין די טויזנטער קדושים

די קליינע גרופּע יידן, וועלכע האָבן נאָך אין דער געטאָ געאַרבעט פאַר די נאַצי־רוצחים, האָבן אין צווייטן שחיטה־טאָג באַקומען אַ באַפעל, אַז מאָרגן, מיטוואָך, זאָל איין טייל פון זיי צוטרעטן פאַר־ריכטן די אָפּגעברענטע טיילן פונם געטאָ־פאַרקאָן און די איבעריקע זאָלן מיט די יידישע פורמאַנעס, וואָס נאָר אַ קליינער טייל פון זיי איז נאָך פאַרבליבן, צוטרעטן צונויפזאַמלען און מקבר זיין די טויזנטער הרוגים, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט איבער די גאַסן און גערטנער.

מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דער צווייטער שחיטה־טאָג.

די צווייטע שחיטה־נאַכט אין געטאָ

אַזוי ווי אין ערשטן טאָג, האָבן די נאַצי־רוצחים 6 פאַרנאַכט פאַרלאָזן די געטאָ און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מוראדיקע שיסעריי. ווען ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, האָבן שאָטנס אָנגעהויבן אַרויס־קריכן פון זייערע באַהעלטענישן און שאַרנדיק זיך אויפן בויך צו די פאַרלאָזענע שכנותדיקע הייזער, געזוכט עסנוואַרג, נאַפט, ליכט און שוועבעלעך.

ווען מ'איז אין דער פינצטער געווען פאַרטאָן ביים זוכן, פלעגן זיך פּלוצים אַריינשאַרן נאָך עטלעכע יידן און מיט זייער אַריינקום אָנוואַרפן טויט־שרעק אויף די יידן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. ווען מ'האָט זיך שפּעטער פאַנאַנדערגעשמועסט, האָט מען זיך דער־וואוסט איינער פון צווייטן, אַז די נאַצי־גזלנים האָבן אין פאַרגאַנגע־נעם טאָג אויפגעדעקט זייער אַ סך באַהאַלטענישן, האָבן אַראָפּגענומען די עלעקטרישע זייגערס און אָפּגעשלאָסן דאָס וואַסער פון די הייזער, כדי די באַהאַלטענע יידן זאָלן זיין געצוואונגען צו מאַכן פייער אויף די פּליטעס און שלעפּן וואַסער פון ווייטע ברונעמס, כדי נאָך די סימנים, וואָס זיי וועלן לאָזן נאָך זיך, זאָל גרינגער זיין די יידן צו אַנטדעקן.

נאָך דער דאָזיקער פעסטשטעלונג הויבט מען אָן איבערגעבן איינער דעם צווייטן, אַז פאַרגרייטן זיך מיט וואַסער זאָל מען נאָר אין די נעכט. די, וועלכע קענען זיך באַגיין, זאָלן פאַרלויפיק נישט קאָכן, און די, וואָס מוזן, זאָלן עס טאָן אין אַ פאַרלאָזענער וואוינונג און נישט צו נאָענט פון וועלכער ס'איז באַהעלטעניש.

די איבערגעבליבענע גרופּע זעלבסטשוץ־חברים אין געטאָ האָט אויך אין דער צווייטער נאַכט געמאַכט עטלעכע פּרוואון אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ. יעדעס מאָל האָט זי אָבער איבערגעלאָזן עטלעכע קרבנות און מיט פאַרביטערונג געמוזט צוריקציען זיך. ס'זענען אויך געמאַכט געוואָרן פּרוואון אונטערצוגראָבן זיך אונטערן פּאַרקאַן, אָבער אויך דאָס איז דורכגעפאַלן.

דער צווייטער שחיטה־טאָג אויפן פּעטראַשער פעלד

צוויי אַזייגער בייטאָג זענען אויפן פּעטראַשער פעלד אָנגע־קומען עטלעכע ס. ס. גדולים מיטן מענטשן־פרעסער, פרידל, בראש און האָבן באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך גלייך איינשטעלן. קיינער האָט אָבער נישט געוואָלט זיין אין די ערשטע רייען און ס'האָט זיך אָנ־געהויבן אַ געוואַלטיקער געדראַנג און שטאַרקער טומל. פּלוצים האָט גענומען האָגלען מיט קוילן, פון וואָס די פּאַניק איז געוואָרן נאָך גרעסער. איינער פון די באַנדיטן־פירער האָט באַפוילן איבערצורייסן די שיסעריי און אויפגעפאָדערט די יידן צו באַרואיקן זיך און איינ־שטעלן זיך ווי געהעריק, אין קעגנפאַל וועלן אַלע דאָ אומגעבראַכט ווערן. זיינע רייד האָבן געווירקט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט

שוין צווישן דער צום טויט פֿאַרמשפּטער, פֿאַרפּייניקטער מאַסע גע־הערשט רו.

פֿאַר די אויסגעשטעלטע רייען גייט דורך די גזלנים־קאָמיסיע. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן שטעקלעך מיט פֿאַרבויגענע הענטלעך, וואָס זיי פֿאַרוואַרפֿן אויף די העלדזער פֿון די קרעפּטיקערע און ייִנגע־רע, שלעפּן זיי אַרויס פֿון די רייען, ווייל זיי ווילן נאָך דורך ווייטער־דיקער שקלאַפֿן־אַרבעט אַרויסקוועטשן דעם לעצטן ביסל כּוח פֿון זייערע ביינער. די, וואָס ווילן זיך נישט שיידן מיט זייערע פֿרויען און קינדער, קריגן עטלעכע מאָל מיטן זעלביקן שטעקן איבערן קאָפּ און פֿאַרשוואָלענע מוזן זיי פֿאַרלאָזן זייערע ליבסטע און טייערסטע.

ביז 6 פֿאַרנאַכט זענען אויף אַזאַ אופֿן אַרויסגעשלעפּט געוואָרן דריי טויזנט פּערזאָן, צווישן זיי ביי אַ פֿאַר הונדערט יונגע פֿרויען, וועלכע זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן אויף אַ צווייטער זייט פֿון פּעט־ראַשער פֿעלד.

יעקב ליפּשיץ

אין דער זעלביקער צייט, ווען איין קאָמיסיע האָט געזוכט אויסצוקלייבן די קרעפּטיקערע, האָט אַ צווייטע אַרויסגעשלעפּט די עלטערע און שוואַכע, וועלכע מ'האָט אַרויפֿגעטריבן אויף די צוגעגרייטע פֿורן און אָפּגעפֿירט אויפֿן געטאָ־בית־עולם. דאָרט האָבן די ייִדישע פֿייערלעשער, אויפֿן באַפֿעל פֿון פֿרידלען, שוין פֿון פֿריער געהאַט אויסגעגראָבן אַ גרעסערע צאָל גריבער פֿון 10 מעטער די לענג, 2 מעטער די ברייט און 3 מעטער די טיף.

ווען אויפֿן בית־עולם פֿלעגן געבראַכט ווערן אַ פֿאַר הונדערט ייִדן, איז באַלד דאָרט געקומען צו פֿליען אין אַן אויטאָ דער מענטשן־פֿרעסער, פֿרידל, און תּיכּף באַפֿוילן יאָגן די ייִדן צו די גריבער. ווען די אויסגעמוטשעטע קרבנות זענען געשטאַנען ביי זייערע אָפֿענע קבֿרים, איז געפֿאַלן דער ערשטער שאָס פֿון פֿרידלען. נאָך אים האָט

זיך פון דער גרופּע נאַצי־גזלנים אַ שאָט געטון אַ קוילן־האָגל. די שטערבלעך געטראָפענע פאַלן אַריין אין גרוב. צו די, וואָס האַלטן זיך נאָך, לויפן צו די גזלנים, וואַרפן זיי אַריין אין די גריבער, וועלכע ווערן מאָמענטאַל פאַרשאָטן.

צווישן די, וואָס זענען אויף אַזאַ אופן אומגעקומען, האָט זיך געפונען דער באַוואוסטער געזעלשאַפטלעכער עסקן, יעקב ליפשיץ.

אויסגעמיטן דעם גורל האָט באַראַשעס סעקרעטאַר, דער באַוואוסטער מחבר פון העבּרעאישע לערן־ביכער, רפאל גוטמאַן, מיט זיין פרוי, וועלכע האָבן זיך געסמט אין מאָמענט, ווען מ׳האָט זיי געוואָלט אַרויספירן אויפן געטאָ־בית־עולם.

הרב ד״ר ראָזענמאַן ווערט דורך מאַרקוסן אַראָפּגענומען פון פּעטראַשער פעלד

אויפן פּעטראַשער פעלד האָבן זיך אויך געפונען הרב ד״ר ראָזענמאַן מיט זיין פרוי און ביידע טעכטער. זיי האָבן זיך תיכף אָריענטירט צו וואָס די עלטערע מענטשן ווערן געפירט אין געטאָ און גלייך אָפּגעשאָרן זייער פאָטער די באָרד.

עטלעכע שעה שפּעטער איז אין באַגלייטונג פון אַ געשטאַפּאָ־רוצח געקומען אויפן פּעטראַשער פעלד קאָמענדאַנט מאַרקוס, וועלכער האָט נאָך געהאַט אַ פינגערוט מאַכט, און האָט אויסגעפועלט, אַז הרב ד״ר ראָזענמאַן מיט זיין פאַמיליע זאָלן מעגן פאַרלאָזן דאָס פּעטראַשער פעלד. פון די נאָענט שטייענדיקע מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קולות און געוויינען: „פּאַניע קאָמענדאַנטשע, פּאַניע מאַרקוס, נעמט אונדז אויך מיט, ראַטעוועט אונדז". מאַרקוס האָט מיט טרערן אין די אויגן זיי אָפּגעענטפערט, אַז אַלעמען קען ער דאָך נישט ראַטעווען. ער האָט אָבער דאָך נאָך עטלעכע אַרויסגענומען פון די רייען און האָט זיי מיטגענומען מיט זיך אין יידן־ראַט־לאָקאַל, וואו עס האָבן זיך שוין געפונען העכער פופציק יידן, וועלכע זענען צום מאָמענט נאָך גויטיק געווען די רוצחים.

1200 קינדער ווערן אַראָפּגענומען פון פּעטראַשער פעלד און אַריינגעפירט צוריק אין געטאָ

די זעלביקע נאַצי־קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעקליבן די יונגע און קרעפטיקע אויף אַרבעט און די עלטערע און שוואַכע געפירט

אין געטאָ צום דערשיסן, האָבן געמאָלדן, אַז קינדער ביז 10 יאָר זאָל מען אַרויספירן פון דער מאַסע, ווייל זיי וועלן געשיקט ווערן אויף אַנדערע פלעצער, וואו ס׳וועט זיך זיי לעבן גוט. די עלטערן פון די קינדער האָבן זיך געקווענקלט און נישט געהאַט קיין שום צוטרוי צו די ראַפינירטע גזלנישע צוזאָגן. צוליב דעם אָבער, וואָס עס איז דאָך שוין סיי ווי סיי נישט געווען וואָס צו פאַרלירן, האָבן אַ גרויסע צאָל עלטערן האַרצרייסנדיק זיך געזעגנט מיט זייערע קינדערלעך, וועלכע זיי האָבן איבערגעגעבן אין די מערדערישע הענט.

1200 קינדער זענען צוריק אַריינגעפירט געוואָרן אין געטאָ. זיי האָבן זיך געפונען אין בנין אויף פאַבריטשנע גאַס אנטקעגן „טאָז“-שפּיטאָל און ס׳איז פאַר זיי, ביי יענע אומשטענדן, זייער פיל גע־זאָרגט געוואָרן.

צוזאַמען מיט די קינדער זענען אויך מיטגעגאַנגען עטלעכע צענדליק פרויען, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען האַלטן די קינ־דער אין אָרדנונג און טאָן אַלץ, כדי זיי זאָל קיין זאַך נישט פעלן. אַזוי איז געווען דער ווילן פון די נאַצי־רוצחים.

דאָס הייפל יידן, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין געטאָ און גענאָסן פון געשטאַפּאָ־שוץ, האָבן אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די קינדער זאָל קיין זאַך נישט פעלן.

דירעקטאָר פון דער שיך־פאַבריק אין געטאָ, ליבערמאַן, נעמט אַראָפּ 30 שוסטערס פון פּעטראַשער פעלד

אין באַגלייטונג פון אַ געשטאַפּאָוויעץ, איז אין דעם זעלביקן טאָג אויך געקומען אויפן פּעטראַשער פעלד דער דירעקטאָר פון דער שיך־פאַבריק, ליבערמאַן, וועלכער האָט געדאַרפט האָבן עטלעכע צענדליק שוסטערס אויף העלפן פאַרפּאַקן די מאַשינעס און די סחורות פון דער פאַבריק. הונדערטער הענט האָבן זיך געריסן צו אים, ער זאָל זיי אַרויסנעמען פון גיהנום. דער געשטאַפּאָוויעץ האָט אָבער מער נישט דערלויבט צו נעמען ווי 30 מאַן. עטלעכע פון זיי געפינען זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

ערשטע טראַנספּאָרטן פון פּעטראַשער פעלד אָפּגעפירט קיין טרעבלינקע

אין משך פון טאָג זענען די אַזוי גערופענע נישט ארבעטספעאיקע פון פּעטראַשער פעלד אָפּגעפירט געוואָרן צום וואַקזאַל, דאָרטן זענען זיי אריינגעטריבן געוואָרן אין פאַרמאַכטע פראַכט-וואַגאָנעס, וואָס זענען פאַרהאַקט געוואָרן מיט ברעטער. אויפן צווייטן טאָג זענען זיי שוין געווען אין טרעבלינקע, וואו זיי זענען פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

די צווייטע שחיטה־נאַכט אויפן פּעטראַשער פעלד

פּונקט ווי נעכטן, זענען די צענדליקער טויזנטער מענער, פרויען און קינדער ווידער געטריבן געוואָרן הין און צוריק אין ענגן ווינקל. נאָך יעדן מאָל לויפן הין און צוריק בלייבן ליגן הונדערטער צעטראָטענע. ווען די יאָגעניש הערט אַ ווײַלע אויף, שיסן די רוצחים אין דער מענטשן־מאַסע. די היצן זענען דעמאָלט געווען גרויסע, הונדערטער מענטשן האָבן געחלשט און קיין לעק וואַסער צו מינטערן זיי איז נישט געווען. ווי נאָר ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָט מען דערזען, אַז איבערן פעלד ליגן הונדערטער דערשטיקטע, דערשאָסענע און פאַרחלשטע. די לעצטע זענען שוין צום באַוואוסטזיין מער נישט געקומען. דאָס איז דער סך־הכל פון דער צווייטער שחיטה־נאַכט אויפן פּעטראַשער פעלד.

דריטער שחיטה־טאָג

די 800־קעפּיקע באַנדיטן־באַנדע האָט אין דריטן שחיטה־טאָג מיטגעבראַכט מיט זיך העק, לאָמען און זעגן, מיט וועלכע זיי פלעגן רייסן די הייזער, וואו זיי האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט, אַז דאָרט לעבן באַהאַלטענע יידן. ווען זיי פלעגן עמיצן כאַפּן, פלעגן די רוצחים מיט אַ גזלנישער קאַלטקייט דערהרגענען זייערע קרבנות מיט די העק און לאָמען.

אין דעם טאָג האָבן יידן אָנגעהויבן ארויסקריכן פון זייערע באַהעלטענישן. זיי האָבן איינגעזען, אַז צוליבן אָפּשניידן די עלעקטרי און פאַרמאַכן דאָס וואַסער, וועלן זיי סיי ווי סיי שוין נישט קענען מער אויסהאַלטן. און אַזוי האָבן אין דעם טאָג ביי 300 יידן פרייוויליק זיך איבערגעגעבן אין די נאַצי־מערדערישע הענט.

העלדישער ווידערשטאַנד פון 80 געטאָ־קעמפער קעגן 100 נאַצי־גזלנים

אויף יוראָווצער גאַס, נישט ווייט פון פּאַרקאַן, זענען געווען אין אַ באַהעלטעניש אַן אַכציק־קעפּיקע גרופּע פון דער זעלבסטשוץ, וועלכע האָבן זיך געגרייט מאַכן אַ פּרואוו מיט געווער אין די הענט אַרויס־צורייסן זיך פון געטאָ; זיי זענען אָבער דורך עמיצן באַמערקט גע־וואָרן, ווייל אַזייגער 2 בייטאָג זענען זיי פּלוצים אַרומגערינגלט גע־וואָרן פון העכער 100 באַנדיטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. די העראָאישע יידישע יוגנט האָט געקעמפט ווי לייבן און נישט איין נאַצי־רוצח איז געפאַלן פון זייערע קוילן. נאָך אַ דריי־שעהדיקן פאַרביטערטן קאַמף, ווען פון די אַכציק העלדן זענען שוין זיבעציק געווען טויט, איז עטלעכע נאַצי־גזלנים געלונגען צו דערנענטערן זיך צו דער באַהעלטעניש. דאָס הייפל לעבן געבלי־בענע שטעלט נאָך אַ פאַרביטערטן ווידערשטאַנד, זיי ווערן אָבער פאַרשאָטן מיט האַנט־גראַנאַטן און קוילן. ווען די נאַצי־גזלנים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין באַהעלטעניש, האָבן זיי מיט זייערע העק און לאָמען צעפּערטלט די טויטע גופים פון די העראָאישע קעמפער.

כבוד זייער הייליקן אָנדענק!

דער טרויעריקער סך־הכל פון דריטן שחיטה־טאָג איז געווען אַזאַ: ביי טויזנט יידן זענען אין דעם טאָג אַנטדעקט געוואָרן. אַ קלענער טייל איז דערמאָרדעט געוואָרן אויפן אָרט און די איבעריקע — קיין טרעבלינקע.

די פורמאַנעס זענען צוגעטראָטן צונויפזאַמלען די קדושים פון געטאָ און פון פּעטראַשע

לויט דער נעכטיקער געשטאַפּאָ־פאַראָרדנונג, האָבן מיטוואָך, אין דריטן שחיטה־טאָג, אַ היפּשע צאָל יידישע פורמאַנעס זיך געמוזט פאַרנעמען מיטן צונויפזאַמלען און אָפּפירן די קדושים אויפן געטאָ־בית־עולם. די זעלביקע פורמאַנעס האָבן אויך געפירט די קרבנות פון פּעטראַשער פעלד. די נאַצי־אוקראַאינער האָבן אַרויפגעוואָרפן אויף די וועגענער אויך אַלע פאַרהלשטע, וועלכע זיי האָבן געהייסן מקבר זיין צוזאַמען מיט די טויטע. עטלעכע פאַרהלשטע זענען אויפן וועג געקומען צום באַוואוסטזיין און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי די פורמאַנעס,

זיי זאָלן זיי אַראָפּלאָזן פון פור. די פורמאַנעס האָבן אָבער גאָרנישט געקענט העלפן, ווייל זיי זענען באַגלייט געוואָרן פון אוקראַאינישע נאַצי־באַנדיטן, וועלכע האָבן זיי געצוואונגען אַריינצוּוואַרפן אין די אויסגעגראָבענע גריבער די לעבעדיקע יידן צוזאַמען מיט די טויטע.

פרידל דערשיסט אַ ייד פאַרן נישט גראָבן די גריבער פּינקטלעך און סימעטריש

אויפן באַפעל פון פרידלען, איז אויפן געטאָ־בית־עולם פאַרגרעסערט געוואָרן די צאָל קברים־גרעבער. די גריבער האָבן אָבער געמוזט געמאַכט ווערן סימעטריש און פּינקטלעך, ווייל יעדע עטלעכע שעה פלעגט פרידל קומען צו לויפן אַ קוק טאָן, צי ס'ווערט ראַיעל געאַרבעט. ווען ס'האָט זיך אים איינמאָל אויסגעדוכט, אַז איינער פון די גרעבער אַרבעט נישט אַזוי פּינקטלעך, האָט ער אים אויפן אָרט דערשאָסן, זאָגנדיק דערביי צו די איבעריקע, אַז אויב זיי וועלן נישט אַרבעטן ראַיעל, וועלן זיי האָבן דעם זעלביקן סוף.

די געשטאַפּאָ באַפעלט צו שאַפן אַ קליינע געטאָ

צוליב דעם, וואָס די געשטאַפּאָ האָט געוואָלט אין אַ וואָס קירצערן טערמין אַרויספירן די מאַשינעס און די סחורות פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ, האָבן זיי פאַרגרעסערט די צאָל אַרבעטער. היות די אַרבעטער האָבן זיך נישט געטאָרט געפינען אין זייערע פריערדיקע וואוינונגען, פון וואַנען זיי וואָלטן פאַרשלעפּט געוואָרן צוזאַמען מיט אַנדערע אַנטדעקטע יידן און די געשטאַפּאָ האָט זיך נאָך גענויטיקט אין זייערע אַרבעטס־הענט, האָט זי דעריבער פאַרארדנט, אַז מאָרגן, דאָנערשטיק, זאָלן אַ געוויסע צאָל אַרבעטער צוטרעטן מאַכן אַ פּאַרקאַן אַרום דעם „טאָז"־בנין, מיט זיינע דערבייאיקע הייזער, און דאָס וועט זיין אַ צייטווייליקער קליינער געטאָ פאַר די יידן, וועלכע געפינען זיך נאָך אין געטאָ און העלפן די נאַצי־רוצחים אין אַרויספירן אַלץ פון די פאַבריקן.

די דריטע שחיטה־נאַכט אין געטאָ

אַזוי ווי אין די פריערדיקע טעג, האָט פונקט 6 פאַרנאַכט זיך ווידער אָנגעהויבן די שיסעריי אויף דער געטאָ און ווידער זענען אין דער פינצטער יידן אַרויסגעקראָכן פון זייערע באַהעלטענישן, כדי

אַנצוגרייטן זיך אביסל שפּייז און וואַסער. ווען ס'פּלעגן זיך ערגעץ צוזאַמענטרעפן עטלעכע יידן, האָט מען גערעדט וועגן די געשעענישן פון טאָג און וועגן העלדישן אומקום פון די אַכציק זעלבסטשוץ־חברים. מען דערמאָנט אויך די, מיט וועלכע מ'איז נאָך נעכטן געווען צוזאַמען און וועלכע זענען שוין היינט נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

די לאַגע אין די באַהעלטענישן ווערט וואָס אַ טאָג אַלץ פאַר־צווייפלטער. יעדער איינער פילט, אַז היינט אָדער מאָרגן קען ער אויפ־געדעקט ווערן. אין אָנבליק פון דער שרעקלעכער, קאַטאַסטראָפאַלער און אויסזיכטלאָזער לאַגע, האָבן יידן אין די נעכט גענומען גראָבן פרישע באַהעלטענישן, וואוהין זיי זאָלן קענען אַנטלויפן, אויב די ביז־איצטיקע וועלן אויפגעדעקט ווערן. אַ ים מיט שווייס און בלוט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער דאָזיקער שווערער, סכנותפולער אַר־בעט.

כדי אויסצומיידן אומזיסטע שרעק האָבן די באַהאַלטענע יידן פון געטאָ אָפּגערעדט צווישן זיך אַ פּאַראָל

קען מען זיך דען פאָרשטעלן די געפילן פון אַ מענטשן, וועל־כער מוז אין דער פינצטער ליגן אויף דער ערד, שטיל ווי אַ פיש, נישטערן און זוכן צווישן דעם אָנגעוואָרפענעם באַרג פון יאָרן אויפ־געזאַמלטן האָב און גוטס, כדי צו געפינען מיט וואָס צו דערהאַלטן די נשמה? עס טרעפט אויך, אַז אין מיטן פון אָט דעם זוכן גיט מען אַ טרעט אויף אַ טעלער, וואָס ווערט צעבראָכן. דאָס האַרץ פאַלט אַרויס פאַר שרעק, ווייל מען איז דאָך נישט זיכער, צי עס דרייען זיך נישט אַרום ביינאַכט אין געטאָ נאַצי־גזלנים, וועלכע קענען דעם גערויש דערהערן.

ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז בעת מען איז געווען פאַרטאָן אין זוכן אביסל שפּייז, פלעגט זיך אַריינשאַרן אַ צווייטער ייד און איידער מ'האָט זיך דערקענט אַלס יידן, פלעגט פון שרעק בייביידן אָפּגענו־מען ווערן העזנט און פיס.

כדי אָט די אומזיסטע שרעק צו פאַרמיידן, האָבן די באַהעל־טעניש־יידן אין דער דריטער שחיטה־נאַכט אָפּגערעדט צווישן זיך אַ פּאַראָל, וועלכער איז באַשטאַנען אין טשמאָקען ווי צו אַ פערד; האָט איינער פון דער ווייטנס געזען עמיצן באַוועגן זיך, האָט ער זיך גערדאַרפט באַנוצן מיטן פּאַראָל. אויב ס'איז נישט געקומען קיין

תשובה, האָט שוין דער, וואָס האָט געטשמאָקעט, געמוזט באַלד אַנטלויפן און אָט צוליב וואָס: ערשטנס, איז מען נישט געווען זיכער, צי דער מענטש, וואָס האָט נישט געענטפערט אויפן פּאַראָל, איז נישט קיין פּאָליאַק, וועלכע פּלעגן זיך אַריינגנבענען בײנאַכט אין געטאָ, כדי צו ראַבירן אין די יידישע הייזער, און אַז ער וועט וויסן וואו עס ליגן באַהאַלטענע יידן, וועט ער געוויס אָנווייזן דער געשטאַפּאָ וואו מ'קען זיי געפינען. און צווייטנס, קען דאָס אויך זיין אַ דייטש, וועלכער האָט זיך אַריינגעגנבעט אין געטאָ און וויל זיך אויך אַביסל אָנוואַרעמען מיט יידיש האָב און גוטס. ווען אַזאַ דייטש טרעפט אָן אַ יידן אויפן וועג, וועט ער אָן שום ספק נישט זשאַלעוועון פאַר אים קיין קויל.

26 יידן פאַרברענט לעבעדיקערהייט אין אַ באַהעלטעניש

אין דער דריטער שחיטה־נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה אויף קופּיעצקע גאַס, נישט ווייט פון יידן־ראַט־הויז. ס'איז אָפּגע־ברענט געוואָרן דאָס צוויי־שטאָקיקע הויז, וואָס האָט זיך געפונען האַרט ביי דער ביאַלע. דאָרט זענען אין די באַהעלטענישן פאַרברענט געוואָרן 26 יידישע נפשות.

אַלע באַמיאונגען צו דערגיין די סיבה פון דער שריפה האָבן קיין דערפאָלג נישט געהאַט; האָט עס טאַקע אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף די עטלעכע טויזנט יידן פון די באַהעלטענישן. מען האָט גע־רעכנט, אַז די נאַצי־גזלנים ווילן אויף אַזאַ אופן ליקווידירן די באַהאַל־טענע יידן פון געטאָ.

ווי אַזוי און וואוהין זענען פאַרשלעפּט געוואָרן די ביאַליסטאָקער יידן פון פּעטראַשער פעלד

מיטוואָך, דעם 18־טן אויגוסט, 1943, האָט זיך אָנגעהויבן און כמעט ווי פאַרענדיקט דאָס אַרויספירן די ביאַליסטאָקער יידן פון פּעטראַשער פעלד. ס'רוב פון זיי זענען אָפּגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע; צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע טראַנספּאָרטן, זענען ביי צען טויזנט ביאַליסטאָקער יידן פאַרשלעפּט געוואָרן קיין לובלין, פּאָניאַטאָוו און מאַידאַנעק.

פאַרן אַרויספירן די אומגליקלעכע איז, אין דער באַגלייטונג פון עטלעכע געשטאַפּאָ־אָפיצירן, באַלד פון פרימאָרגן, געקומען אויפן

פעטראַשער פעלד דער ס. ס.־גענעראַל פון מאַרקאָווטשיזנע און אויס־געקליבן פון די דריי טויזנט אַרבעטספּעאיקע העכער הונדערט פּאַכלייט, וואָס זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין דער ביאַליסטאָקער תּפיסה, פון וואַנען זיי פלעגן יעדן טאָג אַרויסגענומען ווערן צו דער אַרבעט אין מאַרקאָווטשיזנע.

אַ זייגער 12 בייטאָג זענען די אַזוי גערופענע נישט־אַרבעטספּעאי־קע איינגעשטעלט געוואָרן צו פינף מאַן אין אַ ריי און מען האָט זיי געטריבן צום וואָקזאַל. נאָך זיי זענען אין זעלביקן סדר נאָכגעגאַנגען די אַרבעטספּעאיקע. אויפן וואָקזאַל זענען זיי אַריינגעיאָגט געוואָרן אין די ערשטע צוואַנציק וואַגאָנעס און גלייך זענען די טירן פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן געוואָרן.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעטספּעאיקער גרופּע, זענען די נישט־אַרבעטספּעאיקע אַריינגעטריבן געוואָרן אין די הינטערשטע 20 וואַגאָנעס. אויך זיי האָט מען תּיכף פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן. אויף יעדן וואַגאָן־דאַך איז אַרויפגעקראָכן אַ נאַצי־אוקראַאינער מיט אַ מאַשין־געווער.

ביים אַרייניאָגן די צום טויט פאַרמשפּטע יידן אין די וואַגאָנעס, האָבן אַ היפּשע צאָל פון זיי זיך געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן און ס'איז אַנדערע אַפילו געלונגען אַרויסצוכאַפּן ביי אַ פּאָר גזלנים דאָס געווער. די בעסטיעס האָבן אָבער באַלד געעפנט אַ מוראַדיקן פייער, פון וועלכן ס'זענען תּיכף געפאַלן צענדליקער דערשאָסענע און פאַר־וואונדעטע. אונטער אַ האָגל פון שרעקלעכע קלעפּ איז די גאַנצע מאַסע מאָמענטאַל אַריינגעטריבן געוואָרן אין די וואַגאָנעס. באַלד דערנאָך איז דער צוג אַוועק אין דער וואַרשעווער ריכטונג.

דער שרעקלעכער גיהנום אין די וואַגאָנעס

פון דער געוואַלטיקער ענגשאַפט און היץ זענען אַ היפּשע צאָל אומגליקלעכע באַלד דערשטיקט געוואָרן. איינער האָט געטראָטן אויפן צווייטן. די קולות זענען געוועזן עד לב השמים. די נאַצי־בעסטיעס, וואָס זענען געזעסן אויף די דעכער, האָבן געהאַלטן אין איין אַריינ־שיסן אינעווייניק. די יללות און קרעכצערייען פלעגן דעמאָלט ווערן נאָך גרעסער. פון יעדן מאָל שיסן זענען געווען עטלעכע טויטע און מערערע פאַרוואונדעטע. אויף די דרייסטע, וועמען ס'פלעגט זיך איינגעבן צו שפּרינגען פון לויפנדיקן צוג, פלעגט באַלד פון דאַך גע־

עפנט ווערן אַ פייער. ווען מען פלעגט זיך אַרויסדרייען אַ לעבעדיקער פון די קוילן, איז נאָך אַלץ געווען ווייט פון אַ ישועה. אויף דער גאַנצער לענג פון באַן־וועג ביאַליסטאָק־טרעבלינקע, זענען געווען אויס־געשטעלט באַוואָפנטע נאַצי־רוצחים, פון וועמענס הענט די אַרויס־שפרינגענדיקע יידן זענען ס׳רוב קיין לעבעדיקע נישט אַרויס.

ביי דער מאַלקינער באַן־סטאַציע פלעגט זיך דער צוג אָפשטעלן, ווייל פון דאָרטן איז אָפּגעגאַנגען די ספּעציעל אויסגעבויטע באַן־ליניע קיין טרעבלינקע. די לעצטע צוואַנציק וואַגאָנעס מיט די אַזוי גערופענע נישט־אַרבעטספּעאיקע ווערן אָפּגעטשעפּעט. תיכף קומט אָן אַ צווייטער לאָקאָמאָטיוו, פאַראייניקט זיך מיט די 20 וואַגאָנעס און הויבט זיי אָן פירן צו דער טרעבלינקער ריכטונג. אין טרעבלינקער צוג זענען באַלד אויסגעבראָכן שרעקלעכע געשרייען און יללות, וואָס מ׳האָט דערהערט אין די אַנדערע צוואַנציק וואַגאָנעס, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ יאָמערלעכער געוויין. מיט יעדער מינוט ווערן די יללות פון טרעבלינקער צוג שוואַכער און שוואַכער און אַזוי איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן אין געדיכטן וואַלד.

נאָכן פאַרטיק ווערן מיטן טרעבלינקער צוג, זענען די נאַצי־רוצחים געגאַנגען נאָכזען די צוואַנציק וואַגאָנעס, וואָס דאַרפן נאָך געפירט ווערן ווייטער. אין עטלעכע וואַגאָנעס האָבן זיי געטראָפן אַרויסגעשניטענע שטיקער ווענט, שלעפּן זיי אַרויס פון די דאָרטיקע וואַגאָנעס צו צען יידן און דערשיסן זיי פאַר אַלעמען אין די אויגן און וואָרענען דערביי, אַז אויב זיי וועלן ווייטער טרעפן צעשניטענע ווענט, וועלן אַלע דערשאָסן ווערן.

די וואַגאָנעס זענען ווידער פעסט פאַרקלאַפּט געוואָרן. די וואָך איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן און ערשט דאַן האָט זיך אָנגע־הויבן דער ווייטערדיקער גיהנום־וועג, וואָס האָט זיך געצויגן העכער צוויי מעת־לעת.

פאַר דער דערמאָנטער צייט זענען אין יעדן וואַגאָן דערשאָסן און דערשטיקט געוואָרן אַ היפּשע צאָל יידן, אויף וועלכע מ׳איז גע־קראָכן און געזעסן. מ׳איז אויך געצוואונגען געווען אין די פאַר־האַקטע וואַגאָנעס אויסצופירן אַלע מענטשלעכע באַדערפענישן, פון וואָס די לופט איז געווען ממש דערשטיקט צו ווערן.

צווישן די דערשאָסענע אין די וואַגאָנעס האָבן זיך געפונען

דער געוועזענער פּאַרוואַלטער פון דער מענדעלע־שול, מאָטל רובינ־שטיין, מיט זיין עלטסטן זון.

די פרוי פון מאָטל רובינשטיין (שוועסטער פון באַוואוסטן בונ־דישן טוער, יעקב פּאַט) איז געווען אַ באַליבטע און פּאָפּולערע לערערין פון די יידישע פאָלקס־שולן. זי האָט נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם שרעקלעכן נאַצי־רעזשים און האָט אין געטאָ עטלעכע מאָל גע־וואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. די אַרומיקע האָבן אָבער נישט דערלאָזן דערצו. ביזן 16־טן אויגוסט 1943 איז זי נאָך געווען אין געטאָ.

לאַגער־קאָמענדאַנט טומאַן דערשיסט אין פּאָניאַטאָוו אַ סך פון די פאַרשלעפּטע ביאַליסטאָקער יידן

ווען די קנאַפּע דריי טויזנט ביאַליסטאָקער יידן האָבן זיך שוין קוים מיטן לעבן דערשלעפּט קיין לובלין־פּאָניאַטאָוו, זענען זיי אויף גיך אַרויפגעטריבן געוואָרן אויפן אַפּעל־פּלאַץ, וואו דער לאַגער־קאָ־מענדאַנט טומאַן, — דער זעלבער מערדער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שחיטה איבער די ביאַליסטאָקער יידן, — האָט, רייטנדיק אויף אַ ווייסן פערד, דורכגעפירט אַן אינספּעקציע איבער זיינע שקלאַפן און באַלד אויפן אָרט פיל פון זיי דערשאָסן.

פּערטער שחיטה־טאָג

אין פערטן שחיטה־טאָג זענען די נאַצי־רוצחים צוגעטראָטן אָנצואווענדן אַ נייעם מיטל, ווי אַזוי אויסצוגעפינען די באַהאַלטענע יידן.

אין די באַפאַלענע הייזער פלעגן זיי נישטערן און זוכן אַ האַלבע שעה און נישט זעלטן אפילו אַ שעה. נאָכדעם פלעגן כמעט אַלע מיט פעסטע טריט פאַרלאָזן דאָס הויז. די פּאָר רוצחים, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט, האָבן זיך אויפגעהאַלטן אַזוי שטיל, אַז קיינער פון די יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין באַהעלטעניש, האָט נישט געהערט דעם מינדסטן שאָרך.

די באַהאַלטענע יידן, וועלכע האָבן זיך קוים דערוואַרט אויפן מאָמענט, די נאַצי־גזלנים זאָלן פאַרלאָזן דאָס הויז, פלעגן פרייער אָפּעטעמען, אין דער באַהעלטעניש פלעגט ווערן אַ באַוועגונג, אַנדערע פלעגן זיך אויסהוסטן. איינער פון די צוויי נאַצי־גזלנים, וועלכע האָבן דאָס אַלץ צוגעהערט, פלעגט אין דער שטיל מאָמענטאַל אוועקלויפן

ברענגען אַ גרעסערע גרופּע נאַצי־בעסטיעס, וועלכע פּלעגן באַלד באַפאַלן דאָס הויז פון אַלע זייטן, שרייענדיק צו די באַהאַלטענע יידן, זיי זאָלן גלייך אַרויסקריכן, אויב נישט וועלן אַלע אומגעבראַכט ווערן.

דער פּלוצימדיקער איבעררראַשנדיקער איבערפאַל פּלעגט צעמישן די יידן פון דער באַהעלטעניש און זיי פּלעגן אַפילו קיין אַכט נישט לייגן אויף די געשרייען, ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט געוואוסט — צי זיי וועלן יאָ אַרויסגיין אָדער נישט, זענען זיי שוין פאַרלוירענע.

די נאַצי־גזלנים וואַרפן עטלעכע האַנט־גראַנאַטן אין פאַרשידענע ערטער פון הויז און עס געלינגט זיי צו אַנטדעקן דעם אַריינגאַנג צו דער באַהעלטעניש, דאָרטן וואַרפן זיי ווידער אַריין עטלעכע האַנט־גראַנאַטן. צווישן די באַהאַלטענע יידן ווערט אַ שרעקלעכע פּאַניק. אין סעקונדן איז די גאַנצע באַהעלטעניש אויפגעריסן. אינע־ווייניק ליגן שוין אַ היפּשע צאָל צעריסענע מענער, פרויען און קינדער. די לעבן־געבליבענע ווערן אַרויסגעשלעפּט און מערדערלעך געשלאָגן, מיט דער טענה, פאַרוואָס זענען זיי ביי דער ערשטער אויפ־פאָדערונג נישט אַרויסגעקראָכן פון באַהעלטעניש.

נאָכן דורכפירן ביי די קרבנות אַ גרינטלעכע רעוויזיע, בעת וועלכער די בעסטיעס פּלעגן צונעמען דאָס געלט און צירונג, ווערן זיי געטריבן אין „לינת־הצדק", פון וואַנען מען פירט זיי שוין נישט קיין פּעטראַשע, נאָר דירעקט צום וואָקזאַל און פון דאָרט ווערן זיי נאָך אין זעלביקן אָוונט פאַרשלעפּט קיין טרעבלינקע.

דורך דעם טייוולאָנישן מיטל זענען אין פערטן שחיטה־טאָג אויפגעדעקט געוואָרן אין די באַהעלטענישן העכער צוויי טויזנט יידן, צווישן זיי אַ היפּשע צאָל זעלבסטשוץ־מיטגלידער, וואָס זענען פּונקט ווי אַלע אַנדערע אַזוי איבעררראַשנדיק באַפאַלן געוואָרן, אַז זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום מעגלעכקייט צו שטעלן אַפילו דעם קלענסטן ווידערשטאַנד.

ווידער זענען פאָרגעקומען איבערגרופּירונגען צווישן דער שוין גאַנץ קליינער צאָל זעלבסטשוץ־חברים, וועלכע זענען פאַרצווייפלט און זעען נישט קיין שום אויסוועג פון דער שרעקלעכער קאַטאַסטראָ־פאַלער לאַגע. איינצלנע פון זיי פּרוּוון אין דער פינצטערער נאַכט צושאַרן זיך צום פאַרקאַן און זיך אונטערגראָבן, אָבער בלויז איינעם אָדער צוויי געלינגט אויף אַזאַ אופן אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ.

ס'רוב זענען זיי דערשאָסן געוואָרן ביים אַנהויב פון זייער ריזיקאַ־לישער אַרבעט.

אויף כמיעלנע ווערט אויפגעדעקט אַ באַהעלטעניש פון דער זעלבסטשוץ און אַלע ווערן דערשאָסן

אין דעם דערמאָנטן טאָג זענען אויך אויפגעדעקט און דערשאָסן געוואָרן די גרופּע זעלבסטשוץ־חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש אויף כמיעלנע.

דאָס איז געווען אַרום 12 בייטאָג. פון דער ווייטנס הערט מען די שווערע טריט פון באַטשוועקלטע שטיוול. אין עטלעכע סעקונדן שפּעטער זעט מען שוין דורך אַ שפּאַרונע פון דער באַהעלטעניש, וועלכע האָט זיך געפונען אויף כמיעלנע 1, ווי עס לויפן אויסגעשפּרייט, פּונקט ווי אויף אַ שלאַכט־פעלד, אַ גרעסערע צאָל נאַצי־גזלנים מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און האַנט־גראַנאַטן ביי די זייטן, ווי זיי וואָלטן גרייט געווען דורכצופירן אַ שטורעם־אָנפאַל אויף אַ נאָענטן שונא. נאָך די גזלנים איז געפאָרן אַן אויטאָ מיט שווערע מאַשין־געווער און אַ ספּעציעלער אויטאָ מיטן אָנפירנדיקן אָפיציר.

פּאַרטיזאַן וועלוול וואָלקאָוויסקי אומגעקומען אין די קאַמפן אין געטאָ

דער גאַנצער געלויף מאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק. דאָס האַרץ איז שיער נישט געבליבן שטיין פאַר שרעק און איידער מען קוקט זיך אַרום, הערט זיך שוין אַ שטאַרקע שיסעריי און באַלד נאָכדעם אויפרייסן פון האַנט־גראַנאַטן, אויסגעמישט מיט שטאַרקע קולות פון אַ גרעסערער צאָל מענטשן. עס דויערט נישט לאַנג און מען דערהערט ווידער די שווערע טריט פון די גזלנים, וועלכע פירן מיט די הענט אין דער הויך אַ גרעסערע גרופּע יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן אויסגעזען בלייך ווי קרייד. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט

מען שוין פון דער ווייטנס געהערט דאָס געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער.

ווי אַזוי עס איז אַנטדעקט געוואָרן די באַהעלטעניש, אין וועלכער ס'האָט זיך געפונען אַ היפּשע צאָל געווער און איז געווען זייער גוט פאַרמאַסקירט (ווייל איר אַריינגאַנג האָט געפירט דורך אַ ברונעם), איז פאַר די, וואָס האָבן נאָך צו יענער צייט זיך געפונען אין געטאָ, געבליבן אַ גרויסע רעטעניש.

עס זענען אַרומגעגאַנגען צוויי ווערסיעס: איינע, אַז די נאַצי־רוצחים האָבן באַמערקט ווי עס זעצט פון ברונעם אַ פּאַרע און אָנגעהויבן שטאַרק זוכן אַרום דאָזיקן אָרט, ביז זיי איז געלונגען פעסטצושטעלן, אַז דורכן ברונעם פירט אַן אַריינגאַנג צו אַ באַהעלטעניש; די צווייטע ווערסיע איז געווען, אַז דאָס האָט אַן אינעווייניקסטער פאַררעטער געמסרט די באַהעלטעניש, ווייל פאַר קיין שום באַהעלטעניש איז נישט קאָנצענטרירט געווען אַזאַ גרויסע צאָל שטאַרק באַוואָפנטע גזלנים, ווי פאַר דער דאָזיקער; מסתמא האָט מען זיי געגעבן צו וויסן, אַז דאָרטן געפינט זיך אַ גרעסערע גרופּע באַוואָפנטע זעלבסטשוץ־חברים.

דער פּלוצימדיקער אָנפאַל אויף דער אויבנדערמאָנטער באַהעלטעניש איז פאַר די דאָרט ליגנדיקע זעלבסטשוץ־חברים געקומען אַזוי איבערראַשנדיק, אַז זיי האָבן נישט באַוויזן צו שטעלן קיין שום ווידערשטאַנד און זענען דעריבער אַלע אַריינגעפאַלן לעבעדיקע אין די מערדערישע הענט.

גלייך ווי זיי זענען צוגעפירט געוואָרן צו ראַג יוראָוועצער און קופּיעצקע, האָט אַן אָנקומענדיקער נאַצי־אָפיציר אַרויסגענומען און אַוועקגעפירט פון דער גרופּע דעם פּאָפּולערן שוסטער בערל שאַצמאַן. ער געפינט זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

אַ צווייטער ס. ס.־מאַן האָט אַרויסגעשלעפּט פיר זעלבסטשוץ־חברים און זיי געהייסן גיין. די פיר געטאָ־קעמפער האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַנטי־היטלעריסטישע אויסרופן. גלייך האָט זיך אויף זיי אַ שאָט געטאָן אַ קוילן־האָגל. אין דעם מאָמענט האָט די גאַנצע גרופּע גענומען זיך פאַנאַנדערלויפן. פונקט אַנטקעגן זיי איז אָבער געשטאַנען אויף אַ טיש אַ קוילנוואַרפער פון וועלכן די מערדערס האָבן געעפנט אַ שרעקלעכן פייער. אין די סעקונדן איז די גאַנצע גרופּע שוין געווען דורכגעזיפּט פון די נאַצישע קוילן.



דענקמאָל איבן ברודער־קבר פון די אומגעקומענע העלדן

ביים אַרויפליינן אויף די פורן די העלדיש אומגעקומענע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער 17־יעריקער קוכאַרעווסקי (ברודער פון אומגעקומענעם ביים אויפריים אין דעם געווער־פאַבריקל, סיאָמקע קוכאַרעווסקי), איז על פי נס לעבן געבליבן. ער בעט זיך ביי די גזלנים: ער איז יונג און וויל נאָך לעבן. די בעסטיעס האָבן אים אָבער אויף דעם געענטפערט מיט עטלעכע קוילן אין קאָפּ. אַ טויטן וואַרפט מען אים אַרויף אויף דער פור, צוזאַמען מיט זיינע איבעריקע חברים.

אַ באַהעלטעניש אויפן געטאָ־בית־עולם

די יידישע פריוויליקע פייערלעשערס, וועלכע האָבן אָן איבער־רייס געגראָבן די ברידער־קברים אויפן געטאָ־בית־עולם, האָבן זיך דאָרט אָנגעשטויסן אויף אַ זייער גוט מאַסקירטער באַהעלטעניש, וואו ס'זענען געלעגן עטלעכע צענדליק יידן. די פייערלעשער האָבן די באַהעלטעניש נאָך בעסער פאַרמאַסקירט און די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן דאָרטן געאַרבעט, געהאָלפן די דאָרט ליגנדיקע יידן מיט וואָס נאָר זיי האָבן געקאָנט.

פּעטראַשער פעלד איז שוין אָפּגערייניקט פון לעבעדיקע יידן

אין דעם פערטן שחיטה־טאָג זענען אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן די נאָך פאַרבליבענע יידן פון פּעטראַשער פעלד. אונטער די זעלביקע שרעקלעכע אומשטענדן, ווי זייערע ברידער און שוועסטער, זענען זיי פאַרשלעפּט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע.

אויפן פּעטראַשער פעלד האָבן זיך נאָך אָבער געוואַלגערט הונדערטער דערשאָסענע און דערשטיקטע, וועלכע זענען דורך די יידישע פורמאַנעס אָפּגעפירט געוואָרן אויפן געטאָ־בית־עולם. נישט זעלטן האָט געטראָפן, אַז ביים אַרויפליינן די קדושים אויף די פורן האָבן אייניקע פורמאַנעס דערקענט צווישן די טויטע זייערע טאַטע־מאַמע אָדער קינדער, פלעגן זיך דערביי אָפּשפּילן האַרצרייסנדיקע סצענעס. נישט איינער פון זיי איז פון גרויס דערשיטערונג באַלד באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

די פערטע שחיטה־נאַכט אין געטאָ

די אויפרייסן פון די געוואָרפענע גראַנאַטן אויף די באַהאַל־טענע יידן פון די אַנטדעקטע באַהעלטענישן, און די יללות זייערע, האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די געבליבענע יידן פון געטאָ. ווען

ס'איז שוין געווען גוט פינצטער, האָבן אפילו די סאַמע דרייסטע שטאַרק זיך געשראָקן אַרויסצוקריכן, כדי צו זען, וואָס עס איז דעם טאָג געשען און גלייכצייטיק צוגרייטן דאָס סאַמע נויטיקסטע אויפן מאָרגנדיקן טאָג. ערשט אַרום 12 ביינאַכט הויבן זיך אָן אַרויסשאַרן פון די באַהעלטענישן עטלעכע דרייסטע יונגעלייט. ווען עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַ גרופּע יידן פון פאַרשידענע גאַסן, האָט זיך איינער פון צווייטן דערוואוסט, וואָס פאַר אַ חורבן די נאַצי־רוצחים האָבן אָנגעמאַכט דעם היינטיקן טאָג אין געטאָ. אַ סך פון די, מיט וועמען מ'האָט נאָך נעכטן גערעדט, זענען שוין היינט אין געטאָ נישט געווען.

לויטן חשבון, וואָס מ'האָט געמאַכט צווישן זיך, האָט די צאָל באַהאַלטענע יידן, נאָכן פערטן שחיטה־טאָג, שוין מער נישט באַטראָפן ווי אַרום צוויי טויזנט פּערזאָן. נאָך דער דאָזיקער פעסטשטעלונג איז זייער טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן און אַלעמען האָט באַהערשט אַ שרעקלעכע יאוש־שטימונג.

די יידן־ראַט־גערטנער — דער ביינאַכטיקער טרעף־אָרט פון די באַהאַלטענע יידן

דער הויפּט־טרעף־אָרט פון די יידן, וואָס פלעגן ביינאַכט אַרויס־קריכן פון די באַהעלטענישן, איז געווען דער גאָרטן פון יידן־ראַט, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן נאָוואָגרודזקע און יוראָווצער גאַסן; דאָרטן פלעגט מען זיך וועגן אַלץ דערווּיסן און גלייכצייטיק אָפּרעדן צווישן זיך, וואָס פאַר אַ פאָרזיכטס־מיטלען מ'דאַרף אָננעמען אויף ווייטער.

די הונגעריקע יידן פון די באַהעלטענישן פלעגן אין די פינצטערע נעכט רייסן אין די יידן־ראַט־גערטנער פּאָמידאָרן, אוגערקעס און אַנ־דערע גרינסן. וואָלטן די נאַצי־בעסטיעס נישט אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן פולע אויטאָס מיט גרינוואַרג, וואָלטן די גערטנער נאָך אַ שיין שטיקל צייט געווען געקאָנט דערנערן הונדערטער יידן.

נאָכדעם ווי מ'האָט אין די שמועסן פעסטגעשטעלט די מעטאָדן, וועלכע די נאַצי־רוצחים האָבן דורכגעפירט אין פערטן טאָג פון דער גרויזאַמער שחיטה, האָט מען צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז בייטאָג זאָלן אַלע שלאָפן, אויסער עטלעכע, וואָס דאַרפן שטיין אויף דער וואַך, און קאָכן און עסן זאָל מען נאָר ביינאַכט. אויף אַזאַ אופן,

האָט מען געהאַפט, וועט גרינגער זיין אויסצוהיטן זיך פון די פּאַר־שידענע שפּיצלעך פון די גזלנים.

דער דאָזיקער איינפאַל האָט טאַקע אַ סך געשטערט די נאַצי־גזלנים אין זייער טייוולאַנישער אַרבעט ביים אַנטדעקן די באַהאַלטענע יידן.

ווידער אויסגעבראָכן צוויי שריפות אין געטאָ

אַזייגער צוויי ביינאַכט זענען ווידער אויסגעבראָכן צוויי שריפות אין געטאָ. היות מען האָט נישט געקענט דערגיין די סיבות, האָט עס אַרויפגעוואָרפן אַ שרעק אויף די פּאָר טויזנט באַהאַלטענע יידן, וועלכע האָבן גערעכנט, אַז די נאַצי־גזלנים צינדן אונטער די הייזער, אין וועלכע זיי פאַרדעכטיקן, אַז דאָרטן געפינען זיך באַהאַלטענע יידן.

פינפטער שחיטה־טאָג

פרייטיק, דעם 20־טן אויגוסט, אין פינפטן שחיטה־טאָג, האָבן די נאַצי־רוצחים ליקווידירט די העכער 200 חולאים מיט די דאָק־טוירים און שוועסטער פון יידישן שפּיטאָל. צווישן זיי האָט זיך אויך געפונען דאָקטאָר צבי לוקאַטשעווער־סקי.

ד״ר צבי לוקאַטשעווסקי

די שווער־קראַנקע זענען דורך די נאַצי־בעסטיעס אַרויפגעוואָרפן גע־וואָרן אויף צוויי־רעדערדיקע מילי־טער־וועגענער. וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין צוויי רייען. די קראַנקע, וואָס האָבן נאָך געקענט שטעלן אַ טריט, זענען אַריינגעטריבן געוואָרן אין מיטן פון די וועגענער. ביי אַ שטאַרקער וואַך, און אונטערן אָנפיר פון פרידלען, זענען זיי געטריבן געוואָרן צום זשאַביער בית־עולם.

כמעט אַלע חולאים האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג. זייערע געוויינען און קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים. ווען זיי האָבן זיך שוין געפונען אויפן בית־עולם, איז געפאַלן דער באַפעל

פון דער בלוט־דורשטיקער פרידל־בעסטיע, אַז אַלע זאָלן זיך אויס־שטעלן ביי די גריבער. ער אַליין איז צוגעלאָפן צו אַ מאַשין־געווער און געעפנט דעם ערשטן פייער. נאָך אים האָבן אויף די הולאים גענומען שיסן פון עטלעכע מאַשין־ביקסן די אוקראַאינישע נאַצי־גזלנים. אין פאַרלויף פון צען מינוט זענען די העכער 200 קדושים שוין געווען אין די גריבער.

דער געטאָ־בית־עולם

נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיטן שפּיטאָל, האָבן די נאַצי־רוצחים געמאַכט אַ היפּשע הפסקה און נאָכדעם ווידער זיך צעוואָרפן איבערן געטאָ, אין צענטלעך. פונקט ווי נעכטן, זענען זיי געזעסן לאַנג אין די וואוינונגען און נאָכדעם מיט שטאַרקע טריט זיי פאַרלאָזן, איבער־לאָזנדיק צוויי גזלנים אין הויז. אין דעם טאָג איז זיי געלונגען צו אַנטדעקן בלויז קנאַפּע 200 קרבנות, ווייל די יידן האָבן זיך געלערנט פון די נעכטיקע פעלערן.

די געכאַפּטע יידן זענען געבראַכט געוואָרן אויפן געטאָ־בית־עולם, וואו ס׳רוב פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן דורך פרידלען.

צווישן די 200 קדושים האָבן זיך געפונען עטלעכע זעלבסטשוץ־חברים. איינער פון זיי האָט געפּרואווט זיך וואַרפן אויף פרידלען,

ער איז אָבער באַלד באַשאָסן געוואָרן מיט אַ קוילן־האָגל, און די פרידל־בעסטיע האָט ווייטער געמאָרדעט.

דער פינפטער שחיטה־טאָג האָט געבראַכט קנאַפּע 400 קרבנות — 200 פון שפּיטאָל און 200 פון די באַהעלטענישן.

דער פאַרקאַן אַרום דער קליינער געטאָ איז פאַרטיק

דער פאַרקאַן, וואָס עטלעכע צענדליק יידן האָבן אָנגעהויבן בויען אַרום דער קליינער געטאָ, איז אין פינפטן שחיטה־טאָג שוין געווען פאַרענדיקט. די יידן, וועלכע געניסן פון געשטאַפּאָ־שוץ, פירן דאָרטן אַריין די שפּייז־זאַפּאַסן פון יידן־ראַט. אויפן שטח פון דער קליינער געטאָ געפינען זיי אויך אַ טעטיקע בעקעריי. זיי האָבן גע־האָפט, די „גליקלעכע", צו קענען זיך דאָרט אויפהאַלטן אַ לענגערע צייט און דורכלעבן. די דאָזיקע האָפנונגען זענען גאָר גיך אויסגע־רונען געוואָרן.

ווי איז געזאָרגט געוואָרן פאַר די 1200 קינדער אין געטאָ?

די 1200 קינדער, וועלכע זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון פּעטראַשע, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין עטלעכע הייזער אויף פּאַבריטשנע־גאַס און דאָרט געלעבט אין נישט קיין שלעכטע באַ־דינגונגען. עסן האָבן זיי געהאַט גענוג פון די יידן־ראַט־סקלאַדעס. אַ גרעסערע צאָל פרויען זענען אַרומגעגאַנגען אַרום זיי און זיי זענען באַהאַנדלט געוואָרן פון עטלעכע דאָקטוירים.

פינפטע שחיטה־נאַכט אין געטאָ

שפּעט אין אָוונט, ווען מ'האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן אין די יידן־ראַט־גערטנער, האָט מען זיך דערוואוסט וועגן אַלץ, וואָס האָט אין פאַרלויף פון טאָג פּאַסירט און מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַ דאַנק די אָנגענומענע פאַרזיכט־מיטלען פון שלאָפן בייטאָג און ענ־לעכעס, האָבן די גזלנים דעם היינטיקן טאָג אַנטדעקט זייער ווייניק יידן.

מיט שרעק רעדט מען אָבער וועגן דער פרישער צרה. ביינאַכט כאַפּן זיך אַריין אין געטאָ ציווילע פּוילישע כוליגאַנעס, וועלכע קריכן איבער די הייזער ראַבירן יידיש האָב און גוטס. ס'האָט שוין געטראָפן, אַז ווען מען געפינט זיך אין אַ הויז, זוכנדיק עפּעס צום

עסן, שאַרט זיך פּלוצים אַריין אַזאַ איינער, וואָס האָט זיך שוין דערוואוסט דעם אָפּגערעדטן פּאַראָל. ערשט ווען ער רעדט אויס אַ פּאָר ווערטער, זעט מען זיך אַרום, אַז ס'איז נישט קיין ייד. באַלד ווערט אָפּגענומען דאָס לשון און עס פּלאַצט שיער נישט דאָס האַרץ פאַר שרעק. מען ווייסט נישט, צי דער נאַכט־רויבער איז געקומען בלויז ראַבעווען, צי איז ער נישט אַמאָל אונטערגעשיקט פון די נאַצי־רוצחים, כדי פעסטצושטעלן וואו עס ליגן באַהאַלטן די יידן. אין ס'רוב פאַלן האָבן זיך אַזעלכע באַגעגענישן געענדיקט בשלום.

צו דער פרישער צרה איז געווען זייער שווער צו געפינען אַן עצה. די לאַגע פון די העכער טויזנט יידן, וואָס ליגן נאָך אין די באַהעלטענישן, ווערט פון טאָג צו טאָג קריטישער.

זעקסטער שחיטה־טאָג

שבת, דעם 21־טן אויגוסט, אין זעקסטן טאָג פון דער גרויזאַמער שחיטה, איז דורך די נאַצי־גזלנים אַנטדעקט געוואָרן זייער אַ קליינע צאָל יידן. דאָס האָט זיי אַריינגעבראַכט אין אַ שרעקלעכער אויפרעגונג. ווי גאָר זיי האָבן געהאַט דעם מינדסטן פאַרדאַכט, אַז אין אַ הויז דאַרפן ליגן יידן, פלעגן זיי די שטוב ממש צענעמען אויף שטיקלעך. ווען דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, פלעגן זיי זוכן און גראָבן אויף די הויפן און גערטנער. אויך דאָרטן האָבן זיי אָבער קיינעם נישט געטראָפן.

לויט זייער חשבון האָבן זיך נאָך אין געטאָ געדאַרפט געפינען אַ היפשע צאָל יידן (זיי האָבן משמעות פאַרגעסן צו רעכענען די קרוב פינף טויזנט קדושים, וואָס זענען געפאַלן אין געטאָ). דער אמתער חשבון איז אָבער געווען, אַז אין געטאָ האָבן זיך צו יענעם טאָג געפונען קנאַפּע טויזנט יידן, מיט שטאַרקע נערוון און זייער אויסגעהאַלטענע. קיין קינדער זענען שוין צווישן זיי כמעט נישט געווען, איז דעריבער די נאַצי־רוצחים שוין אָנגעקומען גאַנץ שווער צו אַנטדעקן אַ באַהעלטעניש.

אינם דערמאָנטן טאָג האָבן 700 יידן, וואָס האָבן געהאָלפן ליקווידירן די געטאָ־פאַבריקן, געקראָגן ספּעציעלע שיינען און זיך באַזעצט אין דער קליינער געטאָ.

די עטלעכע צענדליק יידן, וואָס זענען אין זעקסטן שחיטה־טאָג אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע באַהעלטענישן, זענען גלייך אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

שבת, צוויי אזייגער בייטאָג, האָבן די נאַצי־גזלנים פאַרלאָזן די געטאָ.

זעקסטע שחיטה־נאַכט

נישט געקוקט דערויף, וואָס די נאַצי־רוצחים האָבן שבת פאַר־לאָזן די געטאָ מיט פיר שעה פריער, איז דאָך קיינער נישט ארויס־געקראָכן פון די באַהעלטענישן איידער ס'איז געוואָרן גוט פינצטער. ביים צוזאַמענטרעפן זיך דערוויסט מען זיך, אַז אין דער קליינער געטאָ וואוינען שוין יידן. נעמען טאַקע די דרייסטע זיך שאַרן אהינצו. באַמערקנדיק, אַז דער פאַרקאָן פון דער קליינער געטאָ איז כמעט ווי נישט באַוואַכט, כאַפּן זיי זיך אַריין אינעווייניק און קריגן פון די דאָרטיקע יידן אַ היפּשע צאָל לעבלעך ברויט, וואָס דאָס איז פאַר זיי געווען זייער אַ גרויסע זאַך, ווייל ס'רוב יידן פון די באַהעלטע־נישן האָבן זיך דעמאָלט דערנערט בלויז מיט די גרינסן פון די גערטנער.

די גאַנץ קליינע צאָל פאַרבליבענע זעלבסטשוץ־מיטגלידער האָבן זיך אין דער זעקסטער שחיטה־נאַכט שוין געפילט דערשלאָגן און רעזיגנירט; אייניקע פון זיי זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; נאָר אַ קליינע גרופּע האָט זיך נאָך געראַנגלט און געמאַכט עטלעכע נישט־איינגעגעבענע פּרואוון אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ.

דער „רו־טאָג"

ווי אין דער פינפטער פעברואַר־שחיטה, האָבן די נאַצי־גזלנים אויך דעם זונטיק „גערוט". די שרעק איז אָבער דאָס מאָל געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט נישט געוואַגט בייטאָג אַרויסצוקריכן פון די באַהעלטענישן.

אין אָוונט, ווען מ'האָט זיך געטראָפן אין די יידן־ראַט־גערטנער, דערוויסט מען זיך, אַז אַ היפּשע צאָל פרויען מיט קינדער איז געלונגען אַריינצוכאַפּן זיך אין די פאַבריקן, וואו די יידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט ביים פּאַקן די מאַשינעס. די דערמאָנטע אַרבעטער האָבן די דאָזיקע פרויען און קינדער געגנומען אונטער זייער שוץ, דער־קלערנדיק די דאָרט שטייענדיקע געשטאַפּאָ־פּאָסטנס, אַז דאָס זענען זייערע ווייבער. די נאַצי־גזלנים, וויסנדיק, אַז סיי ווי סיי וועלן זיך די קהבנות פון זייערע הענט נישט אַרויסדרייען, האָבן אויף דערווייל דערלויבט די פרויען און קינדער אויפצוהאַלטן זיך אין פאַבריק־רוים.

די צווייטע וואָך פון דער גרויזאַמער שחיטה

מאָנטיק, דעם 23־טן אויגוסט, זענען אין געטאָ אריינגעפאָרן בלויז 400 נאַצי־רוצחים. איינטיילנדיק זיך צו פינף מאן אין א גרופּע, צעוואָרפן זיי זיך איבערן גאַנצן געטאָ.

צוליב דעם, וואָס אין די לעצטע צוויי טעג האָבן די נאַצי־גזלנים אנטדעקט זייער ווייניק באַהאַלטענע יידן, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנווענדן נייע מעטאָדן: געזוכט אין די מיסט־קאַסטנס, צי איז דאָרט נישטאָ קיין פריש שמוץ; נאָכגעקוקט גרינטלעך אין די פּליטעס, צי איז אין זיי נישט געמאַכט געוואָרן קיין פייער; אין א סך הייזער האָבן זיי געמאַכט סימנים אויף דער פּליטע און אויף אַנדערע פּלעצער.

דעם ערשטן טאָג האָבן זיי אויף אַזאַ אופן אַנטדעקט הונדערט יידן. אויף מאָרגן האָט מען זיך אָבער דערוואוסט וועגן די נאַציישע שפּיצלעך, און די, וואָס האָבן געמוזט קאָכן, האָבן עס געטאָן אין די הייזער, וואו ס'איז שוין נישט געווען קיין זכר פון קיין לעבעדיקן ייד, און אפילו דאָרטן האָט מען זיך געמוזט שטאַרק היטן מיטן רויך און מיטן פייער. דורך פאַרשידענע מיטלען האָט מען זיך געקליגט אָפּצופירן דעם רויך פון די פּליטעס. אַלץ האָט געמוזט געמאַכט ווערן אין דער פינצטערניש, ערשטנס, כדי די נאַצי־וואָך ביים געטאָ־פּאַרקאַן זאָל נישט באַמערקן, און צווייטנס, האָט מען דאָך נישט געהאַט קיין הונדערט־פּראָצענטיקע זיכערקייט, צי עס דרייען זיך נישט אַרום ביינאַכט אין געטאָ איינצלנע נאַצי־בעסטיעס.

ווידער אַרויסגעפירט ביי צוויי טויזנט יידן קיין פּאָניאַטאָוו און טרעבלינקע

ביים איינפּאַקן די מאַשינעס און סחורות פון די פאַבריקן, האָבן חוץ די 700 אַרבעטער, וואָס האָבן באַקומען שיינען אַריינצוגיין אין דער קליינער געטאָ, געאַרבעט נאָך א גרעסערע צאָל יידן. האָט זיך אָבער פּרידל אַרומגעזען, אַז ער גוויטיקט זיך שוין מער נישט אין זיי, ווייל אַלץ איז געווען פאַרפּאַקט, און האָט באַפוילן, אַז זיי זאָלן פאַרלאָזן די פאַבריק און צונויפזאַמלען זיך אויף קופּיעצקע־גאַס; די נאַצי־רוצחים האָבן גלייכצייטיק דאָרט צונויפגעטריבן די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן געהאַט צייטווייליקן שוץ אין פייערלעשער־גאַראַזש, וואָס האָט זיך געפונען אויף פּאַלנע־גאַס.

דיביידע גרופן, אין אַ צאָל פון קנאַפּע צוויי טויזנט יידן, זענען פון קופּיעצקע אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער קליינער געטאָ, וואו זיי האָבן זיך געוואַלגערט דעם גאַנצן מאָנטיקדיקן טאָג און די נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק.

דינסטיק, אַזייגער 12 בייטאָג, זענען זיי אָפּגעפירט געוואָרן צו דער באַן, וואו מ'האָט זיי איינגעטיילט אין צוויי גרופן: פרויען, קינדער און עלטערע שוואַכע מענער אין איין זייט, און די קרעפטיקע מענער אין דער צווייטער זייט. די ביידע גרופּעס האָט מען אַריינגע־טריבן אין וואַגאָנעס: די קרעפטיקערע מענער — אין די פאָדערשטע און די איבעריקע — אין די לעצטע וואַגאָנעס. די וואַגאָנעס זענען באַלד פאַרשלאָסן און פאַרהאַקט געוואָרן און אונטער אַ שטאַרקער וואַך האָט מען זיי אָפּגעפירט אין דער ריכטונג צו וואַרשע.

ביי דער סטאַציע מאַלקין האָט זיך דער צוג אָפּגעשטעלט און ס'האָט זיך איבערגעחזרט די פּראָצעדור פון די ערשטע עשאַלאָנען. ווען די לעצטע וואַגאָנעס זענען אָפּגעטשעפּעט געוואָרן, האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די זעלביקע האַרצרייסנדיקע געוויינען און געשרייען פון די פרויען מיט די קינדער, וועלכע האָבן שוין געוואוסט, אַז דאָס איז דער וועג קיין טרעבלינקע.

ווען דער טרעבלינקער צוג איז אין אַ האַסטיקן טעמפּ פאַר־שוואונדן, האָבן די איבערגעבליבענע אין די פאָדערשטע וואַגאָנעס נאָך אַ היפּשע ווײַלע געהערט די מאַוימדיקע קולות און יללות פון זייערע פרויען און קינדער.

געקומען קיין טרעבלינקע, ווערן זיי אַרויסגעיאָגט פון די וואַ־גאָנעס. אויפן פּלאַץ ווערן זיי באַפאַלן און געשלאָגן פון אַ גאַנצער באַנדע ציוויל־אַרבעטער פון דאָרטיקן לאַגער. פונם האַסטיקן, איבער־ראַשנדיקן אָנפאַל ווערן די הילפלאָזע קרבנות צעמישט און איידער זיי באַווייזן זיך אומצוקוקן, זענען שוין אַלע אין „באָד־אַנשטאַלט", פון וואַנען מען גייט שוין נישט צוריק.

נאָך אין דער זעלביקער שעה זענען די וואַגאָנעס מיט די „אַרבעט־פעאיקע" אָפּגעפאָרן פון דער מאַלקינער באַן־סטאַציע און נאָכן שלעפּן זיך עטלעכע טעג אין די פאַרהאַקטע וואַגאָנעס, אין וועלכע ס'האָבן נישט געפעלט קיין דערשאָסענע און דערשטיקטע, זע־נען זיי געבראַכט געוואָרן קיין לובלין־פּאָניאַטאָוו.

די שניידער, שוסטער און אַנדערע פאַכלייט, אין אַ צאָל פון



דער לעצטער וועג

העכער טויזנט מאַן, זענען אין עטלעכע טעג אַרום אוועקגעפירט געוואָרן קיין בליזשין, וואו ס'איז געווען אַן אַרבעט־לאַגער. דאָס לעבן אינם דערמאָנטן לאַגער איז אָבער געווען באַדייטנדיק שווערער, ווי אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין פאַרלויף פונם ערשטן ווינטער זענען הונדערטער פון זיי אויסגעשטאָרבן פון הונגער און פאַרשיידענע קראַנקהייטן.

אַכטער שחיטה־טאָג

אויך דינסטיק, אין אַכטן שחיטה־טאָג, האָבן די נאַצי־רוצחים אָנגעווענדט די נייע מעטאָדן פון זוכן פאַרבאַהאַלטענע יידן, — זיי האָבן אָבער קיינעם נישט אַנטדעקט.

אין אַכטן שחיטה־טאָג איז דורך אַ געשטאַפּאָוויעץ דערשאָסן געוואָרן ש. פינקעל, דער אָנפירער פון דער גרויסער אָסקאַר־סטעפּאַן־פאַבריק אין געטאָ. ווען סטעפּאַן האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערן און האָט עס פאַרענטפערט מיט אַ פאַטאַלן טעות. דאָס דערשיסן פינקלען האָט דעמאָלט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די עטלעכע הונדערט יידן פון דער קליינער געטאָ, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אים וועלן די געשטאַפּאָ־באַנדיטן לאָזן לעבן.

נישט געקוקט אויף דער גרויסער צאָל פורמאַנעס, וואָס זענען שוין עטלעכע טעג געווען באַשעפטיקט ביים אַראָפּפירן פון די גאַסן און ברענגען צו קבורה די טויזנטער קדושים, האָבן זיך נאָך אומעטום געוואַלגערט הרוגים, ווייל יעדן טאָג פלעגן צוקומען פרישע קרבנות.

אין דער קליינער געטאָ

אין דער קליינער געטאָ האָבן די יידן געלעבט אַ נערוועזן, צעטראָגענעם און צעמישטן לעבן. יעדע עטלעכע שעה ווערן דורכגעפירט קאָנטראָלעס, צי ס'זענען דאָרטן נישטאָ קיין יידן אָן שיינען, און נאָך יעדער קאָנטראָל וואָרנען די נאַצי־רוצחים באַראַשן, אַז אין פאַל ווען זיי וועלן געפינען איינעם אָן אַ שיין, וועלן אַלע 700 יידן אַרויסגעפירט און דערשאָסן ווערן.

נישט געקוקט אויף דער שטרענגקייט, האָבן זיך אין די נעכט אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין דער קליינער געטאָ יידן פון די באַהעלטענישן, וואו דאָס לעבן איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ שווערער.

די פורמאַנעס, וועלכע פירן אַרויס פון געטאָ די מאַשינעס מיט די רוי־מאַטעריאַלן, גיבן איבער, אַז זיי פאַרלאָדן עס אין וואַגאָנעס אויף וועלכע עס שטייט אויפגעשריבן: לובלין־פּאָניאַטאָוו, און דאָס האָט מען געוואוסט, אַז דאָרטן איז אַן אַרבעטס־לאַגער. די יידן האָבן געהאָפט, אַז פון דער קליינער געטאָ וועלן אַלע אַרויסגעפירט ווערן קיין פּאָניאַטאָוו און דאָרטן וועט אפשר פאַרט געלינגען צו דערציען ביז דער צייט, ווען דער לאַנג דערוואַרטעטער נס וועט קומען. כמעט אַלע האָבן אין יענע פינצטערע, האָפנונגסלאָזע טעג געהאַלטן, אַז ווען מ׳לאָזט די געטאָ עקזיסטירן לכל הפחות נאָך עטלעכע חדשים,

ראַבינער ד״ר ראָזענמאַן

איגנאַץ. באַראַש

וואָלטן די ביאַליסטאָקער יידן געראַטעוועט געוואָרן. די דאָזיקע השערה איז געבווט געווען אויפן פאַקט, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט צווישן 5־טן און 10־טן יולי, 1943, אָנגעהויבן אַ ריזיקע אָפענסיווע ביי אָריאָל און האָט שוין ביז יענער צייט דערגרייכט גרויסע דערפאָלגן, פאַרנעמענדיק אָריאָל, בעלגאָראַד, כאַרקאָוו און בריאַנסק. פון די אַלע השערות און האָפנונגען האָט זיך, לײַדער, אויסגעלאָזן אַ טייך. די קליינע געטאָ איז גאָר גיך ליקווידירט געוואָרן, אָבער ווען זי וואָלט זיך אפילו געהאַלטן די עטלעכע חדשים, וואָלט עס אויך גאָרנישט געהאָלפן. די ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע זענען

געבראַכט געוואָרן קיין פּאָניאַטאָוו, זענען דאָרטן אין אַ גאַנץ קורצער צייט אומגעבראַכט געוואָרן.

אין דער קליינער געטאָ האָבן זיך נאָך צו יענער צייט, צווישן אַנדערע, געפונען: ראַבינער ד״ר ראָזענמאַן מיט זיין פרוי אוןביידע טעכטער, באַראַש מיט זיין פרוי און זון, איסאַק מאַרקוס מיט זיין פרוי און קינדער, לימאַן מיט זיין פרוי און זון, דוב סובאָטניק און כמעט אַלע פאַבריק־דירעקטאָרן מיט זייערע פאַרטרעטערס, ווי אויך אַ היפּשע צאָל מייסטערס מיט זייערע נאָענטסטע.

נייַנטער שחיטה־טאָג

מיטוואָך, דעם 25־טן אויגוסט, איז די צאָל נאַצי־באַנדיטן פאַר דער געטאָ ווידער פאַרקלענערט געוואָרן. אָנשטאָט 400 זענען אַריינגעשיקט געוואָרן נישט מער ווי 200, אָבער אויך די דאָזיקע ציפער איז שוין געווען צופיל. לויט ווי די געבליבענע האָבן געשאַצט, האָבן זיך נאָך געפונען אין די באַהעלטענישן בסך־הכל פון פינף ביז זעקס הונדערט יידן. די רוצחים האָבן וואַרשיינלעך געהאַלטן, אַז עס דאַרפן זיין פיל מער, האָבן זיי דעריבער יעדן פרישן טאָג אויסגעפונען נייע מעטאָדן און מיטלען, ווי אַזוי צו אַנטדעקן די באַהאַלטענע יידן. זיי האָבן געמאָסטן די בוידעמער פון אינעווייניק און פאַרגליכן עס מיט דער לענג פון די הייזער, צי איז נישט דער בוידעם קירצער ווי די שטוב, געמאָסטן די שטיבער פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, צי ס׳זענען נישט געמאַכט געוואָרן קיין טאָפּלטע ווענט. ס׳האָט זיי אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן. פאַרנאַכט פלעגן זיי פאַרלאָזן די געטאָ, האָבנדיק אַנטדעקט בלויז עטלעכע צענדליק יידן. אין ס׳רוב פאַלן זענען די געכאַפּטע באַלד אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

דורך דעם פאַרקלענערן די צאָל נאַצי־בעסטיעס אין דער געטאָ איז נישט אַריינגעטראָטן קיין שום פאַרלייכטערונג פאַר די יידן, וואָס זענען נאָך געלעגן אין די באַהעלטענישן. די נאַצי־גזלנים, ווען ס׳איז שוין מיאוס געוואָרן דאָס זוכן, פלעגן אַריינגיין אין אַ הויז און אָפּזיצן דאָרט פון דריי ביז פיר שעה. ס׳זענען אויך געווען פאַלן, ווען זיי פלעגן אַריינגיין אין אַזאַ וואוינונג, וואו אונטן זענען געלעגן אין אַ באַהעלטעניש עטלעכע צענדליק יידן. וואָס די מענטשן האָבן אין אַזעלכע שעהן איבערגעלעבט, איז זייער שווער איבערצור־

געבן. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז איין בריגאַדע פלעגט פאַרלאָזן דאָס הויז און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען אַ צווייטע, וואָס האָט זיך אויך פאַרהאַלטן עטלעכע שעה. נאָכן דורכמאַכן אַזאַ טאָג אין באַהעלטעניש, איז מען שוין געווען מער טויט ווי לעבעדיק.

אַרויסגעפירט די 1200 קינדער פון געטאָ

אונטער אַ שטאַרקער ס. ס. וואַך, באַגלייט פון ד"ר קאַצענעלסאָן און עטלעכע צענדליק יידישע פרויען, צווישן זיי די פרוי פון יידן־ראַט־עלטסטן אינזש. באַראַש און די פרוי פון דאָקטאָר ביילין, זענען

קינדער אויף זייער לעצטן וועג

די לעצטע 1200 געטאָ־קינדער אַרויסגעפירט געוואָרן פון ביאַליסטאָק אין די לעצטע טעג פון חודש אויגוסט. אין פאַרשלאָסענע וואַגאָנעס זענען זיי געבראַכט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט (טשעכיע), וואו זיי זענען איזאָלירט געוואָרן אין באַזונדערע באַראַקן. די איבעריקע

לאַגער־אַרעסטאַנטן האָבן מיט זיי נישט געקענט קומען אין קיין שום באַרירונג, ווייל ס'האָט דערפאַר געדראָט טויט־שטראָף.

די יידישע פרוי פאַולינאַ פאַביאַן, פון טשעביע, האָט נאָך דער באַפרייאונג איבערגעגעבן, אַז ווען מ'האָט די קינדער געבראַכט אין לאַגער, האָט זי צווישן זיי געאַרבעט אַלס היגיעניסטקע. אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען שטאַרק פאַרלייזיקט און מען האָט דעריבער געמוזט אַלעמען אָפּשערן די האָר. די קינדער האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט שערן, טענהנדיק צו איר, אַז זי איז דאָך אויך אַ יידישע, ווייסט זי דאָך, אַז נאָכן אָפּשערן פירט מען אין גאַזקאַמער. די פרוי פאַביאַן, וואָס האָט זיך שוין פון אַ לענגערער צייט געפונען אין טערעזיענשטאַטער קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָט בכלל קיין אַנונג נישט געהאַט פון קיין גאַז־קאַמערן, האָט זי דעריבער די קינדער נישט פאַרשטאַנען און זיי געזאָגט, אַז זיי שרעקן זיך אומזיסט. אַביסל שפּעטער האָט זי זיך אָבער איבערצייגט, אַז אַלץ, וואָס די ביאַליסטאָקער קינדער האָבן געוואוסט וועגן די גאַז־קאַמערן, איז געווען ריכטיק און זיי האָבן טאַקע געמעגט פאַר זיי מורא האָבן.

צי די קינדער האָבן יאָ געוואָלט זיך שערן אָדער נישט — מען האָט עס דורכגעפירט מיט געוואַלט. אין טערעזיענשטאַט האָבן זיך די קינדער געפונען קנאַפּע 3 חדשים. אין פאַרגלייך מיט אַנדערע יידן פון לאַגער, זענען זיי געהאַלטן געוואָרן אין זייער גוטע באַדינגונגען. אין לאַגער האָט מען גערעדט, אַז מ'וועט זיי אומבייטן אויף דייטשע ציוויל־געפאַנגענע. פון דעם האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזט. פּלוצים האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז אין די באַראַקן, וואו די קינדער האָבן זיך געפונען, באַמערקט מען נישט קיין שום באַוועגונג. כאָטש די געשטאַפּאָ האָט דעמאָלט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד, האָט מען אָבער די קינדער מיטן יידישן פּערסאָנאַל, וואָס איז אַרום זיי אַרומגעגאַנגען, געבראַכט קיין אוישוויץ. אַראָפּגייענדיק פון צוג, ווערן זיי איינגעשטעלט צו פינף אין אַ ריי און מיטן גרעסטן טייל פון פּערסאָנאַל זענען זיי אַריינגעטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן.

ביים פאַרברענען די קינדער האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישער, טראַגישער פאַל. ווען איינער פון די יידישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט ביים פאַרברענען, האָט געוואָלט אַרויפנעמען אויפן גאָפּל, אויף וועלכן מען זעצט אַריין אין אויוון די טויטע קערפּערס פון די

פאַרגאַזטע, אַ קערפּער פון אַ פאַרגאַזט מיידעלע, האָט דאָס צען־יאָריקע קינד זיך גענומען בעטן, ער זאָל איר נישט פאַרברענען, ווייל זי לעבט דאָך נאָך. דער ייד האָט אירע תחנונים נישט דערהערט און אַ לעבעדיקע זי אַריינגערוקט אין אויוון.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט וועגן דעם געוועדט דער גאַנצער לאַ־גער. דער ייד, וועלכער האָט אויסגעפירט די פאַרברעכערישע טאַט, איז גלייך נאָכדעם משוגע געוואָרן און איז דורך די ס.ס.־גזלנים דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן.

אין שייכות מיטן דערמאָנטן טראַגישן פאַל, איז כדאי צו באַמערקן, אַז ס׳זענען געווען פאַלן, ווען קינדער זענען פאַרגאַזט געוואָרן צוזאַמען מיט עלטערע און אין דער צייט ווען די עלטערע זענען שוין געווען פולשטענדיק טויט, האָבן די קינדער נאָך אַרויס־געוויזן שוואַכע סימנים פון לעבן.

שווערע לאַגע פון די יידן אין די באַהעלטענישן

אין די לעצטע טעג פון דער וואָך זענען קיין סך יידן פון די באַהעלטענישן נישט אַנטדעקט געוואָרן. נישט געקוקט אָבער אויף דעם, איז די שטימונג געוואָרן אַלץ געדריקטער. ס׳האָט זיך גע־שאַפן דער איינדרוק, אַז די נאַצי־באַנדיטן וועלן פון געטאָ נישט אָפּטרעטן, ביז זיי וועלן פון איר נישט אַרויסשלעפּן דעם לעצטן ייד.

אויך די דערנערונגס־פראַגע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שווערער. כאָטש מעל האָט מען זיך דורך די נעכט אָנגעגרייט, איז אָבער זייער שווער געווען מיטן באַקן ברויט. ס׳זענען געווען איינצלנע יידן, וואָס פלעגן ריזיקירן און ביינאַכט אַריינכאַפּן זיך אין אַ פּאַר־לאָזענער יידישער בעקעריי, וואו זיי פלעגן אָפּבאַקן אַ געבעקס ברויט. גאַנץ אָפט פלעגן זיי שוין אויף מאָרגן באַצאָלן דערפאַר מיט זייערע לעבנס. די נאַצי־רוצחים פלעגן דערשמעקן, אַז ס׳איז אין דער בע־קעריי געבאַקט געוואָרן ברויט און זיי האָבן נישט גערוט ביז זיי פלעגן געפינען די יידן, וועלכע האָבן דאָס ברויט געבאַקן.

פאַר די צוויי וואָכן וואַלגערן זיך אין די באַהעלטענישן, איז מען געוואָרן אויסגעמאַטערט, נידערגעשלאָגן ביז דער לעצטער גרע־נעץ. פונם גרויסן שמוץ, אין וועלכן ס׳איז אויסגעקומען צו וואַל־גערן זיך, איז מען געוואָרן פאַרלייזיקט און נישט איינער איז קראַנק געוואָרן.

צוליב די אַלע סיבות האָבן טאַקע אַ היפּשע צאָל יידן פון די באַהעלטענישן זיך ווידער אָנגעהויבן אַריינגנבענען אין דער קליי־נער געטאָ, וואו מ׳האָט נאָך דערווייל געלעבט אין בעסערע באַדינ־גונגען ווי אין די באַהעלטענישן.

צום סוף פון דער צווייטער שחיטה־וואָך האָט מען געשאַצט די צאָל יידן אין די באַהעלטענישן אויף נישט מער ווי 500.

אין די ערשטע טעג פון דער דריטער שחיטה־וואָך האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז די קליינע געטאָ וועט היינט־מאָרגן ליקווידירט ווערן, ווייל די דאָרטיקע יידן זענען שוין אויך „איבעריקע". אַלע מאַשינעס מיט די רוי־מאַטעריאַלן זענען שוין פון געטאָ אַרויסגע־פירט געוואָרן, די הרוגים זענען שוין אויפגערוימט געוואָרן און די יידן פון דער קליינער געטאָ האָבן שוין מער נישט וואָס צו טאָן.

אַרויסגעפירט די יידן פון דער קליינער געטאָ

סוף וואָך איז טאַקע געקומען דער באַפעל, אַז אַלע יידן, וואָס געפינען זיך אין דער קליינער געטאָ אין דער צאָל פון העכער 1200 מאַן, (צווישן זיי 700 מיט שיינען און העכער 500, וועלכע האָבן זיך אַריינגעכאַפּט פון די באַהעלטענישן), ווערן אָפּגעפירט קיין לוב־לין־פּאָניאַטאָוו.

די דאָזיקע גרופּע יידן איז געפירט געוואָרן אין נישט דער ערך בעסערע באַדינגונגען, ווי מ׳האָט פריער געפירט די צענדליקער טויזנטער ביאַליסטאָקער יידן, און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאָניאַטאָוו, האָבן זיי באַקומען אַרבעט אין די דאָרטיקע פאַבריקן. די שטיקל צייט, וועלכע זיי איז דאָרט אויסגעקומען צו זיין, האָבן זיי געלעבט אין בעסערע באַדינגונגען, ווי מ׳האָט געלעבט אין אַנדערע לאַגערן.

דעם 3־טן נאָוועמבער, 1943, זענען אַלע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער פון פּאָניאַטאָוו, אין אַ צאָל פון 22 טויזנט מאַן (צווישן זיי ביי 9 טויזנט ביאַליסטאָקער), אַרויסגעפירט געוואָרן אויף אַ גרויסן פּלאַץ, וואו זיי זענען אַלע, אויפן באַפעל און אונטערן פּערזענלעכן אָנפיר פון לאַגער־קאָמענדאַנט, אָבערשטורעמפירער טו־מאַן, דערשאָסן געוואָרן.

אין דער גאַנצער צייט פון דער שוידערלעכער שחיטה האָט, לויט דער פאַראָרדנונג פון זעלביקן טומאַן, דער לאַגער־אָרקעסטער געשפּילט שטרויס׳ וואַלסן.

אין דער דערמאָנטער גרויזאַמער שחיטה זענען אומגעקומען כמעט אַלע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פונם ביאַליסטאָקער יידישן קיבוץ, סיי פון פאַר דער מלחמה, סיי פון די פינצטערע געטאָ־יאָרן.

די פּערטע שחיטה-וואָך

די פערטע שחיטה־וואָך — און דאָס זוכן די עטלעכע הונדערט באַהאַלטענע יידן אין געטאָ האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט. די שטימונג ביי די יידן פון די באַהעלטענישן איז אַ פאַרצווייפלטע און רעזיגנירטע. די ליקווידאַציע פון דער קליינער געטאָ האָט אויף זיי געמאַכט אַ שווערן רושם. ערשטנס, פלעגט מען דאָך ביי די דאָר־טיקע יידן יעדע נאַכט קריגן אַביסל ברויט צום שטילן דעם הונגער, און צווייטנס, ווען דאָס לעבן אין די באַהעלטענישן פלעגט שוין ווערן זייער שווער — פלעגט אַ היפּשע צאָל יידן זיך אַריינכאַפּן אין דער קליינער געטאָ. ס׳איז נאָך געווען אַ שטיקל „האָפנונג", אָבער איצט, נאָך דער ליקווידאַציע, זענען זיי געוואָרן אַזוי אַפּאַטיש און אָפּהענטיק, אַז גרויסע טיילן פון זיי האָט שוין אפילו נישט געאַרט, די נאַצי־רוצחים זאָלן זיי אַנטדעקן. מ׳האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון דער פאַרצווייפלטער, אויסזיכטלאָזער לאַגע.

די, וואָס האָבן באַשלאָסן ווייטער צו פירן דעם קאַמף פאַרן לעבן, האָבן איינע די אַנדערע געמוטיקט און געשטאַרקט. אין די נעכט האָט מען מיט פרישער ענערגיע זיך אַ נעם געטון זאַמלען שפּייז. מ׳האָט באַשלאָסן צוגרייטן עסנוואַרג אויף אַ לענגערע צייט און אויסהאַלטן.

די דערמאָנטע יידן זענען אויך צוגעטראָטן צו בויען פּליטעס אין די באַהעלטענישן. די פּליטעס האָבן געמוזט געמאַכט ווערן אַזוי, אַז דער רויך זאָל אַרויסגיין אין אַזאַ אָרט, וואו ער זאָל נישט אַזוי גרינג קענען באַמערקט ווערן. דאָס איז אָנגעקומען זייער שווער דורכצופירן. דער ווילן צום לעבן האָט אָבער גובר געווען אַלע שוועריקייטן און די פּליטעס זענען אויסגעבויט געוואָרן. מ׳האָט שוין געהאַט די מעגלעכקייט אין די נעכט צו באַקן פּלעצלעך אָדער אָפּ־קאָכן עפּעס און אויף אַזאַ אופן דערנערן זיך מיט דער פאַמיליע.

די שחיטה איז „אָפיציעל" פאַרענדיקט

פונקט צום חודש, דעם 16־טן סעפּטעמבער, 1943, איז אָפּגע־שטעלט געוואָרן די „אַקציע" און גלייכצייטיק זענען איבערגעריסן געוואָרן די נאַכט־שיסערייען אויף דער געטאָ.

אין זעלביקן טאָג האָט אַ גרופּע פון פערציק עלטערע נאַצי־גזלנים איבערגענומען די שמירה איבער דער גאַנצער געטאָ.

די דערמאָנטע נאַציס האָבן זיך איינגעקוואַרטירט אינם לאָקאַל פון געוועזענעם יידישן אַרבעטס־אַמט, באַלד ביים אָנהויב יוראַווצער גאַס, פון וואַנען זיי פלעגן אין פּאַטרולן צו צוויי צעשיקט ווערן איבער דער געטאָ. ווען זיי פלעגן ערגעץ וואו אין אַ שטוב דערהערן אַ גערויש, פלעגט איינער פון די נאַציס אַוועקלויפן ברענגען נאָך עט־לעכע רוצחים און אַלע צוזאַמען פלעגן זיך נעמען זוכן די באַהאַל־טענע יידן, וועלכע זיי פלעגן אין ס'רוב פאַלן אַנטדעקן. אַ סך פלעגט געלינגען צו אַנטלויפן, ווייל ווי שוין פריער דערמאָנט, איז די וואָך באַשטאַנען פון אַלטע לייט און אינוואַלידן, פון וועמענס הענט ס'איז געווען גרינגער אַרויסצודרייען זיך, ווי פון די יונגע גזלנים.

נײנטער קאַפּיטל

פון דער באַהעלטעניש אין געטאָ ביז קײן זאַקסענהױזן

אָנגעהױבן זיך דאָס אַרױספירן דאָס יידישע האָב און גוטס פון געטאָ

דעם 16־טן סעפּטעמבער איז די געטאָ צעטײלט געװאָרן אין צװײ באַזונדערע טײלן. אויף עק קופּיעצקע און יוראָװוצער איז אויסגעבויט געװאָרן אַ הויכער טויער און לענגאויס יוראָװוצער גאַס זענען אַלע פענצטער פון די הײזער, װאָס האָבן זיך געפונען אויף דער זײט פון מאַרקוסעס פאַבריק, פאַרהאַקט געװאָרן מיט ברעטער. אויף די פרײַע פּלעצער זענען אָװעקגעשטעלט געװאָרן גרויסע פאַרקאַנעס אַזוי, אַז נײַ־װעלט, ביעלאָסטאָטשאַנער, פאָלנע און אַנדערע גאַסן פון יענער שטאָט־טײל זענען אָפּגעטײלט געװאָרן פון פאַבריטשנע, טשעפּלע און די איבעריקע גאַסן פון דעם ראַיאָן.

װי ס'װײַזט אויס, איז די אָפּצאַמונג געמאַכט געװאָרן מיט דעם ציל, אַז די באַהאַלטענע יידן פון אײן טײל געטאָ זאָלן נישט קענען קומען אין באַרירונג מיטן צװײטן טײל און אויף אַזאַ אופן זאָל זיך אײַנגעבן גיכער צו ליקװידירן דאָס ביסל נאָך פאַרבאַהאַלטענע יידן.

די אַרבעט פון אַרויספירן דאָס יידישע פאַרמעגן פון געטאָ האָט איבערגענומען אַ פּריװאַטע דײַטשע פירמע, װעלכע האָט עס דורכגעפירט מיט די הענט פון די פאַרשלעפּטע פון רוסלאַנד װײַסרוסן, אוקראַינער און רוסן, אונטערן אָנפיר פון פּױלישע פאַרראַטער. זײ האָבן אָנגעהויבן זײער אַרבעט צוערשט אין קלענערן טײל געטאָ, דאָס הײסט אין ראַיאָן פון פאַבריטשנע און טשעפּלע.

די אויסראַבירונג פון די יידישע פאַרמעגנס איז דורכגעפירט געװאָרן מיט דײַטשער פּינקטלעכקייט און פּלאַנמעסיקייט. צום אָנהויב זענען אַרויסגעפירט געװאָרן די װײכע זאַכן. דאָס האָט געדויערט אַ װאָך צײַט.

אויף דער צווייטער וואָך איז אַרויסגעשלעפּט געוואָרן דאָס מעבל, וואָס איז אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס אָפּגעפירט געוואָרן אין סקלאַדעס, פון וואַנען די בעסערע זאַכן זענען אָפּגעשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד און די ערגערע זענען פאַרקויפט געוואָרן דער פּויליש,ער באַפעלקערונג.

פּונקט צום חודש, דעם 16־טן אָקטאָבער 1943, איז פאַרענדיקט געוואָרן דאָס אַרויספירן פונם גאַנצן יידישן פאַרמעגן פון דעם קלענערן טייל געטאָ.

די רייניקונג איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי גרינטלעך, אַז פון די בוידעמער זענען אפילו אַראָפּגעשלעפּט געוואָרן די שמאַטעס, וואָס זענען דאָרטן געלעגן פון מערערע יאָרן. ס'זענען אויך גרינטלעך אויסגערייניקט געוואָרן די שטאַלן, וואו ס'איז אפילו קיין ברעקל האָלץ נישט איבערגעלאָזט געוואָרן. די געפונענע פאָטאָגראַפיעס, ביכער און דאָקומענטן זענען אויף יעדן הויף פאַרברענט געוואָרן. זוען פון אומעטום איז שוין אַלץ געווען פולשטענדיק אַרויסגערוימט, זענען די וואוינונגען אויסגעקערט געוואָרן, ווי מ'וואָלט זיי צוגעגרייט אַריינצונעמען נייע לאָקאַטאָרן.

דאָס לעבן אין די באַהעלטענישן ווערט נאָך שווערער

פאַר די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די באַהעלטענישן, איז דער חודש געווען זייער אַ שווערער, ווייל די אַרבעטער, וועלכע זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויפרוימן דאָס יידישע האָב און גוטס, האָבן כמעט דעם גאַנצן טאָג זיך געפונען אין די וואוינונגען און דער מינדסטער שאָרך אָדער הוסט אין אַ באַהעלטעניש האָט געקענט ברענגען דעם טויט. אָנשטאָט צו קריגן אַ קליין ביסעלע הילף און מיטלייד אין אונדזער גרויסן אומגליק פון די אַליין געליטענע פעלקער, האָבן זיי גאָר געזוכט די געלעגנהייט צו פאַרניכטן די לעצטע רעשטלעך אונדזערע. זיי האָבן אַלץ געטאָן און מיטגעהאָלפן די נאַצי־בעסטיעס דורכצופירן זייערע פאַרברעכערישע און מענטשן־פרעסערישע צילן. זיי האָבן אויך געהאַט אַ טרויעריקן חלק ביים אויפדעקן באַהעלטענישן.

ביינאַכט איז שוין אויך געוואָרן זייער שווער אַרויסצוקריכן פון די באַהעלטענישן, ווייל איבער דער געטאָ זענען אַרומגעגאַנגען נאַצי־פּאַטרולן אין וואָליקעס, כדי מ'זאָל נישט הערן זייערע שווערע טריט, צוליב וואָס זיי איז טאָקע איינמאָל געלונגען צו אַנטדעקן באַהאַל־

טענע יידן. ווען אַ פּאָר צענטליק יידן האָבן זיך אין אַ געוויסן אָוונט געפונען אין יידן־ראַט־גאָרטן ביים סטאַוו, פון וואַנען זיי האָבן געוואָלט זיך אַנגרייטן אַביסל וואַסער, האָבן די באַנדיטן אומבאַמערקטערהייט פּלוצים אָנגעהויבן שיסן אין דער ריכטונג צום סטאַוו און דריי יידן זענען שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. נאָכן דאָזיקן פאַל האָט מען אפילו מורא געהאַט צו גיין נאָך וואַסער.

פון 16־טן סעפּטעמבער ביזן 16־טן אָקטאָבער זענען מיט דער הילף פון די אַרבעטער אויפגעדעקט געוואָרן די באַהעלטענישן פון אַ צוויי הונדערט יידן, וועלכע זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה; ווען ס'פלעגט זיך דאָרט אָנזאַמלען אַ גרופּע פון פופציק פּערזאָן, פלעגט מען זיי אַרויספירן קיין נאָוואָשאָלקי, פון וואַנען זיי זענען שוין קיין לעבעדיקע נישט צוריקגעקומען.

די וואָך פון געטאָ־פּאַרקאַן איז נאָכן 16־טן סעפּטעמבער שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרן. די סיטואַציע האָבן אויסגענוצט די פאַרבליבענע עטלעכע צענטליק זעלבסטשוץ־מיטגלידער און האָבן זיך אין די נעכט אַריבערגעכאַפּט אויף יענער זייט פּאַרקאַן. איינצלנע פון זיי געפינען זיך צווישן די לעבעדיקע.

צוליבן צונעמען דאָס מעבל, וואָס האָט אין ס'רוב פאַלן געדינט אַלס דער מאַסקירטער אַריינגאַנג צו דער באַהעלטעניש, האָט זיך פּאַר די יידן, וואָס זענען אין זיי געלעגן, געשאַפן זייער אַ שווער פּראָבלעם. מ'האָט געמוזט אויף גיך צוגרייטן נייע אַריינגענג און וואו ס'האָט זיך נישט געלאָזן זיי מאַכן, איבערקלייבן זיך אויף אַנדערע ערטער און איינאָרדנען פרישע באַהעלטענישן. אין איניקע באַהעלטענישן האָט מען זיך אפילו פּאַרמויערט. איין מאָל אין וואָך, זונטיק, ווען די אַרבעטער פלעגן אין געטאָ נישט קומען, האָט מען זיך אָפּגעמויערט און אַרויסגעטראָגן די אָנגעקליבענע שמוץ פון דער וואָך און צוגעגרייט וואַסער און שפּייז פּאַר דער קומענדיקער וואָך.

מ'האָט זיך קוים אַן עצה געגעבן מיט דער צרה פון די צוגענומענע מעבל, איז באַלד געקומען אַ פרישע נאַטור־מכה. דער ווינטער האָט דעמאָלט זיך אָנגעהויבן פריער ווי נאָרמאַל. יעדע נאַכט פלעגט שיטן פול מיט שניי און דאָ דאַרף מען גיין נאָך וואַסער אָדער נאָך עפּעס אַנדערש און ס'איז קענטיק יעדער טריט, איז טאַקע געוואָרן זייער שווער און ביטער און מ'האָט ווידער אָנגעהויבן האָפן אויף נסים.

דער פאַרראַט פון „באַקאַנטע" פּאָליאַקן

אַט אַזוי האָט אויסגעזען די לאַגע פון די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַלגערט אין די באַהעלטענישן אַכט וואָכן נאָכן ערשטן טאָג פון דער שחיטה.

די אַלע אויסגערעכנטע פּרישע שוועריקייטן האָבן באַוואויגן אַ סך יידן פון די באַהעלטענישן אַרויסצורייסן זיך פון געטאָ און קומען אין באַרירונג מיט „באַקאַנטע" קריסטן. עטלעכע פּאָליאַקן האָבן אפילו צוגעזאָגט זיי אַריינצונעמען צו זיך מיטן באַדינג, אַז מען זאָל זיי ברענגען אַ סך ווערטפולע חפצים. די יידן האָבן געטאָן אַלץ, כדי די דאָזיקע פּאָליאַקן צו באַפרידיקן. ווען זיי פלעגן אָבער אַריבערקומען מיט זייער פאַמיליע, האָבן שוין דאָרטן געוואַרט געשטאַפּאָ־באַנדיטן, וועלכע פלעגן זיי תיכּף פאַרהאַלטן און אָפּפירן אין תפיסה. נאָך עטלעכע טעג זיצן האָט מען זיי אַרויסגעפירט און דערשאָסן. אַט אַזוי האָבן געהאַנדלט ס'רוב פּאָליאַקן בנוגע זייערע אַלטע גוט־באַקאַנטע יידישע פריינט.

יידן צעשטערן זייערע וואוינונגען

נאָכדעם ווי פון ראַיאָן פאַבריטשנע־טשעפּלע איז שוין אַלץ געווען אַרויסגעפירט, האָט זיך פאַר די יידן, וועלכע זענען נאָך דאָרטן געלעגן אין די באַהעלטענישן, געשאַפן אַ פרישע שווערע זאָרג. די יידן האָבן מורא געהאַט, אַז אין די אויסגעליידיקטע און אויפגערוימטע וואוינונגען וועלן די דייטשע מערדער אַריינזעצן נייע שכנים. אויב מען וואָלט דאָס דורכגעפירט, וואָלט אויף די באַהאַלטענע יידן געלויערט אַ געפאַר נישט ווייניקער ווי פון די נאַצי־גזלנים. האָט מען צווישן זיך אָפּגערעדט, אַז אין די וואוינונגען, וואו עס געפינען זיך באַהעלטענישן, זאָל מען אַרויסרייסן די פענצטער־ראַמען, צעברעכן די אויוונס און אַנמאַכן אַנדערע חורבנות. ווען די צייט וועט דערלויבן, זאָל מען דאָס זעלביקע אויך טאָן אין די שכנותדיקע הייזער. מיט דעם האָט מען געוואָלט זיך פאַרזיכערן, אַז לכל הפּחות אין די נאָענטע הייזער פון די באַהעלטענישן זאָל מען נישט האָבן קיין פרעמדע שכנים.

ביי די דאָזיקע אַרבעטן איז מען געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן, ווייל מ'האָט דאָך געמוזט ברעכן און רייסן און דאָס אַלץ האָט מען געדאַרפט טאָן ביינאַכט, ווען מ'זעט נישט און מ'הערט

נישט פון וואַנען די נאַצי־וואַך קען פּלוצים אַרויסשפּרינגען. דער ווילן צום לעבן האָט ווידער גובר געווען די לעבנס־געפאַר. מ׳האָט געבראָכן, צעשטערט און חרוב געמאַכט די וואוינונגען, וואָס האָבן געדראָט די לעבנס־עקזיסטענץ, ווען זיי וואָלטן פאַרנומען געוואָרן פון פרעמדע.

אויך דער שרייבער פון דער טרויעריקער כראָניק איז, צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע און נאָענטע, וואָס האָבן זיך מיט אים געפונען אין באַהעלטעניש, צוגעטראָטן צו צענעמען די אויוונס און אַרויס־רייסן די פענצטער־ראָמען פון זיין אייגענער הויז.

מיר ווערן אַנטדעקט

הושענה־רבה אין דער פרי. אויסגעמאַטערטע ליגן מיר אין אונדזער באַהעלטעניש און שווייגן. פּלוצים דערהערן מיר שווערע טריט און איידער מיר האָבן נאָך צייט אַ טראַכט צו טאָן, האָבן שוין לאָמען און העק געריסן די טאָפּלטע פּאָדלאָגע פון אונדזער פּאָדער־הויז. אונטן אין קעלער זענען געלעגן פאַרמויערט ניין פער־זאָן: מיין משפחה פון פיר נפשות, מיין שוואָגער יהושע בינדער מיט זיין ווייב און צוויי קינדער און מיין זונס חבר.

צום טויט דערשראָקענע און פאַרשלאָפענע, האָבן מיר זיך האַלב־נאַקעטע גענומען אַריינשאַרן אין רעזערוו־קעלער, וואָס מיר האָבן אויסגעבויט דורך די נעכט מיט אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענ־גונג און מי. אין גרויס איילעניש האָבן מיר אָבער נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן דעם אַריינגאַנג און דאָס האָט דערפירט צו אונדזער אַנט־דעקונג.

נאָכן אויפרייסן די טאָפּלטע פּאָדלאָגע האָט זיך אַן אַלטער גע־שטאַפּאָ־באַנדיט אַראָפּגעלאָזן אין אַריינגאַנג פון דער צווייטער באַ־העלטעניש און געהאַלטן אין איין שרייען, מיר זאָלן אַרויסגיין. גלייכצייטיק האָט ער נישט אויפגעהערט צו שיסן. נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס דער אַריינגאַנג איז געמאַכט געוואָרן אין זיגזאַגן האָט ער כסדר געטראָפן אין די ווענט.

אַ צווייטער נאַצי־רוצח איז געשטאַנען אויף דער גאַס. אַרום דעם הויז זענען אויך געשטאַנען אַ גרופּע קריסטלעכע אַרבעטער, וואָס האָבן, זוכנדיק אין אונדזער אויסגעליידיקטער שטוב אוצרות, מן הסתם דערהערט אַ הוסט אָדער אַ שאָרך און האָבן אָנגעוויזן די נאַצי־באַנדיטן, אַז דאָ ליגן פאַרבאַהאַלטענע יידן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס הויז איז געווען אַרומגע־רינגלט, האָט מיין זון מיט דער טאָכטער, דער שוואָגער מיט זיין 10־יאָריקן יינגעלע און מיין זונס חבר, נחום קאָזאַק, אויפגעבראָכן אַ פּאַרמאַסקירטן אַרויסגאַנג און געגומען אַנטלויפן. די אַרבעטער האָבן אָנגעהויבן נאָכיאָגן מיין זון מיט זיין חבר. אַ דאַנק זייער פלינקייט און אויך דאָס, וואָס זיי זענען געווען באַקאַנט מיט יעדן ווינקעלע פון די דאָרטיקע געסלעך און הויפן, איז זיי געלונגען צו פאַרשווינדן. מיין שוואָגער יהושע בינדער איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל ביים אַרויסרייסן זיך פון דער באַהעלטעניש. ער האָט נאָך באַוויזן דערלויפן צו באָוך דעם שלאָסערס אָפּגעברענט הויז, דאָרטן איז ער געפאַלן אַ באַגאָסענער אין אַ טייך בלוט.

מיין 23־יאָריקע טאָכטער, נחמה, און דעם 10־יעריקן פּלימעניקל, ישראל בינדער, איז געלונגען צו באַהאַלטן זיך צווישן די אָפּגע־ברענטע הייזער. פון די ניין פּערזאָן זענען אַזוי אַרום פאַרבליבן אין באַהעלטעניש נאָר 4: איך, מיין פרוי, די שוועגערין און די פּלימע־ניצע הדסהלע בינדער, וועלכע געפינט זיך היינט צווישן די געראַ־טעוועטע.

ווען די נאַצי־רוצחים האָבן דערזען די דרייסטקייט פון יידן, וועלכע האָבן אין לעצטן מאָמענט זיך געקענט אַרויסרייסן פון זייערע הענט, זענען זיי אַריין אין אַ שרעקלעכער רציחה און גענומען שרייען צו אונדז, מיר זאָלן גלייך אַרויסגיין, אין קעגנפאַל וואַרפן זיי אַריין האַנט־גראַנאַטן. מיין פרוי, שוועגערין און פּלימעניצע זענען אַרויס־געקראָכן. איך בין געבליבן ליגן אַ באַהאַלטענער צווישן דעם אָנגע־וואָרפענעם גרוז.

די צוויי נאַצים, וואָס האָבן געפירט מיין פרוי, מיט איר שוועס־טער און קינד צום אַרעסט־הויז אויף יוראָוועצער גאַס, האָבן זיך ביי זיי אויסגעפרעגט וויפיל מענטשן עס האָבן זיך געפונען אין דער באַהעלטעניש. אַראָפּרעכענענדיק די אַנטלאָפענע שטעלן זיי פעסט, אַז איינער דאַרף זיך נאָך דאָרטן געפינען.

אין דער צייט, וואָס די נאַצי־רוצחים זענען נישט געווען, האָב איך געמאַכט עטלעכע פּרוואון אַרויסצולויפן. די אַרבעטער האָבן אָבער געהאַט אַרומגערינגלט דאָס גאַנצע הויז און פון די פּרוואון איז גאָרנישט געוואָרן. איידער וואָס־ווען זענען ביידע נאַצי־רוצחים צוריקגעקומען און גענומען זוכן זייער פעלנדיקן קרבן. איינער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין קעלער און דער צווייטער איז געבליבן שטיין

אויף דער גאַס. דער, וואָס האָט געזוכט אין קעלער, האָט געטראָגן אויף דער ברוסט אַ גרויסן ברענענדיקן עלעקטרישן טאַשן־לאָמפּ, אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ רעוואָלווער און מיט דער לינקער האָט ער אָנגעהויבן צו נישטערן און זוכן צווישן די פּעק אָנגעוואָרפענע זאַכן. ווי נאָר ער פּלעגט עפּעס געפינען אַ ווערטפולן חפץ, פּלעגט ער באַלד אַרויסשרייען צו זיין חבר, אַז „די יידישע פאַרברעכער האָבן דאָ איבערגעלאָזן אַ גוטס!" און אַזוי שרייענדיק וואַרפט ער יעדע עטלעכע מינוט אַרויס פאַר זיין חבר אַן אַנדער חפץ.

דאָס אַלץ האָב איך געזען און געהערט ליגנדיק אַ טראָט פונעם נאַצי־רוצח. פילנדיק, אַז מיינע סעקונדן זענען געציילטע, איז דאָס האַרץ אין מיר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען פאַר שרעק. אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיין גאַנצן קערפּער. זוכנדיק ווייטער, האָט דער נאַצי־מערדער מיך אַנטדעקט. פאַר שרעק זענען אים אַרויסגע־פאַלן די זאַכן, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט. ער קומט אָבער באַלד צו זיך און שרייט אויס מיט פרייד צו זיין חבר, אַז ער האָט געפונען דעם פאַרשטעקטן יידן.

דער נאַצי־רוצח פירט מיך אַרויס אויף דער גאַס און גיט מיך איבער צום צווייטן. יענער באַפעלט מיר אַוועקצושטעלן זיך מיטן פּנים צו דער ערד און הויבט מיר אָן שטעלן קשיות, פאַרוואָס בין איך אַזוי לאַנג געלעגן אין באַהעלטעניש, ווייסנדיק, אַז עס דראָט פאַר דעם טויט־שטראָף. ער אונטערשטרייכט דערביי, אַז ער אַליין האָט נאָך אויף זיין לעבן קיינעם נישט געשאָסן. ער רעדט ווייטער און דערציילט, אַז אַלע ביאַליסטאָקער יידן זענען אַרויסגעפירט גע־וואָרן קיין לובלין, וואו זיי אַרבעטן און זענען צופרידן, אַז איך האָב געמאַכט אַ גרויסן פעלער, וואָס איך האָב זיך ביז היינט באַ־האַלטן און דאָס וועט מיר קיין גוטס נישט ברענגען. ער ספקט, צי איך וועל שוין בכלל קענען אָנקומען קיין לובלין. ער מאַכט זיך נאַאיוו און תמעוואַטע און זאָגט, אַז ס'איז אַ שאָד דאָס געלט, וואָס כ'האָב שוין געקענט אָפּנעמען פאַר די ניין וואָכן אַרבעט.

כ'האָב אים געענטפערט, אַז כ'בין אַן אַרבעטער און דאָס אַלץ, וואָס ער זעט דאָ, איז דורך מיר איינגעשאַפט געוואָרן אין משך פון צענדליקער יאָרן שווערער פּראַצע און שפּאָרזאַמער ווירטשאַפט, האָב איך עס נישט געקאָנט פאַרלאָזן. נאָר מיט געוואַלט קאָן מען מיך פון דאַנען צונעמען. דער נאַצי־רוצח האָט שטילשווייגנדיק צו־

געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אַ פרעג געטאָן, צי איך האָב אַ גאָלדענעם זייגער אָדער געלט, אויב יאָ, זאָל איך עס אים אוועק־געבן, ווייל סיי־ווי־סיי וועט מען אין דער געשטאַפּאָ דאָס ביי מיר צונעמען.

אין דער זעלביקער צייט האָט דער נאַצי־רוצח, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער, ווייטער געזוכט אין די פּעק זאַכן. העכער אַ שעה צייט בין איך געלעגן מיטן פּנים צו דער ערד. ווען דער נאַצי־רוצח איז אַ באַלאָדענער מיט גוטס אַרויסגעקראָכן פון קעלער, האָבן די צוויי נאַצי־רוצחים מיר באַפוילן זיך אויפהויבן, געמאָלדן, אַז זיי פירן מיך אין אַרעסט און געוואָרנט, אַז אויב כ׳וועל מאַכן אַ פּרואוו צו אַנטלויפן, וועלן זיי מיך דערשיסן.

דער וועג פון אונדזער שטוב ביזן אַרעסט־הויז אויף יוראָווצער גאַס האָט אויסגעזען שרעקלעך: פּוסט און וויסט ווי אויף אַ בית־עולם. פונם גאַנצן אַרום האָט אַרויסגעשריגן איין גרויסער יאָמער אויפן אומדערהערטן יידישן חורבן.

אין אַרעסט־צימער

ווען איך בין אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַרעסט־צימער, האָב איך דאָרט קיינעם נישט געטראָפן און ס׳האָט זיך מיר אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ, ווייל איך בין געוואָרן איבערצייגט, אַז מיינע נאָענטסטע און טייערסטע זענען שוין געווים נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

נאָכן אָפּזיצן עטלעכע שעה איינער אַליין אין אַרעסט־צימער, האָט אַ נאַצי־רוצח אַריינגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט. איך האָב אים אַ פרעג געטון, וואו זענען די פרויען, וועלכע זענען געכאַפּט געוואָרן אין אונדזער באַהעלטעניש. ער ענטפערט מיר, אַז זיי זענען שוין אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה.

די נאַכט אין אַרעסט־קאַמער איז אַ שרעקלעכע. פאַרשידענע רעיונות יאָגן זיך דורכן מוח. איך מאַך אַ חשבון־הנפש פונם פאַר־לאָפענעם לעבן און איך ווינטש זיך בלויז איין זאַך — מיינע ליבע קינדער זאָל כאָטש געלינגען צו ראַטעווען זיך. אין קאַמער אויף די ווענט האָב איך געזען אויפשריפטן פון הונדערטער יידן, וועלכע האָבן פאַרצייכנט, אַז אין דער און דער דאַטע האָבן זיי זיך דאָ גע־פונען אין די לעצטע שעהן פון זייער לעבן.

פון די נעמען געדענק איך בלויז איינעם, גערשוני, דעם מאַנו־

פאַקטור־קרעמער און פּאָפּולערן בעל־תּפילה (אײדעם פון כייקל אַליאַן פון טשעפּלע גאַס).

צען אַזייגער אין דער פרי ווער איך אָפּגעפירט אין דער געטאָ אין אַסטראָוואָסקים האָטעל אויף שענקעוויטשאַ גאַס. אויפן שטיקל וועג, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצוגיין, קומען מיר אַנטקעגן ציווילע דייטשן, וועלכע פרעגן דעם נאַצי־רוצח, וואָס האָט מיך געפירט, ווער איז דאָס דער מערדער. מיין שומר האָט זיי געענטפערט, אַז איך בין אַן איצט געכאַפּטער ייד אין געטאָ. גיבן אים די ציווילע דייטשע א „פריינטלעכע" עצה, ער זאָל מיך דאָ אויף דער גאַס פּאַרטיק מאַכן.

אין קעלער פון דער געשטאַפּאָ

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין געשטאַפּאָ־הויף, וואו מ׳האָט מיך געלאָזן שטיין צוויי שעה מיטן פּנים צו דער וואַנט און דערנאָך אַריינגעוואָרפן אין פייניקונגס־קעלער. דאָרטן איז קיינער נישט געווען. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געוואַלגערט מיין פּרוים א סוועטער, א פּאָר זאָקן און אין א ווינקל איז געלעגן א צען־דאָלאַר־שיין. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן עגבערן דער געדאַנק, אַז פון דאַנען זענען זיי שוין אַרויסגעפירט געוואָרן צום דערשיסן. כ׳האָב נאָך נישט באַוויזן רעכט אומצוקוקן זיך, ווי ס׳איז אַריינגעלאָפן א ווייסרוסישער געשטאַפּאָ־רוצח און האָט צוגענומען די איבערגעלאָזענע זאַכן צוזאַמען מיט די צען דאָלאַר.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען אַריינגעפירט צוויי פּאָליאַקן, איינעם פון א יאָר 50 און דעם צווייטן א 35־יעריקן פעסט־געבויטן לאַנדווירט. כ׳הויב זיך אָן נאָכפרעגן ביי זיי אין וואָס זיי ווערן באַשולדיקט און אָט וואָס זיי דערציילן מיר: דער 50־יעריקער ווערט באַשולדיקט אין דעם, אַז אויף זיין פּאַראָם, אויף וועלכן עס ווערן איבערגעפירט מענטשן מיט פערד איבער דער נאַרעוו, האָבן זיך אַריבערגעשיפט פּאַרטיזאַנער און ער ווערט דערפאַר באַשולדיקט אין מיטהעלפן זיי. אַלע זיינע טענות פאַר דער געשטאַפּאָ, אַז דער פּאַראָם איז נישט אין זיין רשות, אַז ווער ס׳דאַרף באַנוצט זיך מיט אים, האָט די געשטאַפּאָ גאָרנישט איבערצייגט; ער האָט אויך געטענהט, אַז ער איז א רייכער פּויער און האָט פיינט די סאָוויעטן מיט זייערע קאָלכאָזן, אַז ער האָט זיך קוים דערוואַרט אויף די דייטשן, וועלכע ער האָט ביי זייער אָנקום צום צווייטן מאָל באַגעגנט מיט בלומען,

און האָט די גאַנצע צייט מיטגעאַרבעט לאָיאַל מיט דער דייטשער מאַכט.

אויפן 35־יעריקן האָבן די שכנים־פּאָליאַקן דערלאַנגט אַ מסירה, אַז ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1939 פאַרלאָזן דעם ביאַליסטאָקער ראַיאָן, האָט ער דערמאָרדעט צוויי זשאַנדאַרמען. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן אין קנישין און אַ וואָך צייט האָבן די דאָרטיקע זשאַנדאַרמען אים שרעקלעך געפּייניקט. ער טענהט אָבער, אַז ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, אַז דאָס איז בלויז אַ נידערטרעכטיקער בלבול פון זיינע שכנים, וועלכע האָבן זיך מיט אים צעשלאָגן איבער אַ שטיקל ערד.

ביידע לויפן אַרום איבערן ענגן קעלער־קעמערל ווי צעמישטע. פּלוצים דערזעען זיי, ווי די פּאָדלאָגע איז רויט, פון וואָס זיי ווערן שיער נישט משוגע. זיי לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד און קוקן זיך גוט איין אויפן צעמענטענעם דיל און שטעלן פעסט, אַז די פּאָדלאָגע איז רויט פון מענטשלעכן בלוט. זיי הויבן אָן בעטן גאָט, אַז דאָ זאָל מען זיי נישט דערמאָרדן, ער זאָל מיט זיי טאָן דעם חסד, זיי זאָלן דערשאָסן ווערן אָן מאַטערניש.

אין מיטן זייער געבעט עפנט זיך פּלוצים די טיר און ס'ווערט אַריינגעשטויסן אַ בלאָנדער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק, וועלכער האַלט אין איין שרייען, אַז אין דער קאַמער געפינען זיך יידן, אויף וועלכע ער קען נישט קוקן, ווייל ער האָט זיי פיינט און קען דעריבער נישט געפינען זיך מיט זיי צוזאַמען אין איין קאַמער. ער בעט זיך ביים פּעט אָנגעפּרעסענעם ציוויל געקליידעטן געשטאַפּאָאַגענט, ער זאָל אים אַריינזעצן אין אַ צווייטער קאַמער. דער געשטאַפּאָוויעץ באַרואיקט אים אָבער, אַז דאָ געפינט זיך בלויז איין ייד. דער אויסטערלישער פּאַרשוין ווערט געלאַסענער און כלומרשט בגעוואַלט פאַרבלייבט ער מיט אונדז.

ווען דער פאַרשוין האָט זיך שוין אינגאַנצן באַרואיקט, האָט ער פאַר אונדז דערציילט, אַז ער ווערט באַשולדיקט אין דעם, אַז ער איז אַ ייד און אַז די אַרישע פּאַפּירן זיינע זענען פאַלשע. די אונטערזוכונג, וואָס די געשטאַפּאָ האָט איבער אים דורכגעפירט, האָט באַוויזן, אַז ער איז אַ ייד, זיין אויסזען איז אויך געווען אָן עכט־יידישער. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער איז אָן שום ספק אַ ייד און כ'האָב געהאַט אַ פעסטן חשד, אַז ער איז אַן אַגענט פון דער געשטאַפּאָ, האָט זי אים דעריבער אַריינגעוואָרפן אַהער, כדי ער זאָל דערגיין עפּעס ביי די צוויי שווער באַשולדיקטע פּאָליאַקן.

דורך די גאַסן פון חורבן ביאַליסטאָק

פאַרנאַכט־צייט זענען מיר זאַלבעפערט ארויסגעפירט געוואָרן פון געשטאַפּאָ־קעלער. מאָמענטאַל ווערן מיר איינע צו די אַנדערע צוגע־שמידט מיט קייטן ביי די הענט. אין אַזאַ צושטאַנד ווערן מיר ארויפגעטריבן אויף אַן אויטאָ, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך שוין גע־פונען עטלעכע צענטליק ווייסרוסישע פויערים, כלומרשטע פּאַרטיזאַנער. אונטער אַ שטאַרקער וואַך פירט מען אונדז דורך סוראַזער גאַס צו די ברייטע פּיאַסקעס. פאַרנדיק טראַכט איך, — דאָס זענען שוין מיינע לעצטע מינוטן.

די גאַסן, וואו ס׳האָט אַמאָל געקאָכט פון אַ יידיש לעבן, זענען אויסגעשטאָרבן, ליידיק. וואו די אויגן קענען נאָר דערגרייכן, זעסטו חורבות. געדאַנקען און בילדער יאָגן איינס דאָס אַנדערע. דאָרטן אין די ווינקלען, אויף די הויפן, האָבן פריילעכע יידישע קינדערלעך, די צוקונפטיקע אַרבעטער און בויער, סוחרים און לערנער, דער טרייסט פון אַ פאָלק, זיך געשפּילט און געזונגען יידישע לידער. וואָס האָסטו, היטלער־חיה, מיט די אומשולדיקע יידישע קינדערלעך אָפּגע־טאָן? פאַרברענט, צעריסן אויף שטיקער.

אָט זענען זיי, די גאַסן און הייזער, געפּאַקטע מיט יידן. ווי די מוראַזשקעס האָבן זיי, מיט פלייס און אַרבעט, ערלעך געבויט זייערע היימען — דער שלאָסער און דער סטאָלער, דער שוסטער און דער שניידער, דער בלעכער און דער פריזירער, דער קרעמער און דער קונה; געווען אַ פאָלק, לעבעדיקע אברים פון אַ וועלט־פאָלק, — פאַרוואָס האָסטו, רוצח, פריצייטיק זייערע לעבנס פאַרשניטן? פאַרוואָס?

און אָט גייען זיי פאַרטאָג און פאַרנאַכט, אין דער וואָכן און שבתים, אין יום־טובים און ימים־נוראים; פאַרחושכטע און פאַרהאָ־רעוועטע, האָרעפּאַשנע און פאַרהאָוועטע, באַלעבאַטים און נגידים, חסידים און מתנגדים, אַלטע און קינדער, מענער און פרויען, אַלע גייען זיי, זיי שטראָמען צו דער גרויסער שול און צו די בתי־מדרשים, צו די שטיבלעך און מנינים. אָבער וואו זענען זיי פאַרשוואונדן? פאַרוואָס איז געוואָרן אַזוי שטיל? וואָס האָסטו, נאַצי־מערדער, מיט זיי געמאַכט? נישטאָ מער די האַרציקע ביאַליסטאָקער יידן. נישטאָ! אַרום איז שטום. אַ בית־עולם. שטיל. די יידישע גאַס איז טויט. די גאַס, וואו די שפּראַך, די ברכה, די קללה, דער טומל, די שמחה,



דאָס חרובע יידישע ביאַליסטאָק

דער טרויער איז געווען יידיש, אַלץ האָט געלעבט יידיש, — די גאַס איז טויט.

אין די הייזער פון אַמאָל־די חרובע און אויסגעליידיקטע גאַסן האָבן דאָך אונדזערע טייערע מאַמעס און באָבעס געפּראַוועט יום־טובים, געמאַכט שבת, זויבער, שמעקעדיק. אויף די פּנימער האָט געגרוט די שכינה, אויף די טישן — אָנגעצונדענע ליכט. איצט? פינצטער, חושך, די חיהשע בעסטיע האָט דעם יום־טוב צעשטערט, די שבת־ליכט אויסגעלאָשן, די שכינה — פאַרגוואַלדיקט.

און וואו זענט איר, אונדזערע פרייליכע און האַרציקע יידישע בחורים און מיידלעך, וועבער און שערער, שפּולערקעס און נופּער־קעס, יידישיסטן און העברעאיסטן, פרומע און פרייע, רעכטע און לינקע, קעמפער און טרוימער, זינגער און שפּילער? איך זע אייך נישט. וואו זייט איר? איך ווייס, די באַרבאַרישע געשטאַפּאָ־מערדער האָבן אייך אומגעבראַכט.

און מיט וואָס האָט איר זיך פאַרזינדיקט — איר, די פּיאָס־קאָווער תלמוד־תורה־ און ישיבה־יינגלעך; איר, די אַרבעטער־קינ־דער פון דער גראָסער־שול, שטאָלצע יידן, פרייד פון טאַטע־מאַמע, האָפנונג פון אַ דור? פאַרוואָס האָט דער נאַצי־שטיוול אייך אויף טויט צעטראָטן? פאַרוואָס?

און פאַרוואָס זע איך נישט די העלדישע קעמפער, די אידעאַ־ליסטן פון פרייהייט און מענטשלעכקייט, פון יושר און גלייכהייט? איר זייט דאָך אַמאָל נעכטן, אין די בלוטיקע פּאָגראָם־טעג פון 1906, געשטאַנען נעבן שול־הויף אויף סוראַזער גאַס, גרייט צו פאַרטיי־דיקן יידישע לעבנס. איר האָט דאָך פאַרטריבן די פּאָגראָמשטשיקעס, די צאַרישע קאָזאַקן, געראַטעוועט דעם יידישע ראַיאָן, און דאָרטן וואו אייער האַנט האָט נאָר געקענט דערגרייכן האָט איר מיט יאָרן שפּעטער זיך נוקם געווען פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון יידישן ביאַ־ליסטאָק. וואו זייט איר? אין וועלכע גריבער און אויף וועלכע פעלדער און אין וועלכע אויוונס זייט איר דערשטיקט, דערמאָרדעט און פאַר־גאַזט געוואָרן? די לאַפּע פון דער נאַצי־בעסטיע האָט געמאַכט אַ סוף צו אייערע לעבנס. איר זייט נישטאָ. קיינער פון אייך איז נישטאָ.

און איך זוך די שיינע און ערלעכע יידן פון די פּיאַסקעס: ר׳ שמעון זעליק טשאַרנאָווסקי, ר׳ שמואל עלקעס, הרב עקשטיין, ר׳ ישראל מאיר רובינשטיין, ר׳ מרדכי לעווינסאָן, ר׳ אייזיק יאַטשמע־ניק, ר׳ זעליק טאַרטאַצקי, ברידער מאַקאָווסקי, ברידער ניידוס און

הונדערטער, הונדערטער אַנדערע. איך זוך. וואו זענען זיי? וואו האָבן זיי אויסגעהויכט זייערע איידעלע נשמות? מיט וואָס פאַר אַ מיתה משונה זענען זיי פון דער וועלט אַוועק? וואו האָט דער ווינט זייער שמע־ישראל פאַרטראָגן? וואו? איך קוק אַרום זיך, אַ פּוסטער חלל. טויט.

דער ווייסרוסישער באַנדיט, וואָס איז געשטאַנען נעבן מיר אין אויטאָ, האָט מיך אָבער נישט געלאָזט טראַכטן. ער האָט נאָכאַנאַנד אויסגעלאָדן צו מיר זיינע אַנטיסעמיטישע מענטשן־פּרעסערישע פּרעטענזיעס. פאַרוואָס בין איך אַזוי לאַנג געזעסן אין באַהעלטעניש? פאַרוואָס יידן באַהאַלטן גאָלד? פאַרוואָס זענען מיר באָלשעוויקעס און פּאַרטיזאַנער א. אַ. וו. פרעגנדיק, האָט ער מיך געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט דער ביקסן־קאָלבע איבערן קאָפּ און פּלייצע. שווערע וואונדן האָבן מיך דערנאָך געמאַטערט קנאַפּע צוויי חדשים.

דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך געפין זיך אויף אַ הויף מיט אַ הויכן געמויערטן פּאַרקאַן און איך הער, ווי מען רעדט צווישן זיך, אַז דאָס איז די ביאַליסטאָקער תפיסה. אין דעם מאָמענט איז מיר געוואָרן אַביסל פּרייליכער: הייסט עס, אַז היינט פירט מען מיך נאָך נישט שיסן. עס גנבעט זיך ווידער אַריין אַ קליינינקער פונק האָפנונג.

אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה

נאָכן אַריינפירן אונדז אין תפיסה־בנין, ווערן מיר גרינטלעך רעווידירט דורך פּוילישע תפיסה־וועכטער. דערנאָך ווער איך אַריינגעיאָגט אין אַן איינצל־קאַמער.

אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג ווער איך אַריבערגעפירט אין אַן אַלגעמיינער קאַמער, וואו איך טרעף פינף ביאַליסטאָקער יידן, צווישן זיי דעם קאָלאָניאַל־סוחר נחום קאַרפּ, וועלכע גיבן מיר אָפּ אַ גרוס פון מיין פרוי, שוועגערין און פּלימעניצע, וואָס זענען דאָ נעכטן פאַרנאַכט געבראַכט געוואָרן. דער דאָזיקער גרוס מונטערט מיך אַביסל אויף. קאַרפּ דערציילט מיר אויך, אַז אין תפיסה געפינט זיך אַ גרופּע פון קנאַפּע הונדערט ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע זענען אַהער געבראַכט געוואָרן פון פּעטראַשער פעלד אין די ערשטע טעג פון דער שחיטה און לעבן אין די תפיסה־ווענט שוין 9 וואָכן. שטיל און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ דערציילט ער ווייטער, אַז די יידן, וועלכע מען כאַפּט איצט אין געטאָ, אָדער אויסערן געטאָ, האַלט

מען דאָ ביז עם קלייבן זיך אָן אַ מאָן 40—50 און נאָכדעם ווערן זיי פאַרטאָג, האַלב־נאַקעטע, אַריינגעטריבן אין אַ שוואַרצן פאַרמאַכטן אויטאָ און אין אַ האַלבער שעה אַרום ברענגט דער זעלביקער אויטאָ צוריק זייערע לעצטע מלבושים, וואָס מען צווינגט זיי אויסצוטון איידער זיי ווערן דערשאָסן.

נאָכן אויסהערן די דאָזיקע טרויעריקע גרוסן ווערט זייער ביטער אויפן האַרצן. איך טראַכט: זאָל שוין נעמען אַ סוף, גענוג צו מאַטערן זיך. דאָס איינציקע, וואָס איך ווינטש זיך, איז: מיינע ליבע קינדער זאָל כאָטש געלינגען זיך צו ראַטעווען.

ס'גייט אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג. יעדן פאַרטאָג, צווישן 5 און 6, ווען ס'קלינגען די שליסלען אין די תפיסה־טירן, וואַרטן אין שרעק די צום טויט פאַרמשפּטע יידן. מען זאָגט ווידוי, מען געזעגנט זיך און מען קושט זיך איינער מיטן אַנדערן. אַלע וויינען.

די „אַלטע" ביאַליסטאָקער יידישע תפיסה־תושבים האָבן געטאָן וואָס איז נאָר געווען אין זייערע מעגלעכקייטן, כדי די פריש געבראַכטע פאַרהונגערטע יידן זאָלן כאָטש נישט שטאַרבן אין תפיסה פון קיין הונגער־טויט, ווייל די יידן האָבן אין תפיסה באַקומען בלויז 13 דעקאַ ברויט טעגלעך און אַ ליטער וואַסערדיקע זופּ. ווען די „אַלטע" ביאַליסטאָקער פלעגן צוריקקומען פון דער שווערער אַרבעט אין שטאָט, האָבן זיי ריזיקירט און מיטגעבראַכט ברויט, וואָס זיי פלעגן עס אונדז באַזאָרגן דורך די פּוילישע וועכטער, ווייל אַליין האָבן זיי צו אונדז נישט געקענט צוקומען. די וועכטער פלעגן אָבער אָפּגעבן בלויז אַ קליינעם טייל. די פּוילישע וועכטער־פּיאַווקעס פלעגן נאָך מיט אַ חוזק־טאָן אונדז פאַרליינגען, מיר זאָלן זיי פאַרקויפן דאָס לעצטע העמד, וועלן זיי דערפאַר ברענגען ברויט. אַנדערע פלעגן טאַקע דאָס העמד אָפּגעבן, אָבער זייער זעלטן האָבן זיי פאַר דעם געבראַכט אַ שטיקל ברויט.

צווישן די „אַלטע" ביאַליסטאָקער תפיסה־תושבים האָבן זיך געפונען: דער אגודה־פירער בונם פאַרבשטיין, דער באַוואוסטער שידסוחר הערשל סאָפער מיט זיין זון און איידעם עלקעס, דער פּאַפּירלערער פּיערלעשער־נאַטשעלניק מאָטל וויינשטיין מיט אַ ייִנגערן ברודער, דער שניידער גראַנאָוויטש מיט אַ 15־יאָריקן זון, רעדאַקטאָר וודל גודוויטש און איינער פון די ברידער קוואַטער פון אייזן־געשעפט.

יעדן טאָג פלעגט מען ברענגען אין תפיסה יידן, געכאַפּטע אין

די באַהעלטענישן פון געטאָ און פון אויסערן געטאָ. א סך פון זיי האָבן געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן. ס׳רוב זענען געמסרט געוואָרן פון פּאָליאַקן. די אַנטדעקטע אויף אַרישע פּאַפּירן פלעגן אונטערזוכט ווערן פון א געשטאַפּאָ־דאָקטאָר און נאָכן פעסטשטעלן, אַז דער קרבן איז א געמלטער, האָבן נישט געהאָלפן קיין שום טענות. נאָך שרעקלעכע פייניקונגען פלעגט דער קרבן אָפּגעפירט ווערן אין תפיסה.

צווישן די געמסרטע אויף אַרישע פּאַפּירן האָט זיך געפונען אינזשיניער שטופּלער (זון פון מיכל שטופּלער), וואָס האָט געהאַט א קריסטלעכע פרוי און האָט געוואוינט אויסערן געטאָ אין א באַהעלטעניש ביי איר אין שטוב. א פּאָליאַק, וועמען ער האָט זיך פאַרטרויט, האָט אים אָבער פאַרראַטן און איבערגעגעבן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ.

צוזאַמען מיט אים זענען אויך אָפּגעפירט געוואָרן אין תפיסה זיין פרוי מיט זייער יעריקן יינגעלע.

שוין דער צענטער טאָג ווי מיר זיצן אין תפיסה, צען פרימאָרגנס ווי מיר וואַרטן אויפן טויט. די צאָל יידן אין דער תפיסה ווערט מיט יעדן טאָג גרעסער. ס׳האַלט שוין ביי הונדערט אַכציק פּערזאָן, צוזאַמען מיט פרויען און קינדער. ס׳איז א צאָל פאַר צוויי פולע אויטאָס, און וועלכע מ׳פלעגט אַרויספירן צום דערשיסן.

צום סוף פון דער צווייטער תפיסה־וואָך זענען שוין אין תפיסה געווען 120 יידן, געכאַפּטע פון באַהעלטענישן און פון אויסערן געטאָ. די גרויסע צאָל מאַכט אַלעמען זייער אומרואיק און נערוועז, ווייל מ׳ריכט זיך, אַז יעדן פרימאָרגן זאָל מען אַרויספירן צום דערשיסן. די אָפּטימיסטן צווישן די צום טויט פאַרמשפּטע יידן האָבן אַרויסגעלאָזט א קלאַנג, אַז די יידן, וואָס זיצן אין די תפיסות אָדער אין לאַגערן, וועט מען שוין מער נישט דערשיסן. דייטשלאַנד ליידט לעצטנס גרויסע מפּלות אויפן רוסישן פראָנט און נויטיקט זיך שטאַרק אין אַרבעטס־הענט, איז דאָ א האָפענונג, אַז מען וועט אונדז לאָזן לעבן.

א גרוס פון מיינע קינדער

ביי כמעט אַלע פריש געבראַכטע יידן פון די באַהעלטענישן האָב איך בסדר זיך נאָכגעפרעגט, צי האָט עמיצער פון זיי געזען אין געטאָ מיינע קינדער. ענדלעך האָב איך געפונען איינעם, וועלכער

האָט עפּעס וועגן זיי געוואוסט. דאָס איז געווען משה זובאָווסקי, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן אין אָפּגעברענטן הויז, עק טשעפּלע־נאָוואָ־גרודזקע. אָט וואָס ער האָט מיר דערציילט: „אין דער נאַכט פון יענעם טאָג, ווען אייערע קינדער זענען אַנטדעקט געוואָרן, זענען זיי געווען איבער אונדזער באַהעלטעניש און געזוכט דעם אַריינגאַנג. מיר האָבן געמיינט, אַז אויבן געפינען זיך דייטשן, זענען מיר גע־בליבן שטיל. העכער אַ האַלבע שעה האָט עס אַזוי אָנגעהאַלטן. מיט אַמאָל דערגייען צו אונדז האַלב־אָפּגעריסענע ווערטער אין יידיש. מיר האָבן דאַן געעפנט דעם אַריינגאַנג — דערזען אייערע קינדער, זיי אַריינגענומען אין אונדזער באַהעלטעניש. זיי האָבן דערציילט וואָס עס האָט מיט זיי היינט פּאַסירט. זיי האָבן געוואָלט מ'זאָל זיי געבן שפּייז און זאַכן, ווייל זיי זענען הונגעריק און נאַקעט. מיר האָבן זיי געגעבן אַביסל שפּייז און שיך. נאָכן אָפּרוען זיך פון די איבערלעבונגען פון שרעקלעכן טאָג, האָבן זיי אַרום 12 ביינאַכט פאַרלאָזט אונדזער באַהעלטעניש".

דער דאָזיקער גרוס האָט מיך אַביסל געשטאַרקט און געגעבן מוט אויסצוהאַלטן ווייטער די טאָג־טעגלעכע פּרימאָרגנדיקע טויט־דערוואַרטונגען.

אויף דער דריטער וואָך זענען שוין אין תפיסה געווען ביי צוויי הונדערט יידישע נפשות. דער הונגער צווישן זיי איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג גרעסער, ווייל די הונדערט „אַלטע" ביאַליסטאָקער יידישע תפיסה־תושבים זענען נישט געווען בכוח צו העלפן אַזאַ צאָל יידן.

אין די לעצטע טעג פון אָקטאָבער 1943 זענען שוין אין תפיסה געווען העכער 250 מענער, פרויען און קינדער, געכאַפּטע פון באַ־העלטענישן און פון אויסערן געטאָ. צווישן די 250 פּערזאָן האָבן זיך געפונען: דער ברודער פון כאָר־שול־דיריגענט שמואל פּאָרטנאָי מיט זיין פרוי און טאָכטער, דער גלאָז־ און שפּיגל־סוחר פיינסאָד, שיך־סוחר אליהו טשעכאָצקי מיט זיין אַלטער מוטער, פרוי און צוויי מיידלעך, די פרוי פון קאַלאַניאַל־סוחר קאַרפּ מיט זייער איינציקן זון און דער פּוטער־סוחר לעוו מיט זיינעם אַ זון.

איך דערזע מיינע קינדער

דעם פינפטן שבת פון מיין זיצן פאַרשפּאַרט אין די תפיסה־ווענט, איך שטיי ביים פענצטער, דערזע איך ווי עס עפנט זיך דער

תפיסה־טויער און מען פירט אַריין מיין טאָכטער מיטן זון און זיין חבר און מיין פלימעניקל. איך ווער אויפגעציטערט און פאַרליר שיער נישט דאָס לשון פון אויפרעגונג. כ׳קום אָבער תיכף צו זיך און הויב אָן אויסצושרייען אויפן קול זייערע נעמען. מיין טאָכטער האָט מיך די ערשטע דערזען און פאַלט אום פון איבעראַשונג און אויפרעגונג. ווען מיין זון דערזעט מיך, ברעכט ער אויס אין אַ ספּאַז־מאַטישן געוויין. די קינדער ווערן אַריינגעטריבן אין ביורא. דאָרטן פירט מען ביי זיי דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע און נאָכדעם פירט מען זיי אַריין אין איינצל־קאַמערן.

איך אינטערווענירט תיכף ביי די תפיסה־וועכטער, אַז מיין טאָכ־טער זאָל אַריבערגעפירט ווערן אין דער קאַמער וואו ס׳געפינט זיך מיין פרוי און די יינגלעך זאָל מען אַריבערפירן צו מיר. ווי נאָר מיין זון איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פון קאַמער, וואו איך האָב זיך געפונען, איז ער אַרויפגעפאַלן אויף מיר מיט אַזאַ שרעקלעכן געוויין, אַז ס׳איז אים געווען שווער צו באַרואיקן. נאָכדעם ווי ער איז געקומען צו זיך, האָט ער מיר געגומען דערציילן, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט פאַר די העכער פיר וואָכן, וואָס זיי האָבן זיך נאָך גע־פונען אין געטאָ.

וואָס מיין זון האָט דערציילט

אַנטלויפנדיק איז ער נאָכגעיאָגט געוואָרן פון אַ באַנדע ווייס־רוסישע אַרבעטער און שיער נישט אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט. אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט גוט געקענט יעדן ווינקעלע פון יענע געסלעך, געלינגט אים אַרויסצודרייען זיך פון זיי. ער באַהאַלט זיך אין אַ טיפן מיסט־קאַסטן, וואו ער איז געלעגן ביז ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער. דעמאָלט איז ער אַרויסגעקראָכן און זיך דערשאַרט צו אונדזער פריערדיקער באַהעלטעניש, וואו ער האָט געטראָפן זיין שוועסטער, דעם פלימעניקל און זיין חבר.

ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער אַנטדעקטער באַהעל־טעניש האָבן די קינדער צווישן זיך נישט אָפּגערעדט, וואו זיי דאַרפן זיך צוזאַמענטרעפן, אויב זיי וועלן זיך ראַטעווען, די הערצער האָבן זיי אָבער געצויגן צום אָרט וואו זיי האָבן זייערע יונגינקע יאָרן געלעבט און געשטרעבט און אויף אַזאַ אופן האָט זיי דער גורל ווידער צוזאַמענגעבראַכט.

אין אונדזער באַהעלטעניש, וואו ס׳איז געווען אָנגעגרייט שפּייז

אויף א לענגערע צייט און א היפשע צאָל פאַרשידענע מלבושים, איז שוין קיין זאַך נישט געבליבן — אַלץ איז צעראַבירט געוואָרן דורך די ווייסרוסישע און פּוילישע געטאָ־אַרבעטער. זענען זיי דער־ריבער געשטאַנען פאַר זייער א שווערע פּראָבלעם: וואו געפינט מען שפּייז צו קענען דערהאַלטן די נשמה. ס׳איז שוין געווען העבער 9 וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע פון דער געטאָ און אין דעם טייל, וואו מיר האָבן געוואוינט, איז די אויסרייניקונגס־אַקציע דורכגעפירט געוואָרן פריער. אין די הייזער פון דעם ראַיאָן האָט מען שוין דעריבער קיין זאַך נישט געקענט קריגן, זענען זיי געצוואונגען געווען צו לאָזן זיך אויפן טויט־סכנהדיקן וועג: קריכן אין די נעכט אין דער צווייטער טייל געטאָ, וואו די רייניקונגס־אַקציע איז נאָך נישט געווען אזוי גרינטלעך דורכגעפירט און ס׳איז נאָך דאָרטן געווען מעגלעכקייטן אָנצוזאַמלען אביסל שפּייז. זיי האָבן אָבער גע־מוזט קריכן איבער א דריי־מעטערדיקן פּאַרקאַן, ווערנדיק נישט איינ־מאָל באַשאָסן. זיי האָט אָבער אָפּגעגליקט און זיי פלעגט געלינגען נעלם צו ווערן מיטן שפּייז.

אָט אזוי האָבן די יונגע קינדער געפירט דעם קאַמף פאַרן לעבן און זיי וואָלטן אפשר היינט געווען צווישן די לעבעדיקע, ווען נישט די נידערטרעכטיקע אונטערוועלט־פּאָליאַקן.

אויף כמיעלנע גאַס נומ. 3 איז געווען א באַהעלטעניש פון פריער. די קינדער האָבן זי בעסער פאַרמאַסקירט און געהאַט בדעה דאָרטן פאַרבלייבן און דערציען ביז דער באַפרייאונג. איבער די דאָרטיקע הייזער זענען אָבער אַרומגעקראָכן די פּוילישע פאַרברע־כער. זיי האָבן געהאַלטן אין איין נישטערן און זוכן, ביז איינער פון זיי האָט אויפגעדעקט זייער באַהעלטעניש. בעת־מעשה האָט דער פּאָליאַק אַליין זיך איבערגעשראָקן. דער מענטשן־פרעסער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און האָט זיי באַרואיקט, אַז ער איז א גוטער פריינט יידן, און היות ווי זיי זענען געווים הונגעריק, וועט ער זיי באַלד ברענגען ברויט. די נאַאיווע קינדער האָבן געגלויבט די רייד פונם פאַרברעכער. אין פופצן מינוט אַרום זענען זיי שוין געווען אַרומגערינגלט פון געשטאַפּאָ־מערדערס. וועגן אַנטלויפן האָט שוין נישט געקענט זיין קיין רייד.

אָט אזוי האָט א גרויסע טייל פון פּוילישן פאָלק צוגעהאָלפן און דערפירט צו אונדזער אומגליק.

איך געזעגן זיך מיט מיין זון

זונטיק, דעם 31־טן נאָוועמבער, 1943, זענען צו אונדז דער־גאַנגען ידיעות, אַז די יידן, וואָס זענען פאַר די לעצטע פינף וואָכן געבראַכט געוואָרן אין תפיסה, וועלן מאָרגן, מאָנטיק, אַרויסגעפירט ווערן. אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אַרויפגעצויגן אַ שווערער טרויער. די פרימערע זאָגן תהילים און ווידוי. די פרויען און קינ־דער וויינען יאָמערלעך. מען געזעגנט זיך. איינער ביים צווייטן בעט מחילה. איך נעם זיך אַרום מיט מיין ליבן, האַרציקן זון, דריק אים צום האַרצן און זאָג אים אָן, אַז ער זאָל נישט קוקן אויף מיר און ביי יעדער מעגלעכקייט זאָל ער פרוואוון אַנטלויפן. אויב ער וועט בלייבן לעבן, זאָל ער נקמה נעמען פאַר אַלץ, וואָס די נאַצי־מערדער האָבן מיט אונדז געטאָן.

מיר ווערן סאָרטירט

די נאַכט פון זונטיק אויף מאָנטיק איז קיינער נישט גע־שלאָפן; מ'האָט זיך גערעכנט, אַז יעדע מינוט זאָל געשען דאָס שרעקלעכע. ווי נאָר ס'איז געוואָרן טאָג, האָט מען זיך דערוואוסט דורך די קאָרידאָר־וועכטער, אַז די „פּריווילעגירטע" 100 יידן, וואָס זיצן שוין דאָ 14 וואָכן, וועט מען היינט נישט אַרויספירן צו דער אַרבעט. די דאָזיקע ידיעה האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די נערוועז־זיטעט צווישן די צום טויט דערשראָקענע יידן.

אַזייגער 12 ביי טאָג ווערן אַרויסגעטריבן אויפן תפיסה־הויף אַלע יידישע מענער, צוזאַמען מיט די געבראַכטע פון פּעטראַשער פעלד. אויסשטעלנדיק זיך צו פינף מאַן אין אַ ריי, וואַרט מען אין נאַסן, קאַלטן שניי־וועטער ביי אַ פּאָר שעה. ס'קלאַפּט יעדן אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שרעק און פון קעלט. ענדלעך דערלאַנגט זיך ראַשיק אָן עפן אויף דער תפיסה־טויער און ס'פאָרט אריין אַן עלעגאַנטער אויטאָ, פון וועלכן עס קריכן אַרויס פינף הויך־געוויק־סיקע, שטאַרק אָנגעפרעסענע ציוויל־געקליידעטע נאַצי־בעסטיעס. זיי לויפן פאַרביי עטלעכע מאָל די רייען פון די צום טויט דערשראָקענע אויסגעהונגערטע יידן. פּלוצים שטעלן זיי זיך אָפּ און הויבן אָן זיך נאָכפרעגן ביי די יינגערע וואָס פאַר אַ פאַך זיי האָבן. ס'רוב האָבן געענטפערט, אַז זיי זענען סטאָלער־אַרבעטער. די, וועלכע האָבן אויסגעזען עלטער פון 35 יאָר, זענען אויס געבליבן.

פון די קנאַפּע 200 מענער זענען אויסגעקליבן געוואָרן ביי 80 פּערזאָן, צווישן זיי אויך מיין זון, פון וועלכע מ׳האָט אויסגעשטעלט אַ צווייטע גרופּע.

נאָכן פאַרענדיקן דעם דורכקוק האָט די קאָמיסיע פאַרלאָזט דעם תפיסה־הויף. גלייך נאָך זייער אָפּפאָר זאָגט פאַר אונדז אַ פאַר וּוערטער דער תפיסה־שעף ראָדע. ער באַמיט זיך אונדז צו באַ־רואיקן און זאָגט, אַז אַלע וועלן באַשעפטיקט ווערן. איין טייל, מיט די פרויען און קינדער, וועט פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף אַרבעט. די אויסגעקליבענע בלייבן אַרבעטן אין תפיסה. ער באַפעלט די אויס־געקליבענע אַרויפגיין אויפן דריטן תפיסה־שטאָק, וואו ס׳זענען גע־זעסן די פעטראַשער יידן. די איבעריקע ווערן אַריינגעטריבן אין די תפיסה־קעלערן, פון וואַנען מען פלעגט אַרויספירן צום דערשיסן. מיין ליבער זון לויפט אַריין אין קעלער זיך געזעגענען מיט מיר. איך באַווייז נאָך נישט זיך צורירן צו אים, ווי ער ווערט דורך די תפיסה־וועכטער אַרויסגעריסן פון מיינע הענט. דאָס מאָל אויף אייביק.

פרידל געזעגנט זיך

נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער מידקייט פון פאַרגאַנגענעם טאָג, איז אין דער נאַכט פון מאָנטיק אויף דינסטיק קיינער נישט געשלאָפן. מ׳איז אַרומגעלאָפן איבערן תפיסה־קאַמער ווי צעמישטע. ווי נאָר מ׳פלעגט דערהערן דאָס קלינגען פון די תפיסה־שליסלען, פלעגט מען בלייבן שטיין בלייך ווי קאַלך אין דערוואַרטונג, אַז אָט־אָט און אַלץ איז געענדיקט.

ווען ס׳איז געוואָרן טאָג, האָבן די תפיסה־וועכטער אונדז גע־לאָזט וויסן, אַז מיר זאָלן נישט מורא האָבן. ס׳איז טאַקע אמת, האָבן זיי געזאָגט, אַז מ׳וועט אונדז פון דאַנען היינט אַרויספירן, מ׳האָט אָבער פאַר אונדז צוגעגרייט ברויט מיט מאַרמעלאַדע און פאַר די, וואָס ווערן געפירט צום דערשיסן, גרייט מען עס נישט צו, זענען זיי דעריבער הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז מען פירט אונדז ערגעץ אויף אַרבעט.

דינסטיק, אַזייגער 10 אין דער פרי, איז געקומען אין תפיסה דער מענטשן־פרעסער פרידל און האָט פאַראָרדנט אַרויסצוטרייבן

אַלעמען פון די קאַמערן אין קאָרידאָר, וואו מ׳האָט אונדז איבער־געציילט. נאָכן איבערציילן ווערן מיר אַרויסגעטריבן אין ערשטן תפיסה־הויף. אַרום 25 קינדער, אין עלטער ביז 15 יאָר, ווערן אַרויסגעריסן פון די מאַמעס. זייערע געוויינען און תחנונים האָבן גאָרנישט געהאָלפן. דער תירוץ פאַרן צונעמען די קינדער איז געווען, אַז מ׳פירט אויף אַרבעט און מיט אַ קינד וועט די מוטער נישט קענען אַרבעטן. די בעסטיעס האָבן אויך פאַרזיכערט, אַז מען וועט אין תפיסה די קינדער גוט באַהאַנדלען און ס׳וועט זיך זיי לעבן נישט שלעכט.

פון ערשטן תפיסה־הויף ווערן מיר געטריבן דורך אַ קאָרידאָר אין צווייטן הויף אַריין. דורכגייענדיק, באַקומט יעדער איינער אַ האַלבן לעבל ברויט אָנגעשמירט מיט מאַרמעלאַדע.

אין צווייטן תפיסה־הויף האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אַ גרעסערע גרופּע ווייסרוסישע און אוקראַאינישע געשטאַפּאָ־מערדערס מיט צוויי פּראַכט־וועגענער. מען באַפעלט, אַז די פרויען זאָלן זיך אויסשטעלן אין איין זייט, די מענער אין דער צווייטער זייט און די אַלטע און שוואַכע זאָלן אַרויפקריכן אויף די פורן.

ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט אָפּצומאַרשירן, האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע דער בלוטדורשטיקער פרידל: ער זאָגט, אַז מיר זענען גליקלעכע מענטשן, ווייל כמעט אַלע, וואָס זענען ביז אונדזער אָנקומען געזעסן אין תפיסה, זענען דערשאָסן געוואָרן און אונדז פירט מען קיין לובלין צו באַראַשן, און מיר וועלן דאָרטן אַרבעטן. ער וואָרנט אונדז, אַז מיר זאָלן שוינען אונדזערע לעבנס און נישט פּרואוון אַנטלויפן, ווייל מ׳וועט גלייך דערשאָסן ווערן.

אין מיטן זיין רעדע באַמערקט ער, ווי עטלעכע פאַרהונגערטע פרויען עסן אויף זייער ברויט מיט דער מאַרמעלאַדע, מאַכט ער זיי אויפמערקזאַם, אַז זיי וועלן דאַרפן פאַרן אַ לאַנגע צייט, זאָלן זיי דעריבער זיין שפּאָרזאַם מיטן ברויט.

אָפּגעבנדיק דעם לעצטן באַפעל צו זיינע אונטערגעאָרדנטע בעסטיעס, זאָגט ער זיי אָן, אַז פאַרן מינדסטן פאַרדאַכט פון אַנט־לויפן, זאָלן זיי נישט זשאַלעווען קיין קוילן. זיי זאָלן זיך אָבער היטן נישט צו טרעפן די סאָלדאַטן־קאַמעראַדן, ווייל פאַר דעם וועלן זיי האַרב באַשטראָפט ווערן.

דער סוף פון אַ ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנער-גרופּע

פאַר די ניין וואָכן, נאָך דער ליקווידאַציע פון דער ביאַליסטאָקער געטאָ, זענען פון תפיסה אַרויסגעפירט געוואָרן צום דערשיסן קנאַפּע טויזנט יידן, צווישן זיי אַ גרופּע פון קנאַפּע הונדערט ביאַליסטאָקער בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן געפירט אַ פאַרביסענעם קאַמף מיט די נאַצי-בעסטיעס אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק; זיי זענען אָבער פלוצים אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גרויסער מחנה אוקראַיני-שע און ווייסרוסישע שטאַרק באַוואָפנטע געשטאַפּאָווצעס און אפילו נישט באַוויזן צו שטעלן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד.

פּלענער צום אַנטלויפן

נאָך אַלע פאַראָרדנונגען ווערן מיר אַרומגערינגלט דורך די באַוואָפנטע בעסטיעס און אונטער דער באַגלייטונג פון עטלעכע עלטסטע הויבט זיך אָן אונדזער גאַנג. דער וועג האָט געפירט דורך די טונעלן. ווען מיר זענען פון זיי אַרויס, האָבן מיר זיך געפונען ווייט הינטער דער שטאָט. דאָרטן זענען אויף אַן אָפּגעלייגטער באַן-ליניע געשטאַנען גרייט פאַר אונדז דריי פראַכט-וואַגאָנעס, אין וועלכע מיר ווערן גלייך אַריינגעטריבן. באַלד ווערן זיי פאַרהאַקט, פאַרשלאָסן און שטאַרק באַוואַכט.

פאַרנאַכט האָט דער צוג געריִרט פון אָרט. צוליבן שנעלן טעמפּאָ, אין וועלכן דער צוג איז געפלויגן, האָט מען נישט געקענט באַמערקן וואוהין מען ווערט געפירט: צי אין דער ריכטונג צו טרעבלינקע, צי אויף אַן אַנדער וועג.

צווישן די קנאַפּע 100 יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונדזער וואַגאָן, זענען געווען ביי אַ צענדליק שלאָסער-אַרבעטער. זיי האָבן זיך צוגעגרייט מיט זעגעלעך און נאָך נויטיקע מכשירים, כדי צו קענען שניידן די קראַטעס און ווענט און אויף אַזאַ אופן שאַפן זיך אַ מעגלעכקייט אַרויסצושפּרינגען פון לויפנדיקן צוג. ווען דער צוג האָט געריִרט, האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער אַרבעט.

בונים פאַרבשטיין, וועלכער האָט זיך געפונען אין אונדזער וואַגאָן, האָט פאָרגעלייגט, אַז צוליב דעם, וואָס מיר ווייסן נאָך נישט אויף זיכער צי מען פירט אונדז קיין טרעבלינקע, ווי אויך צוליב דעם, וואָס פאַר איין אַנטלאָפענעם וועלן ליידן אַלע יידן פון וואַגאָן, זאָל מען וועגן דער פראַגע מאַכן אַן אָפּשטימונג. אויב די מערהייט

וועט זיין פאַר דעם מען זאָל זעגן וועגט — דאַרף מען עס טאָן, טאָ־מער אָבער וויל עס דורכפירן בלויז אַ קליינע גרופּע — טאָר זי עס בשום אופן נישט טאָן, ווייל מיטן דאָזיקן שריט שטעלט זי אין קאָן די לעבנס פון אַלע איבעריקע יידן.

די אָפּשטימונג האָט באַוויזן, אַז נאָר 7 פּערזאָן האָבן געשטימט פאַר זעגן וועגט. בונים פאַרבשטיין נעמט ווידער אַ וואָרט און וואָרנט די זיבן, אַז זיי זאָלן נישט נעמען אויף זיך די אחריות פון אַזוי פיל לעבנס. די זיבן האָבן זיך נישט אונטערגעוואָרפן דער מער־הייט און גענומען שניידן דעם וואַגאָן.

ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן לאַנגזאַמער האָט מען באַמערקט, אַז מיר פאָרן צו גראַיעווער ריכטונג. די דאָזיקע פעסט־שטעלונג האָט געבראַכט אַ שטיקל בארואיקונג. אויך די זיבן האָבן איבערגעריסן דאָס ווייטערדיקע שניידן די וואַגאָן־וואַנט. ס׳איז שוין אָבער געווען אויסגעשניטן אַ היפּשע לאָך, וועלכע ס׳איז אוממעגלעך געווען צו פאַרמאַסקירן. ווען די אוקראַיִנישע נאַצי־בעסטיעס האָבן דאָס באַמערקט, האָבן זיי אַריינגעשאָסן אין וואַגאָן און פאַרוואונדעט דריי יידן. צווישן די פאַרוואונדעטע זענען געווען: מרדכי וורובעל, דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער שלאָסער־מייסטער, וואָס איז שפּעטער פאַרפּייניקט געוואָרן אין שפּיטאָל פון שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער, און אינזשיניער שטופּלער (שווער פאַרוואונדעט אין פּוס). די פאַרוואונדעטע האָבן געליטן גרויסע יסורים און העלפן האָט מען זיי גאָרנישט געקענט.

אויף דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע זענען די אוקראַיִנישע מערדערס אַראָפּגעקראָכן פון די דעכער און מיט זייערע לעמפּלעך באַטראַכט דעם וואַגאָן און אויפגעעפנט די טיר צו באַקוקן וואָס זייערע קוילן האָבן דאָ אויפגעטאָן. דער שווער־פאַרוואונדעטער שטופּ־לער זאָגט עטלעכע שאַרפע ווערטער וועגן דעם, וואָס זיי האָבן דאָ אָפּגעטאָן. די אוקראַינער ענטפערן, אַז מ׳האָט נישט געדאַרפט שניידן די וואַגאָן־וועגט און זיי פאַרלאָזן תיכף דעם וואַגאָן. אַרויפקריכנדיק אויף די דעכער, האָבן די רוצחים ווידער אַריינגעשאָסן אין וואַגאָן און פאַרוואונדעט נאָך דריי יידן. בעת דער שיסעריי איז אין וואַגאָן געוואָרן אַ שרעקלעכע מהומה. איינער קריכט אויפן צווייטן, וועלנדיק אַזוי אַרום זיך אויסבאַהאַלטן פון די פליענדיקע קוילן. מען קריכט אַרויף אויף די פאַרוואונדעטע, נישט קוקנדיק אויף זייערע שרעק־לעכע קולות.

אינזשיניער שטופּלערס צוואה

ווען ס׳איז שוין געוואָרן גוט ליכטיק האָט מען דערזען, אַז בײַם אינזשיניער שטופּלער איז דער גאַנצער רעכטער פּוס כמעט ווי אָפּגעריסן. דער יידישער תפיסה־דאָקטאָר, וואָס מ׳האָט אים געקענט אַלס ד״ר ווײַנער און איז געווען אין אונדזער וואַגאָן, פּרוּאווט פאַר־בינדן דעם פּוס מיט אַ האַנטוך. ס׳האָט אָבער קיין זאַך נישט גע־האָלפן. שטופּלער פילט, אַז ער גייט אויס; ער בעט אַלעמען, מ׳זאָל געדענקען דעם אַדרעס פון זיין פרוי, וואָס זיצט איצט מיט זיין קינד אין תפיסה צוליב אים, מען זאָל איר איבערגעבן ביי וועלכע אומשטענדן ער איז געשטאָרבן און איר זאָגן, אַז זיין לעצטער וואונטש איז געווען, זי זאָל דערציען זייער זונעלע אין גייסט פון קאָמוניזם און מענטשן־ליבע און ער זאָל געדענקען נקמה צו נעמען פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם יידישן בלוט.

אַנדערטהאַלבן מעת־לעת האָט ער אויסגעהאַלטן די שרעקלעכע יסורים. פון קיינעם נישט באַמערקט, האָט ער אין דער נאַכט־פינצ־טערניש אויסגעהויכט זיין איידעלע ליכטיקע נשמה.

אינזשיניער שטופּלערס פאָטער, אַן אייגנטימער פון אַ מיל אין ביאַליסטאָק, האָט געגעבן זיינע קינדער אַ דערציאונג אין אַזאַ גייסט, וואָס זאָל זיין אין האַרמאָניע מיט זיין אייגענעם ווילן. דער יונגער שטופּלער איז אָבער קעגן דעם ווילן פון פאָטער אויסגעוואַקסן אַ הייסער אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער אידיי און האָט גע־האַלטן, אַז די דאָזיקע אידיי איז די רעטונג פאַר דער מענטשהייט. ער אַליין איז געווען אַ זעלטן־אָרנטלעכער מענטש, ממש אַן אַ גאָל. ער איז שטענדיק גרייט געווען צו העלפן דעם אָרעמען און אומבאַהאָלפענעם, ס׳איז ביי אים רעכט געווען אָפּצוגעבן פאַר אַ נויטבאַדערפטיקן זיין לעצט העמד און זיך טיילן מיטן לעצטן ביסן.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק!

אויף מזרח־פּרייסישער ערד

שוין באַלד צוויי מעת־לעת, ווי מיר זיצן פאַרשפּאַרט אין די פאַרהאַקטע וואַגאָנעס. מיר זענען שוין אין מזרח־פּרייסן. דער דורשט ווערט פון שעה צו שעה שטאַרקער און מען איז גרייט אָפּצוגעבן אַלץ פאַר אַביסל וואַסער. מען בעט די אוקראַינישע רוצחים, זיי זאָלן אַריינברענגען אַן עמער וואַסער, וועט מען זיי דערפאַר גוט באַצאָלן.

זיי נעמען צו דאָס געלט און וואַרפן אַריין אַ פּלעשל וואַסער. יעדער שפּאַרט זיך צו קריגן דאָס פּלעשל אין האַנט. ס'ווערט אַ קריגערײַ און אַ געשלעג. און דאָס ביסל וואַסער ווערט אויסגעגאָסן. אויך אינם צווייטן וואַגאָן האָבן די אוקראַינישע רוצחים געוואָלט נעמען אַ גרעסערע סומע פאַר אַביסל וואַסער. עפּענענדיק די טיר האָבן זיי באַמערקט ביי אַ גראָדנער פרוי אַ מאַנטל, וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל אויסזען, און געוואָלט אים צונעמען. די פרוי האָט זיך נישט אַריינגטירט מיט ווענען זי האָט דאָ צו טאָן און געפּרואווט זיך ווערן. זי ווערט אָבער דורך די גזלנים דערשאָסן צוזאַמען מיט איר מאַן, וועלכער האָט איר געפּרואווט פאַרטיידיקן.

דער דריטער וואַגאָן, דערווייסנדיק זיך, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין די ערשטע צוויי וואַגאָנעס, האָט קיין וואַסער שוין איבערהויפּט נישט געבעטן ביי די גזלנים.

אויפן ווייטערדיקן וועג האָבן די פאַרשמאַכטע פרויען מיט טרערן אין די אויגן געבעטן די דייטשע פרויען, וואָס זענען געווען אויף די באַן־סטאַציעס, זיי זאָלן רחמנות האָבן און אַריינוואַרפן דורך די קראַטן אַביסל שניי. ווען די אוקראַינער פלעגן אַביסל אָפּגיין פון וואַגאָן, האָבן די דייטשע פרויען עס מערערע מאָל געטאָן. דער דורשט איז אָבער געווען אַזוי גרויס, אַז צוליבן אַריינגעוואָרפענעם שניי פלעגן שטענדיק אויסברעכן קריגערייען און ס'האָט געדויערט אַ לענגערע צייט ביז מען האָט זיך איינגעשטילט.

דאַנציק

פרייטיק, אַזייגער 12 בייטאָג, אין פערטן טאָג פון אונדזער שוידערלעכער נסיעה, זענען מיר אָנגעקומען קיין דאַנציק. פון די וואַגאָנעס ווערן אַרויסגענומען פינף פאַרוואונדעטע און דריי טויטע און מען פירט זיי אַוועק אויף אַ טראַנספּאָרט־אויטאָ. אונדז יאָגט מען אַרויס פון די וואַגאָנעס, מ'שטעלט אויס אין רייען, און מיר הויבן זיך אָן שלעפּן איבער די דאַנציקער גאַסן. קיינער האָט נישט קיין כוח צו שטעלן אַ טראָט און מען פאַלט פון די פיס; יעדע ווײַלע פאַלט אַן אַנדערער. די אוקראַינער צווינגען אָבער דעם שכן פון געפאַלענעם, ער זאָל אים אויפהויבן און פירן אונטערן אָרעם. גייען זיי ביידע אונטער אַ פּאָר טריט און פאַלן צוזאַמען. פאַרבייגייענדיק זעט מען אויף די דאַנציקער גאַסן פיל פרויען, ס'רוב פון זיי אין טרויער. זיי קוקן זיך צו צום טראַגישן בילד און אין זייערע אויגן

פילט זיך אַ מיטלייד מיט אונדז. דאָס באַמערקט אויך אונדזער טראַנספּאָרט־פירער, אַ געשטאַפּאָ־אָפיציר. ער קריגט פון ערגעץ אַן אויטאָ און יאָגט אַרויף אויף אים די, וואָס קענען שוין נישט גיין.

קנאַפּע צוויי שעה האָט געדויערט ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צום צווייטן עק שטאָט. דאָרטן זענען געשטאַנען צוגעגרייט וואַגאָנעס פון אַ קליינבאַן, אין וועלכע מיר ווערן אַריינגעטריבן. מען פאַרהאַקט די טירן און ס'הויבט זיך אָן דער ווייטערדיקער טראַנספּאָרט אין אַ פאַר אונדז אומבאַקאַנטן אָרט.

נאָכן אָפּפאָרן איבער אַ שעה צייט, ווערט אונדזער צוג פּלוצים אָפּגעשטעלט און מיר ווערן אַרויסגעטריבן פון די וואַגאָנעס. מיר דערזעען פאַר זיך אַ גרויסן ברייטן טייך און מאָמענטאַל לויפט דורך אַ געדאַנק, אַז דאָס איז דער סוף — מ'וועט אונדז אַריינטרייבן אין טיפן וואַסער און געענדיקט מיט אַלץ. די געדאַנקען מישן אין קאָפּ. ווי אויף אַ פילם לויפט דורך אין סעקונדן דאָס גאַנצע פאַרלאָפענע לעבן. מיר באַווייזן זיך אָבער נישט אַרומצוקוקן, ווי מען יאָגט אונדז שוין צו אַ שווים־בריק און אין עטלעכע מינוט זענען מיר שוין אויף דער אַנדערער זייט ווייסל. דאָרטן זענען ווידער געשטאַנען צוגעגרייטע וואַגאָנעס, אין וועלכע מיר זענען ראַשיק אַריינגעטריבן געוואָרן. אין פאַרלויף פון אַ קנאַפּער שעה האָט אונדז דער צוג געבראַכט צו דער באַן־סטאַציע שטוטהאָף, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַן איינזאַמע געביידע אין מיטן וואַלד.

שטוטהאָף

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין שטוטהאָף איז שוין געווען גוט פינצטער. „מקבל־פּנים" זיין איז אַרויסגעקומען פונם דערבייַ־ליגנדיקן שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער דער קאָמענדאַנט מיט אַ גרעסערער צאָל שטאַרק באַוואָפנטע רוצחים. זיי זענען געקומען אויף אויטאָס מיט ריזיקע רעפלעקטאָרן, וואָס האָבן מיט זייער ליכט ממש פאַרבלענדט די אויגן. מיר ווערן איבערגעציילט און אויסגעשטעלט, פרויען באַזונדער און מענער באַזונדער, און מ'הויבט אונדז אָן טרייבן און יאָגן צום שטוטהאָפער קאָנצענטראַציע־לאַגער אונטער אַ האָגל פון קלעפּ. אין לאַגער נעמען אונדז איבער פּוילישע בלאָק־שרייבערס. זייער אויפנאַמע איז נישט געווען בעסער ווי פון די נאַצי־בעסטיעס, וואָס האָבן אונדז באַגלייט.

דער טויט פון ד״ר ווײַנער

דערפרווירענע, נישט אויסגעשלאָפענע, דורשטיקע, הונגעריקע און פאַרמאַטערטע, קוים וואָס מען האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס פון די פיר טעג אין די וואַגאָנעס, האָבן מיר נאָך געמוזט שטיין קנאַפּע דריי שעה אויף דער גאַס, ביז די שרײַבער האָבן דורכגע־פירט די לאַגער־פאָרמאַליטעטן.

אין איינעם פון די שרײַבערס האָט ד״ר ווײַנער דערקענט אַ גוט־באַקאַנטן וואַרשעווער פּאָליאַק און האָט אים אַ פרעג געטאָן ווי זענען דאָ די אויסזיכטן אויף לעבן בלײַבן. אויף דער פראַגע האָט אים דער פּאָליאַק אָנגעוויזן מיטן פינגער אויפן הויכן קוימען, צו־געבנדיק דערבײַ, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועט ער דורכן דאָזיקן קוימען דורכגיין. זײַן עצה, אַלס גוטער פרײַנד, איז, אַז אויב ער האָט עפּעס ווערטפולעס, זאָל ער אים אָפּגעבן, ווײַל צו וואָס זאָל ייִדיש גוטס אַרײַנפאַלן צו די נאַצי־גזלנים.

קענענדיק דעם פּאָליאַק פאַר אַן אָרענטלעכן מענטש, האָט ד״ר ווײַנער זיך זייער שטאַרק איבערגענומען פון זײַנע רייד און נישט טראַכטנדיק קיין סך אַרײַנגעשטעקט אים עפּעס אין האַנט. ווי נאָר מיר זענען אַרײַנגעפירט געוואָרן אין באַראַק, האָט ער אַראָפּגעשלונ־גען אַ סם, וואָס ער האָט מיטגעפירט פון תפיסה־שפּיטאָל. דער טויט איז אים אָבער נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער זיך געמאַטערט און ערשט ווען ס׳איז געוואָרן גוט ליכטיק האָט מען אים אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. דאָרטן האָט מען אים אָנשטאָט הילף געגעבן אַן אײַנשפּריצונג, וואָס האָט דערפירט צו זײַן באַלדיקן טויט.

אַליין אַ וואַרשעווער, האָט ד״ר ווײַנער אין דער צייט פון ביאַליסטאָקער געטאָ פאַרנומען אַ פּאָסטן אין תפיסה־שפּיטאָל. ער איז געווען זייער באַליבט בײַ די אַרעסטירטע, אויך בײַ זײַנע נאַצי־באַלעבאַטים. זיי האָבן פון אים זייער שטאַרק געהאַלטן, און בײַ אייניקע פון זיי איז ער שפּעטער געוואָרן הויז־דאָקטאָר. די גאַנצע צייט האָט ד״ר ווײַנער מיט זײַן פרוי און קינד געלעבט אין געטאָ. פון דאָרטן פלעגט ער יעדן טאָג גיין אין תפיסה־שפּיטאָל. די נאַצים זענען אַזוי געווען צופרידן פון ד״ר ווײַנערס אַרבעט, אַז זיי האָבן אים געגעבן זייער ערן־וואָרט, אַז אין פאַל ווען אין געטאָ וועט אים דראָען אַ סכנה, וועלן זיי אים ראַטעווען.

ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן שטאַרקע קלאַנגען, אַז די ביאַליסטאָקער געטאָ וועט אין גיכן ליקווידירט ווערן, האָט ער עס דערציילט זיינע באַלעבאַטים און געבעטן, זיי זאָלן אים דער־לויבן ברענגען אין תפיסה זיין פרוי מיטן קינד. נישט געקוקט אויף זייער צוזאָג און ערן־וואָרט צו ראַטעווען אים מיט זיין פאַ־מיליע, און ווויסנדיק אויף זיכער, אַז מען גייט טאַקע ליקווידירן די ביאַליסטאָקער געטאָ, האָבן זיי אים באַרויקט און געזאָגט, אַז אַלע קלאַנגען וועגן דעם זענען פאַלשע. ווען ס'איז געקומען דער גרויזאַמער מאָנטיק פון 16־טן אויגוסט 1943, האָט ער שוין צו זיין פאַראַנטוואָרטלעכן שפּיטאָל־פּאָסטן מער נישט געקענט גיין און צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע זיך אַראָפּגעלאָזן אין אַ באַהעלטעניש. דאָרטן איז אים געלונגען זיך אויפצוהאַלטן העכער אַ וואָך צייט. ווען זיי זענען אַנטדעקט געוואָרן, האָט מען זיי אָפּגעפירט אין תפיסה. זיינע געוועזענע נאַצי־באַלעבאַטים האָבן אים דערקענט און געפרעגט נאַאיוו און תמעוואַטע פאַרוואָס ער איז די גאַנצע צייט נישט גע־קומען צו דער אַרבעט. היות די תפיסה האָט נאָך קיין אַנדער דאָק־טאָר נישט געהאַט, האָבן די נאַציס אים געמעלדעט, אַז ער ווערט צוריק באַשטימט פאַר תפיסה־דאָקטאָר. זיינע תחנונים ביי די נאַצי־מערדערס, אַז זיין פרוי און קינד זאָלן בלייבן מיט אים, האָבן אויף זיי נישט געווירקט. הגם זיין פרוי מיטן קינד האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך געבעטן ביי אים ער זאָל גיין זיך ראַטעווען, האָט ער זיי פאָרט נישט געוואָלט פאַרלאָזן און געבליבן שטיין מיט זיי. די נאַצי־מערדערס גיבן אים דעמאָלט אַ שלעפּ אַרויס פון דער גרופּע און ער ווערט אַרויפגעפירט אויפן דריטן תפיסה־שטאָק. פון דאָרטן האָט ער אין אַ טאָג אַרום געזען ווי די גרופּע יידן, צוזאַמען מיט זיין פרוי און קינד, ווערן אַריינגעטריבן האַלב־נאַקעטע אין אַ פאַרמאַכטן שוואַרצן אויטאָ, וואָס איז געשטאַנען אויפן תפיסה־הויף. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער שוין געזען דעם אויטאָ צוריק מיט זייערע זאַכן.

די שוידערלעכע איבערלעבונג האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ער האָט אַ צייט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק וועגן זעלבסט־מאָרד. זיינע נאָענטע האָבן אים אָפּגערעדט דערפון און צוגעגעבן מוט און האָפענונג. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, האָבן זייערע רייד נישט געווירקט, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער פאַרענדיקט זיין יונג לעבן.

אין באַראַק

אינם באַראַק, וואו מיר זענען אַריינגעטריבן געוואָרן, איז כמעט נישט געווען קיין איין גאַנצע שויב. גראָד האָט דעמאָלט געהערשט אַ שניי־שטורעם און פון אַלע זייטן האָט געיאָגט דער שניידיקער ווינט. דער פּוילישער בלאָק־עלטסטער איז יעדע עטלעכע מינוט געקומען מיט פרישע פאַראָרדנונגען: מ׳טאָר נישט קוקן דורך די פענצטער, מ׳טאָר נישט אַרויסגיין פון בלאָק, מ׳טאָר נישט רויכערן און אַז פאַרן נישט פאָלגן די באַפעלן דראָט דערשאָסן צו ווערן. נאָך די פאַראָרדנונגען איז ער צוגעגאַנגען צו עטלעכע פון אונדז און געזאָגט אין דער שטיל, אַז מאָרגן פירט מען אונדז אין קאַראַנטין, דאָרטן ווערט אַלץ צוגענומען, זאָל דעריבער יעדערער, וואָס האָט געלד און בריליאַנטן, אים אַוועקגעבן, דערפאַר וועט ער שפּעטער צושטיצן מיט עסן.

ווען דער נייער „בעל־טובה" האָט פאַרלאָזן דעם באַראַק האָט מען אָנגעהויבן פרעגן איינער ביים צווייטן, צי די מאָרגנדיקע קאַראַנטין־באָד איז שוין נישט אונדזער לעצטער עטאַפּ. כמעט אַלע האָבן געהאַלטן, אַז מיר האָבן נאָר געציילטע שעהן צום לעבן. נאָר איינצלנע פּרוואון טרייסטן, אַז מיר וועלן נאָך לעבן און איבערלעבן אונדזערע שונאים.

פון די פיר הונגער־טעג איז מען געווען זייער אויסגעשעפּט און אָן כוחות. דער מענטשלעכער אָרגאַניזם פאָדערט זיינס און וויל נישט וויסן, צי ער וועט נאָך מאָרגן דאַרפן אָדער נישט, — היינט לעבט ער נאָך, פאָדערט ער דאָס, וואָס עס קומט אים. די, וועלכע האָבן נאָך געהאַט שטיקלעך ברויט, גיבן עטלעכע ביסנס זייערע נאָענטע. אויסגעמאַטערטע און אָפּגעשוואַכטע, דערפרוירענע פון קעלט און ווינט, איז מען אַוועקגעפאַלן ווי די פליגן אויף די האַרטע נאַרעס און אַנטשלאָפן געוואָרן ווי געהרגעטע.

ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן עפנט זיך די טיר פון בלאָק און אונדזער נייער פּוילישער „גוטער פריינד" איז ווידער דאָ. ער חזרט נאָכאַמאָל איבער זיין דרשה. אַזוי ווי קיינער רופט זיך נישט אָפּ, פאַרלאָזט ער תיכף דעם בלאָק. ס׳דויערט נישט קיין גאַנצע שעה, ווי ער קומט צוריק און טרייבט אַלעמען אַרויס אויף דער גאַס, וואו מיר ווערן אויסגעשטעלט אין רייען. עס קומען אָן עטלעכע ס״ס־ליט, וועלכע באַטראַכטן אונדז פון קאָפּ ביז פיס און וואָרנען,

אַז דער, וואָס האָט געלט אָדער אַנדערע ווערטפולע חפצים, זאָל עס פאַר דער רעוויזיע אין קאַראַנטין־באָד אָפּגעבן. אויב מ׳וועט ביי עמיצן שפּעטער עפּעס געפינען, וועט יענער אויפן אָרט דערשאָסן ווערן.

אין קאַראַנטין־באָד

איידער מען פירט אונדז אַריין אין קאַראַנטין־באָד, שלעפּט אַ ס״ס־מאַן אַרויס פון דער ריי איינעם פון די צוויי ברידער קראַוועצאָוו, פון ביאַליסטאָק, און פרעגט אים, וואו האָט ער באַהאַלטן זיינע בריליאַנטן. ווייזט אויס, אַז קראַוועצאָווס ענטפער האָט דעם ס״ס־מאַן נישט באַפרידיקט, איז ער אים מכבד מיט עטלעכע שטאַרקע קלעפּ און שלעפּט אים אַוועק אין רעוויר (שפּיטאָל), וואו מען פּאָמפּעט אים אויס דעם מאָגן. אַן אויסגעמוטשעטן יאָגט מען אים צוריק אַריין אין די רייען.

אַריינגייענדיק אין קאַראַנטין־באָד, יאָגט מען אונדז צום ערשטן אַריין אין צימער, וואו ס׳זיצן דריי פּוילישע „העפטלינגע״, וועלכע פרעגן ווידער צי מיר האָבן געלט אָדער בריליאַנטן. ווער עס האָט, זאָל דאָס נישט איבערלאָזן אין די זאַכן, ווייל מיר וועלן די זאַכן צוריק נישט באַקומען; אַז מ׳וועט אָבער אָפּגעבן דאָס געלט אָדער צירונג אין ביוראָ, וועט עס דינען פאַר זייער איינגנטימער אַלס אַ פאָנד, פון וועלכן ער וועט קענען געניסן ביים איינקויפן אין דער לאַגער־קאַנטינע. אויב מ׳וועט נישט אָפּגעבן און מ׳וועט געפינען ביי דער אונטערזוכונג — וועט דער אייגנטימער דערשאָסן ווערן.

נאָכן אָפּהאַלטן די „דרשה״, באַפעלט מען אויסצוטאָן זיך. די פּוילישע קנעכט פירן דורך אַ גרינטלעכע רעוויזיע. מען זוכט אין מויל, אין הינטער־חלק און אויב איינער האָט אַ באַנדאַזשירטע וואונד, ווערט דער באַנדאַזש אַראָפּגעריסן, כדי צו קענען זען, וואָס עס טוט זיך אונטערן באַנדאַזש. נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט דער רעוויזיע, האָבן עטלעכע פּוילישע שערערס אונדז אָנגעהויבן שערן, אָדער ריכטיקער געזאָגט, אַרויסרייסן די האָר פונם גאַנצן קערפּער מיט זייערע טעמפּע מאַשינקעס און ראַזיר־מעסערס.

געענדיקט מיט דער אינקוויזיציע, ווערט מען אַרונטערגעיאָגט אונטער די טושן. ס׳גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ אויף אונדז אַ שטראָם פּאַרעדיק וואַסער, אַז עס בריט די הויט, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום פּליוסט שוין אויף אונדז אייז־קאַלט וואַסער. נישט איינער פּאַרקילט

זיך באַלד אויפן אָרט. נאָכדעם ווערן מיר „דעזינפעצירט". אַן אויס־געפּאַשעטער יונגער פּוילישער כוליגאַן שטייט איבער אונדז מיט אַ שפּריץ; פון זיינע הענט גייט מען שוין אָבער נישט אַרויס אַזוי „טרוקן". קודם־כל איז ער יעדן פון אונדז מכבד מיט אַ זעץ אין האַרצן. פון שטאַרקן קלאַפּ פאַלט מען מיטן קאָפּ אויפן צעמענטענעם באַסן באָדן. אויב מען הויבט זיך נישט אויף אַזוי גיך, הויבט ער אָן טרעטן זיין קרבן מיט זיינע שווערע בעסטיאַלישע פיס. צי מען קען אָדער מען קען נישט — דער אימפּעט הויבט שוין אויף. דער פּאָליאַק־רוצח איז ווידער מכבד מיט קלעפּ אין פּנים, ביז עס רוקט זיך אונטער אַ פרישער קרבן. כמעט קיין איינעם פון אונדז איז נישט געלונגען זיך אַרויסצודרייסן פון זיינע גזלנישע הענט.

געענדיקט מיט דער באָד, שטופּט מען אונדז אַריין נאַקעטע אין אַ קאַלטן, נישט געהייצטן צימער. ס'איז אַ פראָסט און עס טרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן קריגן מיר די לאַגער־מלבושים: אַ קורץ העמדל, אַ פּאָר גאַטקעס, אַ צעריסן סוועטערל, אַ פּאָר קורצע הויזן, אַ מאַרינאַרקע, אַ ענגע בורקעלע און אַ פּאָר הילצערנע שיך. אין ס'רוב פאַלן באַקומט דער קלענערער די גרעסערע זאַכן און דער העכערער און ברייטערער — די שמאָלע און קורצע. דאָס איז שוין געווען געגוג שלעכט. דער הויפּט־אומגליק איז אָבער געווען מיט די הילצערנע שיך. מען פילט, אַז זיי וועלן דערברענגען צום גיכן סוף, ווייל שוין פון אָנהויב אָן איז ממש נישט מעגלעך געווען צו באַוועגן זיך אין זיי.

אין די לאַגער־מלבושים האָט איינער דעם צווייטן פּשוט נישט דערקענט. אין די שמאַטעס האָט מען אויסגעזען ווי אַ בעטלער־מאַסע פון ערגסטן מין. נאָכן „באַקליידן", ווערן מיר אַרויסגעיאָגט אין פראָסטיקן דרויסן און שטייען אַזוי אָפּ העכער אַ האַלבן טאָג. די פיס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערצוברעכן. טאָמער דאַרף עמיצער טאָן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש און וויל אַרויסגיין אין דער זייט, וואַקסן אויס פון אונטער דער ערד ס"ס־לייט און וואָרנען, אַז מען טאָר זיך נישט רירן. אויב מען דאַרף אפילו זיך „אויסשייסן", שרייען זיי, זאָל מען עס מאַכן שטייענדיק אויפן אָרט.

ערשט פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ מיטל־יעריקער טאָרונער פּאָליאַק און מעלדעט אונדז, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַלס אונדזער בלאָק־עלטסטער. ער באַפעלט איינצושטעלן זיך אין רייען און אָנהויבן מאַרשירן. די פיס רירן זיך נישט פון אָרט, אָבער עס

העלפט נישט, מען מוז אָנהויבן שטעלן טריט; מען גייט אָפּ אַ שטיקל וועג און צו די האַלץ־שיך האָבן זיך שוין צוגעקלעפּט שטיקער פונם פריש אַראָפּגעפאַלענעם שניי און ס'איז ממש מיטן פוס נישט צו רירן. אייניקע פון אונדז פּרואוון אָפּרייניקן דעם שניי פון די שיך, קען עס דער בלאָק־עלטסטער נישט פאַרטראָגן און עס הערן זיך שוין קולות און עס פליען שוין קלעפּ. וואָס ווייטער הויבט מען אָן אַלץ שטאַרקער צו פילן, אין וואָס פאַר אַ גיהנום מיר זענען דאָ אַריינגעפאַלן. אַן ערך מער ווי אַ שעה האָבן מיר זיך אַזוי געשלעפּט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ בלאָק.

באַגעגעניש מיט ביאַליסטאָקער

דורך די פענצטער זענען מיר באַקאַנטע ביאַליסטאָקער יידן און ס'ווערט אונדז בעת מעשה אַביסל פריילעכער אויף די הערצער. אַריינקומענדיק אין בלאָק פאַלט מען איינער אויפן צווייטן און מען וויינט זיך גוט אויס. מיר דערוויסן זיך פון זיי, אַז דאָס איז אַ גרופּע פון עטלעכע און זיבעציק ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע זענען נאָך דער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ אָפּגעפירט געוואָרן אין לאָמזשער תפיסה, וואו זיי האָבן געאַרבעט פאַר די דאָרטיקע ס"ס־לייט. אינם זעלביקן דינסטיק, ווען מיר זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון ביאַליסטאָקער תפיסה, האָט מען זיי אַרויסגעפירט פון לאָמזשער תפיסה. זיי זענען שוין דאָ פון נעכטן.

אונדזער בלאָק־עלטסטער קען אָבער נישט פאַרטראָגן דעם טומל, וואָס איז געוואָרן צוליב דער באַגעגעניש. ער שטעלט זיך אַרויף אויף אַ בענקל און האַלט אַ מענטשן־פרעסעריש „דרשה".

„איך בין באַשטימט געוואָרן פאַר אייער בלאָק־עלטסטן און קען מיט אייך מאַכן, וואָס איך וויל. איך בין שוין דריי יאָר אין קאַצעט און כ'האָב זייער אַ סך דורכגעמאַכט, איצט וועל איך אייך, פאַרכאַטע יידן, געבן צו פאַרזוכן דעם טעם, וואָס עס הייסט קאַצעט. איך אַליין וועל מיט מיינע אייגענע הענט דערהרגענען 25 יידן און זיך נישט לאָזן אָנרירן די מינדסטע האָר. אין די נאָענטסטע טעג וועט איר האָבן די געלעגנהייט אין דעם צו איבערצייגן זיך. איר דאַרפט אויך וויסן, אַז דריי וואָכן וועט איר, פונקט ווי אַלע נייע העפטלינגע, מוזן דורכמאַכן לאַגער־איבונגען. כ'האָב באַקומען אַ פאַראָרדנונג, אַז מיט אייך דאַרפן זיי אָבער זיין באַזונדערס שווערע. חוץ אַלעמען וואָרן איך אייך, אַז אין בלאָק מוז הערשן אַזאַ שטילקייט,

אז מען זאָל קענען הערן דאָס זשומען פון אַ פליג. באַזונדערס דאַרף געלייגט ווערן אַכט אויף דער ריינקייט, וואָס מוז אַריבערשטייגן אַלע אַרישע בלאָקן. אויך לאָז איך אייך וויסן, אַז כ'האָב באַשטימט אייער ד"ר זאָנאַבענד פאַר מיין נישט־אָפיציעלן פאַרטרעטער. אין די שעהן, ווען איך וועל נישט זיין אין בלאָק, פאַרנעמט ער מיין אָרט און זיין וואָרט איז באַפעל, פונקט ווי מיינער".

נאָך דער „דרשה" האָט מען שוין איינגעזען, אַז פאַר דער מינדסטער קלייניקייט וועט מען דאָ פאַרפייניקט ווערן. אויף די פנימער פון די קוים זשיפענדיקע ביאַליסטאָקער יידן האָט זיך פאַר־צויגן אַ שווערער טרויער.

מען פייניקט

צוויי טעג האָט מען אונדז געלאָזן צורו. אויפן דריטן טאָג, מאָנטיק פונקט 8 פרי, האָט זיך אָנגעהויבן די פייניקונגס־פּראָגראַם.

אויף אַ גרויסן, מיט שניי באַדעקטן פלאַץ נעבן אונדזער בלאָק, האָט מען שעהנווייז געמוטשט זיך שאַרן אויפן בויך, לויפן אָן אַן אָטעם פון איין עק צום צווייטן, מאַכן קני־איבונגען און אַנדערע שווערע אינקוויזיציע־איינפאַלן. טאָמער האָט עס איינער נישט אויס־געפירט פּינקטלעך, פלעגן דער בלאָק־ און שטוב־עלטסטער (אויך אַ פּאָליאַק) אַרויפקריכן אויף יענעם מיט די פיס און אים אַזוי לאַנג שלאָגן מיט אַ גומי, ביז זייער קרבן פלעגט אַ האַלב־טויטער בלייבן ליגן אויפן פלאַץ. ס'האָט אויך געטראָפן, אַז אונדזער בלאָק איז אין דער איבונגס־צייט באַזוכט געוואָרן פון אַ ס"ס־מאַן, וואָס האָט גע־האַט די אויפזיכט איבער אונדז. אין יענע שעהן איז אויפן איבונגס־פלאַץ געווען אַן אמתער גיהנום. דער ס"ס־מאַן איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך פון בלאָק און געשעפּט נחת פון זיינע צוויי פּוילישע קנעכט, וועלכע קריכן אַרום פון דער הויט און טוען אָפּ מיט די יידישע שקלאַפן די ברוטאַלסטע מעשים. מ'האָט אונדז געהייסן זיך אויסלייגן איבערן פלאַץ און די צוויי פּוילישע בעסטיעס זענען געקראָכן איבער אונדז, געקאָפּעט מיט די פיס אין די פּילבאַרסטע ערטער און געשלאָגן מיט גומי־שטעקנס איבער די קעפּ.

דער ס"ס־מאַן, הויך און דיק, מיט אַ פּנים פון אַ וואַלד־גזלן, האָט זיך נישט באַפרידיקט מיט דעם און פלעגט אַליין אויך אַרויפלויפן אויף די ליגנדיקע האַלב־טויטע יידן, טרעטן מיט די פיס און מיט אַ שטעקן שלאָגן איבער די קעפּ, שרייענדיק דערביי:

„וואו איז אײער גאָט? פאַרוואָס נעמט ער זיך נישט אָן פאַר אײַך?"

די פײניקונגס־איבונגען פלעגן פאָרקומען צוויי מאָל טעגלעך און דאָס פלעגט דויערן פון 6 ביז 7 שעה; נאָכדעם ווי די איבונגען פלעגן פאַרענדיקט ווערן, האָט מען מיט די לעצטע כּוחות זיך גע־מוזט שאַרן צום בלאָק. הגם מ'האָט נישט געקאָנט רירן מיט קײן אבר, האָט מען זיך נאָך געמוזט גוט אָרומרײניקן און אָרומוואַשן, פּונקט ווי ס'וואָלט קײן זאַך נישט פּאַסירט.

ס'איז כּמעט נישט אַוועק קײן אײן איבונגס־טאָג, וואָס זאָל נישט ברענגען קײן קרבן אָדער צוויי. אין דער פרי פלעגט מען די צעממיתטע אַוועקטראָגן אין לאַגער־שפּיטאָל, וואו די פּוילישע דאָקטוירים מיט זײערע געהילפן פלעגן אָנשטאָט געבן הילף דעם יידישן חולה, אים לאָזן אויסגײן פון הונגער. באַגלײטנדיק די פאַר־וואונדעטע יידן צום לאַגער־שפּיטאָל, פלעגט אונדזער בלאָק־עלט־סטער זיך רימען פאַר זײנע פאַרבײגײענדיקע באַקאַנטע פּאָליאַקן, אַז דער קרבן איז פון היינטיקן טאָג, — מאָרגן וועט ער זיך באַמיען עס זאָל זײן מער.

אין משך פון דרײ וואָכן זענען כּמעט יעדן טאָג איבערגע־חזרט געוואָרן די זעלביקע אינקוויזיציע־מעטאָדן. די איבונגען האָבן געמאַכט אַ היפּשע צאָל מענטשן פאַר קאַליקעס. די, וואָס זענען אַוועק אין שפּיטאָל, זענען שוין צוריק נישט געקומען.

אין שפּיטאָל און אין די אַמבולאַטאָריעס פון שטוטהאָפער קאָנ־צענטראַציע־לאַגער האָט בנוגע יידן געהערשט אַ גיפטיקע, מענטשן־פרעסערישע אַטמאָספער. די דאָקטוירים און דער איבעריקער מעדי־צינישער פּערסאָנאַל זענען דאָרטן געווען אויסשליסלעך פּאָליאַקן. ווען מ'האָט אײנמאָל אַרײנגעפירט אַ גרופּע פון פופצן יידן, זענען די ערשטע פראַגן פון די דאָקטוירים געווען: „זײט איר זשידקעס (יידן)? פון וואַנען קומט איר?" עמיצער פון דער גרופּע האָט געענטפערט, אַז פון ביאַליסטאָק. „אהאַ, ביאַליסטאָק, — כאַפּט זיך אָן איין פּוילישער דאָקטאָר, — כ'בין אויך אַ ביאַליסטאָקער, „וואַשע קאָמיעניצע אַ נאַשע אוליצע" (אײערע הײזער, אונדזערע גאַסן); שוין אַוועק אײערע גוטע צײטן, זײ וועלן זיך שוין מער נישט אומקערן".

נאָכן דאָזיקן „ברוך־הבא" האָבן די איבעריקע פּאָליאַקן, וואָס זענען דאָרט געווען, פאַנאַנדערגעפירט די הענט. דער דאָקטאָר־קאָליגאַן האָט דערזען, אַז עס קען זײער ווײט אַוועקגײן, האָט ער געבעטן

זיינע פּוילישע „ברידערלעך", זיי זאָלן איבעררייסן מיטן שלאָגן און אָנהויבן באַטראַכטן די וואונדן. מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ הילף זיי האָבן געגעבן. אַנשטאָט צו היילן, האָבן זיי זיך באַמיט צו מאַכן גרעסער די וואונדן, און דער, וואָס האָט שוין ווייטער נישט געקענט גיין און געמוזט בלייבן אין שפּיטאָל, איז דאָרט אין אַ פּאָר טעג אַרום אויסגעגאַנגען פון הונגער און קלעפּ.

די, וואָס זענען נאָך אַזאַ „הילף" נאָך געווען בכוח זיך צו האַלטן אויף די פיס, זענען האַלב־נאַקעטע אַרויסגעשטויסן געוואָרן אין פּראַסטיקן דרויסן. שפּעטער האָט מען אַרויסגעוואָרפן די עטלעכע שמאַטעס, וואָס מען האָט געטראָגן אויף זיך. ביי וועמען עס פלעגט פאַרפאַלן ווערן אַ הילצערנער שוך, איז אים אויסגעקומען צו גיין מיט איין פוס באָרוועס אויפן אייז. אַזאַ איינער האָט זיך פאַר־קילט און זיין גורל איז שוין געווען אַ געחתמעטער.

ביי די געשילדערטע שפּיטאָל־אויפנאַמעס זענען כמעט שטענדיק בייגעווען עטלעכע דיקע אָנגעפּרעסענע ס"ס־גזלנים, וואָס פלעגן צע־שמאָלצן ווערן פון נחת צוקוקנדיק, ווי זייערע פּוילישע קנעכט, וועלכע זענען אַליין אויך געווען העפטלינגע, פירן דורך די פאַר־ניכטונג פון יידן נאָך בעסער פאַר זיי.

ביים פאַרטיילן דאָס עסן

ווילדע סצענעס פלעגן זיך אויך אָפּשפּילן ביים פאַרטיילן דאָס עסן. יעדן טאָג האָט מען באַקומען 20 דעקאַ ברויט, עטוואָס מאַרמע־לאַדע אָדער מאַרגאַרין און אַ ליטער זופּ. אַזאַ עסן איז געווען אַ לאַנגזאַמער הונגער־טויט. ווען דער פּוילישער שטוב־עלטסטער פלעגט אַמאָל מעלדן, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן אַביסל זופּ, פלעגט ביים קעסל ווערן אַ געוואַלטיקער געדראַנג. דער באַנדיטישער שטוב־עלטסטער פלעגט דעמאָלט כאַפּן אַ בענקל און קלאַפּן מיט אים איבער די קעפּ. נישט איינער פון די, וואָס זענען געלאָפן נאָך אַביסל עסן, האָט שפּעטער חרטה געהאַט.

צווישן די שווער־געטראָפענע זע איך בונים פאַרבשטיינען. איך פרעג אים צו וואָס גייט ער נאָך דעם ביסל זופּ, צי זעט ער דען נישט, אַז דער שטוב־עלטסטער מאַכט עס עקסטרע, כדי צו קענען שפּאַלטן אַביסל יידישע קעפּ? ער ענטפערט מיר אויף דעם, אַז ער קען שוין לענגער נישט אויסהאַלטן פון הונגער און מאַטערניש, די פיס זענען פאַרשוואָלן, די כוחות האָבן זיך אויסגעשעפּט, לויפט ער

דעריבער צו קריגן נאָך אביסל זופּ; וועט ער עס באַקומען — איז גוט, אויב ער וועט אָבער כאַפּן מיט אַ בענקל איבערן קאָפּ, קען ער אַמאָל קריגן אַ טויט־קלאַפּ און ס'וועט נעמען אַ סוף צו זיינע ליידן. אַליין נעמען זיך דעם לעבן טאָר מען נישט און ער קען דאָס נישט.

נישט נאָר בונים פאַרבשטיין, כמעט אַלע האָבן זיך געוואונטשן, אַז זיי זאָלן זיך לייגן שלאָפן און מער נישט אויפשטיין.

ביי דער אַרבעט

מען פאַרשרייבט אונדז אינם לאַגער־אַרבעטס־אַמט, און פון אונדזער גרופּע האָט מען גענומען אויף אַרבעט אין די לאַגער־וואַרשטאַטן ביי אַ פּופּציק פאַכלייט: שניידערס, שלאָסערס, סטאָ־לאַרעס און שוסטערס. די לאַגע פון דער דערמאָנטער גרופּע האָט זיך, נאָכדעם ווי זי איז אַוועק אַרבעטן, באַדייטנדיק פאַרבעסערט.

די איבעריקע ביאַליסטאָקער יידן זענען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער אינקוויזיציע־אַרבעט, וואו מ'האָט געזאָלט פאַר־ענדיקן מיט זייערע לעבנס.

אויף אַ גרויסן פּלאַץ, פּונקט אַנטקעגן לאַגער, זענען געווען אָנגעלייגט אויף אַ היפּשן שטח, צען מעטער די הויך, בוימער־וואָרצ־לען, וועלכע מען האָט געמוזט אַריבערטראָגן דריי הונדערט מעטער ווייטער. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען איבער אונדז דורכגעפירט געוואָרן אָט וואָסערע שווערע טאָרטורן: די פּוילישע אָנפירער פון דער אינקוויזיציע, דער בלאָק־ און שטוב־עלטסטער, האָבן באַשטימט פיר אויסגעמאַטערטע יידן, זיי זאָלן איבערטראָגן אַ „קאָרטש", וואָס איז געווען אַן אַרבעט פאַר אַכט קרעפטיקע מענער. ווען די פיר קרבנות האָבן זיך אפילו נישט געקענט אַ ריר טאָן מיט דער משא, האָבן די אינקוויזיטאָרן אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט שטעקנס איבער די קעפּ, ביז מ'פלעגט פאַלן אין אָנמאַכט. טאָ־מער האָט מען זיך תיכף נישט אויפגעהויבן, האָבן די באַנדיטן גע־טראָטן זייער קרבן מיט די פיס און געשלאָגן מכות־רצח, ספּע־ציעל אין די ערטער, וואָס זענען אַמפּילבאַרסטן. מיט די לעצטע כוחות פלעגט מען זיך אויפהויבן און זיך ווידער נעמען צום בוים־וואָרצל. ווען די פּאַליאַקן האָבן געזען, אַז די אויסגעמוטשעטע יידן קענען אים דאָך נישט אויפהויבן, האָבן זיי צוגעלייגט זייערע אויס־געפרעסענע הענט און געזאָגט: „אַזוי דאַרף מען אַרבעטן", און אַלע האָבן גענומען טראָגן די שווערע משא. ווי נאָר די פּאַליאַקן האָבן

אָבער אָפּגעלאָזן, איז דער „קאָרטש" אַראָפּגעפאַלן און די גזלנים פלעגן אונדז ווידער באַפאַלן מיט די שטעקנס און לאָזן ליגן נעבן „קאָרטש" צעהרגעטע און צעבלוטיקטע. געענדיקט מיט אונדז, פלעגן זיי לויפן צו אַ צווייטער, אַ דריטער גרופּע יידן, איבער וועלכע זיי האָבן דורכגעפירט די זעלבע אינקוויזיציעס ווי איבער אונדז. אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן האָבן די פּוילישע מערדערס פאַרענדיקט די לעבנס פון אַ סך פון אונדזערע ברידער.

יעדן טאָג איז אויפן דערמאָנטן אינקוויזיציע־פּלאַץ געווען אַן אַנדער מעטאָד פון פּייניקן. איין טאָג האָט מען אונדז געצוואונגען אַריבערטראָגן זייער שווערע קלעצער אין לויף־שריט. דעם, וואָס האָט נישט געקענט לויפן, האָט מען מיט שטעקנס געהאַקט איבער די פיס און אין קאָפּ. ווען דער קרבן פלעגט פאַלן און זיך אַזוי גיך נישט אויפהייבן, פלעגן די בעסטיעס אַרויפטרעטן מיט די פיס ביי אים אויפן האַלדז און שטיין אַזוי לאַנג ביז ער פלעגט אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם.

אַ צווייטן טאָג האָבן זיי אָנגעווענדט אַן אַנדער מענטשן־פּרעסע־רישע פּייניקונג. פאַרן נישט קענען טראָגן די שווערע קלעצער אין לויף־שריט, האָבן די באַנדיטן געצוואונגען זייער קרבן, ער זאָל צו־גיין צום נאָענט־שטייענדיקן ס"ס־פּאָסטן. יענער האָט אויף אים אַרויפגעלאָזן זיין גרויסן וואָלף־הונט, וואָס פלעגט פון קרבן רייסן שטיקער פלייש. אין די מינוטן פלעגן מיר פאַר שרעק לויפן מיט די שווערסטע משאות. קיין מענטשלעכע פאַנטאַזיע קען גאָרנישט אויס־מאָלן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט. אונדזער איינציקער וואונטש איז דעמאָלט געווען, ס'זאָל זיך עפענען די ערד און אַלץ זאָל איינגעזונקען ווערן.

צווישן די, וואָס זענען צעריסן געוואָרן דורך די הינט, איז אויך געווען דער ביאַליסטאָקער קאָלאָניאַל־סוחר נחום קאַרפּ. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן אין שווערע יסורים.

איין טאָג האָבן די באַנדיטן איינגעשפּאַנט צוואַנציק יידן צו טראָגן אַ בוים, וועלכן ס'האָבן געדאַרפט טראָגן וויניקסטנס צוויי מאָל אַזויפיל דייטשן, וואָס זענען נישט געווען אַזוי אויסגעמאַטערט און אויסגעפּייניקט ווי מיר. געוויינלעך פלעגן 20 מאַן אויפהויבן איין זייט פון בוים און אַרויפלייגן אויף די אַקסלען פון צען, דערנאָך אויפהויבן די צווייטע זייט און אַרויפלייגן אויף די אַקסלען פון די אַנדערע צען. די אומגליקלעכע פלעגן זיך באַלד אונטערברעכן

אונטער דער שווערער משא און האָבן דעם בוים געמוזט אַראָפּלאָזן, פּאַלנדיק מיט אים אויף דער ערד. די פּוילישע קאַפּאָס פלעגן דעמאָלט אַריינפאַלן אין אַ שרעקלעכן צאָרן און אָנהויבן שלאָגן מיט זייערע שטעקנס איבער די קעפּ פון די ליגנדיקע יידן. ווען די יידן פלעגן זיך מיט די לעצטע כוחות אויפהויבן, פלעגן זיי ווידער איינגע־שפּאַנט ווערן אונטערן ריזיקן בוים. אונטער אַ האָגל פון קלעפּ איבערן קאָפּ און איבער די פּים, האָט מען דעם בוים געמוזט שלעפּן ביי צוויי קילאָמעטער. נאָכן אַראָפּוואַרפן די משא, זענען אַלע געפאַלן אין אָנמאַכט. צעהרגעטע און צעמזיקטע, קוים וואָס מ׳האָט זיך געהאַלטן אויף די פּיס, זענען מיר מיט צוויי שעה שפּעטער נאָך דער אַרבעטס־צייט אָנגעקומען אין אונדזער בלאָק.

פאַר די דריי וואָכן, וואָס מיר האָבן געאַרבעט אויפן דערמאָנטן אַרבעטס־פּלאַץ, זענען קנאַפּע צוויי צענדליק יידן דאָרט פאַרפייניקט געוואָרן. נאָכן אָפּמאַטערן זיך אַ טאָג אָדער צוויי אין „קאַצעט״־שפּיטאָל, פלעגן זיי דאָרט אויסגיין אָן מעדיצינישער הילף און אפילו אָן עסן.

נאָך דער אַרבעט

קומענדיק קוים לעבעדיקע, פון די פּייניקונגס־ערטער, אין אונ־דזער בלאָק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישער גיהנום. דאָ טאָר מען נישט שטיין און דאָ טאָר מען נישט זיצן. מען איז דערפרוירענע און עס וואַרפט אַ צאָן אָן אַ צאָן פון קעלט, גייט מען צו צום אויוון זיך אָנוואַרעמען, קען עס דער שטוב־עלטסטער נישט פאַרטראָגן. מען באַמערקט נישט פון וואַנען, ווי עס פליען פלוצים עטלעכע בענקלעך צו די, וואָס שטייען נעבן אויוון און עטלעכע פון אונדז האָבן שוין צעהאַקטע קעפּ. ווען מען רעדט צווישן זיך אַביסל צו הויך, ווערן דערפאַר אַלע יידן אַרויסגעטריבן אויפן פּלאַץ און מען מאַכט מיט אונדז אַ שעה שטראָף־איבונגען און נישט איינער קומט אַרויס פון דעם אַ צעקאַליעטשעטער.

נאָך דער אינקוויזיציע־שעה ווערט מען אַריינגעטריבן אין קאַלטן וואַש־רוים, וואו מיר מוזן האַלב־נאַקעטע זיך אַרומוואַשן. מען טאָר חלילה נישט דערקענען אויף אונדז, אַז מיר האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע. אויך פון דעם וואַשן זיך האָט נישט איינער שטאַרק זיך פאַרקילט און איז גאָר גיך אַוועק פון אונדז אין אַ בעסערער וועלט.

יעדע עטלעכע טעג פלעגט דורכן בלאָק־ און שטוב־עלטסטן

דורכגעפירט ווערן ביי אונדז אַ לייז־קאָנטראָל. פאַר דער קאָנטראָל האָבן מיר זיך זייער געשראָקן, ווייל ביי וועמען מען האָט געפונען אַ לויז, האָבן די צוויי פּוילישע באַנדיטן אַזוי לאַנג געשלאָגן ביז יענער פלעגט פאַלן אונטער זייערע הענט.

איינער פון די לויז־קרבנות איז געווען שמואל פּאָרטנאָי. נאָכן געפינען ביי אים אַ לויז, האָט דער בלאָק־עלטסטער זיך צוגעכאַפּט צו אים ווי אַ ווילדער רוצח. וואָס ער האָט געהאַט נעבן זיך, האָט ער געוואָרפן אויף אים. אַז ער האָט אים געהאַט גוט צעשלאָגן, האָט ער אים געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט, אַריינגעטריבן אין קאַלטן וואַשצימער און אויף אים געשפּריצט אייז־קאַלטע וואַסער אין משך פון אַ פערטל שעה. נאָך דער דאָזיקער אינקוויזיציע האָט מען פּאָרטנאָיען פון דאָרטן אַרויסגעשלעפּט אַ האַלב־טויטן. אַ גאַנצע נאַכט האָט ער נאָך געמוזט ליגן אַ נאַקעטער אין קאַלטן שלאָףצימער. אין דער פרי האָט ער נאָך געלעבט. דער באַנדיטישער בלאָק־עלטסטער באַפעלט דעמאָלט צוויי יידן אַוועקצוטראָגן פּאָרטנאָיען אין שפּיטאָל. אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער דאָרטן אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

בכלל איז אין בלאָק נישט געווען קיין איין רואיקער טאָג. פרישע, נישט פאָראויסגעזעענע אומגליקן האָבן שטענדיק געלויערט אויף אונדז. דאָ זענען די בעטן נישט פאַרבעט ווי איין גלייכער שנור; דאָ איז נישט גוט אויסגעקערט; דאָ ליגט עפּעס אויפן בעט, און דאָ געפינט מען וואָס אונטערן בעט. פאַר אַלץ שיטן זיך האַרבע שטראָפן.

איין טאָג פאַלט איין דעם בלאָק־עלטסטן, אַז די יידן האָבן געלט, מעלדעט ער, אַז אויב מ׳וועט עס אים נישט אָפּגעבן, וועט קיינער נישט קריגן קיין עסן און אַלע וועלן אַרויסגעיאָגט ווערן אויף דער גאַס. קיינער האָט אָבער קיין געלט נישט געהאַט און ס׳איז נישט געווען וואָס אָפּצוגעבן. ער וועגדעט זיך נאָכאַמאָל, שטרענגער. מיר שטייען און עס ציטערט אויף אונדז די הויט, — וואָס וועט דאָ דער רוצח מיט אונדז מאַכן? ער לאָזט אָבער לאַנג נישט טראַכטן. מיר ווערן אַרויסגעיאָגט אויפן פּלאַץ און ווערן אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי. ביי אַ פּופּצן־גראַדיקן פראָסט באַפעלט ער אונדז זיך אויסצוטאָן מוטער־נאַקעט, אפילו די שיך, און שטיין באָרוועס אויפן שניי. העכער צוויי שעה האָט געדויערט די רעוויזיע פון אונדזערע זאַכן. דערנאָך האָבן די רוצחים דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין

בלאָק. נאָך דער רעוויזיע האָט ער אונדז נאָך אַלץ געלאָזן שטיין, אפשר וועט זיך פאַרט עמיצער אָפּרופן מיט געלט. מיר שטייען אַלע דערפרוירענע און קענען שוין נישט אַריבערטראָגן די שטאַרקע קעלט. ווער וויים, ווי לאַנג מיר וואָלטן נאָך אַזוי געשטאַנען, ווען עס גייט נישט פּלוצים אָן א ס"ס־מאַן און גיט אַ פרעג דעם בלאָק־עלטסטן, וואָס איז דאָ געשען. דער ס"ס־מאַן באַפעלט אים תיכף אַריינטרייבן אונדז צוריק אין בלאָק. שיינע עטלעכע שעה האָט געדויערט ביז מ'איז געקומען צו זיך פונם דורכגעמאַכטן שווערן טאָג.

די מאַטערנישן און פּייניקונגען זענען ממש נישט אויסצוהאַלטן. אַ גרויסער טייל פון אונדז וויל שוין אַליין מאַכן אַ סוף צום ביטערן לעבן. די אָפּטימיסטן רעדן אָבער אָפּ און האַלטן, אַז מען דאַרף לעבן כל זמן מען קען. אפשר וועט מען פאַרט דערלעבן דעם נס.

יודל גורוויטש, רעדאַקטאָר פון דעם ביאַליסטאָקער נאָכמיטאָג־בלאַט „אונזער צייטונג", האָט געהערט צו די אָפּטימיסטן. ער פלעגט בייגאַכט פאַרלייענען פאַרן גאַנצן בלאָק די פראָנט־באַריכטן אָדער אַנדערע וויכטיקע ידיעות, וואָס האָבן זיך צו יענער צייט באַוויזן אין דער דאַנציקער פּרעסע, וואָס האָט זיך צייטנווייז איינגעגעבן צו קריגן.

די סאָוויעטישע אַרמיי האָט דעמאָלט מאַרשירט אין אַ שנעלן טעמפּ פאָראויס. פלעגט זיך טאָקע ביי אונדז אַריינכאַפּן אַ פונק פון האָפנונג — אפשר וועט מען דאָך דערלעבן די באַפרייאונג. אָט די האָפנונג האָט עס געגעבן כוח און מוט דורכצולעבן די שרעקלעכע, איבערמענטשלעכע יסורים, וואָס מיר האָבן דעמאָלט אַריבערגעטראָגן אויף אונדזערע שוואַכע אויסגעמאַטערטע קערפּערס.

דער כאָר

עס דערנענטערן זיך די ווינאַכט־חגאות, אויף וועלכע מיר האָבן שוין געוואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד, ווייל די צוויי יום־טוב־טעג זענען רו־טעג און מיר וועלן האָבן די מעגלעכקייט אָפּצוכאַפּן אביסל דעם אָטעם.

ערב די דערמאָנטע חגאות האָט דער בלאָק־עלטסטער זיך נאָכגעפרעגט, ווער פון אונדז קען זינגען און שפּילן. נאָכן אויסקלייבן צוועלף ייִדן, האָט ער צונויפגעשטעלט אַ כאָר, וואָס האָט אונדז געדאַרפט פאַרווילן אין די הייליקע צוויי טעג.

דער הויפּט־זינגער פון כאָר איז געווען בונים פאַרבשטיין. מען

האָט אים געצוואונגען צו זינגען ימים־נוראימדיקע שטיקלעך, פאַר־וואָס ער מיטן גאַנצן כאָר האָבן באַקומען מערער ברויט, וואָס מ'האָט אראָפּגענומען פון די פּאַרציעס פון אַלע ביאַליסטאָקער יידן. ווען בונים פאַרבשטיין פלעגט זאָגן אַ שטיקל פון ימים־נוראימדיקן דאַווע־נען, פלעגן אַלעמענס הערצער צערייסן ווערן אויף שטיקער און פון יעדערנס אויגן פלעגן זיך גיסן טייכן טרערן.

מיר קלייבן זיך אין וועג אַריין

נאָך די חגאות איז מען צו דער אַרבעט אויפן אינקוויזיציע־פּלאַץ שוין מער נישט געגאַנגען און מ'האָט דעריבער געקענט אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם. פאַר אונדז איז שוין אָבער געווען אָנגעגרייט אַ פרישע צרה. פון די קנאַפּע פופציק פּאַכלייט, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע לאַגער־ווארשטאַטן, זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין בלאָק העכער 30 מאַן. פאַרבליבן איז בלויז אַ קליינע גרופּע פון קנאַפּע צוואַנציק הויך־קוואַליפיצירטע שניידערס און אַ פּאָר אַנדערע גוטע פּאַכלייט. דער מאָטיוו פאַרוואָס די איבעריקע זענען אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער אַרבעט איז געווען, אַז שטוטהאָף נויטיקט זיך נישט אין אַזויפיל פּאַכלייט און אַז מען דאַרף אונדז האָבן אין אוישוויץ, וואו מיר וועלן אין גיכן אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן. לכתחילה האָבן מיר עס נישט געגלויבט, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך עס באַשטעטיקט.

כאָטש אַלע האָבן געוואוסט, אַז אין אוישוויץ ווערט מען פאַר־גאַזט און פאַרברענט, איז דער גרעסטער טייל פון אונדז געווען צו־פרידן: זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, אַבי ס'זאָל ווי צום גיכסטן אַ סוף נעמען צו די מאַטערנישן.

מיר פאַרלאָזן שטוטהאָף

אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר געוואַרט אויף וואַגאָנעס. אין צווישן האָבן מיר זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן, צי מען פאַרגאַזט נאָך אין אוישוויץ. געניי האָבן מיר אָבער נישט געקענט דערגיין. דעם 5־טן יאַנואַר 1944 האָבן מיר געדאַרפט פאַרלאָזן שטוטהאָף. פאַרן אָפּפאָרן ווערט אויף יעדערנס בגד אויסגעפאַרבט אויף דער פּלייצע אַ ברייטער לאַנגער רויטער פּאַס, כדי אוממעגלעך צו מאַכן דאָס אַנטלויפן.

אין שפּיטאָל זענען נאָך געווען עטלעכע ביאַליסטאָקער יידן,

וועלכע האָבן קוים געקענט שטעלן אַ טראָט. צוליב דעם אָבער, וואָס לויטן באַפעל האָבן כמעט אַלע יידן געמוזט פאַרלאָזן שטוטהאָף, האָט מען זיי אין לעצטן מאָמענט אַרויסגעיאָגט פון שפּיטאָל און פאַראייניקט צוזאַמען מיט אונדזער טראַנספּאָרט. פון זיי האָבן מיר זיך דאָס דערוואוסט, וואָס פאַר אַ יסורים און פּייניקונגען אונדזערע ביאַליסטאָקער זענען אויסגעשטאַנען אין שפּיטאָל ביז זיי האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם.

מיר דערוויסן זיך, אַז צוזאַמען מיט אונדז שיקט מען אויך אַרוים פון שטוטהאָף די פרויען. להיפּוך צו די מענער, זענען די פרויען נישט געווען צופרידן פונם אָפּפאָרן, ווייל אין שטוטהאָף האָט זיך זיי געלעבט באַדייטנדיק בעסער ווי די מענער. ס'רוב פון די פרויען האָבן געאַרבעט אין פאַרמאַכטע באַראַקן ביים שיילן קאַרטאָפל, פון קיין שטאַרקע קעלטן האָבן זיי נישט געליטן, קאַרטאָפל צום עסן האָט זיי נישט געפעלט און מ'האָט זיי אויך צו שטאַרק נישט געפּייניקט. קיין טויט-פאַלן זענען צווישן זיי נישט געווען.

עטלעכע שעה פאַרן פאַרלאָזן שטוטהאָף האָט דער לאַגער-קאָמענדאַנט געהאַלטן פאַר אונדז אַ „דרשה" און געזאָגט: איר זאָלט וויסן, אַז מען שיקט אייך אַרבעטן אויף אַ צווייטן אָרט. איר זייט גוטע אַרבעטער און דייטשלאַנד נויטיקט זיך אין אייך. מאַכט נישט קיין פּרוּוון צו אַנטלויפן, ווייל איר וועט דערשאָסן ווערן. ס'איז מיר אַ שאָד אייערע לעבנס. יעדער איינער וועט קריגן עסן אויף פיר טעג, די צייט וואָס אייער רייזע וועט דויערן.

דער סוף פון צוויי רשעים

צוויי טעג פאַר אונדזער פאַרלאָזן שטוטהאָף, זענען דער בלאָק-מיטן שטוב-עלטסטן אַראָפּגענומען געוואָרן פון זייערע פּאָסטנס פאַרן באַגיין מיסברויכן און זענען תיכּף אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ שווערן שטראָף-לאַגער. אין עטלעכע וואָכן אַרום — ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוואוסט — האָט מען דעם שטוב-עלטסטן געבראַכט אַ טויטן אין שטוטהאָפער קרעמאַטאָריע.

דער בלאָק-עלטסטער איז נאָך דער באַפרייאונג דערקענט געוואָרן דורך עטלעכע ביאַליסטאָקער שניידערס, וועלכע זענען פון אים געפּייניקט געוואָרן. זיי האָבן געמאָלדן דער סאָוויעטן-מאַכט וועגן זיינע „שיינע מעשים" און נאָך אַ דורכגעפירטער אויספאָרשונג איז ער דערשאָסן געוואָרן.

אויפן וועג קיין אוישוויץ

נאָך דער „דרשה״ פון לאַגער־קאָמענדאַנט ווערן מיר אָפּגע־פירט צו דער באַן־סטאַציע, וואו מיר בלייבן שטיין. א שטאַרקער שניי מיט א ווינט האָט געפּאַטשט אין פּנים. די פיס האָבן אָנגעהויבן פרירן שטייענדיק. פּלוצים דערזעען מיר פון דער ווייטנס, ווי מען פירט אונדזערע פרויען און מען שטעלט זיי אָפּ נישט ווייט פון אונדז. די ס״ס־גזלנים פירן דורך ביי אונדז א רעוויזיע. ווען זיי געפינען עטלע־כע ביר־פלעשלעך, וואָס מיר האָבן זיך צוגעגרייט אויף וואַסער, נעמען זיי עס צו מיטן מאָטיוו, אַז די פלעשלעך טאָר מען פון שטוטהאָף נישט אַרויספירן. נאָכן פאַרענדיקן די רעוויזיע, ווערן מיר אַרומגע־רינגלט און אַרויפגעטריבן אויף די אָפענע וואַגאָנעס פון א ליידיקן קוילן־צוג, וואָס איז אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע. דער צוג האָט געריררט פון אָרט.

גיך איז צוגעפאַלן די נאַכט און ס׳איז געוואָרן גוט פינצטער. דער שניי מיטן ווינט שניידן און שטעכן דעם קערפּער. מיר טוליען זיך איינער צום אַנדערן אין די אָפענע וואַגאָנעס. קענען מיר אַרויס־קומען לעבעדיקע פון אַזאַ נסיעה, וואָס דאַרף דויערן פיר מעת־לעת? און עס פליט דורך א געדאַנק — אפשר שפּרינגען פון וואַגאָן? סיי־ווי איז דאָך נישטאָ דער מינדסטער שאַנס, מ׳זאָל עס קענען אויסהאַלטן! דער צוג בלייבט פּלוצים שטיין און מ׳הייסט אַלעמען אַרויסגיין פון די וואַגאָנעס. אַלע ווערן אויסגעשטעלט, געציילט און ווערן געטריבן א היפּש שטיקל וועג צו א פּאַסאַזשיר־צוג, נעבן וועלכן מיר בלייבן שטיין.

אין פּאַסאַזשיר־צוג

מען באַפעלט, אַז יעדע צען פּערזאָן זאָלן פאַרנעמען א קופּע אין די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס. מיר זענען איבערראַשט און קענען נישט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז געשען. יעדער איינער פּרוּווט אויסטייטשן אויף אַן אַנדער אופן די פּלוצימדיקע ענדערונג צום גוטן. די קאַלטע וואַגאָנעס ווערן באַלד דורך צענטראַל־באַהייצונג אָנגעוואַרעמט. די ביינער הויבן אָן אָפּצוגיין און די סכנה צו שטאַרבן דורך פאַר־פרוירן ווערן האָט אונדז דערוויילן געמיטן.

עטלעכע שעה איז דער צוג געשטאַנען אויף דער באַן־סטאַציע, און מיר האָבן אַלץ געטראַכט און נישט געקענט פאַרשטיין די רעטע־

ניש, פאַרוואָס זענען מיר אַזוי פּלוצים דערהויבן געוואָרן, אַז מען פירט אונדז ווי מענטשן. מ'האָט אפילו אָנגעהויבן טראַכטן אפשר איז שוין בכלל פאַרגעקומען די ענדערונג צום גוטן סוף. אויף מאָרגן 9 אין דער פרי האָט די וואַך אַריינגעטראָגן פאַר יעדן איינעם צו 40 דעקאַ ברויט, אַ שטיקל שווייצער־קעז און אַביסל שוואַרצע קאַווע, און אָנגעזאָגט, מ'זאָל עס פאַרטיילן אויפן גאַנצן טאָג. אַלע זענען אָבער געווען טויט־הונגעריק, האָט מען די פּאַרציע באַלד אויפגע־געסן און דעם גאַנצן טאָג ווידער געהונגערט.

אין משך פון די עטלעכע טעג, וואָס עס האָט געדויערט דאָס פאָרן פון שטוטהאָף קיין אוישוויץ, האָט די באַגלייט־וואַך יעדן פרי־מאָרגן אַריינגעטראָגן די פריער דערמאָנטע פּאָרציע. בכלל האָט די וואַך זיך צו אונדז באַצויגן מענטשלעך און זיך באַמיט צו באַרואיקן, אויפקלערנדיק, אַז איצטער פאַרגאַזט מען שוין נישט אין אוישוויץ און מען פירט אונדז אַהין אויף אַרבעט.

נישט געקוקט אויף דער געענדערטער באַציאונג, האָבן מיר שטאַרק געספּקט אין דער אויפריכטיקייט פון זייערע רייד. די רעיונות האָבן אונטערגעזאָגט, אַז עס ווערט נאָר אָנגעווענדט אַ נייע טאַקטיק, כדי די קרבנות זאָלן נישט האָבן קיין חשק צו שפּרינגען פון לויפנדיקן פּאַסאַזשיר־צוג, פון וועלכן ס'איז גרינגער צו שפּרינגען ווי פון פאַר־האַקטע פראַכט־וואַגאָנעס. מיר האָבן אָבער געהאַט אַנדערע סיבות, צוליב וועלכע מיר זענען נישט געשפּרונגען. אַלע האָבן געטראָגן לאַגער־בגדים, וואָס זענען געווען געצייכנט מיט אַ רויטן פּאַס. די פּעלדער זענען געווען באַדעקט מיט אַ געדיכטן שניי און מיר זענען געגאַנגען אין האָלץ־שיך, אין וועלכע ס'איז זייער שווער געווען צו טרעטן, ווייל עס פלעגן זיך אָנקלעפּן אויף זיי גאַנצע שטיקער שניי. חוץ דעם זענען מיר געווען אויף דייטשער טעריטאָריע, וואָס ווען עס זאָל זיך אפילו איינגעבן צו ראַטעווען פון לויפנדיקן צוג, וואָלט נישט מעגלעך געווען צו קריגן פון וועמען ס'איז אַ שטיקל ברויט, אָן אָרט אויף איבערצונעכטיקן אַ נאַכט. צוליב די אָנגעווי־זענע סיבות איז טאַקע קיינער פון אונדז נישט געשפּרונגען פון לויפנדיקן צוג.

די נסיעה פון שטוטהאָף האָט געהאַט אויך איר קרבן. דער פּשיטיקער דיכטער צוקערמאַן, וועלכער איז אין דער מלחמה־צייט געווען אין ביאַליסטאָק און איז צוזאַמען מיט אונדז אַרויסגעפירט געוואָרן פון דער ביאַליסטאָקער תפיסה, האָט נאָך פאָרן פאַרלאָזן

שטוטהאָף זיך דערפילט שוואַך. אויפן וועג איז אים געוואָרן זייער שלעכט. אַלע באַמיאונגען פון ד"ר זאַנאַבענד צו דערהאַלטן אים ביים לעבן, האָבן נישט געהאָלפן. נישט ווייט פון אוישוויץ האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

מיר קומען אָן קיין אוישוויץ

נאָך דריי מעת־לעת פאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין אוישוויץ אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע, וואָס ליגט נענטער צו בירקענאַו. דאָרטן האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט די באַנדיטן פון לאַגער. אין סעקונדן האָט מען געמוזט אַרויסלויפן פון די וואַגאָנעס און זיך איינשטעלן. דעם טויטן דיכטער צוקערמאַן האָט ד"ר זאַנאַבענד גענומען אויף זיינע פּלייצעס און איז מיט אים געגאַנגען אַ שטיק וועג. שפּעטער האָבן דעם טויטן איבערגענומען אַנדערע צוויי ביאַליסטאָקער און אים געטראָגן ביזן לאַגער.

פון דער ווייטנס האָבן מיר געזען ווי אונדזערע פרויען ווערן אַרויסגעיאָגט פון די וואַגאָנעס, ווי מען שלאָגט זיי מיט שטעקנס איבער די קעפּ און ווי זיי פאַלן איבער אַ באַרג שטיינער, וואָס איז דאָרטן געלעגן, און קענען זיך נישט אויפהויבן. מיט די לעצטע כוחות מוזן זיי זיך שטעלן אויף די פיס און מיטמאַכן דעם לעצטן וועג.

גייענדיק צום לאַגער זעען מיר, ווי האַלב־טויטע יידן פּייניקן זיך ביי פאַרשידענע שווערע אַרבעטן. אין דעם מאָמענט פליט דורך אַ געדאַנק: אפשר פאַרגאַזט מען שוין דאָ נישט? ווען מיר גייען פאַרביי די גאַז־קאַמערן מיט די קרעמאַטאָריעס, וואָס זענען געשטאַנען איינע נעבן די אַנדערע, און מיר קוקן אויף די געביידעס, ווערט פאַרגליווערט דאָס בלוט אין די אָדערן און ס'ווערט פאַרשוואונדן יעדע האָפענונג לעבן צו בלייבן.

בישט ווייט פון דער קרעמאַטאָריע האָט מען אונדזערע פרויען, וועלכע זענען דעם גאַנצן וועג געגאַנגען הינטער אונדז, אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער ריכטונג. די האַרץ ווערט צוגויפגעדריקט, עס שטיקט צום וויינען, און מיר שיקן אונדזערע ליבסטע און טייערסטע די לעצטע בליקן. עס דויערט נישט לאַנג און מען פירט אונדז אַרויף אויף אַ הויף, פון וואַנען מיר ווערן אַריינגעטריבן אין אַ גרויסער באָד.

אין אוישוויצער באָד

דער באָד־פּערסאָנאַל, וועלכער איז אין זיין גרויסער מערהייט באַשטאַנען פון יידן, האָט אונדז אויפגענומען ווי מיר וואָלטן געווען באַנדיטן. נאָכן אָפּוואַרטן עטלעכע שעה הערט מען געשרייען: „דער שטוטהאָפער טראַנספּאָרט זאָל זיך אויסטאָן". היטלערס יידישע אונטערוועלט־מענטשן פון באָד־פּערסאָנאַל פירן דורך ביי אונדז אַ גרינטלעכע רעוויזיע און נעמען צו אַלץ, וואָס מען האָט מיטגעבראַכט. נאָכדעם ווערן מיר געטריבן צו די יידישע פריזירערס, וועלכע רייסן אַרויס מיט זייערע טעמפּע געציייג די האָר פון גאַנצן קערפּער. אָפּגעפּטרט די אינקוויזיציע, יאָגט מען אונדז תיכף אַריין אין באָד אונטערן הייסן קאָכעדיקן טוש, ממש צום אָפּבריען זיך. ווער עס רירט זיך פון אָרט ווערט פון באָד־פּערסאָנאַל געשלאָגן מיט שטעקנס. באַלד נאָכן קאָכיקן טוש לאָזט מען אויף אונדז אַרויף אייז־קאַלט וואַסער. ביים אַרויסגיין פון באָד ווערן מיר אויסגעשמירט מיט אַן עסיקער פליסיקייט, וואָס ברענט ווי פייער. דערנאָך טרייבט מען אונדז אַריין אין אַ צימער מיט אָפענע פענצטערס, דורך וועלכע עס האָט אַריינגעבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. אין דעם צימער האָבן מיר געוואַרט אויף אונדזערע זאַכן, וועלכע מ'האָט גענומען צו אַנטלויזן. נאָך דער אַנטלויזונג ווערן די זאַכן אַרויסגעוואָרפן אין איין קופּע. אַלע וואַרפן זיך אַרויף אויף דער קופּע ווי די היישעריקן און יעדער איינער ציט אַרויף אויף זיך זיינע שמאַטעס.

ביי דער אַנטלויזונג האָבן עטלעכע פון אונדז זיך פאַרקילט און אין אַ פּאָר טעג אַרום זענען זיי שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע.

תושבים אין אוישוויץ

אָפּגעפּטרט מיט דער אַנטלויזונג, הויבט זיך אָן די פּראָצעדור פון אַריינשרייבן אונדז אין דער לאַגער־קאַרטאָטעק. דאָס אַריינשרייבן ווערט דורכגעפירט דורך אַ גרופּע יידישע שרייבער־העפטלינגע, וואָס האָבן אונדז אויפגענומען פריינדלעך און מענטשלעך.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער איינשרייבונג, האָט אונדז אַ צווייטע גרופּע אויסגעטאַטואירט אויף דער לינקער האַנט דעם לאַגער־נומער.

נאָכן פאַרטיק ווערן מיט די פאָרמאַליטעטן, האָבן אונדז די שרייבער געטרייסט, אַז דאָס וואָס מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין

דער לאַגער־קאַרטאָטעק און מיר זענען טאַטואירט געוואָרן, איז אַ גוטער סימן און מיר דאַרפן זיין צופרידן, ווייל די יידן, וואָס מאַכן עס נישט דורך, גייען גלייך אין אויוון. זיי גיבן נאָך צו, אַז מירן איצטער גיין אין קאַראַנטין אויף עטלעכע וואָכן. די, וואָס וועלן זיין געזונט, וועט מען שיקן אויף אַרבעט און קיין סכנה פון פאַרגאַזונג שטייט אין די נאָענטע וואָכן נישט פאָר.

צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער קרבנות זענען מיר די נאַכט געד



די נאָרעס פון אַ בלאָק אין אוישוויץ

שלאָפן אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע און זענען אויפגעשטאַנען צעבראָכענע און הונגעריקע. ערשט אַרום 12 בייטאָג האָט מען גע־בראַכט אין עמלעכע שמוציקע הערינג־פעסלעך זופּ, וואָס מ׳האָט זי ממש אין מויל נישט געקענט נעמען. אפילו דאָס ביסל זופּ האָט מען אויך נישט געקענט גלייך קריגן, ווייל מ׳האָט נישט געהאַט אין וואָס זי צו נעמען. אַנדערע האָבן גענומען אין די היטלען, די יינגערע האָבן אויסגעזוכט פון ערגעץ־וואו שמוציקע כלים און זיך געקליגט נעמען צו עטלעכע מאָל. אַ סך פון די עלטערע האָבן גאָרנישט באַקומען און ווידער געהונגערט.

דאָס איז איינס פון די טרויעריקע בילדער, וואָס ווייזן צו וואָס די נאַצי־בעסטיעס האָבן אונדז דערבראַכט. דער יינגערער און שטאַר־קערער האָט אויפגעגעסן דעם עלטערן און שוואַכערן; אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער איצטיקער שטאַרקער אויפגעגעסן געוואָרן פון אַ שטאַרקערן, וואָס איז געקומען נאָך אים. אין דער אונטערשטער שורה זענען אָבער אַלע אומגעקומען. איינער אַ חודש פריער, דער צווייטער אַ חודש שפּעטער.

בירקענאַו — בלאָק נומער 13

באַלד נאָכן עסן ווערן מיר אָפּגעפירט צום קאַראַנטין־לאַגער אין בלאָק נומער 13. דאָרטן זענען געווען די שטאַלן פון דער פאַרמלחמה־דיקער פּוילישער קאַוואַלעריע, אין וועלכע ס׳זענען כמעט קיין פענצ־טער נישט געווען. פון ביידע זייטן ווענט זענען געווען אויסגעשטעלט דריי־שטאָקיקע נאַרעס פאַר עטלעכע הונדערט פּערזאָן. אַריינגעשפּאַרט האָט מען אָבער אין באַראַק קנאַפּע טויזנט מענטשן. אויף די נאַרעס איז כמעט נישט געווען קיין שטרוי און מיט איין דעקע האָבן זיך געמוזט צודעקן עטלעכע פּערזאָן. אין בלאָק איז געווען זייער שמוציק און דער רעזשים איז געווען נאָך שטרענגער ווי אין שטוטהאָף. אַ גאַנצן טאָג האָט מען געמוזט ליגן אויף די נאַרעס. נישט געקוקט אויף דער ענגשאַפט, האָט דאָרט געהערשט אַ שטאַרקע קעלט, ווייל די באַראַקן זענען נישט באַהייצט געוואָרן. פון אַלע זייטן זענען גע־ווען לעכער, פון וועלכע ס׳האָט געבלאָזן אַ ווינט. אַ סך פון אונדז האָבן פאַרקילט די אורין־פּענכערס און מען האָט געמוזט יעדע פּאָר מינוט לויפן משתין זיין. פון באַראַק מעג מען אָבער אַרויסגיין נאָר אין באַשטימטע שעהן און איינהאַלטן זיך קען מען נישט, פלעגן אַנדערע ריזיקירן און זיך אַרויסגנבענען פון באַראַק. אַנדערע פלעגן

משתין זיין אין אַ ווינקל פון בלאָק גופא. אַז דער בלאָק־עלטסטער אָדער די „שטובע־דינסט״ (די, וועלכע פלעגן אויפרוימען און טאָן אַלע נויטיקע ארבעטן אין בלאָק), פלעגט כאַפּן איינעם ביי אַזאַ „פאַר־ברעכן״, פלעגט ער אויפן אָרט קריגן טויט־קלעפּ.

יעדן טאָג, אַזייגער 12, פלעגט די „שטובע־דינסט״ אריינטראָגן אין אונדזער גיהנום צו אַ צענדליק יידן, וואָס זענען געלעגן אויף די נאַרעס, שיסעלעך מיט אַ וואסערדיקער זופּ. היות ווי קיינער האָט נישט געהאַט קיין לעפל, פלעגט מען די זופּ אויסטרינקען און דערנאָך אויסלעקן די שיסל מיט דער צונג. נאָכן אָפּפּאַרטיקן זיך מיט איין צענדליק פלעגן זיי אין די זעלביקע שמוציקע שיסעלעך ברענגען זופּ דעם ווייטערדיקן צענדליק יידן. אויף אַזאַ אופן האָבן די קנאַפּע טויזנט מענטשן געקראָגן זייערע שמוציקע פּאַרציעס עסן.

פאַרנאַכט פלעגט מען באַקומען 20 דעקאַ ברויט מיט עטוואָס מאַרמעלאַדע אָדער מאַרגארין און אביסל טיי אדער קאַווע. פון אָט דעם עסן האָבן די, שוין פון פריער, אויסגעהונגערטע און אויסגע־מאַטערטע יידן די פיס נישט געקענט שלעפּן און אַ גאַנץ היפּשע צאָל פון אונדז איז קראַנק געוואָרן אויף דיזענטעריע און אָפּגעפירט גע־וואָרן אין שפּיטאָל. פון דאָרטן איז מען אין ס׳רוב פאַלן קיין לעבע־דיקער שוין נישט אַרויס.

פון דער דערמאָנטער קרענק זענען געשטאָרבן: הערשל סאָפּער מיט זיין זון און איידעם עלקעס און רעדאַקטאָר יודל גורוויטש.

בונים פאַרבשטיין, וואָס האָט שוין אין שטוטהאָף געהאַט גע־שוואָלענע פיס, האָט דאָ באַקומען די ספּעציעלע לאַגער־קרענק פלעג־מאָניע. אין שפּיטאָל האָט ער זיך אָפּגעמאַטערט עטלעכע טעג און אין שווערע יסורים אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם.

בלאָק נומער 14

נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג אין בלאָק נומער 13, איז די ביאַ־ליסטאָקער גרופּע אריבערגעפירט געוואָרן אין פערצנטן בלאָק, וואָס האָט געהאַט דעם זעלבן אויסזען ווי דער דרייצנטער. באַלד ביים אריינקומען האָט דער יידישער בלאָק־עלטסטער געהאַלטן פאַר אונדז פאַלגנדיקע „דרשה״: „צי ווייסט איר וואו איר זייט געקומען? דאָ איז נישט קיין פּענסיאָנאַט, דאָ לעבט מען נישט לאַנג, העכסטנס עטלעכע וואָכן. געדענקט הורנזין, אַז אין בלאָק מוז זיין זויבער און עס מוז הערשן רוהע. קיין פּאַרע זאָל מען פון אייך נישט הערן. אַז

איר וועט זיך פארזינדיקן, וועלן איבער אייך צעבראכן ווערן די גרעב־סטע שטעקנס און קיין לעבעדיקע וועט איר שוין פון דאנען נישט ארוים".

נאכן אויסהערן די „דרשה" פון דערמאנטן פארברעכער, איז פאר אונדז קלאר געווארן, אז אונדזערע טעג זענען דא געציילטע.

די יידישע „שטובע־דינסט", וואס איז פונקט ווי זייער „רבי", דער בלאק־עלטסטער, באשטאנען פון פארברעכער און אונטערוועלט־מענטשן, האבן געזוכט מיט אלע מיטלען אין דער ערשטער ריי אומ־צוברענגען די בעסטע און איידלסטע מענטשן. ביי אזעלכע פלעגן זיי אפט צונעמען זייער עסן און מערדערלעך שלאגן. א סך פריצייטיקע טויטן ליגן אויף זייערע שמוציקע געוויסנס.

די בירקענאווער קאראנטין־באראקן, וואו טויזנטער יידן זענען געלעגן אויף די נארעס און געווארט אויף זייער טויט, זענען אין אונדזער זכרון פארבליבן אלס „די גרויסע שיקאגער שלאכט־הייזער".

צוויי מאל געראטעוועט

דעם 19־טן יאנואר, אין די פארמיטאג־שעהן, הער איך פלוצים, ווי דער בלאק־שרייבער רופט אויס מיין נומער. נישט טויט, נישט לעבעדיק לויף איך צו אים צו. ער באפעלט מיר גלייך זיך ארומצו־ראזירן, ווייל כ'דארף גיין אין לאגער „שרייב־שטובע", וואו איך בין ארויסגעפאדערט געווארן אלס דרוקער־ארבעטער.

מיט א פארכאפטן אטעם בין איך אוועקגעלאפן און דארטן גע־טראפן ווארטנדיק א מאן צוואנציק. איידער מיר האבן נאך באוויזן זיך צוזאמענצוזוכן, איז אנגעקומען אן עלעגאנטער אויטא, פון וועלכן ס'איז ארויסגעקראכן א שטורעם־באנפירער מיט צוויי נידעריקערע ס"ס־לייט. מאמענטאל שטייען מיר שוין אויף אכטונג. צו יעדן איי־נעם פון דער גרופע גייט צו דער שטורעם־באנפירער, באטראכט פון קאפ ביז די פיס און הויבט זיך אן פאנאנדערפרעגן וואס פאר א פאך־קענטעניש ער באזיצט. די, וואס זייער תשובה און אויסזען באפרי־דיקט אים, הייסט ער דעם יידישן לאגער־שרייבער איינשרייבן אין א ליסטע און די, וואס זענען נישט נושא חן ביי אים, ווערן דורך זיינע צוויי באגלייטער ארויסגעיאגט מיט שטעקנס אויפן פלאץ.

אין דער גרופע פון צוועלף, וואס ער האט אויסגעקליבן, בין איך אויך אריינגעפאלן. א דאנק דעם־א צופאל געפין איך זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

נאָכן דורכשמועסן זיך עטלעכע מינוט מיטן יידישן לאַגער־שריי־בער, האָט דער שטורעם־באַנפירער צוזאַמען מיט זיינע צוויי באַגליי־טער פאַרלאָזט די שרייב־שטובע. באַלד נאָך זייער אָפּפאָר, האָט דער לאַגער־שרייבער באַפוילן, אַז די גרופּע פון די 12 פּערזאָן דאַרף אין פריערדיקן בלאָק מער נישט גיין און האָט אונדז אָפּגעשיקט אינם ספּעציעלן טראַנספּאָרט־בלאָק.

מיר באַוויזן נאָך נישט אַרומרעדן צווישן זיך, וואָס מיט אונדז איז דאָ אין די עטלעכע מינוט פאָרגעקומען, ווי עס ווערט פּלוצים דערקלערט „בלאָקן־שפּערע", דאָס באַדייט, אַז עס קומט באַלד פאָר אַ סעלעקציע — מי לחיים ומי למות, און קיינער טאָר נישט אַרויס־גיין פון בלאָק. ס'דויערט נישט לאַנג, ווי אין אונדזער בלאָק קומען אָן דער הויפּט־דאָקטאָר פון לאַגער, דער לאַגער־פירער און לאַגער־עלטסטער.

די 700 יידן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אינם טראַנספּאָרט־בלאָק און שוין געדאַרפט אַ ליאַדע טאָג אָפּפאָרן אין אַן אַנדער לאַ־גער אויף אַרבעט, האָבן זיך תיכף געמוזט אויסטאָן מוטער־נאַקעט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס אין בלאָק איז געווען 10 גראַד קעלט. אויך מיר, די צוועלף דרוקער־אַרבעטער, האָבן זיך געמוזט אויסטאָן און זיך אויסשטעלן נאַקעטע צו צוויי מאַן אין אַ ריי. אַלע ציטערן פון קעלט און שרעק. אָט שטיי איך שוין הארט פאַר דער קאָמי־סיע. מען פאַרשרייבט מיין נומער און מען הייסט מיך איבערגיין אויף דער לינקער זייט, וואָס איז באַשטימט פאַר די, וואָס דאַרפן גיין אין די גאַז־קאַמערן.

אַריבער 300 יידן פון די 700, וואָס האָבן זיך געפונען אין טראַנ־ספּאָרט־בלאָק, זענען באַשטימט געוואָרן פאַרגאַזט צו ווערן. צווישן די אומגליקלעכע זענען אויך געווען פינף פון די דרוקער־אַרבעטער. מיר לויפן אַרום ווי משוגעים. מען וויינט און מען שרייט. עטלעכע האָבן זיך באַלד אויפן אָרט אויפגעהאָנגען אויף זייערע שעלקעס און הויזן־פּאַסקעס. אין מיטן אָט דעם גיהנום קומט אַריין דער בלאָק־עלטסטער און מעלדעט, אַז די דרוקער־אַרבעטער קענען צוריקגיין אין זייערע פריערדיקע בלאָקן. איך לויף תיכף אַוועק אין מיין בלאָק און דערוויס זיך פון די ביאַליסטאָקער, אַז אונדזער גרופּע, וואָס איז לויטן באַפעל פון לאַגער־פירער אָנגערופן געוואָרן דער „שטוטהאָפער טראַנספּאָרט", איז נישט אַרונטערגעפאַלן דער סעלעקציע. איך, דער איינציקער ביאַליסטאָקער, בין אין יענע שעהן געווען אין טראַנס־

פאַרט־בלאָק און אריינגעפאַלן אויף פאַרגאַזט צו ווערן. אַלע טרייסט־ווערטער פון די ביאַליסטאָקער, אַז וויבאַלד איך בין באַשטימט גע־וואָרן אויף פאַך־אַרבעט, וועט מען מיך נישט פאַרגאַזן, האָבן מיך נישט באַרואיקט. איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל און געוואַרט, אַז אַ ליאַדע מינוט פירט מען מיך פון דאַנען אַרויס אינם ספּעציעלן בלאָק, פון וואַנען מען קומט שוין נישט צוריק.

איך בין אַזוי אָפּגעזעסן ביז 8 אין אָוונט פאַרטראָגן אין די שווערסטע רעיונות. פּלוצים הער איך, ווי מען רופט אויס מיין נומער. דאָס האַרץ פאַלט מיר שיער נישט אַרויס פאַר שרעק און דענערווי־רונג. פאַמעלעך הויב איך זיך אָן צוצורוקן צום בלאָק־שרייבער. ער זאָגט מיר, אַז איך בין געראַטעוועט און איך זאָל תיכף לויפן צוריק אין טראַנספּאָרט־בלאָק. אַז איך פרעג אים איבער נאָכאַמאָל, גיט ער צו, אַז ווען ער וואָלט געווען אין אַזאַ לאַגע ווי איך, וואָלט ער זיך געפילט גליקלעך. איך גלויב זיינע אויפריכטיקע ווערטער, אַז איך בין געראַטעוועט, און לויף תיכף אַוועק אין טראַנספּאָרט־בלאָק. דאָרטן האָב איך שוין געטראָפן די עלף יידן, וועלכע זענען צוזאַמען מיט מיר אויסגעקליבן געוואָרן.

דער לעמבערגער ייד פּאַסטעל

אין זעלביקן בלאָק זענען אויך געווען עטלעכע צענדליק יידן, וועלכע זענען דורכן לעמבערגער יידישן ראַפּאָרט־שרייבער פּאַסטעל אַרויסגענומען געוואָרן פון דער פאַרגאַזונגס־ליסטע און זיי פּאַראייניקט צו די יידן, וואָס דאַרפן אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן צו אַרבעטן אין דער גראַפישער אינדוסטריע.

דער יידישער ראַפּאָרט־שרייבער פּאַסטעל האָט געהאַט אַ באַפעל פון שטורעם־באַנפירער, אַז צו דער גראַפישער גרופּע זאָל ער צושטעלן נאָך דרייסיק פאַכלייט: בוכהאַלטאָרן, בוכבינדער, האָלץ־בראַנזשיסטן און פּאַפּיר־ספּעציאַליסטן. פּאַסטעל, אַ זעלטענער ייד, וואָס איז אפילו אין יענע גרויל־יאָרן גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין פאַר אַ יידן, האָט די בויטיקע 30 יידן אַרויסגענומען פון די פאַרגאַזונגס־ליסטעס. וועגן דעם, צי די יידן האָבן די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס האָט ער זיך נישט געקימערט, ער האָט ריזיקירט, אַבי זיי אַרויסצוראַטעווען פון אַ זיכערן טויט. ווען פּאַסטעלן איז געלונגען אַריבערצופירן אין טראַנספּאָרט־בלאָק די נויטיקע צאָל יידן, איז ער אַזייגער 11 ביינאַכט געקומען צו אונדז, גערעדט עטלעכע האַרציקע ווערטער און צוגעגעבן,

אַז מאָרגן 5 אַזייגער פאַרטאָג וועט ער אונדז אַרויספירן אין נאָענטן „ד" לאַגער, וואו מיר וועלן זיין אויסער דער סכנה פאַרגאַזט צו ווערן.

פון גרויס אויפרעגונג און פון געדראַנק, אַז עס וועט אפשר גע־לינגען זיך אַרויסצודרייען פון בירקענאַוער גיהנום, האָט קיינער פון אונדז נישט געקענט איינשלאָפן. ווען ס'האָט אָנגעהויבן שיינען אויף טאָג, איז אין אונדזער בלאָק געקומען פאַסטעל און האָט איבערגע־געבן, אַז מיר זאָלן זיך מאַכן גרייט, ווייל אין אַ האַלבער שעה אַרום פאַרלאָזן מיר דעם לאַגער. די מסירת־נפשדיקע האַנדלונג פון פאַס־טעלן האָט אויף אונדזערע צעבראָכענע געמיטער געמאַכט אַן אוי־סערגעוויינלעכן איינדרוק. מיר האָבן נישט געקענט געפינען גענוג לויב־ווערטער פאַרן דאָזיקן יידן.

פונקט צו דער האַלבער שעה ווערן מיר אַרויסגעפירט פון טראַנספּאָרט־בלאָק. פאַרבייגייענדיק די קיך, באַפעלט פאַסטעל, מ'זאָל אונדז געבן ברויט אויפן וועג. דאָס ווערט אין זיין קעגנוואַרט אויס־געפירט. נאָכן באַקומען דאָס ברויט, האָבן מיר מיט טרערן אין די אויגן זיך געזעגנט מיטן זעלטענעם יידן, און אים געוואונטשן, אַז אין זכות פון דעם, וואָס ער האָט אונדז אַרויסגעשלעפּט פון אַ זיכערן טויט, זאָל ער געראַטעוועט ווערן.

וואָס מיר האָבן געזען דורך די שפּאַרונעס פון בלאָק נומער 11

פון בירקענאַו ביזן „ד" לאַגער איז נישט ווייט. אין משך פון אַ קנאַפּער שעה זענען מיר שוין אין טראַנספּאָרט־בלאָק נומער 11. דאָרטן האָבן מיר געטראָפן נאָך 20 יידן, געבראַכטע פון אוישוויץ, וואָס דאַרפן פאָרן צוזאַמען מיט אונדז.

אין טראַנספּאָרט־בלאָק פון „ד" לאַגער זענען סיי דאָס עסן, סיי די היגיענישע באַדינגונגען געווען באַדייטנדיק בעסערע ווי אין ביר־קענאַו און מיר האָבן אָנגעהויבן אָפּכאַפּן דעם אָטעם פונם נעכטיקן שרעקלעכן טאָג. פאַרנאַכט ווערט אָבער פּלוצים דערקלערט בלאָק־שפּערע און באַלד נאָכדעם דערהערן מיר דעם גערויש פון אַ גרעַ־סערער צאָל אויטאָס. דורך די שפּאַרונעס פון דער פאַרמאַכטער טיר און דורך די לעכער פון די ווענט האָבן מיר דערזען אַ שרעקלעך בילד. אויף גרויסע לאַסט־אויטאָס, אָנגעפּראָפּטע ווי הערינג אין אַ פעסל, זענען געפירט געוואָרן מוטער־נאַקעט צו די בירקענאַוער גאַז־קאַמערן יידישע פרויען, מענער און קינדער, אויף וועלכע ס'האָט זיך געשאָטן אַ געדיכטער שניי. דאָס שווידערלעכע בילד און די ממש

בּישט־מענטשלעכע קולות און געוויינען זייערע האָבּן אויף אונדז אַזוי געווירקט, אַז נישט איינער איז באַלד געפאַלן אין חלשות.

ווען די לאַסט־אויטאָס זענען צוגעפאָרן צו די גאַז־קאַמערן, פלעגן די דעקן זיך מעכאַניש אויפהויבּן און אַראָפּוואַרפן די אומגליקלעכע פונקט ווי מען וואַרפט אַרויס קוילן. ווען די קרבנות פלעגן אין לעצטן צאַפּל פּרואוון זיך קלאַמערן מיט די הענט אין אויטאָ, האָבּן די ס"ס־גזלנים אָנגעהויבּן שרייען צו זייערע אַרויסהעלפערס: „שנעלער, שנעלער, אַראָפּ מיט דער שייסע", און תיכף פלעגן זיך אויף די שוואַכע יידישע הענט אַראָפּלאָזן אַ ים מיט שטעקנס.

אַט דאָס שרעקלעכע בילד, וואָס מיר האָבּן געזען מיט אונדזערע אויגן, האָט אַלעמען צעמישט. איינער האָט נישט געקענט קוקן דעם צווייטן אין פּנים אַריין און אין אַלעמענס הערצער האָט געברענט אַ פייער פון נקמה.

אַזוי האָט אויסגעזען דער לעצטער אַקט פון דער טראַגעדיע פון די העבּער פיר טויזנט יידן, וואָס זענען פאַרגאַזט געוואָרן דעם 20־טן יאַנואַר 1944.

פון די ביאַליסטאָקער פרויען זענען, צווישן אַנדערע, אין דעם טאָג אומגעקומען: די פרוי פונם באַוואוסטן ביאַליסטאָקער קאָלאָניאַל־סוחר נחום קאַרפּ, די פרוי פונם קאָלאָניאַל־קרעמער יהושע בינדער, חנה (טאָכטער פון נחום און ראָשקע ווילטשיק), די פרוי פון שמואל פּאָרטנאָי, פרוי טאַנקוס (טאָכטער פון פאַבריקאַנט פּוקס), פרוי פּאַרעצקאַ, פרוי גאָטליבּ און די פרוי פונם שרייבער פון דער כראָניק, חיה (טאָכטער פון נחום און ראָשקע ווילטשיק).

דער דיכטער זישע באַגיש ראַטעוועט פון פאַרגאַזונג אַ ביאַליסטאָקער ייד

די, וואָס זענען דורך דער סעלעקציע־קאָמיסיע באַשטימט געווען צו גיין אין די גאַז־קאַמערן, פלעגט מען נאָך אין זעלביקן אָוונט אָפּפירן אין די טויטן־בלאָקן. דאָרטן פלעגט מען זיי האַלטן אַ טאָג אָדער צוויי אינגאַנצן אָן עסן. ווען די אומגליקלעכע זענען געפירט געוואָרן צו די גאַז־קאַמערן, זענען כמעט אַלע געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אויסגעמאַטערט און רעזיגנירט, אַז די נאַצי־גזלנים האָבּן געקענט מאַכן מיט זייערע קרבנות אַלץ, וואָס זיי האָבּן געוואָלט. דורכן אויסהונגערן און דער דערוואַרטונג פון טויט האָבּן די בעס־

טיעס דערגרייכט, אַז די פאַרפייניקטע זאָלן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן שוין נישט האָבן קיין כוח און קיין מוט אַפּצוטאָן אַ פּאַרצווייפלטן שריט קעגן די נאַצי־רוצחים פון דער קרעמאַטאָריע־קאָמאַנדע.

דער ביאַליסטאָקער יונגערמאַן סאָקאָלאָוויטש, וועלכער האָט גע־זאָלט אָפּגעפירט ווערן אין גאַז־קאַמער, איז אַרומגעלאָפן ווי אַ משוגענער הין און צוריק איבערן באַראַק. דער באַקאַנטער ביאַליסטאָקער שרייבער זישע באַגיש, דערזעענדיק סאָקאָלאָוויטשן אין אַזאַ מצב, האָט אים צוגערופן צו זיך און מיט טרערן אין די אויגן געזאָגט: „דו ביסט נאָך יונג און געזינטער פון מיר, איך בין שוין שוואַך און וועל דעם גיהנום מן־הסתם נישט אויסהאַלטן, וועל איך דיר געבן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיך. איך וועל מיט אַ פרייערן געמיט גיין אָנשטאָט דיר אין גאַז־קאַמער אין דעם באַוואוסטזיין, אַז דורך מיין קרבן ראַטעווע איך אַ צווייטן ייד". סאָקאָלאָוויטש האָט באַגישן קיין תשובה נישט געגעבן און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אַוועק אויף זיין נאַרע.

ביינאַכט, ווען מ'האָט אָנגעהויבן אַרויספירן פון בלאָק די קרבנות, וואָס דאַרפן גיין צו פאַרגאַזונג, גייט צו באַגיש צו סאָקאָ־לאָוויטשן, געזעגנט זיך מיט אים, ווינטשט אים דערלעבן די באַפריי־אונג און — גייט אַוועק מיט דער גרופּע.

באַגישעס ברכה איז טאַקע מקוים געוואָרן. סאָקאָלאָוויטש גע־פינט זיך היינט צווישן די לעבעדיקע.

ווער האָט דורכגעפירט די פאַרניכטונגס־אַרבעט?

מיליאָנען יידן זענען אומגעקומען אין ריזיקן פאַרניכטונגס־פּלאַץ פון אוישוויץ. ווי איז דאָס דורכגעפירט געוואָרן? מיט וועמעס הענט איז דאָס געמאַכט געוואָרן?

אין אוישוויץ זענען געווען עטלעכע גאַז־קאַמערן, צווישן זיי איינע גאָר אַ גרויסע. אין דער גרויסער גאַז־קאַמער פלעגן אַריינגע־טריבן ווערן ביז 3000 פּערזאָן. די קינדער פון די טראַנספּאָרטן פלעגן אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף דער צוזאַמענגעדריקטער מאַסע און פלעגן פאַרגאַזט ווערן ליגנדיק אויף די קעפּ פון זייערע נאָענטסטע.

ביי דער דאָזיקער שרעקלעכער מענטשן־פרעסערישער אַרבעט האָבן די נאַצי־באַנדיטן אַוועקגעשטעלט ספּעציעל יידן מיט דער אויסרעכענונג, אַז אויב די יידישע קרבנות, וואָס וועלן געטריבן ווערן

פון באַן צו די גאַז־קאַמערן, וועלן אין די לעצטע מינוטן זען אַרום זיך בלויז יידן (ס"ם־גזלנים זענען געווען איינצלנע), וועלן זיי מיי־נען, אַז מען פירט זיי טאַקע זיך באָדן און וועלן נישט פרואוון אין דער לעצטער פאַרצווייפלונג באַפאַלן אַ נאַצי־רוצח. נאָכן אויסטאָן זיך אין כלומרשטן באָד־אַנשטאַלט, וועלכער איז טאַקע געווען איינ־געאָרדנט ווי אַ באָד, זענען זיי נאָר דורך יידן אַריינגעטריבן געוואָרן אין גאַז־קאַמער, און די לעצטע קללה זייערע איז געפאַלן אויף אָט די יידן.

ביי דער פאַרברעכערישער אַרבעט זענען אין די אוישוויצער גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס געווען באַשעפטיקט פאַר דער צייט פון זייער עקזיסטענץ קנאַפּע צוואַנציק טויזנט יידן, צווישן וועלכע ס'זענען אַ געוויסע צייט געווען אפילו עטלעכע רבנים. ווען די טראַנס־פּאָרטן זענען געווען גרויסע און אָפטע, זענען די קאָמאַנדעס באַשטאַ־נען פון טויזנט מאַן. ביי דער דאָזיקער פאַרברעכערישער אַרבעט פלעגט מען די קאָמאַנדעס לאָזן נאָר אַ קורצע צייט. מערסטנס פלעגן זיי דערשאָסן ווערן, אַנדערע האָט מען פאַרברענט לעבעדיקערהייט.

אַ ווידוי פון איינעם פון זיי

פון די קנאַפּע צוואַנציק טויזנט יידן, וואָס האָבן אָנטיילגענו־מען אין דער פאַרברעכערישער מענטשן־פרעסערישער אַרבעט, זענען נאָר אַ צוואַנציק מאַן לעבן געבליבן.

מיט איינעם פון אָט די יידן, וועמענס פרוי און קינדער זענען אויך פאַרגאַזט געוואָרן, האָב איך גערעדט. עס מאַטערט אים דאָס געוויסן פאַרוואָס ער האָט געצוואונגענערהייט געטאָן די שרעקלעכע אַרבעט, און ער זוכט אַ באַרעכטיקונג פאַר דאָס געטאָענע: „ווען איך וואָלט עס נישט געמאַכט, — זאָגט ער, — וואָלט איך דערשאָסן גע־וואָרן, און אַזוי דער צווייטער, דער דריטער און אפילו דער צענטער ייד. דער רעזולטאַט דערפון וואָלט געווען, אַז די אַרבעט וואָלטן אויס־געפירט אַריער, און די יידן, וואָס זענען געטריבן געוואָרן אין די גאַז־קאַמערן, וואָלט זיכער דערפון גרינגער נישט געוואָרן. דערפאַר אָבער פלעגן די יידן, וואָס האָבן דערביי געאַרבעט, מיט מסירת־נפש אַריבער־שיקן דאָס האָב און גוטס פון די פאַרגאַזטע יידן צו די הונגעריקע, וואָס זענען געבליבן אין לאַגער. אַ דאַנק אָט דער הילף האָבן די יידן אין די לאַגערן געהאַט די מעגלעכקייט לענגער זיך צו האַלטן אויף די פיס, און גאַנץ מעגלעך, אַז נישט איינער פון זיי האָט דער־

צוינגן און איז געראַטעוועט געוואָרן. צי וואָלטן עס געטאָן נישט־יידן?

„ווען די מענטשן זענען שוין געשטאַנען נאַקעט פאַרן אַריינ־גיין אין די גאַז־קאַמערן, פלעגן זיי אָנהויבן פרעגן ביי די יידן, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום זיי, צי דאַרף מען שוין זאָגן ווידוי. כאָטש מיר אַליין זענען פון פאַרשידענע ערטער אָבסערווירט געוואָרן דורך די ס״ס־גזלנים, פלעגן מיר דאָך ריזיקירן און געבן אַ וואונק אויף יאָ. נישט איינער פון אונדז האָט פאַרן דאַזיקן וואונק באַצאָלט מיטן לעבן. די ס״ס־לייט פלעגן אים לעבעדיקערהייט אַריינוואַרפן אין ברע־נענדיקן קרעמאַטאָריע־אויוון״.

ער גיט אויך צו, אַז אויסטועענדיק די אומגליקלעכע אין כלומרשטן באָד־אַנשטאַלט, פלעגן זיי אָנדייטן די יידן, זיי זאָלן פּרואוון דער־שטיקן די ס״ס־שומרים, ווייל זיי גייען סיי־ווי־סיי אין די גאַז־קאַמערן.

פון אַ ביינאַכטיקן טראַנספּאָרט איז אויפן הויף פון די גאַז־קאַמערן זיך געלונגען צו באַהאַלטן אַ פרוי מיט אַ קינד. נישט גע־קוקט אויף דער סכנה, וואָס איז פאַרגעשטאַנען פאַר דער גאַנצער קאָמאַנדע פאַרן אויסבאַהאַלטן די פרוי מיטן קינד, איז זי באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן. ערשטן אויפן פערטן טאָג איז זי מיטן קינד אַנט־דעקט געוואָרן דורך די ס״ס־שומרים. זי איז תיכף דערשאָסן געוואָרן און אַלס שטראָף פאַרן אויסבאַהאַלטן זיי, זענען עטלעכע יידן פון דער קאָמאַנדע אַריינגעוואָרפן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין קרעמאַ־טאָריע־אויוון.

אַזעלכע און אַנדערע שטראָפן האָבן זיך כסדר געשאָטן אויף די קאָמאַנדעס. „האָבן מיר דען געקאָנט אַנדערש האַנדלען ביי אַזאַ שרעק־לעכן טעראָר?״ ער האָפט, אַז מ׳וועט פאַרשטיין די טראַגישע סיטואַציע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען און באַפרייען פון וועלכער ס׳איז באַשולדיקונג די עטלעכע לעבן געבליבענע פון די קרעמאַטאָריע־קאָמאַנדעס.

ווידערשטאַנד

עס זענען אויך געווען איינצלנע פאַלן, ווען די קאָמאַנדעס פלעגן פּרואוון שטעלן אַ ווידערשטאַנד און האָבן זייערע ס״ס־שומרים אַריינ־געוואָרפן לעבעדיקערהייט אין די ברענענדיקע אויוונס. דער רעזול־

טאט פון דעם ווידערשטאנד איז געווען, אז די גאנצע קאמאנדע פלעגט לעבעדיקערהייט אריינגעווארפן ווערן אין פייער.

אין יידישע קרעמאטאריע־קאמאנדע האט אין פרילינג 1944 געפרואווט ארגאניזירן אן אויפשטאנד אין לאגער. אלס סיגנאל האט געזאלט דינען דאס אויפרייסן די גאז־קאמער מיט די קרעמאטאריע־אויוונס. דער פלאן איז אויפגעדעקט געווארן דורך אן אינעווייניקסטן פאררעטער און די גאנצע קאמאנדע מיט איר יידישן פאראַרבעטער קאמינסקי (פון גראדנע) זענען דערשאסן און פארברענט געווארן.

א קורצע צייט שפעטער האט א צווייטע יידישע קאמאנדע ווידער ארגאניזירט אן אויפשטאנד, וואס איז טיילווייז געלונגען. זיי האבן אויפגעריסן די גרויסע גאז־קאמער, וואס פלעגט ארייננעמען דריי טויזנט מענטשן און האבן פארניכטעט עטלעכע אויוונס. די צען טויזנט יידישע העפטלינגע, וואס זענען דעמאלט געווען אין לאגער, האבן אבער נישט מיטגעהאלפן צו דער ווייטערדיקער פארשפרייטונג פון אויפשטאנד און די קרעמאטאריע־קאמאנדע איז אויף אן אכזריותדיקן אופן דערמארדעט און פארברענט געווארן.

העלדן. — לאלא ליפמאן

פון די מיליאנען מענטשן, וואס זענען פארברענט געווארן אין בירקענאו, זענען געווען נאר איינציקע דרייסטע ארויסטריטן. ווען דער ס"ס־באנדיט שלעזינגער האט באפוילן דער ווארשעווער יידישער ארטיסטין, לאלא ליפמאן, זיך אויסטאן נאקעט, האט זי אים דרייסט געענטפערט: „פאר אזא מענטשן־פרעסער ווי דו, מאך איך עס נישט". מיט ווילדער רציחה האט ער איר גענומען אויסטאן מיט גוואלד. לאלא ליפמאן האט דעמאלט פלינק ארויסגעכאפט ביים באנדיט דעם רעוואלווער פון שיידל און מיטן ערשטן שאס אים אוועקגעלייגט ווי א הונט. זי האט נאך באוויזן אויסצושיסן עטלעכע קוילן און פארוואונדעט די צוויי ס"ס־לייט, וועלכע זענען געשטאנען נעבן אים. נאכן אויספירן דעם העלדישן אקט, האט זי אויסגעשריגן: „איצט קען איך מיט א רואיקן געוויסן גיין אין גאז־קאמער".

די דרייסטע און ווירדיקע טאט פון לאלא ליפמאן איז באלד באוואוסט געווארן איבערן גאנצן לאגער און אלע האבן זי באוואונדערט און געלויבט.

שיף־קאַפּיטאַן אַלעקער

אַ דרייסטער אַקט איז אויך אויסגעפירט געוואָרן פון איינעם פון דער קרעמאַטאָריע־קאָמאַנדע, אַ גריכיש־יידישן קאַפּיטאַן.

דער שיף־קאַפּיטאַן אַלעקער, וועמענס נערוון עס האָבן שוין נישט געקענט אויסהאַלטן פון די צענדליקער טויזנטער טויטע, וועלכע זענען דורך אים געפירט געוואָרן צו די קרעמאַטאָריע־אויוונס, האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט נאָך עטלעכע גריכישע יידן און באַשלאָסן, אַז ווען זיי וועלן אַרויספירן אַ פור מיט מענטשן־אַש צום טייך, וואָס זיי פלעגן עס מאַכן יעדע פּאָר טעג, וועלן זיי באַפאַלן די וואַך, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי פּערזאָן, און פּרואוון אַנטלויפן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען זיי זענען צוגעקומען צום טייך, און איין וואַכמאַן איז אַראָפּ פון פור און זיך געשטעלט ביים טייך, און דער צווייטער — נעבן דער פור, האָט דער יידישער שיף־קאַפּיטאַן אַ זאָג געטאָן צום וואַכמאַן, וואָס איז געשטאַנען ביים טייך: „זע נאָר, וואָס עס טוט זיך אויף דער פור". אין דעם אויגנבליק, ווען דער וואַכמאַן האָט זיך אויסגעדרייט, האָט ער בליץ שנעל דערלאַנגט אים מיטן רידל איבערן קאָפּ, פון וואָס יענער איז געפאַלן באַוואוסטלאָז. אין דער זעלבער סעקונדע האָט ער, מיט אַ טיגער־שפּרונג, זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן צווייטן. נאָך אַ לעבן־ און טויט־געראַנגל זענען זיי ביידע אַריינגעפאַלן אין טייך, וואו דער געניטער קאַפּיטאַן האָט מנצח געווען זיין קעגנער.

דערווייל איז דער וואַכמאַן, וואָס האָט באַקומען מיטן רידל איבערן קאָפּ געקומען צו זיך, אַ כאַפּ געטאָן זיין ביקס און גענומען תיכף שיסן צום קאַפּיטאַן, וואָס איז געשוואומען צום צווייטן ברעג. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעהויבן געבן צייכנס מיט די הענט צו זיינע דריי חברים, וואָס האָבן זיך אין דעצידירנדיקן מאָמענט פאַרלוירן און אים נישט מיטגעהאָלפן. דער וואַכמאַן האָט זיך דעמאָלט אומגעדרייט צו די יידן און זיי באַפוילן אויפהויבן די הענט אין דער הויך. דערווייל איז אָנגעלאָפן נאָך אַ ס"ס־באַנדיט און די דריי יידן זענען אָפּגעפירט געוואָרן צום לאַגער.

דער קאַפּיטאַן, וועמען ס'האָט זיך איינגעגעבן בשלום אַריבערצושווימען צום צווייטן ברעג, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ דייטשיש הויז, האָט אונטער דראָאונגען געקראָגן אַ ביקס מיט קוילן, אַביסל שפּייז און איז אַוועק אין וואַלד.

אין צווישן האָט מען אין לאַגער געקלאַפּט טרעוואָגע און אַ גרעסערע צאָל ס״ס־מערדער מיט הינט האָבן אָנגעהויבן זוכן דעם אַנטלאָפענעם קאַפּיטאַן. נאָך אַ לאַנגן זוכן האָבן אים די שפּיר־הינט געגומען אָניאָגן, און די ס״ס־לייט האָבן געעפנט אַ פייער פון מאַשין־ביקסן. דער קאַפּיטאַן האָט זיך נישט פאַרלוירן, האָט געענטפערט אויף זייערע שיסערייען און געטראָפן עטלעכע ס״ס־באַנדיטן. איינע פון די לעצטע קוילן שיסט ער זיך אריין אין מויל און פאַלט טויט אויפן אָרט.

נאָכן אָפּגעהאַלטענעם „נצחון״ איבערן יידישן העלד האָבן די נאַצי־מערדער געבראַכט זיין טויטן קערפּער אין קרעמאַטאָריע.

דער שעף פון קרעמאַטאָריע האָט צונויפגערופן אַלע יידישע קרע־מאַטאָריע־אַרבעטער, געהאַלטן פאַר זיי אַ וואָרנונגס־דרשה און גע־מאָלדן, אַז פאַר דעם פאַרברעכערישן אַקט פון קאַפּיטאַן באַשטראָפט ער צען ־גריכישע יידן מיט טויט־שטראָף.

אין נאָמען פון דער קרעמאַטאָריע־קאָמאַנדע האָט איינער פון זיי, אַ מאַיאָר פון דער גריכישער אַרמיי, געענטפערט, אַז היות עס איז געווען אַן אינדיווידועלער אַקט דאַרף קיינער נישט טראָגן קיין אחריות פאַר זיינע האַנדלונגען און זיי ווילן דעריבער נישט דער־לאָזן, אַז זייערע צען חברים זאָלן צוליבן דאָזיקן פאַל דערשאָסן ווערן. פאַר זיין מוטיקן אַרויסטריט און דרייסטער תשובה איז דער מאַיאָר באַשטראָפט געוואָרן מיטן אויפהויבן דעם טויטן קערפּער פון קאַפּי־טאַן און אים צוריק אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. דער מאַיאָר האָט דעם העלד אויפגעהויבן און לאַנגזאַם אים צוריק אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. אַלס שטראָף פאַרן נישט ריכטיק אויספירן דעם באַ־פעל, האָט דער קרעמאַטאָריע־שעף אים געגעבן מערערע פעטש. אין אַ קורצער צייט אַרום איז די גאַנצע קרעמאַטאָריע־קאָמאַנדע דערשאָסן און פאַרברענט געוואָרן.

אָפּהענטיק און נידערגעשלאָגן

די גרעסטע העלדן, סיי פון יידן און סיי פון אַנדערע פעלקער, פלעגן אין די לעצטע מינוטן פאַר דער פאַרגאַזונג אַזוי אָפּהענטיק און נידערגעשלאָגן ווערן, אַז זיי פלעגן אַריינגיין אין די גאַז־קאַמערן אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד.

אַן אונגאַרישער ייד, הויך און גרויס ווי אַ ריז, האָט אָנגעהויבן

שרייען: „זאָגט מיר, יידן, איך גיי טאַקע צו פאַרגאַזונג? אויב יאָ, וועל איך נקמה נעמען און פאַר מיין טויט דערשטיקן עטלעכע ס"ס־גזלנים". האָט מען אים אַ בורטשע געטאָן, אַז יאָ. קריגנדיק די דאָזיקע תשובה, איז ער באַלד שטיל געוואָרן און איז אַריין אין גאַז־קאַמער נאָך געלאַסענער ווי אַלע אַנדערע.

רוזן, פּאָליאַקן, דייטשן און מענטשן פון אַנדערע פעלקער, וואָס פלעגן פון צייט צו צייט געבראַכט ווערן צו פאַרגאַזונג (און גראָד זענען עס געווען מענטשן מיט פּאָליטישער פאַרגאַנגענהייט און דרייסטע) פלעגן אַלע אָן אויסנאַם ווערן אַפּהעטנטיק און גיין אין גאַז־קאַמער ווי בלינדע שאָף, הגם זיי האָבן געוואוסט, אַז מען פירט זיי צו פאַרגאַזונג.

אַ יידישע פרוי פון אונגאַרן, זייער אַ שטאַרקע און דיקע, האָט נאָך דער פאַרגאַזונג אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן. דער מענטשן־פרעסער מאָל האָט איר אַרויסגעשלעפּט אויפן הויף, באַגאָסן מיט עמערס וואַסער און געבראַכט צום באַוואוסטזיין. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט ער אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און געשאָסן איר אין איין ברוסט און נאָכדעם אין דער צווייטער. היות די פרוי האָט נאָך אַלץ אַרויסגעוויזן סימנים פון לעבן, האָט ער איר אַריינגעשאָסן אין איין אויג און נאָכדעם אין צווייטן. אַזוי האָט די פרוי שטילערהייט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם.

דער פאַרדינטער סוף פון אַ מנוול

נאָכן צוזען די שרעקלעכע טראַגעדיע פון די פיר טויזנט יידישע פרויען און מענער, וואָס זענען געפירט געוואָרן צום פאַרגאַז, זענען מיר אַרומגעגאַנגען ווי צעמישטע. מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן טאָג, ווען מיר וועלן פון דאַנען אַרויסגעפירט ווערן. ווען דער טאָג איז געקומען, זענען מיר אין יענעם מאָמענט געווען גליקלעך. עטלעכע טעג האָט מען אונדז נאָך געהאַלטן אין בירקענאַוער „ד"־לאַגער אין ספּעציעלן טראַנספּאָרט־בלאָק און דעם 25־טן יאַנואַר ווערן מיר אָפּגעפירט אין הויפּט־לאַגער אוישוויץ. אויפן וועג האָט זיך געוואָלגערט ווי אַ הונט, אַ דערשאָסענער, דער יידישער בלאָק־עלטסטער פון בלאָק נומער 14 אין בירקענאַו. ער האָט געהאַט אָפּגערעדט מיט עטלעכע פון די ס"ס־לייט, זיי זאָלן אים העלפן אַנטלויפן, זיי האָבן אים אָבער אָפּגענאַרט און דערשאָסן.

דאָס איז געווען דער פאַרדינטער סוף פון איינעם פון די טויזנ־טער קנעכטישע דינערס פון די היטלער־באַנדיטן, וואָס האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן הונדערטער יידישע לעבנס. זאָלן זיי זיין פאַרשאָלטן!

צום דריטן מאָל געראַטעוועט

פאַרן אַוועקפאָרן פון אוישוויץ האָט מען אונדז געשלעפּט צו אַנטלויזן און צו מעדיצינישער אונטערזוכונג. ביי יעדער פּראָצעדור זענען מיר אָפּגעשטאַנען שעהן. פּלוצים לויפן אַריין צוויי ס"ס־דאָק־טוירים, זיי אונטערזוכן אונדז גרינטלעך, און פון די 60 יידן שטעלן זיי אָפּ 28 אין אַ זייט אַלס נישט־טויגבאַרע פאַר דער באַשטימטער אַרבעט. איך בין אַריינגעפאַלן צווישן די נישט־טויגבאַרע. דאָס האַרץ ווערט מיר צונויפגעדריקט און איך טראַכט, אַז דאָס איז שוין מיין סוף. די ס"ס־דאָקטוירים האָבן טעלעפאָניש געמאָלדן אין בערלין דעם רעזולטאַט פון דער אונטערזוכונג און באַקומען פון דאָרטן אַ תשובה, אַז נישט געקוקט אויפן געזונט־צושטאַנד פון די העפטלינגע, מוז די גאַנצע גרופּע פון די 60 יידן אָפּגעשיקט ווערן אויפן באַ־שטימטן אַרבעטס־פּלאַץ. איך בין ווידער צווישן די געראַטעוועטע.

בערלין

מען באַפעלט גלייך זיך אָנצוטאָן און מען פירט אונדז אָפּ צו דער באַן, וואו מיר ווערן אַריינגעטריבן אין פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס. עסן האָבן מיר באַקומען צום אויסהאַלטן. אויך די באַהאַנדלונג איז געווען אַ בעסערע ווי די, צו וועלכער מיר זענען ביז איצט גע־וואוינט געווען. אַלעמען האָט אָבער געמאַטערט איין געדאַנק: אויף וועלכער אַרבעט פירט מען אונדז? אין יענע שעהן זענען מיר אָבער געווען גליקלעך, וואָס עס איז אונדז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון בירקענאַוער גיהנום.

אָפּפאָרנדיק אַ שעה דרייסיק, זענען מיר אָנגעקומען אויפן בער־לינער הויפּט־באַנהאָף. מיר ווערן אַרויסגעיאָגט פון די וואַגאָנעס און אונטער אַ שטאַרקער וואַך ווערן מיר דורכגעפירט דורכן בערלינער וואָקזאַל צו דער אונטערערד־באַן. ביי די געדיכטע מענטשן־מאַסן, וואָס זענען געווען אויפן וואָקזאַל, האָט אונדזער גרופּע אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג. אַ סך פון זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט מיטלייד.

ווען מיר זענען געשטאַנען אויפן בערלינער וואָקזאַל און גע־וואַרט אויף דער אונטערערד־באַן, וועלכע דאַרף אונדז פירן קיין אָראַ־ניענבורג, איז איינעם פון אונדזער טראַנספּאָרט, אַ בערלינער פּערטל־ייד, וועלכער איז נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען אַ מיטגליד פון דער היטלער־יוגנט, פּלוצים נישט גוט געוואָרן און געמוזט האָבן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש. די וואַך האָט אים אָבער נישט דער־לויבט אַרויסגיין פון דער גרופּע און ער האָט זיין באַדערפעניש גע־מוזט האָבן אין מיטן פון רוישיקן בערלינער וואָקזאַל.

צענטער קאַפּיטל

אין די לאַגערן פון זאַקסנהויזן, מאַוטהויזן און שליר

זאַקסנהויזן

אין אַ קנאַפּער שעה זענען מיר מיט דער אונטערערד־באַן אָנגעקומען קיין אָראַניענבורג. פון דאָרט זענען מיר געטריבן געוואָרן צופוס צום קאָנצענטראַציע־לאַגער זאַקסנהויזן. מען פירט אונדז דורך דריי גרויסע טויערן און מיר געפינען זיך שוין אין לאַגער, וועלכער מאַכט פון ערשטן בליק אַ בעסערן איינדרוק ווי די ביז איצט דורכגעגאַנגענע לאַגערן. מיר ווערן צוגעפירט צום גרויסן בנין פון לאַגער־קאָמענדאַנט און מען באַפעלט אונדז צו שטיין מיטן פּנים צו דער וואַנט. אָפּשטייענדיק אַזוי עטלעכע שעה, פירט מען אונדז אַריין אין אַ גוט איינגעאָרדנטן באָד־אַנשטאַלט, וואו מיר ווערן באַהאַנדלט מענטשלעך, גאָרנישט קיין פאַרגלייך מיט שטוטהאָף און אוישוויץ. מיר דערפילן, אַז אין דעם לאַגער האָט נאָך דער מענטש אַ שטיקל ווערט.

שפּעטער זענען אין דער שרייב־שטובע דורכגעפירט געוואָרן די נויטיקע לאַגער־פאָרמאַליטעטן. די פראַנצויזן, וואָס האָבן דאָרטן געאַרבעט, זענען געווען צו אונדז זייער פריינטלעך און האָבן דערציילט, אַז אין לאַגער געפינען זיך צוויי יידישע קאָמאַנדעס. איינע באַשטייט פון 40 יידישע זייגערמאַכערס און די צווייטע — פון דרוקערס, וואָס זענען אָבער אין לאַגער פאַרשלאָסן און קענען נישט קומען אין באַרירונג מיט די אַנדערע העפטלינגע פון לאַגער. זיי גיבן צו, אַז דאָ לעבט מען אין בעסערע באַדינגונגען און ס'איז פאַראַן גענוג צו עסן.

די ידיעה, אַז די דרוקער־אַרבעטער זענען אונטערן שלאָס, און אַז היינט־מאָרגן וועלן מיר דאָך שוין אויך זיין צווישן זיי, האָט אונדז צוגערויבט דאָס ביסל פרייד, וואָס מיר האָבן געהאַט ביים אַריינקומען אין זאַקסנהויזן.

אַן עלטערער דייטשער בלאָק־עלטסטער, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס אונדזער בלאָק־עלטסטער (ער האָט שוין געהאַט הינטער

זיך 8 יאָר קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט), פירט אונדז אַריין אין בלאָק נומער 18, אין שכנות פון בלאָק 19, וואו מיר דאַרפן אָנקומען אַרבעטן. אין בלאָק נומער 18 האָבן מיר זיך געזאָלט געפינען אויף קאַראַנטין עטלעכע וואָכן, כדי פעסטצו־שטעלן, צי מיר טראָגן נישט מיט זיך קיין באַצילן פון אָנשטעקנדיקע קראַנקהייטן. ערשט נאָך דער דאָזיקער פעסטשטעלונג האָבן מיר גע־זאָלט אַריינגעפירט ווערן אין בלאָק נומער 19.

די ערשטע באַגעגעניש מיט חברים־זעצער

אין איין העלפט פונם איזאָלאַציע־בלאָק, וואו מיר האָבן זיך געפונען, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעמאָנט דורך די אַרבעטער, וואָס האָבן שוין פון פריער געאַרבעט אויף דער געהיימער אַרבעט. די אַרבעטער זענען אָבער שטענדיק באַגלייט געוואָרן פון אַ ס"ד־וואַך (זיכערהייטס־דינסט), וואָס האָבן געהיט מיר זאָלן מיט די אַרבעטער נישט רעדן.

אויפן צווייטן טאָג דערזע איך, ווי עס קומט אַריין מיין חבר משה קאָזאַק. איך קוק זיך גוט צו, צי כ'האָב נישט קיין טעות און איבערצייגנדיק זיך, אַז דאָס איז ער, שריי איך: „משהקע, משהקע". ער ענטפערט אָבער נישט און לויפט באַלד אַוועק. טראַכט איך ביי זיך, אפשר האָב איך דאָך אַ טעות, ס'איז אפשר נישט ער. איך ווייס דאָך אָבער, אַז דאָ דאַרפן זיך געפינען 6 ביאַליסטאָקער, וואָס זענען עטלעכע חדשים פאַר דער ליקווידירונג פון דער געטאָ צוגענומען געוואָרן אהער אויף אַרבעט, און פון ווענען מ'האָט אין ביאַליס־טאָקער געטאָ באַקומען בריוו, איך קען דעריבער בשום אופן נישט פאַר־שטיין זיין נישט ענטפערן. כ'האָב פשוט נישט געקענט באַגרייפן, פאַרוואָס זיי זאָלן נישט טאָרן רעדן מיט אונדז, וועלכע זענען געקור־מען אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי.

אויף מאָרגן איז משהקע ווידער געקומען. איך קוק זיך גוט איין און דערקען אים, אַז דאָס איז טאַקע ער. לויף איך צו צו אים, גיב אים די האַנט און פרעג אים, וואָס ער מאַכט, כאַפּט ער אַרויס די האַנט און אַנטלויפט. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַן אויסערגע־וויינלעכן רושם. כ'האָב זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל אפילו נישט טאָרן ענטפערן אויף דער אומשולדיקער פראַגע וואָס ער מאַכט. שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז פאַרן רעדן מיט מענטשן נישט פון דער זעלביקער קאָמאַנדע, האָט געדראָט טויט־שטראָף.

אין עטלעכע טעג ארום זענען שוין געקומעןביידע ברידער קאַ־זאַק, הערשל און משהקע. כ׳בין אריין אין „וואַש־רוים" און זיי האָבן אויסגענוצט אַ גינסטיקן מאָמענט, ווען דער ס"ר־באַגלייטער האָט נישט באַמערקט, און זיך אויך אַריינגעכאַפּט אַהין כלומרשט וואַשן די הענט. מיר האָבן געכאַפּט אַ קורצן הארציקן שמועס און כ׳האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן אונדז צושיקן עפּעס עסן, אויב דאָס איז זיי מעגלעך, ווייל מיר זענען זייער אויסגעהונגערט.

אויף מאָרגן האָט די ביאַליסטאָקער גרופּע מיר באַזאָרגט ברויט מיט אַ פּעקל מאַכאָרקע. מיטן באַקומענעם האָב איך זיך צעטיילט מיט עטלעכע מיינע פריינד. צוליבן ביסל עסן האָב איך אָבער באַ־קומען אַ סך שונאים, ווייל אַלע זענען געווען הונגעריק און איינער דעם צווייטן איז גרייט געווען אויפצועסן פאַר אַ ביסן ברויט. איך האָב אויך צעטיילט צווישן דער גאַנצער גרופּע יידן דריי פערטל פון דער מאַכאָרקע. דאָס ביסל, וואָס איז נאָך געבליבן, האָב איך געמוזט רויכערן פאַרבאָהאַלטענערהייט.

מיט אומגעדולד האָט מען געוואַרט אויפן טאָג, ווען עס וועלן זיך ענדיקן די דריי קאַראַנטין־וואָכן און מען וועט שוין אַריינגיין אַרבעטן אויף דער געהיימער אַרבעט אונטער וואָס פאַר אַן אומ־שטענדן דאָס זאָל נישט זיין — אַבי מען זאָל קענען אָפּעסן צו דער זעט, נאָכדעם קאָן שוין זיין וואָס עס וויל. אָט דאָס ווערט פון מענטשן, ווען זיי זענען הונגעריק! און דאָס זענען געווען יידן, וועלכע האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אין דער גע־זעלשאַפט, ווי: וועלט־באַרימטע קונסט־מאָלער, אינזשיניערן, כעמי־קער, הויכע באַנק־באַאַמטע, בוכהאַלטאָרן און דאָקטוירים. די מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם מענטשלעכן פּרצוף און זיך געריסן פאַר אַ ביסן ברויט ווי די חיות אין וואַלד.

אין צווישן זענען דריי פון אונדז קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. איינער פון זיי איז געשטאָרבן. אונדזער קאַראַנטין־צייט איז צוליב דעם פאַרלענגערט געוואָרן און אָנשטאָט דריי זענען מיר אינם דער־מאָנטן בלאָק געבליבן זיבן וואָכן. מערערע מאָל האָבן די חברים פון בלאָק 19 אונדז באַזאָרגט מיט עסן. ווען זיי פּלעגן אונדז עפּעס צו־שיקן, האָט עס ביי אונדז אַרויסגערופן די גרעסטע פריידן און דאַנק־באַרקייט. מיר האָבן געפילט, אַז מיר זענען שוין נישט אַזוי פאַראיינ־זאַמט.

אין בלאָק נומער 19

אין קאַראַנטין האָט אונדז עטלעכע מאָל באַזוכט דער שטורעם־באַנפירער קריגער, דער פּאַקטישער פירער פון דער גאַנצער אונטער־נעמונג, אַ מענטש פון אַ יאָר פופציק, מיט אַ כיטרען שמייכל און אַ סך דערפאַרונג און רוטין, אַן אַלטער באַאַמטער פון געהיימען דינסט נאָך פון ווילהעלמס צייטן. קיין באַזונדערע שנאה צו יידן האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. ער פלעגט נאָך אפילו אַמאָל צוזאָגן צו העלפן, ער האָט אָבער זעלטן זיין צוזאָג דערפילט. ער פלעגט אונדז אויך טרייסטן, אַז ווען מירן ענדיקן דעם קאַראַנטין און אָנהויבן אַרבעטן, וועלן מיר אַלע אין פאַרלויף פון 6—8 וואָכן זיך גוט פאַרריכטן.

מיט דער צייט האָבן מיר זיך צוגעוואוינט צום קאַראַנטין־לעבן. די עסן־פראַגע האָט אַביסל פאַרלוירן פון איר שאַרפקייט און אַנ־שטאָט דעם האָט זיך בולטער אַרויסגערוקט דער מאָמענט פון איזאָ־לאַציע, אין וועלכן די חברים פון בלאָק 19 האָבן זיך געפונען. מיר האָבן זיך דעריבער איצטער געוואונטשן, אַז די קאַראַנטין־צייט זאָל זיך נאָך ציען און ציען, ווייל פאַרט זענען מיר דאָ נישט געווען אַזוי איזאָלירט ווי זיי און מיר האָבן נאָך געהאַט די מעגלעכקייט פרייער צו באַוועגן זיך.

צו די זיבן וואָכן איז דער קאַראַנטין געענדיקט און מיר ווערן אַריינגעפירט אין בלאָק 19, וואו עס קומט פאַר זייער אַ האַרציקע באַגעגעניש פון ביידע גרופּעס. איך טרעף דאָרט מיינע אַלטע חברים און פריינד: יחיאל פלאַץ, די ברידער הערשל און משהקע קאָזאַק, און די ביאַליסטאָקער — זיבערסקי, איזאַק סוקעניק און נחום זאַקשעווסקי.

אין עטלעכע שעה אַרום איז אָנגעקומען דער שטורעם־באַנפירער קריגער און באַפוילן דער פריש געקומענער יידישע גרופּע זיך צונויפ־זאַמלען אין גרויסן אַרבעטס־צימער, וואו ער האַלט פאַר אונדז פאָלגנ־דיקע רעדע: „מ'האָט אייך אָהער געבראַכט אויסצופירן זייער אַ פאַר־טרוילעכע אַרבעט. ס'איז מלחמה־צייט און אַלע מיטלען זענען אין מלחמה באַרעכטיקט. אייער אַרבעט וועט באַשטיין אין נאָכמאַכן ענגלישע פונטן און פאַרשידענע דאָקומענטן. זיי דאַרפן געמאַכט ווערן רעיעל און געוויסנהאַפט. קיינער פון אייך טאָר נישט קומען אין באַ־רירונג און טאָר נישט רעדן מיט קיינעם, וואָס איז נישט אין אייער קאָמאַנדע. איר מוזט היטן דעם סוד פון דער אַרבעט, ווייל אין קעגנ־פאַל וועט עס הייסן פאַרראַט און מיט וואָס עס שמעקט פאַרראַט, פאַר־

שטייט איר געווים אליין. די אחריות טראגן אלע פאר איינעם און איינער פאר אלע. אייער גורל ליגט אין אייערע הענט. ווען איר אייער ארבעט גוט אויספירן, בין איך שטענדיק מיט אייך, און כל־זמן איך בין מיט אייך, איז אייער לעבן געזיכערט".

די רעדע פון שטורעם־באנפירער האט אויף אונדז געמאכט א שטארקן רושם. ערשט איצט האבן מיר אנגעהויבן תופס זיין ביי וואס פאר אן ארבעט מיר זענען אריינגעפאלן און וואס עס שטייט אונדז דא פאר. קיין צוריק פון דעם בלאק איז שוין אבער נישטא און צי מען וויל יא, צי מען וויל נישט, מוז מען שלום מאכן מיטן גורל.

נאך דעם אפיציעלן טייל טיילט איין דער שטורעם־באנפירער יעדן איינעם פון אונדז צו די געהעריקע פאר־ארבעטער און פארלאזט דעם בלאק.

די פאבריק פון פאלש געלט

א מלוכה קען לייכט נאכמאכן אלע געלטער און דאקומענטן, וואס זענען איר נויטיק, ווייל זי איז בכוח צוצושטעלן סיי דאס פאפיר, מאשינעס, פארב און אלע אנדערע נויטיקע מאטעריאלן, סיי די געהעריקע פאכלייט. הגם געלט פעלשן איז פון די גרעסטע ברוכן אין די אינטערנאציאנאלע געזעצן, האבן פונדעסטוועגן די קעמפנדיקע צדדים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווייזט אויס, נישט שטארק גע־האלטן זיך אן דעם געזעץ און מ'האט נאכגעמאכט דעם שונאס געלט. נישט ארבעטנדיק אונטער דער געפאר פון דירעקטער שטראף, האבן זיי אבער אנגענומען אלע מעגלעכע מיטלען, זיי זאלן נישט אנטדעקט ווערן. די נאצי־רוצחים האבן זייער פאבריק איינגעארדנט אין א קאנצענטראציע־לאגער. די לעצטע צוויי בלאקן זענען ארומגענומען געווארן מיט א געדיכטן שטעכיקן דראט פון אלע זייטן, ווי אויך פון אויבן, און קיינער, אפילו דער לאגער־קאמענדאנט, האט נישט געהאט דאס רעכט דארט אריינצוגיין. א ספעציעל באשטימטע קאָ־מאנדע אין א צאל פון 18 ס"ד־לייט (זיכערהייט־דינסט) זענען געווען די איינציקע, וואס זענען געווען צוזאמען מיט אונדז אין דעם בלאק. צו דער ארבעט האט מען אויסגעקליבן נאר יידן, כדי נאכן פארענדיקן די ארבעט, זאל מען די לעבעדיקע עדות קענען אומברענגען.

די פעלשער־קאמאנדע איז באשטאנען פון 140 יידן, וואס זענען ארויסגענומען געווארן פון פארשידענע קאנצענטראציע־לאגערן און

גנטאָס. דעם הויפּט־אָרט האָבן דאָ פאַרנומען פּוילישע יידן, נאָכדעם יידן פון דייטשלאַנד, טשעכיע, אונגאַרן, פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, נאָרוועגיע, דענעמאַרק און אפילו צוויי קריגס־געפאַנגענע יידן פון דער רוסישער אַרמיי.

צווישן די 140 יידן איז געווען דער באַרימטער קונסט־מאָלער פּעטער הירשווין, אַ בערלינער האַלב־ייד. האַרט פאַר דער מלחמה איז ער איינגעלאַדן געוואָרן דורכן פּויפּסט צו מאָלן אַ וויכטיק בילד אין דער באַרימטער סט.־פּעטער־קירכע אין רוים. צוריקקומענדיק קיין דייטשלאַנד, איז ער אויפגענומען געוואָרן דורכן פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס און זיך צוזאַמען מיט אים פאָטאָגראַפירט. אין דער מלחמה איז אָבער אויף אים געמאַכט געוואָרן אַ בלבול פון ראַסן־שאַנדע און ער איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

אין דער קאָמאַנדע זענען אויך געווען באַרימטע פאָטאָגראַפן, אויסגעצייכנטע גראַווירער, גוטע דרוקער־אַרבעטער, בוכבינדער, עלעקטריקער, כעמיקער, פּאַפּיר־פאַכלייט, בוכהאַלטאָרן און צוויי דאָקטוירים.

אָט די אַלע אויסגערעכנטע פאַכלייט האָבן עס געמאַכט די פאַלסיפיקאַטן און געפירט די בוכהאַלטעריע און ביוראָ־אַרבעטן פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

די ס״ד־וואַך האָט געהיט, מיר זאָלן נישט האָבן קיין שום פאַרבינדונגען מיטן אַרום. צו דער אַרבעט גופא האָבן זיי זיך זייער ווייניק געמישט. דער געלט־סקלאַד, די פּאַפּיר־סקלאַדעס און די סקלאַדעס פון אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די יידישע פאַראַרבעטער, וועלכע זענען פאַר אַלץ געווען פאַראַנטוואָרטלעך מיט זייער לעבן.

די 140־קעפּיקע בריגאַדע איז געווען פאַרטיילט אין פאָלגנדיקע גרופּעס: גראַווירער, דרוקער, קונסט־מאָלער, פאָטאָגראַפן, ליכט־דרוקער, בוכבינדער, געלט־סאָרטירער, געלט־רייסער און אַלט־מאַכער.

אין פאַרשלאָסענע קאַסטנס פלעגט מען ברענגען פון 100 ביז 150 טויזנט בויגנס פּאַפּיר, וואָס האָבן שוין געהאַט אויף זיך אַלע וואַסער־צייכנס. יעדער פּאַרטיקער בויגן איז באַשטאַנען פון 8 באַנקנאָטן 5, 10, 20 אָדער 50־פונטיקע. אין אַלגעמיין פלעגט אַ טראַנספּאָרט באַטרעפן ביז 10 מיליאָן ענגלישע פונט.

ווייל אין ענגלאַנד ווערן די בויגנס פונעם פּאַפּיר־געלט נישט געשניטן, נאָר געריסן מיט די הענט, האָט עס דאָ אויך אַזוי געמוזט גע־

מאַכט ווערן. די בויגנס פלעגן דורך דער רייסער־בריגאַדע צעריסן ווערן גרייט צום דרוק. אין דער זעלביקער צייט פלעגט די גראַוויר־בריגאַדע צוגרייטן די געלט־פּלאַטן, דערנאָך פלעגן די פּלאַטן אַריין אין די דרוק־מאַשינעס.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די מאַשינעס האָבן געקענט אָפּ־דרוקן העכער צוויי טויזנט שטיק א שעה, האָט מען געדרוקט צו 500 שטיק, כדי בײדע דרוקערס, — וואָס זענען געשטאַנען ביי דער מאַשין און האָבן אַכטונג געגעבן, — זאָלן האָבן די מעגלעכקייט גוט צו באַטראַכטן, צי אַלץ איז אין אָרדנונג.

די ענגלישע פונטן פלעגן געדרוקט ווערן דריי מאָל. צוערשט מיט די דינע שטריכן, נאָכדעם דער גראָבער „פייף", „טען", „טווענטי" אָדער „פיפטי" און צולעצט די נומעראַציע. נאָך יעדעם מאָל דרוקן, פלעגן די באַנקנאָטן געטריקנט ווערן עטלעכע טעג אויף ספּעציעלע פּאָליצעס. נאָכן לעצטן מאָל דרוקן, פלעגן די בויגנס איבערגעגעבן ווערן צו דער רייסער־בריגאַדע, וואָס האָט זיי ווידער געריסן און איינגעלייגט ריכטיק לויט דער לויף־נומעראַציע. נאָכדעם ווערט דער פּערטל בויגן, אויף וועלכן עס געפינען זיך נאָך צוויי נאָטן, שוין אױ־בערגעשניטן מיט א שנייד־מעסער אויף צווייען. היות, ווי די באַנק־נאָטן האָבן אָבער געמוזט אויסזען ווי מיט דער האַנט געריסן, פלעגט מען זיי אַריינגעמען אין א האַנט־פּרעס און מיט א פייל פיילן אַזוי לאַנג, ביז זיי פלעגן באַקומען דעם ריכטיקן אויסזען פונם ענגלישן פּאַפּיר־געלט.

די באַנקנאָטן זענען געדרוקט געוואָרן לויטן פּלאַן פון דער ענגלישער מלוכה־באַנק, וועלכן דער דייטשער געהיימער דינסט האָט געהאַט אין זיין רשות.

פאַרטיק געוואָרן מיטן דרוקן און רייסן, זענען די באַנקנאָטן אַריין אין געלט־סקלאַד און פון דאָרטן האָט זיי דער פאַראַרבעטער געגעבן צו קאָנטראָלירן. די קאָנטראָל איז געוואָרן דורכגעפירט פון א פּרעציזיק־קעפּיקער בריגאַדע מיט א פאָראַרבעטער און אָבער־קאָנט־ראָלערן ביי ספּעציעל איינגעאָרדנטע ליכט־קאַסטנס, מיט אויבערשטן און אונטערשטן ליכט. ווען מען פלעגט א קוק טאָן אויפן זאַל, וואו די געלט־סאָרטירערס און קאָנטראָלערן זענען געזעסן ביי די ליכט־קאַסטנס, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק פון דעם אַמאָל באַקאַנטן דייטשן געלט־פעלשער־פילם „דאָקטאָר מאַבוזע".

די באַנקנאָטן זענען סאָרטירט געוואָרן אויף 5 סאָרטן: 1־טע

וואַל, 2־טע וואַל, 3־טע וואַל, „אַבוואורף" און „אויסשוס". ס'רוב האָט מען סאָרטירט די 3־טע וואַל, וואָס איז געלאָזן געוואָרן אין אומגאַנג; ערשטע און צווייטע סאָרט האָט קיינער נישט געוואָלט מאַכן, ווייל מ'האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך קיין צו שטאַרקע אחריות.

אין אַלגעמיין האָט אַ סאָרטירער אויסגעבראַקירט 75 פּראָצענט פון די געדרוקטע באַנקנאָטן און פון די 25 פּראָצענט גוטע פלעגט נאָך דער אויבער־קאָנטראָלער ווידער אויסבראַקירן אַ פינף אָדער צען פּראָצענט. אין סך־הכל זענען פון הונדערט נאָטן נישט מער ווי 15 אָנערקענט געוואָרן פאַר ארויסלאָז־פעאיק.

נאָכן קאָנטראָלירן איז דאָס נישט־ארויסלאָז־פעאיקע געלט פאַר־שריבן, באַנדעראָלירט און פאַרפּאַקט געוואָרן אין קאַסטנס. די גוטע זענען איבערגעגאַנגען אין דער אָלט־מאַכעריי, וואו עטלעכע פערזאָן האָבן די פרישע באַנקנאָטן געקנייטשט און געשטאָכן מיט שפּיל־קעלעך, ווי די ענגלענדער מאַכן עס. אַ פינפער־פונט פון מערערע יאָרן האָט באַקומען מערער שטעך, פון ווייניקער יאָרן ווייניקער שטעך. וואָס דער באַנקנאָט איז געווען גרעסער און יינגער, אַלץ ווייניקער שטעך האָט ער באַקומען, אַזוי אַז אַ פופציקער פונט פון די לעצטע יאָרן האָט באַקומען געציילטע שטעך.

נאָך דעם קנייטשן און שטעכן זענען די באַנקנאָטן ווידער איינ־געלייגט געוואָרן און זענען אַרונטער אונטער דער פּרעס. נאָכדעם זענען די באַנקנאָטן פון פופצן סעריעס פון פאַרשידענע יאָרן צוזאַ־מענגעמישט געוואָרן אַזוי, מען זאָל נישט דערקענען, אַז זיי זענען איצט אַרויס פון דרוק.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, פלעגט מען נאָך דורכפירן די קאָנטראָל פון „אויסגעפינען". די פאַראַרבעטער פלעגן נישט זעלטן אַריינלייגן צווישן די פאַלשע נאָטן עטלעכע גוטע און זאָגן די סאָר־טירער, מען זאָל זיי אויסגעפינען. זייער זעלטן פלעגט זיך אָבער איינ־געבן די גוטע צו געפינען, אַזוי „רעיעל" זענען געווען געמאַכט די פאַלשע.

חוץ ענגלישע פונטן, האָט מען אויך געדרוקט יוגאָסלאַוויש געלט, און אין לעצטן האַלבן יאָר האָט מען אָנגעהויבן נאָכמאַכן אַמעריקאַנער דאָלאַרן, פופציקער און הונדערטער. די פּראָבן האָבן לאַנג געדויערט און האָבן זיך צום אָנהויב נישט איינגעגעבן. ווען

די באַנקנאָטן זענען דערנאָך אַרויסגעקומען גוט נאָכגעמאַכטע, איז שוין געווען צו שפּעט.

אין דעם דאָזיקן פאַבריקל זענען אויך נאָכגעמאַכט געוואָרן אַלע דאָקומענטן, וואָס זענען נויטיק געווען פאַרן נאַצישן שפּיאָנאַזש. מ׳האָט אויך אָפּגעדרוקט אין די מיליאָנען ענגלישע בריוו־מאַרקעס מיט סטאַלינס בילד און אַ מגן־דוד פון אויבן. די מאַרקעס זענען דורך די נאַצים פאַרשפּרייט געוואָרן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל.

ציטענוויז האָט אויסגעפעלט פּאַפּיר צום דרוקן די באַנקנאָטן, און עס פלעגט דויערן וואָכן און אַמאָל חדשים ביז עס פלעגט אָנקומען, פלעגן מיר דעמאָלט אַרומגיין ווי צעמישטע, מען זאָל אונדז אין צווישן נישט ליקווידירן.

מיר האָבן אויך איבערגעלעבט קריטישע טעג. פון בערלין איז איינמאָל אָנגעקומען אַ באַפעל, מיר זאָלן זיך אָפּהאַלטן מיטן ווייטערדיקן דרוקן, ווייל מ׳זאָל האָבן דערקענט, אַז דאָס געלט איז פאַלש. נו, האָבן מיר דעמאָלט געטראַכט: אויס מיטן „באַטריב", מיר זענען שוין איבעריק. וואָס דאָס וואָרט „איבעריק" מיינט, האָבן מיר גוט פאַרשטאַנען. צו אונדזער גליק, האָט דער פאַרבאָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. מען איז ווידער צוגעטראָטן צום דרוקן און מיר האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט.

סאַבאָטאַזש

אַלס אַ כלל האָט די יידישע קאָמאַנדע זיך באַמיט צו מאַכן וואָס ווייניקער אַרבעט. מען פלעגט זיך פאַרענטפערן מיט דעם, אַז די אַרבעט איז זייער אַ פאַראַנטוואָרטלעכע און מ׳קען זיך נישט יאָגן. דער שטורעם־באַנפירער קריגער פלעגט עס אָנערקענען פאַר ריכטיק און האָט עס טאָלערירט.

זייער אַ סך פון די אויסגעבראַקירטע באַנקנאָטן, — ביים סאָרטירן, קאָנטראָלירן און איבערקאָנטראָלירן, — זענען אין דער אמתן געווען נישט ערגער פון די, וואָס זענען אָנערקענט געוואָרן פאַר גוטע. יעדער איינער פון אונדז האָט אָבער געטאָן, וואָס ער האָט געקענט, אַז וואָס ווייניקער געלט זאָל אַרויסגעלאָזן ווערן פאַרן נאַצישן געהיים־דינסט.

ביזן 20־טן יולי 1944 האָבן מיר געאַרבעט אין צוויי שיכטן, צו אכט שעה אַ טאָג, זונטיק — פריי. נאָך דער דאָזיקער דאַטע איז איינגעפירט געוואָרן דער „טאָטאַלער איינזאַץ", און מיר האָבן געמוזט

אַרבעטן צען שעה אַ טאָג. אויך דער זונטיק־רו איז טיילווייז בטל געוואָרן. אין די צען שעה האָבן מיר אָבער געמאַכט ווייניקער אַרבעט, ווי פריער אין די אַכט.

דאָס לעבן אין „שטייג"

דער שטורעם־באַנפירער קריגער איז געווען דער פּאַסיקער מענטש אויפן דאָזיקן פּאָסטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פון דער דאָזיקער יידישער קאָמאַנדע, וואָס טוט פאַר דער מלוכה אַזאַ וויכטיקע אַר־בעט, דאַרף מען אַרויספּרעסן וואָס מער און מען דאַרף זיי דעריבער באַהאַנדלען בעסער ווי אַנדערע העפטלינגע, האָט ער טאַקע פאַר אונדז איינגעשטעלט אַ מילדן קורס און דאָס לעבן אין אונדזער קאָ־מאַנדע איז געווען דערטרעגלעך.

די אַרבעט גופא איז געווען אַ לייכטע. מען איז געזעסן אין דער וואַרעם; קיין קילאָמעטערס צו און פון דער אַרבעט האָבן מיר נישט געדאַרפט גיין; שטייען שעהן־לאַנג אויפן אַפּעל־פּלאַץ פאַרטאָג, אין די גרעסטע פרעסט, האָבן מיר אויך נישט געדאַרפט, — זענען מיר דעריבער נישט געווען אַזוי אויסגעמאַטערט. עסן האָבן מיר באַקומען אַזוי ווי די אַרישע העפטלינגע, און ס'איז ביי אונדז דורכן בלאָק־עלטסטן און דער „שטובע־דינסט" נישט צוגעגנבעט געוואָרן. מיט דער ריכטיקער ברויט־פּאָרציע און מיט די איבעריקע צוגאָבן האָבן מיר געהאַט אויסצוקומען און קיין הונגער נישט געליטן. חוץ דעם זענען אין אונדזער קאָמאַנדע געווען ביי 50 האַלב־יידן, וואָס האָבן געהאַט אויף דער פריי עלטערן אָדער פרויען, וועלכע פלעגן זיי צו־שיקן יעדע וואָך אַ שפּייז־פּאַקעט און די פּופּציק האַלב־יידן פלעגן שטיצן די איבעריקע.

מיר האָבן אויך געהאַט דאָס רעכט צו שרייבן איין מאָל אין צוויי חדשים אַ בריוו פון 25 ווערטער. מיר האָבן געשריבן קיין פּראָג צו די דאָרטיקע יידן אָדער האַלב־יידן און האָבן פון זיי באַקומען צוגעשיקט איין מאָל אין צוויי חדשים 2 קילאָ ברויט, אַ פּאָר קיכעלעך, אַ ציבעלע און נאָך קלייניקייטן. זאָלן די דאָזיקע ווערטער זיין אונדזער האַרציקער דאַנק די פּראָגער יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף דער פריי און האָבן אין יענער שרעקלעכער צייט געשטיצט מיט וואָס זיי האָבן געקענט און מיט דעם געהאָלפן איבערקומען די שרעקלעכע צייטן.

די היגיענישע באַדינגונגען זענען דאָ געווען אַן אַן ערך בעסערע ווי אין אַלגעמיינעם לאַגער. יעדער איינער איז געשלאָפן אין אַ באַזונדער האָלץ־בעט, מיט צוויי דעקעס (די עלטערע האָבן באַקומען דריי) און אַ שטרויענעם קאָפּ־קישן; מיר האָבן געהאַט אַ גוט־איינגעאָרדנטן וואַש־רום מיט פּליסיק וואַסער און זויבערע קלאָזעטן. צוויי מאָל אין וואָך האָט מען אונדז ראַזירט און יעדע וואָך האָט מען אַרויסגעגעבן אַ ריין העמד, גאַטקעס און אַ האַנט־טוך.

יעדן זונטיק אין דער פרי, פאַרן פירן אין באָד, וואָס איז שוין פון פריער געווען אָפּגערייניקט פון אַנדערע לאַגער־אַרעסטאַנטן, פלעגט מען אונדז אויסשטעלן און רעווידירן, צי מיר האָבן נישט ביי זיך קיין פּאַפּירן. נאָך דער באָד האָט מען אונדז געפירט צוריק אין „שטייג".

ווען איינער פון אונדז האָט געדאַרפט צו אַ דאָקטאָר, האָט אונדזער וואַך אים געפירט צום לאַגער־שפּיטאָל. דער קראַנקער האָט חוץ וועגן זיין קראַנקהייט מיט קיינעם נישט געטאָרט רעדן קיין וואָרט. ביטער איז געווען, ווען מען האָט געהאַט צו טאָן מיט אַן ערנסטן חולה. אַזעלכע קראַנקע האָט מען אין שפּיטאָל קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט. די שווערסטע קרענק האָט מען געמוזט דורכמאַכן אין בלאָק, אונטער דער אויפזיכט פון אייגענעם דאָקטאָר.

פאַר די 30 חדשים, וואָס די אונטערנעמונג האָט עקזיסטירט, זענען זעקס שווערע חולאים אָפּגעפירט געוואָרן אין לאַגער־שפּיטאָל. דאָרטן האָבן זיי באַקומען בענזין־איינשפּריצונגען און זענען אויסגעגאַנגען אין סעקונדן. עטלעכע זענען געשטאָרבן אין בלאָק גופא.

אויך מיר, די ביאַליסטאָקער גרופּע, האָט איבערגעלאָזן אַ קרבן אין זאַקסנהויזן. דעם 23־יעריקן איזאַק סוקעניק, וואָס האָט געהאַט טובערקולאָז אין דער לעצטער סטאַדיע, האָט מען אין פעברואַר 1945 דאָרטן דערשאָסן.

ביי דער אַרבעט האָבן מיר אַן איבעררייס געקענט הערן דעם דייטשן ראַדיאָ און די אָפיציעלע פראָנט־באַריכטן. מיט דער גרעסטער שפּאַנונג פלעגן מיר וואַרטן צו הערן די וויכטיקע מיליטערישע אויפקלערונגען פון גענעראַל־לייטענאַנט דיטמאַר. אַלץ, וואָס דער דייטשער ראַדיאָ פלעגט ברענגען, האָבן מיר נאָך דער אַרבעט צווישן זיך קאָמענטירט. עטלעכע מאָל האָבן מיר אויך געהערט ענגלישן ראַדיאָ, וואָס האָט אונדז מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע אַביסל דערמוטיקט.

דעם 20־טן יולי 1944, אַזייגער 5 פאַרנאַכט, האָבן מיר געהאַט

די זכיה צו הערן די פריילעכע ידיעה, אַז אויפן „פירער" איז דורכ־געפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט. די שפּאַנונג צווישן אונדז איז געוואָרן אַן אויסערגעוויינלעכע. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז די שעה פון אונדזער באַפרייאונג איז נאָענט. שפּעטער זענען אָנגעקומען פרישע ידיעות, אַז דער „פירער" איז ניצול געוואָרן און אַזייגער 10 ביינאַכט האָט דער ראַדיאָ־ספּיקער געמאָלדן, אַז האַלב איינס ביינאַכט וועט דער „פירער" רעדן צום פאָלק. אַ סך פון אונדז האָבן געוואַרט, כדי צו הערן, וואָס דער גרעסטער מערדער אין דער וועלט־געשיכטע וועט זאָגן. ער האָט גערעדט זייער קורץ און מיט אַ געבראָכענער שטימע. אפילו דעמאָלט האָט ער אָן אונדז, יידן, אויך נישט פאַרגעסן. אונ־דזערע האָפנונגען אויף אַ גיכער אויסלייזונג זענען אויך דאָס מאָל צערונען געוואָרן.

אין בלאָק איז געווען אַ קליינע ביבליאָטעק פון דייטשע, פראַנצויזישע און טשעכישע ביכער און עטלעכע בערלינער צייטונגען. ס'איז אויך געווען אַ שאָך און אַנדערע שפּילן. נאָך דער אַרבעט האָט זיך יעדער איינער געקענט פאַרנעמען מיט דעם, וואָס עס האָט אים אינטערעסירט. ס'האָט אָבער נישט זעלטן געטראָפן, אַז אונדזער וואָך פלעגט נישט קענען פאַרטראָגן אַזאַ „וואוילטאָג" און פלעגט אונדז אַרויסיאָגן אויפן הויף צו אומנויטיקער פיזישער אַרבעט אָדער ספּאָרט.

אויפן וואונטש פון דער ס"ד־וואָך פלעגן מיר מוזן איינאָרדנען טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין די קריסטלעכע חגאות. צווישן אונדז זענען געווען עטלעכע גוטע זינגער, פידל־ און האַרמאָניע־שפּילערס, רעציטאַטאָרן און דעקאָראַטאָרן. זיי פלעגן איינאָרדנען די פאָרשטע־לונגען נישט ערגער ווי אין אַ קליינעם טעאַטער.

ווען ס'פלעגן פאָרקומען די אויפטריטן, האָבן אַלע יידן זיך געמוזט געפינען אין זאַל. אונדזער וואָך פלעגט צעשמאָלצן ווערן פון שמחה ביי די אַרויסטריטן. אונדזערע הערצער האָבן אָבער געוויי־טיקט פון דער טעאַטער־שפּיל, וואָס מען טרייבט מיט אונדז.

סוף זומער 1944 האָט מען צו אונדז געבראַכט אַ פול־גע־פאַקטן טראַנספּאָרט־אויטאָ מיט קאַסטנס דאָקומענטן פון רוסישע, פוילישע, טשעכישע, יוגאָסלאַווישע און אַנדערע קאָנסולאַטן, ווי אויך פון די געשטאַפּאָס פון פאַריז, בריסעל, אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם און אַנטווערפּן. גראָד האָבן מיר אין יענע וואָכן נישט געהאַט קיין פּאַפּיר אויף צו דרוקן די באַנקנאָטן, האָט מען אונדז די דאָזיקע דאָקומענטן בעגעבן אויף פאַנאַנדערצונעמען יעדע טייל באַזונדער, די דרעטלעך,

די פאָטאָגראַפיעס, די קאַרטאָנען, דאָס פּאַפּיר און די שטעמפּל־מאַרקן. די גאָר וויכטיקע זאַכן זענען דורך אונדזערע פּאַכלייט געוואַשן געוואָרן.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט איז מען געזעסן מיט צעריסענע הער־צער. מיר האָבן געוויינט, צוקוקנדיק זיך צו די בילדער פון די יונגע ייִדישע מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. מען איז געווען אַזוי אויפגערעגט און פאַרצאָרנט פון דער אַרבעט, וואָס מיר האָבן געמאַכט, אַז איינער דעם צווייטן האָט זיך געשעמט צו קוקן אין פּנים אַריין. איינער פון אונדז האָט גע־פונען די פאָטאָגראַפיע פון זיין ברודער מיט אַ פרוי און קינד, אַנ־דערע האָבן געפונען די פאָטאָגראַפיעס פון זייערע קרובים.

איינער פון אונדזער קאָמאַנדע, ווילדע, האָט פון גרויס אויפ־רעגונג אָנגעהויבן רייסן די דאָקומענטן. דאָס האָט באַמערקט דער הויפּט־שאַרפירער, ווערנער, און פרעגט ווילדען פאַרוואָס ער טוט אַזוי. יענער האָט אים אָן אויפגערעגטער געענטפערט, אַז ער טוט דאָס, ווייל ער קען נישט בלייבן רואיק, זעענדיק די פאָטאָגראַפיעס פון די ייִדן, וועלכע זענען שוין געווים נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. דער הויפּט־שאַרפירער, וואָס איז נישט געוואוינט געווען צו הערן אַזאַ „חוצפהדיקע" תשובה פון אַ ייִדישן העפטלינג, האָט אים אַראָפּ־גענומען פון דער אַרבעט און אַראָפּגעפירט אין קעלער־אַרעסט. ווען דער הויפּט־שאַרפירער איז צוריק אַרויפגעקומען פון קעלער און דער־זען, אַז מיר אַלע זענען אין אַ זייער אויפגערעגטער שטימונג, איז ער אַראָפּ צוריק אין קעלער צו ווילדען. יענער האָט דעם הויפּט־שאַר־פירער דערקלערט, אַז זיין גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען און ער איז געבליבן איינער אַליין. ווען ער זעט די פאָטאָגראַפיעס שניידט עס אים ביים הארצן און ער קען די אַרבעט נישט מאַכן. דער הויפּט־שאַרפירער האָט, ווייזט אויס, נישט געוואָלט נאָך מער פאַרשאַרפן די אָנגעשטרענגטע שטימונג, האָט באַפרייט ווילדען פון קעלער און אים באַשטימט אויף אַן אַנדער אַרבעט.

איינמאָל איז די גאַנצע קאָמאַנדע אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפן הויף. די וואַך האָט דורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע אין בלאָק און ביי יעדן פאַרזענלעך. מען האָט געזוכט 5 פינף־פונט־באַנקנאָטן, וואָס זענען פאַרפאַלן געוואָרן. די רעוויזיע האָט געדויערט עטלעכע שעה און האָט קיין רעזולטאַטן נישט געגעבן. דער הויפּט־שאַרפירער האָט געמאָלדן, אַז דאָס נישט געפינען די פינף באַנקנאָטן קען ברענ־

גען זייער טרויעריקע פּאָלגן פאַר דער גאַנצער קאָמאַנדע. דערווייל איז שוין פאַרביי אַ האַלבער טאָג. אַלע שטייען אויפן הויף, מען איז דענערווירט אויפן העכסטן גראַד און קיינער פאַרשטייט נישט, וואָס דאָ קומט פאָר. קיינעם קומט גאָרנישט אויפן שכל, אַז עמיצער פון דער גרופּע יידן זאָל האָבן אָפּגעטאָן אַזאַ זאַך, וואָס קאָן קאָסטן אַלעמענס לעבנס. עטלעכע זאָגן, אַז ס'איז פּשוט אַ בלבול, אַז מען וויל אונדז אויף אַזאַ אופן אומברענגען. די אָפּטימיסטן צווישן אונדז זאָגן, אַז ס'איז איצט גראַד דאָ אַ סך אַרבעט און זיי וועלן אונדז לאָזן צורו.

אַ גאַנצן טאָג זענען מיר אַזוי אָפּגעשטאַנען הונגעריקע, אויפגערעגטע און דענערווירטע. ערשט פאַרנאַכט־צייט זענען מיר אַריינגעטריבן געוואָרן אין בלאָק.

די ווייטערדיקע אויספאָרשונגען האָבן דערפירט צו אַ דייטשן ייד, וועלכער האָט מיט אַ נאַכט פריער פאַרברענט די באַנקנאָטן, נישט געמענדיק אין באַטראַכט דעם אומגליק, וואָס ער קען ברענגען אויף אַלעמען. ווען דער דערמאָנטער ייד האָט זיך מודה געווען, האָט אים די ס"ד־וואַך געמאַטערט עטלעכע טעג מיט פאַרשידענע שטראָף־אַיבונגען און דערנאָך דערשאָסן.

דאָס דערשיסן איין מענטשן פאַרן דאָזיקן חטא האָט אונדז באַוויזן, אַז מ'דאַרף אונדז נאָך האָבן, אין קעגנפאַל וואָלט, — לויטן נאַצישן פּרינציפּ „אַלע פאַר איינעם", — אַזאַ פאַל געמוזט ציען נאָך זיך מער קרבנות.

אויף ימים־נוראים פון 1944 האָבן מיר, נישט געקוקט אויף דער סכנה, איינגעאָרדנט אין געהיים אַ מנין אין אונדזער שלאָפרוים, און געדאַוונט ראש־השנה און יום־כיפּור.

האַרט פאַרן סוף פונם זעלביקן זומער האָט אַן אַמעריקאַנער עראָפּלאַן אַראָפּגעוואָרפן אַ צינד־באָמבע אויפן בלאָק נומער 17, וועלכער איז באַלד געשטאַנען אין פלאַמען. די היץ איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז די פענצטער פון אונדזער בלאָק האָבן געפּלאַצט און דער דאַך האָט שוין געגומען ברענען. אַלע ווערן תיכף אַרויסגעטריבן אין קליינינקן הייפל הינטערן בלאָק 19 און מיר שטייען צעטומלטע. אַ פּאָר דרייסטע פון אונדז האָבן זיך אָבער נישט פאַרלוירן, זענען אַרויף אויפן דאַך פון בלאָק 18 און האָבן מיט די גוט איינגעאָרדנטע לעש־מכשירים פאַרגאָסן דעם גאַנצן בלאָק מיט אַ ים וואַסער און אים אָפּגעראַטעוועט.

אונדזערע בעסטע שעהן

די בעסטע שעהן פון אונדזער פארשלאָסענעם לעבן אין „שטייג" זענען געווען די, ווען די ראַדיאָ־אוידיציעס פלעגן איבערגעריסן ווערן מיט די ווערטער: „אַכטונג, אַכטונג, אַכטונג! שוואַכער פערבאַנד שנעלער קאַמף־פלוגצויגע אין אַנפלוג אויף דויטשלאַנד"; אין עטלעכע מינוטן ווידער: „אַכטונג, אַכטונג! שטאַרקער פערבאַנד שווערער קאַמף־פלוגצויגע אין אַנפלוג אויף זיד־דויטשלאַנד"; און איידער וואָס־ווען הערט מען שוין אַ פרישן „אַכטונג, אַכטונג! פערבאַנד שנעלער קאַמף־פלוגצויגע איבער זיד־וועסט־דויטשלאַנד". מיר באַווייזן זיך נאָך נישט צו אָריענטירן וויפיל „פערבענדע" עס זענען שוין דאָ איבער דייטשלאַנד, ווי דער ראַדיאָ רופט ווייטער: „אַכטונג, אַכטונג! פערבענדע שווערער קאַמף־פלוגצויגע אין ראַום האַנאָווער־בראַונשווייג", און מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער איז שוין אין לאַגער גופא געווען אַ לופט־פלי־אַלאַרם. מערערע מאָל האָט פּאַסירט, אַז איידער עס פלעגט נאָך זיין דער אַלאַרם, פלעגט מען שוין הערן דעם גערויש פון הונדערטער פיר־מאָטאָרדיקע אַמעריקאַנער פעסטונגס־עראָפּלאַנען, וועלכע פלעגן קומען נאָר בייטאָג.

דעם 21־טן יוני 1944 זענען מיר געווען עדות פון אַ ריזיקן אַנפלי פון עטלעכע טויזנט פעסטונג־באָמבערס, וואָס האָט געדויערט קנאַפּע 6 שעה. נאָכדעם ווי זיי האָבן אַראָפּגעלאָזן זייער ריזיקן אויפ־רייס־שטאָף איבער בערלין, האָט דער ספּיקער, וואָס האָט זיך בעת די אַנפליען איבער בערלין געפונען אין אַ גוט געשיצטער באַהעלטעניש, געמאָלדן, אַז די אַמעריקאַנער באָמבערס פליען אין דער ריכטונג צו מזרח, ד. ה. צו רוסלאַנד; אביסל שפּעטער איז געמאָלדן געוואָרן, אַז זיי זענען אָפּגעפלויגן צו די פּאָלטאַווער פלי־פעלדער.

צוויי טעג שפּעטער האָט דער דייטשער ווערמאַכט־באַריכט גע־מאָלדן, אַז די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן דעם 22־טן יוני פאַרטאָג אָנגעהויבן זייער לאַנג־דערוואַרטעטע זומער־אָפּענסיווע ביי אָרשע און וויטעבסק. דער ריזיקער אַנפלי אויף בערלין איז, ווייזט אויס, געווען דער אַריינפיר צו דער אָפּענסיווע. די צוויי טויזנט עראָפּלאַנען זענען געבליבן אויפן רוסישן פראָנט.

אין די נעכט פלעגן פליען ענגלישע עראָפּלאַנען, וועלכע דער דייטשער ראַדיאָ פלעגט אָנרופן „שטער־פלוגצויגע", וועמענס צאָל ס'איז געווען פון 50 ביז 60. זיי זענען געפלויגן זייער הויך און

שנעל. זייער זעלטן האָט מען וועלכן פון זיי אַרונטערגעשאָסן. די דייטשע פרעסע האָט זיי גערופן „מאָסקיטאָס" און געהאַלטן פאַר זייער אַ געפערלעכן וואָפן.

ביי די אָנפליען אויף דרעזדען האָט דער ראַדיאָ־ספּיקער גע־מאָלדן: „שטראָמען באָמבערס ציען זיך פון וועסט־דויטשלאַנד ביז דרעזדען" (ד. ה. פון דרעזדען ביז דער גרענעץ פון פראַנקרייך). אין דער זעלביקער צייט האָט דער ראַדיאָ געהאַלטן אין איין אַלאַרמירן וועגן באָמבעס־אָנגריפן איבער פאַרשידענע אַנדערע שטעט פון דייטש־לאַנד. אין מיטן פון די שווערע אָנגריפן זענען געקומען וואָרנונגען פאַר טיף־פליער, וואָס פלעגן זיך אַראָפּלאָזן נידעריק איבער די באַן־סטאַציעס און שאָסייען און באַשיטן מיט פייער פון מאַשין־געווער אַליץ, וואָס זיי האָבן געטראָפן אויפן וועג.

אָט די אַלע „חתונות", — ווי מיר האָבן זיי אין אונדזער קאָ־מאַנדע גערופן, — וואָס מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט צו הערן און צו זען, האָט אונדז געשטאַרקט און געמוטיקט און געגעבן האָפ־נונגען צום ווייטערדיקן לעבן.

מיר ווערן עוואַקואירט

דעם 12־טן יאַנואַר 1945 האָט זיך אָנגעהויבן ביי באַראַנאָוו די ריזיקע סאָוועטישע ווינטער־אָפענסיווע. אין פאַרלויף פון אַ קנאַפּן חודש זענען די סאָוועטישע אַרמייען דערגאַנגען ביז קיסטרין, 70 קילאָמעטער פון בערלין און 100 פון זאַקסנהויזן. צוליב דער־אָ סיבה האָט דער בערלינער זיכערהייטס־דינסט באַשלאָסן צו עוואַקואירן די זאַקסנהויזענער געלט־פאַבריק אין אַ מער זיכערן אָרט. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מיר האָבן ביים פאַרפּאַקן און אָנלאָדן געאַרבעט זייער אַ שווערן און לאַנגן אַרבעטס־טאָג, האָט עס דאָך פאַרנומען ביי אונדז אַ קנאַפּן חודש.

מען האָט אונדז באַזאָרגט מיט עסן אויף דריי טעג און אָנ־געזאָגט, אַז מיר זאָלן זיין שפּאָרזאַם, ווייל ס'איז גאַנץ מעגלעך מיר זאָלן פאָרן 4 טעג. נאָכן פאַרטיילן אין איילעניש די וועג־פּאָרציע מיטן מיטאָג, האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרויסמאַרש פון לאַגער, באַ־גלייט פון אונדזער וואַך. צוקומענדיק צום טויער, זענען מיר אַרומ־גערינגלט געוואָרן פון אַ גרופּע פון דער לאַגער־וואַך, וועלכע האָט אונדז געדאַרפט באַגלייטן ביזן נייעם אָרט. אויף אונדזער וואַך אַליין האָבן זיי געהאַט מורא זיך צו פאַרלאָזן, ווייל ס'רוב פון זיי זענען

געווען אינוואַלידן. די לאַגער־וואַך האָט מיט אונדז נישט געטאָרט רעדן, זיי האָבן אויך נישט געטאָרט וויסן וואָס מיר טוען. אַרויס־גייענדיק פון לאַגער האָבן מיר דערזען שטיין אַ גרעסערע קאָלאָנע אויטאָס מיט אָנגעפּרעסענע געשטאַפּאָווצעס. מיר האָבן געטראַכט, אַז זיי נעמען אונדז איבער צום ליקווידירן. ווען מ׳האָט זיי געמיטן, האָבן אַלע פרייער אָפּגעאָטעמט.

די שטימונג איז דעמאָלט ביי אַלעמען געווען זייער אַ גע־דריקטע. מיר האָבן געספּקט, צי מען וועט ווייטער אויפשטעלן ערגעץ־וואו דאָס פאַבריקל. אָן איר, האָבן מיר גוט געוואוסט, וואָס עס דער־וואַרט אונדז.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג פון 27־טן פעברואַר 1945 און דער ספּעציעלער צוג פון 16 וואַגאָנעס, מיטן פּאַפּיר, די מאַשי־נעס און דאָס געלט האָט זיך גערירט פון אָרט.

דייטשלאַנד אין יענע טעג

אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע, זענען מיר איינגעשטיגן אין דריי פראַכט־וואַגאָנעס, וואו מ׳האָט אונדז דערלויבט אַריינשטעלן אויוועלעך. אויף דער סטאַציע זענען מיר נאָך געשטאַנען אַ גאַנצן מעת־לעת.

צוליב די צעשטערטע וועגן האָבן מיר זיך געמוזט אַרומדרייען אַ גאַנצן טאָג אַרום בערלין. פאַרנדיק האָבן מיר געהאַט די געלעגנ־הייט צו זען דרעזדען נאָך די שווערע באָמבאַרדירונגען. אין אַנדערע ערטער האָט נאָך אפילו געברענט. מיר האָבן געזען נאָך באָמבאַר־דירטע שטעט און שטעטלעך. דאָס געזעענע האָט אַביסל געשטילט די נקמה־געפילן אין אונדזערע פאַרביטערטע הערצער.

דורכפאָרנדיק די זאַקסישע שווייץ, האָבן זיך פאַר אונדז אַנט־פּלעקט זייער שיינע נאַטור־בילדער. די פעלדער זענען שוין געווען גרין און אַלץ אַרום איז געווען הערלעך שיין. סיי די נאַטור, סיי די זאָרגפעליקע אויפזיכט פון מענטשלעכע הענט האָבן געשאַפן די שיינע געגנט.

אויפן גאַנצן וועג האָט מען געפילט און געקענט פּשוט אָנטאַפּן מיט די הענט, אַז דער סוף פון נאַצי־דייטשלאַנד איז נאָענט. סיי די מיליטער־לייט, סיי די ציוויל־באַפעלקערונג האָבן אויסגעזען פאַרמאַ־טערט און רעזיגנירט. יעדן איינעם פון זיי האָט זיך געוואָלט אַראָפּ־רעדן פון האַרצן. נישט איינער פון אונדזערע באַגלייטערס האָט גע־

שאַלטן מיט טויטע קללות דעם היטלער־רעזשים און האָט אונדז גע־טרייסט, אַז מיר זאָלן נישט פאַרלירן דעם מוט, ווייל מיר וועלן אין גיכן באַפרייט ווערן.

אַזעלכע שטימונגען האָבן געהערשט צווישן דייטשן פאָלק עפּעס מער ווי צוויי חדשים פאַרן סוף פון דער מלחמה.

מאַוטהויזן

די שטרעקע זאַקסנהויזן־מאַוטהויזן, איבער 1000 קילאָמעטער, זענען מיר אָפּגעפאָרן אין פיר מעת־לעת. פרייטיק, דעם 2־טן מערץ 1945, פאַרנאַכט, זענען מיר אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע אין מאַוטהויזען, פון וואַנען מיר זענען געטריבן געוואָרן צופוס דורך די בערג־וועגן צום קאָנצענטראַציע־לאַגער. די געמויערטע פעסטונגס־ווענט פון מאַוטהויזען האָבן אויף אונדז אָנגעוואָרפן אַן אימה. אַלע האָבן זיך שטאַרק געשראָקן פאַרן נייעם אָרט.

נאָכן אַריינפירן אין לאַגער, האָט מען אונדז נישט געפירט צו אַנטלויזונג, ווי אַלע אַנדערע העפטלינגע, נאָר אַריינגעפירט אין אַ ספּעציעלן איזאָלאַציע־בלאָק, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר טויט־פאַרמשפּטע. באַלד איז געקומען דער ס"ס־אויפזעער איבערן דער־מאָנטן בלאָק און אונדז געוואָרנט, אַז מיר טאָרן נישט קוקן דורך די פענצטער, מיר דאַרפן זיך האַלטן רואיק און נישט אַרויסגיין אויפן הויף. ביים מינדסטן ריר וועלן די דריי וואַכלייט, וועלכע היטן דעם בלאָק, עפענען אויף אונדז אַ פייער.

אויסהערנדיק די וואָרנונג, איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר זענען דאָ אַריינגעפאַלן אין זייער אַ שווערן לאַגער און ס'איז אַ שטאַרקער ספק, צי מיר וועלן זיך פון אים קענען אַרויסרייסן לע־בעדיקע. מיר הויבן זיך אָן אַרומקוקן און מיר דערזעען אויף די ווענט און אין די פענצטערס פיל קוילן־לעכער, אין אַנדערע ערטער — אויפשריפטן פון מענטשן, אַז אין דער און דער דאַטע האָבן זיי דאָ פאַרבראַכט די לעצטע שעהן פון זייער לעבן. די שטימונג איז ביי אַלעמען געווען זייער אַ געדריקטע. צוליב דער שטאַרקער אויסגע־מאַטערטקייט זענען מיר אַנידערגעפאַלן ווי געהרגעטע אין אַ שווערן שלאָף.

אונדזערע ס"ד־שומרים האָבן נישט געקענט קריגן די געהעריקע באַקוועמלעכקייטן אין מאַוטהויזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער, און האָבן זיך דעריבער נישט געאיילט מיטן אַראָפּנעמען פון די וואַגאָ־

נעם די מאַשינעס מיטן פּאַפּיר. די באַן־דירעקציע האָט נישט געקענט האַלטן אַזוי לאַנג קיין פאַרנומענע וואַגאָנעס און געצוואונגען אונדזע־רע ס״ד־פירערס תיכּף אויסצולאָדן זיי.

ווידער זענען מיר איינגעשפּאַנט געוואָרן אין דער אַרבעט פון אויסלאָדן די שווערע משאות, וועלכע ס'איז אונדז אויסגעקומען צו טראָגן היפּשע שטרעקעס אויף די אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע גופים. אָבער פיל שווערער ווי די משאות זענען פאַר אונדז געווען די טראַגישע בילדער, וועלכע מיר האָבן דאָ געזען פאַר אונדזערע אויגן. איינע נאָך די אַנדערע זענען פאַרביי אונדז דורכגעפאָרן פול באַלאָדענע פורן מיט טויטע קערפּערס, וועלכע מען פלעגט ווי גע־קוילעטע שעפּסן אריינוואַרפן אין קרעמאַטאָריע־קעלער. פון גאַנץ ווייט האָבן מיר נאָך געהערט דעם זעץ פון קערפּער אָן דער צעמענטענער פּאָדלאָגע.

דער קרעמאַטאָריע־אויוון האָט געברענט אַ גאַנצן מעת־לעת, זיינע פייער־צונגען האָט מען געקענט זען זייער ווייט און דער ריח פון די געברענטע מענטשלעכע קערפּערס האָט פאַרסמט די לופט.

די האַלב־טויטע העפטלינגע, וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט פון פירן און ברענען די טויטע קערפּערס, זענען אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום שוין אַליין געפירט געוואָרן דורך אַנדערע צום קרעמאַטאָריע־אויוון, און אַזוי איז עס געגאַנגען טאָג־איין טאָג־אויס.

אין דער זעלבער צייט, ווען כּמעט אַלע מאָוטהויזענער העפט־לינגע זענען אַרומגעגאַנגען האַלב־טויטע און זענען געווען קאַנדידאַטן צו גיין היינט־מאָרגן אין קרעמאַטאָריע, איז אויסגעפּאַשעט געוואָרן אַ לאַגער־וואַך פון העפטלינגע, וועלכע האָבן מיט זייער אויסזען אָנ־געוואָרפן אַ פּחד אויף יעדן פון אונדז.

אין די לעצטע שווערע וואָכן, וואָס אונדז איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אין לאַגער, האָט אַ טייל פון אונדזער קאָמאַנדע געאַר־בעט ביי דער באַן, ביים אויסלאָדן די דרוק־מאַשינעס, וועלכע זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן אין אַ תבואה־שפּייכלער. עטלעכע מאָל איז דער דאָזיקער גרופּע געלונגען צו ברענגען פון שפּייכלער אַביסל ווייץ. די פרומע צווישן אונדז האָבן עס פאַרביטן אויף אַ טייל פון זייערע ברויט־פּאָרציעס און אויף אַזאַ אופן צוגעגרייט אַ קליינעם קוואַנטום ווייץ. די ווייץ האָט מען אַזוי לאַנג געקלאַפּט מיט אַ האַמער ביז ס'איז אַרויסגעקומען מעל, פון וואָס זיי האָבן האַרט פאַר פּסח

אויסגעבאַקן מצות און דורך דעם געגעבן די מעגלעכקייט עטלעכע צענדליק יידן אָפּצוריכטן ביידע סדרים.

שפּעט ביינאַכט, ווען אונדזער וואַך פלעגט פאַרלאָזן דעם בלאָק, האָט מען אין וואַש־רוים געמאַכט גרייט עטלעכע טישן, זיי באַדעקט מיט ווייס פּאַפּיר און אָנגעצונדן צוויי, אַליין געמאַכטע ליכט. פאַר יעדן, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין סדר, איז געווען צוגעגרייט אַ קליינע מצה. איינער פון אונדז האָט מיט אַ געבראָכענעם קול פאַר־געזאָגט פון אַן אַליין געשריבענער הגדה און די איבעריקע האָבן מיט טרערן אין די אויגן, מיט גרוים התמדה, נאָכגעזאָגט.

אַזוי האָט אַ קליינע גרופּע צום טויט פאַרמשפּטע יידן אָפּגע־ריכט ביידע סדרים אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון מאַוטהויזן.

אונטער אַ שווערן רעזשים און שטאַרקן הונגער האָבן מיר אין מאַוטהויזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער זיך אָפּגעמאַטערט קנאַפּע זעקס וואָכן.

שליר

נאָך פּסח איז אונדזערע ס"ד־פירער געלונגען צו קריגן אַן אָרט פאַר דעם געלט־פאַבריקל אין ארבעטס־לאַגער שליר, ביי דער באַן־סטאַציע רעדל־ציפּ. אין אַן איילעניקן טעמפּ האָבן מיר אָנגעהויבן צו פאַרלאָדן צוריק אין די וואַגאָנעס די מאַשינעס, דאָס פּאַפּיר און צענדליקער געלט־קאַסטנס. מיטן מאָמענט ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אויף יענער זייט פון שווערן מאַוטהויזענער קאָנצענטראַציע־לאַגער, האָבן מיר זיך דערפילט פרייער. ס'איז געווען אָנהויב פרי־לינג, די ביימער האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסגעבן קנאָספּן, דאָס גראָז איז געווען גרין און די פייגעלעך האָבן אַזוי שיין געזונגען, אַז דאָס הארץ איז ממש צעגאַנגען פון חיות. דער ווילן צום לעבן איז דעמאָלט געוואָרן נאָך שטאַרקער ווי שטענדיק. ס'האָט זיך אַזוי גע־וואָלט דערלעבן דעם גליקלעכן סוף, וואָס איז אין יענע טעג שוין געווען אַזוי נאָענט.

די שטרעקע פון מאַוטהויזען ביז שליר איז געווען בסך־הכל אַרום 90 קילאָמעטער, דער גאַנצער וועג איז אָבער געווען אַזוי שרעקלעך צעבאָמבאַרדירט, דערהויפּט לינץ און וועלס, אַז די רייזע האָט ביי אונדז געדויערט אַנדערטהאַלבן מעת־לעת. דעם גאַנצן וועג האָבן מיר געשעפּט פרייד פון דעם, וואָס מיר האָבן געזען, און גע־גלויבט וואָס אַמאָל פעסטער, אַז דער סוף איז שוין נאָענט.

אין שליר זענען מיר אָנגעקומען פאַרטאָג. דאָס אָרט האָט אויף אַלעמען געמאַכט זייער אַ גוטן איינדרוק. דער גאַנצער אַרום איז געווען פריי, אָן שום געמויערטע פאַרקאַנעס, נאָר אַ פאַרקאַן מיט שטעכיקן דראָט. אין פאַרגלייך מיט מאַוטהויזען האָט עס אויסגעזען ווי מיר וואָלטן אַריינגעפאַלן אין אַ פרייען אַרבעטס־פּלאַץ. די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר האָבן דאָ געאַרבעט, האָבן מיר זיך טאַקע געפילט אַ סך פרייער, ווי אין אַלע ביז דעמאָלט דורכגעגאַנגענע לאַגערן.

אויף מאָרגן נאָך אונדזער אָנקום אין שליר זענען מיר צוגעטראָטן אויפצושטעלן צוריק דאָס פאַבריקל. צו אונדזער גרויסער איבעראַשונג, האָבן צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט שלירער ציוויל־אַרבעטער, וועלכע ס׳איז אָבער אָנגעזאָגט געוואָרן, אַז זיי טאָרן נישט רעדן מיט אונדז. פון צייט צו צייט פלעגן זיי זיך דאָך אַרויסכאַפּן מיט אַ טרייסט־וואָרט, אַנדערע האָבן אַפילו געגעבן אָנצוהערן, אַז די טעג צו דער באַפרייאונג זענען געציילטע.

אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט איז אָנגעלאָפן שטורעם־באַנפירער קריגער, וואָס איז שוין אַכט וואָכן נישט געווען אויף דער אונטערנעמונג. זיין באַווייזן זיך האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ גרויסע צופרידנקייט, ווייל אים האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס דאָס פאַבריקל ווערט צוריק אויפגעשטעלט. אים האָבן מיר אין אַ געוויסער מאָס אויך געהאַט צו פאַרדאַנקען, וואָס מיר זענען לעבן געבליבן.

שטורעם־באַנפירער קריגער האָט געזען מיט אַלע מיטלען צו טרייבן דאָס פאַבריקל וואָס לענגער. ער האָט, נאַטירלעך, זיך געהאַט אין זינען, ער זאָל נישט דאַרפן גיין אויפן פראָנט, לגבי אונדז האָט ער אָבער קיין שלעכטע כוונות נישט געהאַט. ווען זיי וואָלטן ביי אים יאָ געווען, האָט ער אונדז שוין לאַנג געקאָנט ליקווידירן.

אין אַ שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיט צוויי דייטשע יידן פון אונדזער קאָמאַנדע בעת זיין פּלוצימדיקן קומען אין שליר, האָט ער זיך אויסגעדריקט, כלומרשט אין אַ געלעכטער, אַז אין אַ וואָך אַרום, ווען דאָס פאַבריקל וועט זיין אויפגעשטעלט, וועלן מיר איינאָרדנען אַ גראַנדיעזע „רעמי־דעמי" (פייערונג). ס׳איז אָבער גאַנץ מעגלעך, אַז צו יענער צייט וועט איר שוין זיין די הערן פון דער לאַגע און איך וועל טאַנצן ווי איר וועט שפּילן. די דאָזיקע ווערטער האָבן מיר צוגעגעבן אַ גרויסע באַדייטונג און געוואַרט מיט אומגעדולד אויפן טאָג פון אונדזער באַפרייאונג.

ווען דאָס פאַבריקל האָט זיך נאָך געבויט, איז געקומען אַ קאָמיסיע פון ציוויל־געקליידעטע נאַצים, וועלכע האָבן פאַראָרדנט אויסצוסאָרטירן און גרייט מאַכן אַלע גוטע באַנקנאָטן, וועלכע זיי וועלן מיטנעמען מיט זיך. די שלעכטע באַנקנאָטן דאַרף מען תיכף צוטרעטן צום פאַרברענען.

די דאָזיקע ידיעה האָט אונדז צעמישט: דאָס הייסט, אַז אויב מען גייט שוין פאַרווישן אַלע שפּורן פון אונדזער אַרבעט, וועט מען דען אונדז, די לעבדיקע עדות, לאָזן לעבן? און ווידער זענען מיר אַרומגעגאַנגען צעטומלטע און געוואַרט אויף אַ נייעם נס.

אונטער דער אויפזיכט פון אונדזער וואַך זענען מיר צוגעטראָטן צו פאַרברענען די באַנקנאָטן אין דריי אויוונס, וואָס האָבן געברענט טאָג און נאַכט. דעם אַש האָט מען פאַרגראָבן אין טיפע גריבער. ווען אַ ס"ד־שומר פלעגט באַמערקן אינם אַש אַ נישט גוט פאַרברענט שטיקל, פלעגט ער עס ברענגען צוריק אין אויוון. קיין שום שפּורן פון אונדזער אַרבעט האָבן נישט געטאָרט פאַרבלייבן.

אין משך פון אַ וואָך אינטענסיווער אַרבעט האָבן מיר פאַרברענט הונדערט מיליאָן פונט אין געלט און אַ סך קאַסטנס מיט פאַרשידענע פאַלשע דאָקומענטן.

די ציוויל־אַרבעטער, וואָס האָבן צוזאַמען מיט אונדז געאַרבעט, גיבן איבער ידיעות איינע סענסאַציאָנעלער פאַר דער צווייטער: פעלדמאַרשאַל גערינג איז אַראָפּ אין דעמיסיע, אַדמיראַל דעניץ האָט פאַרנומען זיין אָרט, די סאָוויעטישע חיילות זענען שוין אין טיילן פון בערלין, און אַז די ענגלענדער מיט די אַמעריקאַנער שטייען 80 קילאָמעטער פון שליר.

דעם מערדערס פּגירה

מיטוואָך, דעם 1־טן מאַי 1945, אין די נאָכמיטאָג־שעהן, דערזען מיר פּלוצים, אַז אויף דער געביידע פון דער לאַגער־קאָמענדאַנטור הענגט די היטלער־פאָן אַראָפּגעלאָזן אויף דער העלפט. וואָס האָט דאָ געקאָנט פּאַסירן? עטלעכע פון אונדז רעדן מיט אַ ציוויל־אַרבעטער; אַ דענישער ייד פון אונדזער קאָמאַנדע כאַפּט אַ שמועס מיט אַ דענישן ס"ס־מאַן. ביידע גיבן איבער, אַז היטלער איז אומגעקומען אין די קאַמפן פאַר בערלין.

נישט געקוקט דערויף, וואָס בײדע מקורים זענען געווען באַגלויבטע, האָבן נאָך פונדעסטוועגן אַלע געספקט אין זייער ריכטיקייט. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַ מינוט נאָכן וועלט־רוצחס טויט, וועט תיכּף קומען אַ קאַרדינאַלע ענדערונג אין אונדזער לאַגע. דאָ איז אָבער קיין זאַך נישט געווען צו באַמערקן. ס'האָט זיך אַלץ געפירט ווי פריער. מיט דער גרעסטער שפּאַנונג וואַרטן מיר אויף די ווייטערדיקע געשעענישן.

אין דערוואַרטונג פון דאָס שרעקלעכסטע

אַזייגער 6 פאַרנאַכט פאַראָרדנט הויפּט־שאַרפירער ווערנער, אַז 9 אין אָוונט זאָלן אַלע זיין אין בלאָק, ווייל ער וויל אָפּגעבן אַ וויכטיקע מעלדונג. אַלעמענס הערצער זענען פול מיט שרעק און דערוואַרטונג. צו דער צייט זענען מיר אַלע געשטאַנען גרייט אויסצוהערן די מעלדונג, וועלכע דער הויפּט־שאַרפירער הויבט אָן מיט אַ געבראָכענער שטימע, נישט ווי מיר זענען ביז אַהער געוואוינט געווען פון אים צו הערן. ער זאָגט, אַז דער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט צו שליר און מיר מוזן ציען ווייטער אין די בערג. מיר וועלן איינגעטיילט ווערן אין דריי גרופּעס, ווייל מער ווי איין אויטאָ האָט ער נישט אויף איבערצופירן אונדז. די ערשטע גרופּע וועט פאָרן 9 פרי, די צווייטע נאָכמיטאָג און די דריטע אין אָוונט; די מאַשינעס און פּאַפּיר בלייבן אויפן אָרט, ווייל עס זענען נישטאָ קיין אויטאָס זיי אַוועקצופירן. מיר האָבן זיך אויך דערוואוסט, אַז די הונדערט קאַסטנס גוטע באַנקנאָטן האָבן זיי שוין אָפּגעפירט אין אַן אומבאַוואוסטער ריכטונג.

די דאָזיקע מעלדונג האָט אונדז זייער דערדריקט. ס'האָט אויסגעזען, אַז מען פירט אונדז מאָרגן אומברענגען. קיינער פון אונדז האָט נישט געוואָלט זיין אין ערשטן טראַנספּאָרט. דער בלאָק־עלטסטער האָט זיינע נאָענטע מענטשן באַשטימט צום דריטן טראַנספּאָרט. די ביאַליסטאָקער גרופּע, מיט נאָך 45 יידן, זענען באַשטימט געוואָרן אָפּצופאָרן מאָרגן 9 פרי. די גאַנצע נאַכט איז קיינער פון אונדז נישט געשלאָפן. מיר האָבן דערוואַרט דאָס שרעקלעכסטע.

דאָנערשטיק, דעם 2־טן מאַי 1945, אין דער פרי, יאָגט מען אונדז אויף גיך אַרויף אויפן אויטאָ. אַלע נעמען מיט זייערע ביסל שמאַטעס. דער אויטאָ איז אָבער צו קליין אויפצונעמען אַזאַ צאָל

מענטשן מיט זייערע פעקלעך. פאַראָרדנט דער הויפּט־שאַרפירער, אַז מען זאָל דערווייל איבערלאָזן די זאַכן דאָ און אַ פור וועט זיי שפּע־טער צוברענגען. קיינער רירט זיך אָבער נישט פון אָרט. לויפט ער אַרויף מיט אַ שטעקן אויפן אויטאָ און יאָגט אַלעמען אַראָפּ. ערשט נאָכדעם לאָזט ער איינציקווייז אַרויף אויפן אויטאָ, נאָר אָן די זאַכן.

עס איז פאַר אַלעמען געוועזן קלאָר, אַז וויבאַלד מען פירט אָן די זאַכן, גייט מען אונדז געוויס אומברענגען, דאָך זענען אַלע גע־גאַנגען אויפן אויטאָ. דער אויטאָ איז געלאָפן מיט אַ גרויסער שנעלקייט; דער ווינט און דער שניי, וואָס האָט דעמאָלט געשאָטן, האָבן דורכגענומען דעם גאַנצן קערפּער. די עסטרייכישע יידן, וואָס האָבן גוט געקענט די דאָרטיקע געגנט, האָבן געקוקט צי מען פירט אונדז נישט קיין מאַוטהויזען צו פאַרניכטן. ווי נאָר מיר האָבן געמיטן דעם דאַזיקן וועג, האָבן זיי אונדז געטרייסט, אַז עס זענען נאָך פאַראַן האָפנונגען און מיר זאָלן נישט פאַרלירן דעם מוט.

עבענזע

צוויי אַזייגער בייטאָג זענען מיר אָנגעקומען צום פאַרניכטונגס־לאַגער עבענזע. דאָרטן זענען מיר געשטאַנען אַ לענגערע ווײַלע פאַרן לאַגער־טויער, ווייל מ'האָט אונדז נישט געטאָרט האַלטן אין אַלגע־מיינעם לאַגער, זענען מיר אַריינגעפירט געוואָרן אין פּאָדער־שטיבל פון דער באָד ביי די ס"ס־באַראַקן.

די, וואָס זענען פאַרבליבן אין שליר־לאַגער, האָבן נישט אַנדערש געטראַכט, אַז מיר זענען געפירט געוואָרן אויף אומקום. ווען זיי האָבן אפילו געזען, אַז אַ פור האָט אַוועקגעפירט אונדזערע פּעקלעך, האָבן זיי אויך נישט געגלויבט און געטראַכט, אַז דאָס איז אַלץ אָפּ־נאַרעריי. זיי זענען אָבער פּונקט ווי די ערשטע גרופּע אַרויפגעטריבן געוואָרן אויפן זעלביקן אויטאָ און זענען שפּעט אין אָוונט אָנגעקומען קיין עבענזע און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אונדזער ענגן צימערל. מיר האָבן זיך צוזאַמען געפרייט, וואָס מען זעט זיך נאָך לעבעדיקע.

די ניי־געקומענע האָבן אונדז דערציילט, אַז אין שליר איז אַ גאַנצע איבערקערעניש. די לאַגער־מאַגאַזינען זענען דורך דער ציוויל־באַפעלקערונג צעראַבירט געוואָרן און עס גייען אַרום שטאַרקע קלאַנ־גען, אַז אָט־אָט און עס קומען דאָרטן אַריין די אַמעריקאַנער. זיי האָבן

אויך איבערגעגעבן, אַז די עטלעכע און דרייסיק יידן, וועלכע זענען נאָך דאָרטן פאַרבליבן, האָבן באַשלאָסן, אַז מיטן גוטן ווילן וועלן זיי זיך נישט לאָזן פון דאָרטן אַוועקפירן.

פון דער דענערווירטקייט האָט קיינער קיין אויג נישט געקענט צומאַכן. אַז ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָבן מיר דורך די פענצטער געזען, ווי עס שלעפּן זיך קאָלאָנעס האַלב־טויטע שקלאַפן, ס'רוב פון זיי יידן. איינער פירט דעם צווייטן אונטערן אָרעם און אַלע צוזאַמען זעען זיי אויס ווי לעבעדיקע מתים. אַ שרעקלעך בילד.

עלפטער קאפיטל

די באפרייאונג

פרייליכע ידיעות

דער פרימארגן פון 4־טן מאי 1945 האט געבראכט גוטע ידיעות. איינער פון אונדזערע ס"ד־שומרים, אן עלטערער דייטש פון סודעטן־געביט, וועלכער האט זיך די גאנצע צייט געהאלטן אנשטענדיק לגבי אונדז, האט דערציילט איינעם פון די טשעכישע יידן, אז ער איז די לעצטע טעג ארומגעגאנגען מיט גרויס זארג, ווייל מען האט אונדז געזאלט פירן צוריק אין מאוטהויזן צו פארניכטן. אין דער לעצטער מינוט איז אבער געקומען אן ענדערונג. ער פארזיכערט, אז היינט־מארגן וועלן מיר שוין זיין פריי.

אויך אנדערע שומרים האבן איבערגעגעבן פרייליכע בשורות. די ספעציעלע לאגער־וואך, וואס האט אונדז געהיט, זאגט, אז די טעג פון דער באפרייאונג זענען נאענט. אויפן הויף האבן מיר געזען, ווי די ס"ס־„נאטשאלסטווא" ברענען זייערע דאקומענטן. אין דעם מאמענט פליט דורך א געדאנק, אז די בלוטיקע עפאכע פון די היטלער־גזלנים, וואס האבן אנגעהויבן זייער הערשאפט מיט פייער, דורכן אונטערצינדן דעם רייכסטאג, ווערט פארענדיקט מיט פייער.

נאך אן איבעררייס פון פערצן וואכן דערהערן מיר פלוצים דורכן ראדיא פון די פ"ס־באראקן א מעלדונג, וואס איז איבערגעחזרט געווארן אלע פערטל שעה. די מעלדונג האט אנגעזאגט דער עסטרייכישער באפעלקערונג, אז דער גאולייטער פון אויבער־עסטרייך וועט 12,30 רעדן אין ראדיא.

מיר האבן פארשטאנען, אז אויב א מעלדונג ווערט אזוי אפט איבערגעחזרט, וועט זי אן שום ספק זיין פון זייער א וויכטיקן באטייט. מיט דער גרעסטער שפאנונג און אומגעדולד האבן מיר אלע געווארט אויף דער באשטימטער שעה.

פונקט 12,30 האט ביי אונדז געהערשט א טויטע שטילקייט.

אַלע זענען געווען אָנגעשטרענגט אויפן העכסטן גראַד. דער גאַולייטער הויבט אָן זיין מעלדונג מיט דעם, אַז די אַמעריקאַנער ארמיי דער־נענטערט זיך צו לינץ און כדי די באַפעלקערונג זאָל נישט דאַרפן ליידן קיין נויט, האָט ער פאַראָרדנט, אַז די בריקן איבערן דונאַי זאָלן נישט אויפגעריסן ווערן און אַלע לעבנסמיטל־באַטריבן זאָלן אַרבעטן נאָרמאַל. ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז ביי לינץ וועלן נישט פאָרקומען קיין קאַמפן, ווייל אַלע מיליטער־טיילן, אונטער זיין אָנפירונג, וועלן אַריבערגעוואָרפן ווערן אויף אַנדערע פראָנטן אָפּצוהאַלטן דעם דראַנג פון די סאָוויעטישע חיילות.

אינם גאָולייטערס רעדע האָבן מיר דערפילט די ערשטע שריט צו דער קאַפּיטולאַציע. די שטימונג איז ביי אונדז געוואָרן זייער א געהויבענע. אַלעמענס הערצער קלאַפּן שטאַרקער פון אויפרעגונג און פרייד אין דערוואַרטונג פון דער באַפרייאונג.

דער נאַצישער באַרג אַראָפּ

עטלעכע שעה נאָכן גאָולייטערס מעלדונג האָט זיך אָנגעהויבן א פיבערהאַפטע עוואַקואַציע פון דער לאַגער־וואַך. איינער נאָכן אַנדערן האָבן העכערע און נידעריקערע געשטאַפּאָ־ און ס"ס־באַנ־דיטן מיט די רוק־זעק אויף די פלייצעס אָנגעהויבן פאַרלאָזן זייערע באַראַקן.

אָבער־שאַרפירער יאַנסי, וואָס איז דאָ געווען דער הויפּט־בעלע־באָס, ווייל פאַרריכטן זיין שלעכטן נאָמען, וואָס ער האָט געהאַט ביי אונדז, לויפט ער אַריין יעדע האַלבע שעה אין באַראַק מיט עפּעס א חפץ, וואָס ער ברענגט פון די פאַרלאָזענע ס"ס־באַראַקן און ווייל זיך דורך דעם איינקויפן אין אונדזער פריינדשאַפט. ער זעט שוין קלאָר, אַז די שעהן פון דער היטלער־ממשלה זענען געציילטע. וואָס א שעה ווייטער ווערן די ס"ס־באַראַקן שיטערער און די געשפּאַנטקייט ביי אונדז — שאַרפער.

דעם זעלביקן טאָג, שפּעט ביינאַכט, מעלדעט אונדז אָבער־שאַר־פירער יאַנסי, אַז ער האָט דערהאַלטן א ידיעה, אַז פון דער דריטער גרופּע, וועלכע גייט צו פוס, האָבן צוויי פרובירט אַנטלויפן. איינער פון זיי איז דערשאָסן געוואָרן און דער צווייטער ליגט אין שפּיטאָל. ער וואָרנט אונדז דעריבער, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן צו מאַכן אַזעלכע פרואוון, ווייל אַלע וועלן דערפאַר באַצאָלן זייער טייער.

די דערמאָנטע מעלדונג אין די לעצטע גורל־שעהן פון אונדזער לעבן האָט פאַרוואַנדלט דעם אַזוי האָפנונגפולן טאָג אין אַ טרויער־נאַכט.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זענען טאַקע צוויי חברים אונדזערע אַנטלאָפן, מ'האָט אָבער קיינעם נישט דערשאָסן און קיינעם נישט געכאַפּט.

אין דער נאַכט פון פרייטיק אויף שבת האָט מען אויך נישט געקענט שלאָפן. ווי נאָר ס'איז געוואָרן טאָג זענען שוין אַלע אויף די פיס. מען דערוויסט זיך, אַז די נאַכט האָט קיינער אין לאַגער נישט געאַרבעט. די שטימונג ווערט ווידער אַ געהויבענע. די לעצטע ס"ס־שומרים פאַרלאָזן זייערע באַראַקן, אויך אונדזער ספּעציעלע וואַך קלייבט זיך אַוועקצוגיין, אָבער־שאַרפירער יאַנסי פּרואווט איינטענהן מיט זיי, זיי זאָלן דאָ פאַרבלייבן און איבערנעמען די שמירה איבער אונדז. ער באַקומט אָבער אַ תשובה, אַז זיי זענען מלחמה־אינוואַלידן און קענען עס נישט מאַכן. ער פּועלט ביים לאַגער־קאָמענדאַנט, ער זאָל אונדז דערלויבן אַריינפירן אין אַלגעמיינעם לאַגער.

די מעלדונג, אַז מיר ווערן אַריבערגעפירט אין אַלגעמיינעם לאַ־גער, ווערט דורך אונדז אויפגענומען מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד. מיר וואַרטן מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויף דער שעה, ווען מיר וועלן שוין ענדלעך אַרויסגיין פון דער איזאָלאַציע.

די ווייסע פאָן אויפן קרעמאַטאָריע־קוימען

אַן ערך אַ שעה נאָך דער מעלדונג לויפט אַריין דער אָבער־שאַר־פירער, הייסט אונדז פאַרפּאַקן די פּעקלעך, אַרויסגיין אויפן הויף און זיך אויסשטעלן אָנשטענדיק צו פינף מאַן אין אַ ריי. אין דער שפּיץ פון אונדזער קאָלאָנע מאַרשירן דער אָבער־שאַרפירער מיט אַן אַלטן ס"ס־מאַן. גייענדיק האָבן מיר זוכה געווען צו זען ווי אויפן קרעמאַ־טאָריע־קוימען פון עבענזעער לאַגער ווערט אויפגעהאָנגען אַ ווייסע פאָן. דער היסטאָרישער אַקט האָט אַרויסגערופן ביי אונדז אַ ספּאָנ־טאַנעם הילכיקן אויסגעשריי: „זאָל לעבן די פרייהייט!" די שמחה צווישן אונדז אין יענע מינוטן איז זייער שווער צו באַשרייבן. מ'האָט זיך געדריקט די הענט, געקושט זיך, געוואונטשן „מזל־טוב" און פון אַלעמענס אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן פון פרייד.

אַלע צוזאַמען

פאַרן לאַגער־טויער טרעפן מיר שטיין אַ גרעסערע גרופּע ס"ס־לייט, פול באַלאָדן מיט זייער געפּעק. עס רייסט זיך אונדז ווידער אָפּ אַ שטיק האַרץ, טאָמער פאַלן מיר אַריין צו זיי אין די הענט. די ס"ס־באַנדיטן האָבן שוין אָבער אַנדערע דאגות, זיי קוקן אפילו גאָר־נישט אין אונדזער זייט, מיר גייען זיי פאַרביי און קומען צו האַרט צום לאַגער־טויער. דער לאַגער־קאָמענדאַנט, וואָס איז שוין אַליין גע־שטאַנען גרייט אַוועקצוגיין, האָט פאַרגעסן, וואָס ער האָט אָפּגערעדט מיטן אָבער־שאַרפירער און האָט לכתחילה אונדז נישט געוואָלט אַריינלאָזן. נאָך אַן אויפקלערונג עפּנט ער פאַר אונדז דעם לאַגער־טויער און מיר מישן זיך אויס מיט די צענדליקער טויזנטער העפט־לינגע, וואָס האָבן שוין דעם טאָג אַרומגעשפּאַצירט ווי האַלב־פרייע מענטשן.

אונדזער באַווייזן זיך אין עבענזע־לאַגער אין די לעצטע שעהן פאַר דער באַפרייאונג האָט אַרויסגערופן אַ בייז וואונדער ביי די עבענזעער יידישע העפטלינגע. זיי זענען אונדז נאָכגעלאָפן מיט קולות: „יידן, פון וואַנען קומט איר? פאַרוואָס טראָגט איר האָר? פאַרוואָס גייט איר אָנגעטאָן ציוויל? פון וואַנען האָט איר פּעקלעך?" מיר האָבן גלייך באַפרידיקט זייער נייגיר. די מאַסע אַרום אונדז איז כסדר געוואַקסן און געוואָרן אַלעמאָל גרעסער און די לאַגער־וואַך האָט זיי געמוזט מיט גוואַלד פאַנאַנדערטרייבן. מען פירט אונדז אין דער לאַגער־באָד און מיר באָדן זיך דאָרטן אויס ביי אַביסל פרייערע באַדינגונגען; פון דאָרטן ווערן מיר אָפּגעפירט אין אַ בלאָק. צוליב דער גרויסער צאָל העפטלינגע, וואָס זענען אַהער עוואַקואירט געוואָרן פון פאַרשידענע לאַגערן, מוז מען שלאָפן צו צוויי אין אַ בעט.

די זאָרג פאַר דער געבליבענער דריטער גרופּע לאָזט אונדז אָבער נישט שלאָפן. מיר זענען זייער אומרואיק וועגן זייער גורל. מיר קענען אָבער גאָרנישט העלפן. דעם זעלביקן טאָג, שפּעט אין אָוונט, זענען זיי אָנגעקומען אין עבענזע און צו אונדזער שמחה איז נישט געווען קיין גרענעץ.

נאָך דער האַרציקער באַגעגעניש דערציילן זיי אונדז, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט. צוליבן גרויסן כאַאָס, וואָס האָט זיך געשאַפן אין שליר, איז שוין קיין אויטאָס אויף אָפּצופירן זיי קיין עבענזע

נישט מעגלעך געווען צו באַקומען. דער הויפּט־שאַרפירער האָט באַ־פוילן זיי זאָלן גיין צופוס. זיי האָבן אים דערקלערט, אַז זיי זענען איבערצייגט, אַז די ערשטע צוויי גרופּעס זענען שוין אומגעבראַכט געוואָרן, טאָ צו וואָס דאַרף ער נאָך שפּילן מיט זיי די קאָמעדיע, — זאָל ער טאָן וואָס ער וויל — זיי וועלן פון דאַנען נישט אַוועקגיין. ער זעט דאָך, האָבן זיי אים אָפן געזאָגט, אַז די מלחמה איז פאַר־שפּילט, צו וואָס דאַרף ער נאָך נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַרן אומברענגען עטלעכע און דרייסיק יידן; זאָל ער בעסער זיי פריילאָזן און פאַר דער דאָזיקער גוטער טאַט וועלן זיי זיך באַ־מיען נאָך דער באַפרייאונג לייכטער צו מאַכן זיין גורל.

זייערע רייד האָבן אָבער אויף אים נישט געווירקט. ער האָט געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן, אַז אַלע לעבן, אַז ער קען אַנדערש נישט האַנדלען און ער מוז זיי צושטעלן דאָרטן, וואו די צוויי גרופּעס געפינען זיך. אַ טייל האָבן אים אָנגעהויבן גלויבן און דער ווידער־שטאַנד איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיי האָבן אָנגעהויבן גיין צופוס, מען איז אָבער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי געהאַלטן אין איין איינטענהן מיטן הויפּט־שאַרפירער ער זאָל זיי פריילאָזן. דערוויילע האָבן צוויי פון דער גרופּע אויסגענוצט אַ פּאַסיקן מאָמענט און זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן. דער הויפּט־שאַרפירער איז געוואָרן ווילד ווי אַ טיגער און האָט אָנגע־הויבן דראָען מיט קאָנסעקווענצן. ער האָט אָבער זיינע דראָאונגען נישט אויסגעפירט. די איבעריקע האָבן אים גענומען אויפקלערן, אַז מיטן מאָמענט ווען צוויי פון זייערע חברים זענען אַנטלאָפן, וועט שוין דער סוד פונם פאַבריקל במילא אויפגעדעקט ווערן, איז פאַרוואָס זאָל ער זיי ווייטער פירן און אומברענגען? דער הויפּט־שאַרפירער האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי זיינס, אַז ער פירט זיי נישט אומברענ־גען, אַז אַלע וועלן בלייבן לעבן.

אַזוי האָבן זיי זיך געשלעפּט צוויי מעת־לעת. קומענדיק צום לאַגער אין עבענזע, האָבן זיי נישט געוואָלט אַריינגיין אינעווייניק ביז מ'וועט נישט אַרויספירן צו זיי עטלעכע פון זייערע חברים. אַט אַזוי טענהנדיק, האָבן עטלעכע פון דער גרופּע באַמערקט די ווייסע פאַן אויפן קרעמאַטאָריע־קוימען און האָבן גלייך באַשלאָסן אַריינצוגיין אין לאַגער.

דער זייגער איז שוין 12 ביינאַכט, אָבער ווער קלערט וועגן שלאָפן! מען האַלט זיך אין איין דערציילן, ווי אַזוי עס זענען דורכ־

געגאנגען די היסטארישע טעג. אויך ביי די איבעריקע זעקס הונדערט העפטלינגע פונם זעלביקן בלאק איז א געהויבענע שטימונג און קיי־נעם נעמט נישט קיין שלאף.

אזייגער 1 ביינאכט איז אריינגעקומען אין בלאק דער נייער לאגער־פירער און געמאלדן, אז פון מארגן אן וועלן די עסן־פארציעס פארטאפלט ווערן. ס'איז אויך מעגלעך, אז אין משך פון דער וואך וועלן אלע שוין באקומען עסן צו זאט. די דאזיקע בשורה האט ביי די שרעקלעך פארהונגערטע מענטשן ארויסגערופן א גרויסע שמחה.

די נאכט איז דורכגעגאנגען אין געוואלטיקער שפאנונג. מען האט געווארט מיט דער גרעסטער אומגעדולד אויפן מארגנדיקן טאג. מען האט זיך גערעכנט אויף די אמעריקאנער מיליטער־טיילן, וואס וועלן באפרייען דעם לאגער.

פריי!

איידער ס'איז נאך געווארן גוט ליכטיק, זענען שוין אלע געווען אויף די פיס. זונטיק, דעם 5־טן מאי, 1945, 10 אזייגער אין דער פרי, זענען די לאגער־פלעצער געווען שווארץ פון מענטשן־מאסן. מיט דער גרעסטער געשפאנטקייט האבן אלע אפגעווארט די אמעריקאנער. פלוצים הויבט מען אן צו לויפן צום אפעל־פלאץ. פון דער ווייטנס זעט מען ווי טאנקען באוועגן זיך צום לאגער. אלע באראק־דעכער און פארקאנעס ווערן מאמענטאל געדיכט באזעצט. די טאנקען שארן זיך צום לאגער־טויער, וואס איז באפוצט מיט בלומען־קרענץ, מיט באגריסונגס־פלאקאטן און מיט די פענער פון די זיגערישע מלו־כות. מיט אמאל: הונדערטער האלב־טויטע, פרייע מענטשן, דא נישט לאנג פארשלאסענע שקלאפן, רייסן זיך אפ מיט פריידיקע אויסגעשרייען פון זייערע ערטער, כאפן זיך ארויף אויף די טאנקען און הויבן אן אויסקושן אלע גלידער פון די טאנקיסטן. די לופט ווערט ווי עלעקטריזירט. ווען די טאנקען זענען דורכן טויער האט א מענטש־לעכער ים פון טויזנטער באפרייטע קנעכט זיך א לאז געטאן, ארויס־געכאפט די טאנקיסטן פון די מאשינעס, זיי געטראגן אויף די הענט און געוואָרפן אין דער הויך ווי פילקעס. טויזנטער אנדערע מענטשן־שאטנס האבן שפעטער איבערגעחזרט דאס זעלבע. די פרייד־אויס־געשרייען זענען דערגאנגען צום הימל. מענטשן זענען געווארן פריי!

שוין העכער צוויי שעה צייט ווי עס דויערט דער הארציקער

קבלת־פּנים פאַר די טאַנקיסטן. איבער די לאַגער־פּלעצער גייט אָן אַ גרויסע שמחה. נעכטיקע קאַנדידאַטן צום פאַרגאַזן וואַרפן זיך איינער דעם אַנדערן אויף די העלדזער. מען קושט זיך און מען באַגיסט זיך מיט טייכן טרערן פון פרייד און פון צער פאַר די נאָענטסטע, וועלכע האָבן דעם באַפרייאונגס־טאָג נישט דערלעבט.

די צוואַנציק טויזנט העפטלינגע, וואָס האָבן זיך פאַר דער באַפרייאונג געפונען אין עבענזע, וואָלטן געוויס אומגעקומען, אין די לעצטע שעהן, ווען נישט זייער דרייסטע האַלטונג.

צוויי טעג פאַר דער באַפרייאונג האָט דער לאַגער־קאָמענדאַנט דערקלערט אויפן אַפּעל־פּלאַץ פאַר אַלע העפטלינגע, אַז אַרום לאַגער וועלן פאַרקומען שלאַכטן און קוילן קענען אַריינפאַלן אין די באַראַקן. ער לייגט דעריבער פאַר, אַלע זאָלן אַריינגיין אין די באַרג־היילן, וואו זיי וועלן זיין זיכערער מיט זייערע לעבנס.

די נידערגעשלאָגענע שקלאַפן האָבן אָבער זייער גוט געקענט זייער מערדער־קאָמענדאַנט און געוואוסט וואָס פאַר אַ „גוטער פריינד" ער איז זיי. זיי האָבן אויך געפילט, אַז די באַפרייאונג שטייט שוין פאַרן טויער און האָבן אַלע אין איין קול אים דערקלערט, אַז זיי וועלן פאַר קיין פאַל אין די בערג־היילן נישט גיין.

די כּוונה פון לאַגער־קאָמענדאַנט איז געווען אויפצורייסן די בערג צוזאַמען מיט די צוואַנציק טויזנט העפטלינגע. נאָר אַ דאַנק זייער ענערגישער האַלטונג האָט זיך דער טייוולאָנישער פּלאַן פון מענטשן־פרעסערישן קאָמענדאַנט נישט איינגעגעבן און אַלע זענען געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

נקמה

נאָכן האַרציקן קבלת־פּנים זענען אַרויסגעלאָפן פון לאַגער הונ־דערטער העפטלינגע און האָבן אַנטוואָפנט די וואַך, וועלכע איז באַשטאַנען פון עסטרייכישע פאָלקס־שטורמיסטן, וועלכע האָבן פריי־וויליק גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אָפּצוהיטן די אָרדנונג אין איבערגאַנגס־טאָג.

אין דער זעלביקער צייט האָבן אַנדערע העפטלינגע, וואָס זענען נאָך געווען ביי די כּוחות, אָנגעהויבן אויפזוכן די קנעכטישע באַנ־דיטן פון די העפטלינגע. פאַר אַלעמען פון זיי איז געקומען די שעה פון נקמה. אין יעדן ווינקעלע פון לאַגער זענען זיי דערהרגעט און פאַרשטיינערט געוואָרן.

אינם זעלביקן טאָג האָט זיך געשאַפן אַ נייע לאַגער־פירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון ס׳רוב פון פּאָליטישע אַרעסטירטע פון פאַרשידענע לענדער. זיי האָבן פון זיך אויסגעקליבן אַ טריבונאַל און נאָך אין דער זעלביקער נאַכט אַרויסגעטראָגן זייער אורטייל איבער די שענד־לעכע מיטהעלפער פון די נאַצי־מערדער. פאַר זייערע פאַרברעכערישע מעשים זענען זיי פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. צווישן די פאַרברענטע זענען אויך געווען אַ צאָל יידן.

די ערשטע נאַכט נאָך דער באַפרייאונג האָט קיינער נישט גע־קענט שלאָפן. מען איז געזעסן צוגעטוליעט איינער צום צווייטן און זיך אַראָפּגערעדט פון די צעוויטיקטע הערצער. יעדער איינער האָט געשפּירט, אַז ערשט איצט וועט מען פון דאָס ניי אָנהויבן פילן די שרעקלעכע טראַגעדיע, וואָס עס האָט אונדז געטראָפן. מען האָט זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן אַ דין־וחשבון וועגן דער איינזאַמקייט אין וועל־כער מען איז געבליבן, וועגן די נאָענטסטע, וואָס מען האָט פאַרלוירן און וואָס עס דערוואַרט אונדז אין דער צוקונפט.

אַרום 2 ביינאַכט ברעכט פּלוצים אויס אַ שרפה אין די שכנישע ס״ס־באַראַקן, אין וועלכע עס זענען געווען אַ סך אויפרייס־מאַ־טעריאַלן. די שטאַרקע אויפרייסן האָבן אַלעמען איבערגעשראָקן. דער ערשטער געדאַנק איז געווען, אַז עס קומט פאַר אַ קאַמף פון אַמע־ריקאַנער מיט אַ גרופּע פאַרבאַהאַלטענע ס״ס־באַנדיטן. ס׳איז אָבער געווען אַ פּשוטער צופאַל פון פאַרלאָזענעם פייער און אַרום 4 פאַר־טאָג איז געלונגען די שרפה צו לאָקאַליזירן. ערשט ווען די פויגלען האָבן אינם פרילינגדיקן פרימאָרגן גענומען זינגען זייער מאָרגן־תפילה, זענען מיר אַנידערגעפאַלן אויף אונדזערע געלעגערס און איינ־געשלאָפן דעם שלאָף פון באַפרייטע.

וואָפנשטילשטאַנד

אין די פרימאָרגן־שעהן פון 8־טן מאַי האָבן זיך די סירענעס פון מערערע פאַבריקן פאַנאַנדערגעלאָזן מיט לאַנג־טאָניקע פייפעריַיען. באַלד אין אָנהויב האָבן מיר נישט געקאָנט באַגרייפן, וואָס דאָס קען באַדייטן. מיר האָבן אָבער פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַן אָנזאָג פון עפּעס אַ וויכטיקער געשעעניש, גאַנץ מעגלעך, אַז דאָס איז אַן אָנזאָג, אַז די וועלט־שחיטה איז געענדיקט. שפּעטער האָבן די יידן, וואָס זענען געקומען פון דעם נאָענט ליגנדיקן שטעטל עבענזע, איבער־געגעבן, אַז עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד,

און אַז איבער די שטעטלשע בנינים פלאַטערן ווייסע און נאַציאָנאַל־עסטרייכישע פענער.

די גוטע בשורה פונם געשלאָסענעם וואָפנשטילשטאַנד האָט ווידער ביי אַלעמען אַרויסגערופן גרויס פרייד. ס׳האָט זיך געשטאַרקט די האָפנונג, אַז עס וועט אין גיכן ווערן אַ פרייע וועלט און יעדער איינער וועט קענען פאַרלאָזן דעם לאַגער און פאָרן זוכן זיינע נאָענט־סטע, וואָס האָבן זיך אפשר אויך געראַטעוועט.

די ברידער־קברים אין עבענזע

דער עבענזע־לאַגער, וואו איך בין באַפרייט געוואָרן, האָט גע־הערט צום פאַרניכטונגס־לאַגער מאַוטהויזען און האָט זיך געפונען אויף דער טעריטאָריע פון געוועזענעם עסטרייך. אָבער אויך אין עבענזע זענען צענדליקער טויזנטער פון אונדזער פאָלק און פון אַנ־דערע פעלקער געמאָרדעט און פאַרברענט געוואָרן. די אומגליקלעכע איז דאָרט אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי די פאַרשידנסטע שווערע אַר־בעטן, ווי ביי שטיין־האַקן און ביים גראָבן טיפע באַרג־הײלן, וואו עס זענען אויסגעבויט געוואָרן ריזיקע פאַבריקן. באַקומענדיק פאַרן טאָג אַרבעט נאָר 15 דעקאַ ברויט מיט אַביסל וואַסערדיקע זופּ און שטענדיקע קלעפּ, זענען זיי געפאַלן ווי די פליגן. דער אָרטיקער קרע־מאַטאָריע־אויוון פלעגט נישט באַוויזן צו פאַרברענען די אומגעקו־מענע דורכן טאָג.

ווען די אַמעריקאַנער זענען אַריין, האָבן זיי געטראָפן ליגן אין מתים־שטיבל אַ באַרג מיט העכער 500 אומגעקומענע. די אַמעריקאַ־נער האָבן עס פאָטאָגראַפירט און פאַראָרדנט די עסטרייכישע ציוויל־באַפעלקערונג פון שטעטל עבענזע מען זאָל זיי מקבר זיין אויף אַן אָנגעוויזענעם אָרט אין זייער שטעטל. גלייך אין דער ערשטער וואָך נאָך דער באַפרייאונג האָבן עס די עסטרייכער פּינקטלעך אויסגע־פירט. אין די דאָזיקע ברידער־קברים ליגן קדושים פון פאַרשידענע לענדער און פון פאַרשידענע גלויבנס.

צוועלפטער קאַפּיטל

סך־הכלען

דער אומקום פון די לעצטע רעשטלעך ביאַליסטאָקער יידן

(אויפן סמך פון צוזאַמענגעקליבענע ידיעות ביי די געציילטע לעבן געבליבענע)

אין עבענזע האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ צענדליק ביאַליסטאָקער פון פארשידענע לאַגערן. אין אַנדערע לאַגערן, דורך וועלכע איך בין נאָך דער באַפרייאונג דורכגעגאַנגען, האָב איך זיך אויך געטראָפן מיט ביאַליסטאָקער. איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, אויסגעפרעגט און די באַקומענע אינפאָרמאַציעס קאָנטראָלירט.

די לעצטע טעג פון דער נאַצישער ממשלה אין ביאַליסטאָק

דער סאָוויעטישער פאָראויסמארש האָט זיך ביי סלאָנים שטאַרק פאַרלאַנגזאַמט. די נאַצי־רוצחים איז דעמאָלט געלונגען אַרויסצופירן פון ביאַליסטאָק כמעט אַלע טעקסטיל־מאַשינעס און די מאַשינעס פון אַנדערע פאַבריקן, ווי אויך די אויסגעאַרבעטע סחורה און אפילו די רוי־מאַטעריאַלן. פאַבריק־בנינים, וויכטיקע מלוכה־אַנשטאַלטן און גאַנצע גאַסן מיט פּריוואַטע הייזער זענען אויפגעריסן געוואָרן דורך ספּעציעלע פאַרניכטונג־קאָמאַנדעס. פון יידישן ביאַליסטאָק איז געוואָרן אַ באַרג מיט אַש.

צוויי טעג נאָכן פאַרלאָזן ביאַליסטאָק האָט דער „פעלקישער בעאָבאַכטער" געשריבן, אַז אַ דאַנק דער מיטהילף פון דער ציווילער מאַכט, באַן־דירעקציע און ספּעציעלן עוואַקואַציע־אַמט איז געלונגען אַרויסצופירן פון ביאַליסטאָק פינף טויזנט וואַגאָנעס מיט מאַשינעס און אַנדערע וויכטיקע מאַטעריאַלן און פאַרניכטן אַלע מיליטערישע אָביעקטן.

טאָג און נאַכט האָבן זיך דעמאָלט געצויגן איבער די אויסגע־

שטאַרבענע ביאַליסטאָקער גאַסן די רעשטלעך פון דער ריזיקער היט־לער־אַרמיי. הונגעריקע, נידערגעשלאָגענע און אויסגעמאַטערטע פון פיל־וואָכיקן צוריקלויפן, האָבן זיי זיך קוים געשלעפּט. אויף זייערע פּנימער האָט מען געקענט לייענען, אַז די מלחמה איז פאַר זיי פאַר־שפּילט. דאָס זענען שוין נישט געווען יענע דייטשן, וואָס האָבן פאַרנומען ביאַליסטאָק. די גאַר נישט לאַנג שטאַרקסטע מיליטער־מאַכט אין דער וועלט האָט זיך געקייקלט מיט ריזן־שריט צום אָפּ־גרונט. די שעה ווען די נאַצי־בעסטיע וועט שוין ליגן פולשטענדיק אַ צעשמעטערטע האָט זיך אָנגערוקט.

ביאַליסטאָק ווערט באַפרייט

דעם 27־טן יולי 1944 זענען אין דער ברענענדיקער שטאָט אַריין די ערשטע סאָוויעטישע מיליטער־טיילן. אַרום וואָקזאַל האָבן זיי פאַרביטערטע געקעמפט מיט גרעסערע אָפּטיילונגען פון די פאַר־רעטערישע וולאַסאָווצעס. נאָכדעם ווי די סאָוויעטישע חיילות האָבן געקראָגן פאַרשטאַרקונגען, האָבן זיי די וולאַסאָווצעס אַרומגערינגלט און זיי גענומען אונטער אַ שטאַרקן פייער. כמעט אַלע וולאַסאָווצעס האָבן געפונען זייער טויט ביים ביאַליסטאָקער וואָקזאַל.

אין די נאָכמיטאָג־שעהן איז ביאַליסטאָק שוין געווען פולשטענ־דיק באַהערשט פון דער סאָוויעטישער אַרמיי. די יידן, וואָס זענען אַרויסגעקראָכן פון די באַהעלטענישן און זיך אָנגעהויבן אַריינשאַרן אין שטאָט, זענען דורך די פּאָליאַקן באַגעגנט געוואָרן מיט שנאה; אַ גרופּע פון פיר יידן, וועלכע זענען פאַרבייגעגאַנגען אַ יתומים־אַנ־שטאַלט, האָבן די „הייליקע" שוועסטערס באַגעגנט מיט שרעק און אויסגעשריגן איינע צו די אַנדערע: „אָ, זשידעס גייען!" און אָנגע־הויבן צו ציילן וויפיל זיי זענען. זיי זענען אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז די פיר יידן זענען אין זייערע „הייליקע" אויגן געוואָרן זעכצן.

אויף מאַזאָוועצער גאַס איז אַ ייד, שטאַרק באַוואַקסן, אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און געלאָפן מקבל פּנים זיין די רויט־אַרמייער. צוגייענדיק צו אַ רייטער, האָט ער צוערשט געכאַפּט קושן זיין פערד. דער רויט־אַרמייער, איבעראַשט פון דער געשעעניש, האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אַנפאַלער און ס'האָט קיין סך נישט געפעלט דער ייד זאָל דערשאָסן ווערן. נאָכדעם ווי דורכגייער האָבן אויסגעקלערט ווער ער איז, האָבן זיך ביידע ברידערלעך אַרומגע־האַלדזט און האַרציק זיך צעקושט.

פון די געטאָ־באַהעלטענישן איז געלונגען זיך ראַטעווען נאָר צוויי ביאַליסטאָקער יידן — די ברידער אָקון (טעקסטיל־פאַבליקאַנטן). אָפּמאַטערנדיק זיך אַ קנאַפּ יאָר אין שווערן אונטערערד־לעבן, האָבן זיי געהאַט די זכיה צו זיין פון די ערשטע יידן אין באַפרייטן ביאַליסטאָק.

אוישוויץ־בירקענאַו

אין די ערשטע טעג פון חודש פעברואַר 1944 זענען די ביאַליסטאָקער יידן פון בירקענאַוער קאַראַנטין־לאַגער, אין אַ צאָל פון קנאַפּע הונדערט מאַן, אָפּגעשיקט געוואָרן אין שווערן אַרבעטס־לאַגער בונאַ. אין אַ גאַנץ קורצער צייט זענען מער ווי פופציק ביאַליסטאָקער יידן דאָרטן געשטאָרבן פון הונגער, קעלט און פייניקונגען.

מיטן מאָמענט ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו בירקענאַו, זענען דאָס ביסל פאַרבליבענע ביאַליסטאָקער יידן, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע, געטריבן געוואָרן אין די גרויסע פרעסט באַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע הונדערטער קילאָמעטערס צופוס. ווען זיי זענען לסוף אָנגעקומען אין אַ פרישן לאַגער, זענען שוין פון דער ביאַליסטאָקער גרופּע מער נישט פאַרבליבן ווי קנאַפּע צוויי צענדליק האַלב־טויטע מענטשן.

אַ טייל פון די ביאַליסטאָקער פרויען, וואָס זענען לעבן געבליבן נאָך דער טראַגעדיע פון 20־טן יאַנואַר 1944, האָבן ווייטער געאַרבעט אין די אוישוויצער פאַבריקן און אַ טייל האָט געאַרבעט אויף פאַרשידענע פּלעצער אויף דער גאַס. פון די לעצטע איז כמעט קיין איינע נישט געבליבן ביים לעבן.

מיין ליבע איינציקע טאָכטער, נחמה רייזנער, וואָס האָט געאַרבעט אין בירקענאַו אויף דער גאַס, איז פון הונגער, שווערער אַרבעט און פייניקונגען שווער קראַנק געוואָרן. זי האָט אויסגעהויכט איר לעצטן אָטעם אין די ערשטע טעג פון חודש אלול 1944.

פון די ביאַליסטאָקער פרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין די פאַבריקן, האָבן אַ פּאָר צענדליק דערלעבט די באַפרייאונג.

די פרוי פון אינזש. באַראַש, וואָס האָט באַגלייט די 1200 קינדער פון ביאַליסטאָק, איז פון טיפוס געשטאָרבן אין בירקענאַו.

ד״ר קאַצענעלסאָן, וואָס איז אויך געווען מיט די קינדער, האָט נאָך אַ צייט לאַנג געאַרבעט אין אַ בירקענאַוער שפּיטאָל. נאָך דער עוואַקואַציע איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן. לויט אַלע וואַרשיינלעכ־

קייטן איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער יידישע העפטלינגע אומגעבראַכט געוואָרן אויפן שוידערן עינויים־וועג דורך נאַצישע קוילן.

ניוטע קאַפּלאַן (פסח קאַפּלאַנס יינגסטע טאָכטער), די טאָכטער פון איסאַק מאַרקוס און נאָך אַ גרופּע פון די שענסטע ביאַליסטאָקער מיידלעך און פרויען, וועלכע מ'האָט אוועקגעשיקט קיין מאַידאַנעק, זענען געבראַכט געוואָרן קיין בירקענאַו, וואו זיי זענען עטלעכע טעג נאָך זייער קומען פאַרגאַזט און פאַרברענט געוואָרן.

בליזשין

ווען ס'איז אין בליזשין אויסגעבראָכן די גרויסע טיפוס־עפּי־דעמיע, זענען פון די ביאַליסטאָקער יידן, וואָס זענען דאָרט געווען, קנאַפּע 700 אומגעקומען.

צווישן די אומגעקומענע זענען גע־ווען: א. קניאַזעוו (געוו. פאַרוואַלטער פון יידישן שפּיטאָל), ד"ר אַדאַמאָוויטש, ד"ר נונבערג (פון וואַרשע), דער באַוואוסטער דאַמען־שניידער פּלאָנסקי מיטן זון, דער דאַמען־שניידער מעלניצקי (פון קופּיעצקע 39), טיקטין (פון פינאַנס־אַמט אין יידן־ראַט) צוזאַמען מיט זיין זון און די צוויי ברידער בלום, שניידערס.

א. קניאַזעוו

דאָס ביסל ביאַליסטאָקער יידן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין בליזשין, האָבן דאָרטן געאַרבעט ביז דער צייט, ווען די סאָוויעטן־אַרמייען האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן, און זענען אין איילעניש פון דאָרטן אַרויסגעיאָגט געוואָרן. אָפּגייענדיק ביי 70 קילאָמעטער צו פוס, האָט מען זיי אַרויפגעטריבן אויף אָפענע קוילן־וואַגאָנעס און זיי געשלעפּט פערצן טעג אין די גרעסטע פרעסט, נאַקעטע, באָרוועסע און הונגעריקע. נאָר געציילטע פון זיי האָבן, דורכגייענדיק אַלע גיהנומס, דערלעבט די באַפרייאונג.

פּלאַשואָוו

אין פּלאַשואָווער לאַגער, ביי קראָקע, האָבן געאַרבעט עטלעכע הונדערט ביאַליסטאָקער. דאָרטן האָט זיך געלעבט אַביסל בעסער ווי

אַ גרופּע לעבן געבליבענע ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנער



יהודה מעדאָווניק

ישראל קאָט



ישראל פּרענסקי

הערשל דינערמאַן

אַ גרופּע לעבן געבליבענע ביאַליסטאָקער פּאַרטיזאַנער



מאָטל טשערעמאָשניע

ישראל פעלדער

אין אַנדערע לאַגערן. מיטן דערנענטערן זיך פון דער סאָוויעטן־אַרמיי צו פּלאַשואוו, זענען זיי געשלעפּט געוואָרן קיין עסטרייך. כמעט אַלע זענען אויפן וועג אומגעקומען פון הונגער און אויסשעפּונג אָדער פון דייטשע קוילן.

שטוטהאָף

פון די קנאַפּע צוויי צענדליק ביאַליסטאָקער שניידערס און שלאָסערס, וואָס זענען פאַרבליבן אין שטוטהאָף, זענען כמעט אַלע געבליבן לעבן.

ביאַליסטאָקער תּפיסה

די אַריבער זעכציק ביאַליסטאָקער יידן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין דער ביאַליסטאָקער תפיסה, זענען איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי גרופּן. העכער פערציק מאַן זענען געוואָרן באַשטימט צו אַ געוויסער אַרבעט און דערוויל געוואַרט, און צוואַנציק מאַן האָבן געאַרבעט אויסער דער תפיסה ביים ס"ס־גענעראַל. יעדן טאָג פלעגן די צוואַנציק מיטברענגען עפּעס צום עסן פאַר די יידישע קינדערלעך,

וועלכע זענען מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייערע מאַמעס און האָבן זיך די גאַנצע צייט געפונען אין תפיסה. דאָס עסן האָבן זיי באַזאָרגט דורך די פּוילישע תפיסה־שומרים, וועלכע פלעגן די קינדערלעך אָפּגעבן אַ דריט־חלק פון דעם, וואָס זיי פלעגן באַקו־מען פאַר זיי.

אין אַ ווינטערדיקן פרייטיק פאַרטאָג זענען די קינדער אַרויסגע־פירט געוואָרן אויפן תפיסה־הויף, וואו ס׳איז שוין געשטאַנען צוגע־גרייט דער שווארצער אויטאָ. דערזעענדיק דעם אויטאָ, האָבן די קינדערלעך באַלד דערשפּירט, וואָס מען גייט מיט זיי טאָן און ס׳איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ יאָמערלעכער געוויין. די איבער פערציק ביאַליסטאָקער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן דריטן תפיסה־שטאָק, האָבן דערהערט זייערע קולות און זענען צוגעלאָפן צו די פענצטער. פון דאָרטן האָבן זיי געזען די שרעקלעכע סצענע, ווי די קינדער ווערן אויף גיך אַריינגעוואָרפן אין אויטאָ. די, וועלכע פּרואוון זיך ווערן, באַקומען מיט די ביקסן־קאָלבעס געשלאָגן איבער די קעפּ. דער אויטאָ ווערט פאַרהאַקט און בליץ־שנעל פאַרשוואונדן. אַ שעה שפּעטער איז דער אויטאָ צוריקגעקומען מיט די קינדערשע זאַכן. דער מאָרד איבער די קינדער האָט אויפן הייפל ביאַליסטאָקער, וואָס האָבן עס צוגעזען, געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. וואָכן לאַנג זענען זיי אַרומגע־גאַנגען ווי צעמישטע.

די גרופּע יידן, וואָס האָט געוואַרט אין תפיסה אויף דער גע־וויסער אַרבעט, האָט די געשטאַפּאָ אָנגעהויבן אַרויספירן צו דער פינצטערער מלאכה פון אויסגראָבן און פאַרברענען די דערמאָרדעטע טויזנטער מענטשן, וואָס זענען געווען צעוואָרפן אין די פעלדער און פלעצער אַרום ביאַליסטאָק. די עטלעכע און פערציק יידן זענען טעג־לעך געפירט געוואָרן אונטער אַ וואַך פון 30 באַוואָפנטע גזלנים, און די גאַנצע געגנט אַרום, וואו די אויסגראָבונגען און פאַרברענונגען זענען פאָרגעקומען, איז געווען שטרענג באַוואַכט, כדי קיין פרעמד אויג זאָל נישט זען ווי די מענטשן־פרעסער גייען פאַרווישן די שפּורן פון זייערע פאַרברעכנס. ס׳רוב פון די אויסגעגראָבענע זענען שוין געווען צעפּוילט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט מען זיי געדאַרפט אַרויס־שלעפּן, אַרויפלייגן אויף אַ שייטערהויפן און פאַרברענען. פאַרמאַ־טערטע און צעבראָכענע פלעגט מען די גרופּע ביינאַכט צוריקברענגען אין תפיסה.

פאַר דער צייט, וואָס די אַריבער זעכציק ביאַליסטאָקער יידן

האָבן זיך געפונען אין תפיסה, האָט מען נאָך דאָרטן געבראַכט יידן, איינצלנע און אין גרופּעס, אַנטדעקטע אין באַהעלטענישן אָדער גע־מסרטע דורך פּוילישע שכנים. נאָכן אָפּוואַלגערן זיך אַ טאָג אָדער צוויי אין תפיסה־קעלער, פלעגט מען זיי אַרויספירן און דערשיסן.

אין פעברואַר 1944 איז אין תפיסה אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע. די צוויי יידישע קאָמאַנדעס זענען פון דאָרטן אַרויסגע־פירט געוואָרן. פאַר דער גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט ביים ס"ס־גענע־ראַל, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ וואוינונג־תפיסה נעבן זייער אַר־בעטס־פּלאַץ. פאַר די עטלעכע און פערציק מאַן, וואָס האָבן געגראָבן און פאַרברענט די הרוגים, איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ תפיסה אויף קראַשעווסקעגאָ גאַס, נעבן דער געשטאַפּאָ. פון דעם מאָמענט אָן זענען איבערגעריסן געוואָרן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער תפיסה און וואָס דאָרטן איז ווייטער געשען האָט שוין קיינער פון די זעכציק יידן נישט געוואוסט.

ווען די אַרבעט אַרום דעם אויסגראָבן און פאַרברענען די טויזנ־טער נאַצי־קרבנות איז שוין געווען פאַרענדיקט, זענען די עטלעכע און פערציק ביאַליסטאָקער יידן אַריינגעפאַלן אין שרעק און פאַר־צווייפלונג, אַז היינט־מאָרגן וועט מען זיי זיכער ליקווידירן, ווייל די נאַצי־גזלנים וועלן דאָך נישט איבערלאָזן קיין לעבעדיקע עדות פון זייערע מענטשן־פרעסערישע פאַרברעכנס. זיי באַשליסן, אַז ביי וואָס פאַר אַ אומשטענדן עס זאָל נישט זיין, וועלן זיי אַלע אַנטלויפן. אפשר וועט פאָרט ווער נישט איז געלינגען זיך צו ראַטעווען.

דעם 15־טן יולי 1944 האָט מען שוין נישט געאַרבעט. אַזיינער 10 אין דער פרי האָט מען די גרופּע, אונטער אַ וואַך פון קנאַפּע פערציק ס"ס־באַנדיטן, געבראַכט צום פּלאַץ וואו זיי האָבן די לעצטע טעג געאַרבעט. די דייטשן האָבן אָנגעהויבן מאַכן פאַרדעכ־טיקע הכנות. די יידן האָבן דערפילט אַ סכנה און אָנגעהויבן לויפן אין פאַרשידענע זייטן. כאָטש די נאַצי־גזלנים האָבן תיכף געעפנט אַ מערדערישן פייער פון מאַשין־ביקסן, איז דאָך 9 יידן געלונגען זיך צו ראַטעווען. אַ צענטן האָט מען שפּעטער געפונען אַ שווער־פאַר־וואונדעטן אין וואַלד און מ'האָט אים אָפּגעפירט קיין מאָסקווע, וואו ער איז געזונט געוואָרן.

די נעמען פון די ניין געראַטעוועטע זענען: 1. שמעון עמיאל (ביאַליסטאָק); 2. משה גערשוני (ביאַליסטאָק); 3. שמואל וורובעל

דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע ביאַליסטאָקער קדושים

(ביאַליסטאָק); 4. ישראל פעלדער (ביאַליסטאָק); 5. זאב שיף (יאַשי־נאָווקע); 6. אברהם יצחק לעוו (סאָקאָלע); 7. ט. ראַבינאָוויטש (לאָדזש); 8. זלמן ערעלמאַן (ביאַליסטאָק); 9. שיימע ליפּעץ (גראָדנע).

צווישן די דערשאָסענע האָבן זיך געפונען: מעזשיבאָווסקי און זון, אַרקע לעוו, אַראָנטשיק זובאָווסקי, משהל דער גלעזער, יהודה לעוו (יאַלקע), עזריאל (דער פאָטער איז געווען אַ טרעגער), אברהמל קאַראַשעק, ראובן פערלשטיין, יואל סאַמאָלסקי, צוויי ברידער אברהמל און בערל באַטשקאָווסקי, דריי ברידער יהודה, יאָסקע און יצחק ליפּשיץ (גראָדנע), ניסל וואָלף (הרוביעשאָוו), שלמה ראָזענבלום (סאַרנאָקי), צוויי ברידער זיידקע און חיים־צבי ראַטשקאָווסקי (סאָקאָלע), לעוויטאַנסקי (סואוואַלק), פורמאַנסקי (וואַרשע), גוויאַזדאַ, אַ סטאָלער־אַרבעטער (ביאַליסטאָק), באָרער (גראָדנע), אָוסעיעוויטש (ווילנע), אַבראַמאָוויטש (סלאָנים), חיים־בערל קירשנבוים (גראָדנע) און מיין ליבער איינציקער זון, שמואל רייזנער.

פון שווינדזוכט זענען צווישן אַנדערע געשטאָרבן אין תפיסה: אברהמל קליאַטשקאָ און שלמה געלמאַן.

דעם 22־טן יוני 1944 הויבט אָן די סאָוויעטן־אַרמיי די גרויסע זומער־אָפענסיווע ביי אָרשע און וויטעבסק. דורך דער רויטער אַרמיי ווערן פאַרנומען מאָהילעוו, באָברויסק און מינסק. די איבערראַשנדיקע אָפענסיווע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג ביי די ביאַליסטאָקער געשטאַפּאָ־באַנדיטן.

די צוואַנציק ביאַליסטאָקער יידן, וואָס האָבן געאַרבעט ביים ס"ס־גענעראַל, האָבן דערפילט די בהלה־שטימונג און גענומען צוטראַכטן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו אַנטלויפן. אַ דאַנק זייער ענערגיע און מוט, איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן דריי וואָכן פאַרן אַריינמאַרש פון דער סאָוויעטן־אַרמיי קיין ביאַליסטאָק.

אין די דריי וואָכן האָבן זיי דורכגעמאַכט זייער שווערע טעג פון הונגער און טויט־שרעק. די פּאָליאַקן האָבן כסדר געדראָט איבערצוגעבן זיי אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. זיי האָבן אַ סך דורכגעלעבט און דערלעבט די באַפרייאונג.

אין די לעצטע וואָכן האָט יעדער איינער, וואָס איז געווען אויף דער פריי, געפילט אויף שריט און טריט, אַז די רויטע אַרמיי דערנענטערט זיך צו ביאַליסטאָק. די פּאָליאַקן האָבן אָבער נישט געענדערט זייער באַציאונג צו אונדז און ביי יעדער געלעגנהייט געזוכט

אומצוברענגען די עטלעכע לעבן געבליבענע יידן, וואָס זענען געווען פאַרשטעקט אין פאַרשידענע באַהעלטענישן.

די שארית הפליטה

פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן זענען געראַטעוועט געוואָרן עפּעס מער ווי 200 ביאַליסטאָקער יידן, אַרום 50—60 זענען צוריקגעקומען פון דער פּאַרטיזאַנקע, פון ראַטן־פאַרבאַנד האָבן זיך עוואַקואירט צווישן זעקס און זיבן הונדערט נפשות.

דער גרעסטער טייל פון זיי ווערן איצט צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע פינף וועלט־טיילן. אַ הייפל זענען אָבער פאַרבליבן אין דער היים־שטאָט. זיי נישטערן אין די חורבות, פאַראייביקן דעם אָנ־דענק פון אונדזערע קדושים, זענען זיך מוסר נפש און ווילן אויף דער אויסגעוויייטיקטער און פאַרבלוטיקטער ערד צוריק אויפבויען אַ יידיש ביאַליסטאָק.

אינדעקס

זייט

אינדיצקי, י. י. 32, 33
אייזענשטאט, פיניע, הרב 45
אלבעק, אהרן 61, 157
אפרת, חנן 65, 153
אבראמטשיק 134
אליאן, כייקל 224
אלעקער 275
אקון 316
אדאמאוויטש, ד״ר 317
אוסייעוויטש 323
אבראמאוויטש 323

ברוידע, שמעון 27
בראדערזאן, משה 27
ברעזינסקי, אהרן 35, 49, 50
בארטאשקא 41
ברענער, יצחק 41
ביסקופיצקי 41
באראש, אינזש. 43, 45, 50, 64, 74, 94, 105, 116-118, 120, 122, 123, 127, 129, 130, 135, 144, 147, 152, 157, 161, 162, 165, 173, 183, 207-210, 237, 316
בובריק, וויקטאר 66, 68
בערמאן, משה 66, 68
בראטמאכער, שימשל 69
באראש, עלטערער זון 71
באצער 85
באראקס, עדעק 88
באראווסקי, שעפסל 96
ביילין, ד״ר 136, 210
באראן 171
באראן, יוסף 171
בינדער, יהושע 220, 221, 270

זייט

באוך, דער שלאסער 221
בינדער, ישראל 221
בינדער, הדסהלע 221
באגיש, זישע 270, 271
בלום 317
בארער 323
באטשקאווסקי, בערל 323
באטשקאווסקי, אברהמל 323

גאלדבערג, יעקב 35, 43, 45, 60, 89, 144, 179
גראדזענסקי, מיכל 41
גווין, ברוך 42
גאטליב, אדוואקאט 42
גליקסאן 43
גוטמאן, רפאל 45, 183
גורוויטש, יודל 46, 230, 256, 265
גינזבורג, אלטער 46
גוטמאן, אדוואקאט 47
גדאנסקי, אדוואקאט 48
גורוויטש, ד״ר 65
גלינקא, אדוואקאט 71
גראנאוויטש 84, 230
גובינסקי 87
גאלדבערג 87
גראסמאן, חיה 88, 158
גארפינקעל 90
גאלדבערג, ח. 131
גאלאנט 151
געלטשינסקי, אהרן 152, 153
גאלטער, אבראשע 169
גערשוני 223
גאטליב 270
געבעלס 285

	זייט
גערינג	301
גערשוני, משה	321
גוויאזדא	323
געלמאַן, שלמה	323
דזשיגאַן	27
דאַטנער, שמעון, ד"ר	150, 154
דיטמאַר	290
דעניץ	301
דינערמאַן, הערשל	318
האַלפּערן, ברוך אליהו, הרב	44, 45
הענדלער	87
הערשבערג, א. ש.	136
הירשווין, פּעטער	285
היטלער	301
וויינראַך	33
וויסאָצקי, דוד	41
ווידער, צבי	45, 86, 119
וואָלאָצקי, אליהו	48
ווילענטשיק	50
וויסאָצקי, משה	61, 130, 157
וויינשטאַט, סאָניע	84, 85
וויינראַך, זלמן	86
וואַקסמאַן, יוסף	86, 157, 158
וויסאָצקי, לייזער	153
וואָלקאָוויסקי, וועלוול	171, 194
וויינשטיין, מאָטל	230
ווּרובעל, מרדכי	239
וויינער, ד"ר	240, 243
ווילטשיק, נחום	270
ווילטשיק, ראָשקע	270
ווילדע	292
ווערנער	292, 302
ווּרובעל, שמואל	321
וואָלף, ניסל	323
זאַבלודאָווסקי, אהרן	41
זאַבלודאָווסקי, משה	48
זעליגזאָן, יוסף	48

	זייט
זעלגיזאָן, מוניע	48
זאַבלודאָווסקי, מיכל	63
זיבערסקי, לייב	67, 283
זאַקשעווסקי, נחום	67, 283
זבאַר, מאַקס	77
זבאַר, שלמה	77
זבאַר, אברהם	77
זעליגמאַן	84
זאַבלודאָווסקי, מרדכי	84
זעליקאָוויטש	94, 95
זאַבלודאָווסקי, בישקע	122
זובאָווסקי, משה	232
זאָנאָבענד, ד"ר	249, 261
זובאָווסקי, אָראַנטשיק	323
טרילינג	35
טעספּאָיע, אדוואָקאַט	41
טיקטין	45, 62, 317
טילעמאַן, אדוו.	48
טאַפּיצער, ד"ר	48
טרזשאַנאָוויטש, אשר	61, 62, 130, 157
טראָקענהיים	92
טרילינג, פאַניע	113
טיקטין, אברהם	136
טראָפּ־קרינסקי	148
טומאַן	165, 192, 213
טאַדעק	167
טשאַרנאָווסקי, שמעון זעליק	228
טאַרטאַצקי, זעליק	228
טשעבאָצקי	232
טאַנקום	270
טשערעמאָשניע, מאָטל	319
יאָלטשיכע, חנה	37
יאַקאָבסאָן, נטע	41
יאַמניק	41
יאַשינאָווסקי, בערל	41
יאַנאָוויטש, משה	90
יודקאָווסקי	95
יאַנקל, פון לאָמזשע	96

זייט

יאַשקע 109
יצחק 109
יאַקאָבסאָן, דעפּוטאַט 113
יצחק 152
יאַטשמעניק, אייזיק 228
יאַנסי 306, 307

כּמעלניק, מרדכי 35, 45, 65
כּייקאָווסקי־פּלאַץ, גיטל 42
כּעסין 50
כּודין 142
כּאַלעף, חיים 154, 167
כּאַלעף, חוה 167

לאַנדוי 28
ליאַך, יצחק 41
לימאַן 43, 45, 63, 209
ליפּשיץ, יעקב 45, 182, 183
לעווין, זוסקע 77
לין, יוסף 85, 86
ליבערמאַן 87, 184
לייזעראָן, יענטע 97
ליפּשיץ 160
לעווין 160
לוקאַטשעווסקי, צבי, ד"ר 199
לעווינסאָן, מרדכי 228
לעוו 232
ליפּמאַן, לאָלאַ 274
לעוו, אברהם יצחק 323
ליפּעץ, שיימע 323
לעוו, אַרקע 323
לעוו, יהודה 323
ליפּשיץ, יהודה 323
ליפּשיץ, יאָסקע 323
ליפּשיץ, יצחק 323
לעוויטאַנסקי 323

מאַרעווסקי, אברהם 27
מאַלאַטאָוו 34
מאַרקוס, איסאַק 45, 66, 67, 94, 173, 183, 209, 317
מעלניצקי, פּסח 44, 45

זייט

מעסער, אשר 50
מאַרקוס 68
מינצבערג, לייב 92
מערסיק 110
מאַלמער, יצחק 121־123
מילער־זאַבלודאָווסקי 122
מוטשניק, מאיר 153
מאַנישעוויטש, נחום 171
מאַקאָווסקי 228
מאָל 277
מעלניצקי 317
מעדאָוניק, יהודה 318
מעזשיבאָווסקי 323
משהל, דער גלעזער 323

נאַפּאָלעאָן 34
נונבערג, ד"ר 66, 317
נאָוויק 77
נאָוואָגרודזקאַ, יודיטאַ 109־112, 150, 153, 154, 172
ניימאַן, אברהם 153
ניידוס 228

ספּעקטאָר, אברהם 41
סובאָטניק, דוב 43, 45, 62, 209
סקליוט, ראובן 47
סולקעס, וו. 49, 50
סוקעניק, איזאַק 67, 68, 283, 290
סטעפּאַן 80, 81, 207
סוכאַניצקי, שלמה 90
סעגאַל, ד"ר 187
סאָפּער, הערשל 230, 265
סאָקאָלאָוויטש 271
סאַמאָלסקי, יואל 323

עלקעס, שמואל 228
עקשטיין, הרב 228
עלקעס 230, 265
עמיאל, שמעון 321
עדעלמאַן, זלמן 323
עזריאל 323

	זייט
פאליאק	41
פאט, יעקב	45, 192
פוניאנסקי, שמואל	44, 45
פאלאנסקי, שמואל	45, 64
פרושאנסקי, מאיר	46
פינעס, בארים, ד"ר	48
פלאץ, יחיאל	67, 68, 283
פלאנסקי	84, 317
פרענסקי	84
פארטנאי, שמואל	232, 255, 270
פארעצקא	270
פרענסקי, ישראל	318
פערלשטיין, ראובן	323
פארבשטיין, בונים	35, 89, 149, 230, 238, 251, 252, 256, 265
פינקעל, שמואל	35, 80
פוקסמאן	41
פורמאן, אבא	45, 63
פינקעל, ש.	80, 207
פארבער, הענעך, אינזש.	87, 151
פעניגשטיין	93
פארבער, פרוי	109
פרידל	120, 122, 124, 132, 165, 181, 182, 187, 199, 200-201, 204, 236, 237
פעלדמאן, נפתלי	122
פאביאן, פאולינע	211
פיינסאד	232
פאסטעל	268, 269
פוקס	270
פעלדער, ישראל	319, 323
פורמאנסקי	323
ציבולקין	35
ציטרין, שמואל	87, 88, 149
צוקער	179
צוקערמאן	260
קאץ, זישע	28

	זייט
קאנצעפאלסקי, מיכאל	35
קראצאווסקי, ד"ר	41
קאפלאן	41
קוריצקי	42
קאפלאן, מענדל	43, 45
קאצענעלסאן, מ., ד"ר	43, 65, 210, 316
קאפלאן, פסח	45, 69, 131, 132, 155-158
קאגאן, דוד, ד"ר	48
קוריאנסקי, פיליפ	48
קוריאנסקי, שמעון	48
קוריאנסקי, משה	48, 51, 52
קאטאק	57
קאזאק, הערשל	67, 171, 282, 283
קאזאק, משה	67, 281-283
קאנעל	85
קינדזועלעווסקי	85
קרינסקי	87
קערשמאן, י., ד"ר	98
קאווארסקא	98, 99
קירכהאף	102
קוריאנסקי	123
קוכארעווסקי, סיאמקע	160, 197
קוכארעווסקי, שלום	160
קאזאק, נחום	171, 173, 175, 221
קוכארעווסקי	197
קארפ, נחום	229, 232, 253, 270
קוואטער	230
קראווצאוו	246
קאמינסקי	274
קריגער	283, 288, 289, 300
קאפלאן, ניוטע	317
קניאזעוו, א.	317
קאט, ישראל	318
קירשנבוים, חיים-בערל	323
קליאטשקא, אברהמל	323

	זייט
קאַראַשעק, אברהמל	323
רייזנער, רפאל	3
ריבענטראָפּ, י.	18
ראַבינאָוויטש, ראשל	27
ראָזנער, עדי	28
רובינליכט, יוסף	35, 49, 50
ראַדזינאָווער	41
ראָזענמאַן, גדליהו, ראַבינער ד"ר	43, 45, 183, 208, 209
רובינשטיין, מאָטל	45, 65, 192
ראָזאַנעצקי, יהושע	81
רייגראָדסקי, א., ד"ר	112-114
ראַוועט, ש.	130, 131
רייזנער, שמואל	171, 173, 175, 323
רייזנער, נחמה	221, 316
רובינשטיין, ישראל מאיר	228
ראָדע	236
רייזנער, חיה	270
ראַבינאָוויטש, ט.	323
ראָזענבלום, שלמה	323

	זייט
ראַטשקאָווסקי, זיידקע	323
ראַטשקאָווסקי, חיים־צבי	323
שומאַכער	27
שניאור, מ.	27
שעקספּיר	28
שוועץ, הערש	35
שטיינבערג, אַלטער	41
שוויף, משה	45, 60
שטיין	46
שאַפּיראָ, יעקב	49, 50
שלאָסער	84-86, 131
שאַליט	90, 148
שלומיאל, דוד	90
שלומיאל, בערל	90
שימאַנסקי	94
שעוויץ, לייבל	153
שאַצמאַן, בערל	195
שטופּלער, אינזש.	231, 239, 240
שטופּלער, מיכל	231
שלעזינגער	274
שיף, זאב	323

דאַטעס פון אומקום

			זייט
פרייטיק	1.9.39	אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויף פוילן	19
"	15.9.39	נאַצי־אַרמייען פאַרנעמען ביאַליסטאָק	20
"	22.9.39	די רויטע אַרמיי פאַרנעמט ביאַליסטאָק	23
זונטיק	22.6.41	דער נאַצי־אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד	32
פרייטיק	27.6.41	נאַצי־אַרמייען פאַרנעמען ביאַליסטאָק צום צווייטן מאָל	39
"	27.6.41	די ערשטע קדושים אין די פלאַמען פון דער גרויסער שול	39
זונטיק	29.6.41	באַפעל צו שאַפן אַ יידן־ראַט	43
דאָנערשט	3.7.41	מאַסן־מאָרד איבער דער יידישער אינטעליגענץ („דאָנערשטיקדיקע")	47
שבת	12.7.41	מאַסן־מאָרד איבער דער יידישער באַפעלקערונג („שבתדיקע")	47
סוף יולי	1941	די געלע לאַטע	52
זונטיק	3.8.41	ג ע ט אָ	53
ערב ר"ה	1941	פרוזשאַנע	73
פרייטיק	5.2.43	די פעברואַר־שחיטה (12/2—5/2)	120
שבת	6.2.43	אויפגעהאַנגען דעם העלד יצחק מאַלמעד	123
מאָנטיק	16.8.43	ליקווידאַציע פון געטאָ (16/9—16/8)	164
מיטוואָך	18.8.43	העלדישער ווידערשטאַנד פון די געטאָ־קעמפער	186
דאָנערשט	19.8.43	קליינע געטאָ	187
סעפט.	1943	ליקווידירט די קליינע געטאָ	213
הושענא־רבה	1943	אויפגעדעקט די באַהעלטעניש פונם שרייבער פון דעם בוך	220
—	3.11.43	מאַסן־אומקום פון ביאַליסטאָקער יידן אין מאַידאַנעק־פּאָניאַטאָוו	213
נאָוועמב.	1943	1200 קינדער אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ	210
—	20.1.44	מאַסן־פאַרגאַזונג פון ביאַליסטאָקער יידן אין אוישוויץ	270
—	27.7.44	ביאַליסטאָק ווערט באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי	315
זונטיק	6.1.45	באַפרייט אין עבענזע	310

אינהאלט

זייט

א וואָרט פון די ארויסגעבער 3

א גבית־עדות פון גיהנום ארויס (פאָרוואָרט פון י. ראַפּאַפּאָרט) 9

ערשטער קאַפּיטל

דער אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויף פּוילן 18

צווייטער קאַפּיטל

דער אריינמארש פון דער סאָוויעטן־ארמיי קיין ביאַליסטאָק . . 23

דריטער קאַפּיטל

דער ברוטאַלער אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד אויפן סאָוויעטן־
פאַרבאַנד 32

פערטער קאַפּיטל

די נאַצי־אכזריותן איבער די ביאַליסטאָקער יידן ביזן אריינ־
טרייבן זיי אין געטאָ 39

פינפטער קאַפּיטל

דאָס לעבן אין ביאַליסטאָקער געטאָ ביז דער שחיטה פון 5־טן
פעברואַר 1943 53

זעקסטער קאַפּיטל

די שחיטה פון 5־טן פעברואַר 1943 118

זיבעטער קאַפּיטל

צווישן שחיטה און אומקום 144

אכטער קאַפּיטל

ליקווידאַציע פון דער געטאָ 163

נײַנטער קאַפּיטל

פון דער באַהעלטעניש אין געטאָ ביז קיין זאַקסנהויזן . . . 216

צענטער קאַפּיטל

אין די לאַגערן פון זאַקסנהויזן, מאַוטהויזן און שליר . . . 280

עלפטער קאַפּיטל

די באַפרייאונג 305

צוועלפטער קאַפּיטל

סך־הכלען 314

אינדעקס 325

דאַטעם פון אומקום 330

בילדער

	זייט		זייט
רפאל רייזנער	3	יוסף רובינליכט	49
י. י. אינדיצקי	33	וו. סולקעס	49
דאָס איז געבליבן פון דער גרויסער שול	40	משה קוריאַנסקי	51
הרב ברוך אליהו האַלפּערן	44	קאַרטע פון ביאַליסטאָק	54
שמואל פּוניאַנסקי	44	די געטאָ	55
פּסח מעלניצקי	44	משה שוויף	60
ד"ר דוד קאַגאַן	48	אהרן אַלבעק	61
אהרן ברעזינסקי	49	אשר טרזשאַנאָוויטש	62
יעקב שאַפּיראָ	49	דוב סובאָטניק	62
		שמואל פּאָלאַנסקי	64

	זייט
ד"ר מ. קאַצענעלסאָן	65
איסאַק מאַרקוס	67
יהושע ראָזאַנעצקי	81
מרדכי זאַבלודאָווסקי	84
זלמן וויינראַך	86
חיה גראָסמאַן	88
ד"ר י. קערשמאַן	98
ד"ר א. רייגראָדסקי	113
צבי ווידער	119
בישקע זאַבלודאָווסקי	122
ש. ראַוועט	131
אברהם טיקטין	136
ד"ר שמעון דאַטנער	150
אהרן געלטשינסקי	153
חיים כאַלעף	154
פּסח קאַפּלאַן	156
יוסף וואַקסמאַן	158
יעקב ליפּשיץ	182
וועלוול וואָלקאָוויסקי	194
דענקמאָל אויפֿן ברודער־קבר פֿון די אומגעקומענע	

	זייט
העלדן	196
ד"ר צבי לוקאַטשעווסקי	199
דער געטאָ־בית־עולם	200
דער לעצטער וועג	206
ראַבינער ד"ר ראָזענמאַן	208
אינזש. באַראַש	208
קינדער אויף זייער לעצטן וועג	210
דאָס חרובע יידישע ביאַליסטאָק	227
די נאַרעם פון א בלאָק אין אוישוויץ	263
א. קניאַזעוו	317
יהודה מעדאָוואָניק	318
ישראל קאָט	318
ישראל פּרענסקי	318
הערשל דינערמאַן	318
מאָטל טשערעמאָשניע	319
ישראל פעלדער	319
דענקמאָל פאַר די אומגעקומענע ביאַליסטאָקער קדושים	322

תיקון טעות

זייט	שורה	איז געדרוקט	דאַרף זיין
21	27	פאַרשטאַרק	פאַרשטאַרקט
23	22	נויטוווענדיקייט	נויטווענדיקייט
30	14	זיין	זיי
50	9	ביליטער	בילעטער
56	9	24־טן יולי	26־טן יולי
56	16	25־טן יולי	27־טן יולי
58	21	31־טן יולי	1־טן אויגוסט
59	2	2־טן אויגוסט	3־טן אויגוסט
68	12	דעם 16־טן יאַנואַר	אין פעברואַר
70	14	25־טן אויגוסט	21־טן אויגוסט
77	24	אויף	אויפן
88	1	באָדאַק	באָראַקס
89	23	נאַרהאַסטן	נאַרהאַפטן
114	23	די	אין
120	25	דאָנערשטיק	פרייטיק
145	14	קיי	קיין
164	20	זונטיק	מאָנטיק
229	33	אַראָפּגעלאָזטע קעפּ	אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ
235	2	31־טן נאָוועמבער	28־טן נאָוועמבער
301	26	1־טן מאַי	2־טן מאַי
302	31	2־טן מאַי	3־טן מאַי
310	15	5־טן מאַי	6־טן מאַי